STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05508

VAYTER FUN BRUKLIN

Hanan J. Ayalti

Permanent preservation of this book was made possible
by Allan F. Hershfield
in memory of
Ann White Hershfield

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ווייטער
פון ברוקלין

ש ל ו ם ' ע ז
מיט פריינטשאַפט

חנן אַיאַלטי

ווייטער פון ברוקלין

ראָמאַן

פאַרלאַג „אכסניא"
ניו־יאָרק — מאָנטעווידעאָ
1958

VAYTER FUN BROOKLYN
(BEYOND BROOKLYN)
By HANAN J. AYALTI

Copyright, 1958
by Hanan J. Ayalti
New - York N. Y.

Published by
Farlag "Achsanya"
M o n t e v i d e o
Uruguay
1958
PRINTED IN URUGUAY

ערשטער טייל

שמשון׳ס פּוקסן

קאַפּיטל איינס

ערב פרילינג

— איר זוכט דאָ עמיצן? — האָט געפרעגט דאָס מיידל.

דזשעק האָט לייכט אַ ציטער געטאָן און איז ראַפּטום שטיין גע־בליבן. ער האָט זיך אַרומגעקוקט. דאָס מיידל איז געשטאַנען אויפן שוועל פון אַ הילצערנער הייזקע, ניט ווייט פון קאַנאַל. זי האָט אויס־געזען פון אַ יאָר צוועלעף־און־צוואַנציק, מיט אַ רונדן פּנים, די קורצע האָר פון קופּער־קאָליר צעשויבערט אין ווינט, מיט שפּרענקלעך אויף דער העלער הויט.

— יאָ — האָט ער געזאָגט — איר האָט דאָ אפשר געזען פאַרבײַ־גיין אַ פרוי?

— אַן עלטערע פרוי?

— יאָ.

— מיט אַ שוואַרצן שאַל אויפן קאָפּ, יאָ?

— יאָ... פון וואַנען ווייסט איר? — האָט ער זי אָנגעקוקט דער־שטוינט. זי האָט געטראָגן טונקל־בלויע הויזן פון אַ פּראָסטן שטאָף, „דזשינס", פאַרקאַשערט הויך איבער די קנעכלעך, און אַן איינגעפּאַסטן בלוי־געשטרייפטן סוועטער. מיטאַמאָל איז זי אים פאַרגעקומען באַקאַנט. וואו האָט ער זי געזען? זי האָט אַ שפּרייז געטאָן נענטער צו אים.

— איך קען דאָ יעדן איינעם אין בעי־ווילעדזש — האָט זי גע־זאָגט מיט אַ שמייכל — און די פרוי האָט אויסגעזען...

זי האָט זיך פאַרהאַקט אין מיטן. „ווי אַ אידישע" — האָט דזשעק פאַרענדיקט אין געדאַנק. אין דערפל האָבן ניט געוואוינט קיין אידן.

— ...און כ'האב גלייך דערקענט אז זי איז דא א פרעמדע, ניט פון דער געגנט.

— וועז איז עס געוועז? — האט געפרעגט דזשעק.

— וועז?... — זי האט געמאכט נאך עטלעכע שריט פאראויס. איצט איז זי געשטאנען לעבן אים און געדערט היימיש, ווי מיט אן אלטן באַקאנטן — אין דערפרי... ניין!... — האט זי זיך א ווײַלע געקווענקלט — ס'האט געמוזט זיין מיט א עטלעכע שעה צוריק, ארום מיטאג־צייט, דאכט זיך. און אין דער האנט האט זי געטראגן א קלימעקל, אמת?

— ס'קען זיין, איך וויים ניט — האט געזאגט דזשעק — און וואוהין איז זי אוועק פון דאנען?

— אהינצו — האט דאס מיידל אנגעוויזן אויף דער אנדער זייט קאנאל, אין דער ריכטונג פון ים — איר זוכט זי?

— יא... א שיינעם דאנק, מיס... — האט ער געזאגט און זיך ארומגעקוקט, ווי ער וואלט געזוכט אן איבערגאנג צו דער אנדערער זייט. דער קאנאל — א שמאלער אויסגוס פון ים — האט דא דורכגעשניטן דאס דערפל ווי א ברייטער וואסער־וועג; פון ביידע זייטן — צוויי רייען הילצערנע פישער־הייזקעס מיט טרעפלעך, וואס האבן זיך אראפגעלאזט טיף, פון די הינטערשטע וועראנדעס און הויפן, צום וואסער אין דער נידער. דא און דארט האבן זיך געוויגט פאראנקערטע לאדקעס. א זעגל האט געפלאטערט אין דער לופטן און געפירט א שיפל אין דער ריכטונג פון שיפסהעד־בעי — די דרום־בוכטע פון ברוקלין, וואס שניידט זיך אין דער פארעם פון א שעפסענעם קאפ און טראגט טאקע דעם נאמען „שאפס־קאפ".

— דא קען מען ניט אריבער — האט געזאגט דאס מיידל — ניטא קיין בריק. מען מוז גיין ארום — האט זי אנגעוויזן מיט דער האנט אויף לינקס.

זי איז מיטגעגאנגען. דער קאנאל האט זיך געענדיקט עטלעכע הונדערט מעטער ווייטער, ניט וויים פון א ברייטן שאסיי וואס איז דא נעלאפן פון ברוקלין צום ים. אויפן ראג האט זי געזאגט:

— אט־דא טאקע האב איך זי באגעגנט. זי האט אויסגעזען א ביסל צעטומלט, ווי זי וואלט געבלאנדזשעט. זי האט זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטן און זיך געלאזט אהינצו, צו יענעם געסל.

דזשעק האָט זיך פּאַרקירעוועט צום געסל, אויף דער אַנדערער זייט קאַנאַל. זי האָט געשפּרייזט פאָראויס.

— און איר זיינט מיסטער דזשעק, יאָ? — האָט זי מיטאַמאָל אַ זאָג געטאָן — פון דער קענדי־סטאָר אויף עוועניו „יו”?

— יאָ... האָט ער אַ מורמל געטאָן און זי אָנגעקוקט דערשטוינט.

— און איך הייס מאַרין — האָט זי געזאָגט — מאַרין אַ'ברייען. כ'קען די סטאָר נאָך פון אַמאָל. גייענדיק פון האַי־סקול פלעגן מיר זיך דאָרט אַריינכאַפּן אויף אַן אייז־קרים־סאָדאַ אָדער קויפן אַ מאַגאַזין: „אמת'ע ליבע־געשיכטעס”, „קאָנפעסיאָנען”, ענלעכע שמאָנצעס.

איצט האָט ער געוואוסט פאַרוואָס זי איז אים פאַרגעקומען באַקאַנט: זיי קומען אַריין כאַפּטעסווייז און רעדן הויך, קאָקעטירן מיט אַלע אברים און שטשירען זיך, בפרט ווען עס זיינען פאַראַן אינגלעך אין קראָם. דאָס יונגוואַרג פון בעי־ווילעדזש האָט געהאַט אַ שם אין דער געגנט: די אינגלעך — הויכע, צעוואַקסענע יונגאַטשעס, מזיקים וואָס קענען דערלאַנגען אַ קלאַפּ; די מיידלעך — באַצייטנס רייפע, ליאַרמענדיקע, ניט קיין איבערגעשפּיצטע אין דער שולע.

— ס'איז שוין אַזוי לאַנג צוריק! — האָט זי אַ זונג געטאָן מיט בענקשאַפט — עטלעכע יאָר שוין. לעצטנס קום איך זעלטן אין דער געגנט; טיילמאָל אויף „בעיבי־סיטינג” אין די גרויסע אַפּאַרטמענטס־הייזער ביי נאָסטראַנד עוועניו, איר ווייסט דאָך: די „קאָורט גאַרדנס”.

אַצינד האָבן זיי געשפּרייזט צווישן די הייזער אויף דער אַנדערער זייט קאַנאַל. די געסלעך זיינען דאָ געווען ענגע, זאַמדיקע, אַן אַ ברוק; די הייזקעס — הילצערנע, ווי אָפּגעפאַרבטע, צונעפּוצטע באַראַקן, מיט גערטנדלעך און ביימער אין פראָנט און צום הויף־צו. דער שמאָלער טראָטואַר איז ערטערווייז איבערגעריסן געוואָרן און דאָ און דאָרט זיינען נאָך געשטאַנען ריטשקעלעך וואַסער פון פרימאָרגן־רעגן. בלאָנד־קעפּיקע קינדער האָבן זיך געשפּילט אין בלאָטע און עלטערע מענער האָבן זיך געפּאָרעט אין די גערטנדלעך: פאַרריכט די פּאַרקאַנעס און אויפגעגראָבן דעם באָדן אַרום די נאַקעטע ביימלעך און פאַרשלאָפענע בלומען־קוסטעס.

„ווי אַזוי איז זי פאַרקראָכן אַהערצו?” — האָט דזשעק געטראַכט, קוקנדיק אויפן אַרום — „כאָטש עס פּאַסט זיך פאַר איר!... עס זעט

דאַ אוים ווי אין אַ שטעטל אין דער אַלטער היים". ער איז דאָרט קיינמאָל ניט געווען, אָבער אַזוי האָט ער זיך עס פאַרגעשטעלט לויט דעם וואָס מען האָט דערציילט. „און זי האָט עס דערשמעקט!... זי ווערט שטענדיק נעלם אין אַזעלכע מקומות. פון דערווייטנס דערשמעקט זי זיי!"

— זי האָט אייך געזאָגט, אַז זי גייט אַהערצו? — האָט אַ פרעג געטאָן מאַרין.

— ניין.

— און פון וואַנען האָט איר געוואוסט?

— מיר האָבן טאַקע ניט געוואוסט. שכנים האָבן זי געזען גיין אין אַט־דער ריכטונג. און זי האָט געטראָגן דעם זיידענעם שאַל אויפן קאָפּ.

— כ'האָב אייך געזאָגט, אַ שוואַרצן שאַל... און פאַרוואָס זוכט איר זי?

— פאַרוואָס? זי איז פאַרפאַלן געוואָרן!

— וואָס מיינט איר? וואוהין איז זי געגאַנגען? — איז מאַרין צו־געשטאַנען.

דזשעק האָט זיך אַ ביסל געקווענקלט. וואָס זאָל ער איר זאָגן? פּראָסט און פשוט דערציילן? זי וועט סאַי־ווי ניט פאַרשטיין. אָבער דאָס מיידל איז געווען פריינטלעך צו אים און זי איז אים געפעלן געוואָרן פון ערשטן בליק.

— אין דער אַלטער היים איז זי געגאַנגען — האָט ער אַ פליסטער געטאָן, ווי ער וואָלט איר פאַרטרויט אַ סוד.

— דאָ אַרום? אין מאַנהעטן־ביטש מסתמא — האָט מאַרין פּרובירט טרעפן — זי האָט דאָרט פריער געוואוינט? זייער אַ שיינע געגנט! אָבער צופוסנס קען מען אַהינצו ניט אַריבער, ניט דאַ־אַרום.

דזשעק האָט געשוויגן. זיי האָבן דערווייל דורכגעשפּאַנט דאָס דערפל אין דער ברייט און זיינען שטיין געבליבן ביים ברעג פון דער בוכטע, וואָס האָט דאָ אַרומגערינגלט די יבשה אין אַ האַלבן קרייז. ווייט קעגנאיבער, אויף דער אַנדערער זייט וואַסער, האָט אַ שמאָלער פּאַס ערד זיך אַריינגעשניטן אין ים ווי אַן אויסגעשטרעקטע צונג. הייזער און גאַסן האָבן זיך דאָרט געטובל'ט אין גרינס און קאַלירפולע דעכער האָבן אַרויסגעקוקט פון צווישן שפּיצן פון ביימער.

— איר זעט? — האָט מאַרין אָנגעוויזן אַהינצו מיט דער האַנט — דאָרט איז מאַנהעטן־ביטש. מיט אַ שיפל איז עס נאָענט, אָבער צופוס

מוז מען גיין ארום שיפסהעד־בעי, א מהלך פון א שיינע עטלעכע שעה.

א ווײַלע האבן זיי זיך ארומגעקוקט. די אלטע פרוי מיטן זיידענעם שאַל אויפן קאָפּ האט מען אין ערגיץ ניט געזען. זיי האבן זיך פארנומען צו דרום־צו, אין דער ריכטונג פון ים. מאַריען האט געפירט דעם וועג. דזשעק האט ניט אראָפּגענומען פון איר די אויגן. אירע אײַנגעפּרעסטע היפטן האבן זיך געוויגט אין גאנג. ס'איז ערשט געווען סוף ווינטער, אבער זינט א וואָך צײַט האבן זיך פלוצלונג געשטעלט פרילינגדיקע טעג. אויך פונעם מיידל האט געוועיעט מיט פרילינג־אומרו, וואס האט לײַכט באַרוישט. ער האט געוואָלט מאכן אן אײַנדרוק, זי איבערראַשן:

— זי האט ניט געוואָלט קיין מאַנהעטן־ביטש — האט ער געזאָגט
— זי מיינט טאקע אין איר אַלטער היים ממש, אין דהי אַלד קאַונטרי... יוראָפּ...

מאַריען איז שטיין געבליבן, האט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און אים אנגעקוקט מיסטרויאיש:

— איר מאַכט חוזק פון מיר! וואס מיינט איר?
— איך מאַך ניט קיין חוזק. פון צײַט צו צײַט לאָזט זי זיך גיין אין איר אַמאָליקע היים, קיין אייראָפּע, פון וואַנען זי איז געקומען.

מאַריען האט א לאַך געטאָן, אַמוזירט:

— צופוס איבערן אָקעאַן?! — האט זי אויסגערופן.
— זי איז אַלט און אביסל צע... שרויפט... — האט דזשעק געצויגן די ווערטער — מײַן פרוי'ס מוטער איז זי, מײַן שוויגער. פון צײַט צו צײַט ווערט זי נעלם פון שטוב. זי לאָזט זיך גיין אין איר אַמאָליקע היים און פארבלאָנדזשעט ערגיץ. ס'נעמט אַמאָל טעג ביז מען געפינט זי.

מאַריען האט מער ניט געלאַכט. זי האט זיך פארטראַכט א ווײַלע:

— איך פאַרשטיי — האט זי א מורמל געטאָן, ווי זי וואָלט פאַרכאַפּט געוואָרן פון א מיסטעריע — אַלע מענטשן אַנטלויפן ערגיץ־וואו: ווער צום אַמאָל, און ווער ערגעץ־אַנדערש.

די געגנט, דורך וועלכער זיי זײַנען אַצינד געגאַנגען, איז וואס ווײַטער געוואָרן אַלץ אָרימער און מער אָפּגעלאָזן. די הײַזקעס זײַנען געשטאַנען ווײַט־אָפּגערוקט פון אנאנדער, ווי אַנגעוואָרפן צווישן ליידיקע ווילד־פאַרוואַקסענע פּלעצער. זיי האבן אויסגעזען ווי צונויפגעקלאַפּטע בודקעס, אָפּגעבליאַקעוועטע, פאַרלאַטעטע מיט אַנגעכליאַפּעטן טינק און ניט גע־

הובלעוועטע ברעטער. די געסלעך, שיטערע, האבן זיך ווי פארלארן אין די זאמדן פון ברעג ים.

— זי ווערט אפט פארפאלן? — האט געפרעגט מאַרין.

— א פאר מאל א יאר, מייסטנס פרילינג־צייט, נאענט צו פסח, און אין הארבסט, פאר די גרויסע ימים טובים. איר... איר ווייסט זיכער ניט וועגן אט־די ימים טובים. פסח איז אזוי ווי „איסטער".

— איך ווייס! — האט זי זיך א כאפ געטאן — זי איז דאך א אי־דישע, אמת? כ'האב געהאט א אידישן פריינט אין האי־סקול, בען הימל־פארב, אויף אושען־עוועניו האט ער געוואוינט, און איך ווייס: בוטשער כשר, די קליינע סינאגאגע אויפן ראג פון דער 22־טער גאס, בר־מצווה, מצות...

זי האט זיך א ווײַלע פארטראכט:

— אבער ביז „איסטער" איז דאך נאך א שטיק מיט צייט!

— דער וועטער האט זי משמעות פארפירט. זינט עטלעכע טעג איז ממש פרילינג אין דרויסן.

איצט האבן זיי געטראטן אין זאמד, צום וואסער־צו. זיי זיינען שטיין געבליבן ביים ברעג. קעגנאיבער האט דער שמאלער לאנד־פאס פון ראקאוועי זיך ארייגעשניטן מײַלן־לאנג אין ים אריין. פון דערווייטנס האבן די הייזקעס און געסלעך דארט אויסגעזען ווי א מוראזשניק. רעכטס האט עס געווימלט פון מענטשן אויף די ראנדן פון שיפסהעד־בעי. אין דער בוכטע, צווישן א זיג־זאג פון לאנד־פאסן, האבן ארומגעפלאטערט זעגל־שיפן, די לייוונטן אנגעצויגן אין ווינט. מאטאר לאדקעס האבן זיך געיאגט מיט א געברום. טשאטעס אויטאמאבילן האבן זיך געגליטשט מיט אימפעט איבער דעם גארטל־שאסיי, וואס איז דא געלאפן איבער בריקן, קאנאלן און דאמבעס. אין דער ווייט, הינטער אינדזלען און יבשה־צונ־גען, איבער די ברייטע וואסערן, האט זיך באוועגט א שיף אין דער ריכ־טונג פון מזרח. אירע רויטע קוימענס האבן געשניטן דעם בלויען האריזאנט.

דזשעק'ן האט ארומגעכאפט א בענקשאפט: „אלע אנטלויפן!..." ער האט געווארפן א בליק אויפן מיידל לעבן אים. אירע האר האבן לייכט געפלאטערט אין ווינט. אירע בריסט, פארשפיצטע, האבן ווי געקוקט פאר'חלומ'ט אין פארנאכטיקן ווייט. „איך וואלט אויך געדארפט אנט־

לויפן!... איך אויך!..." איז א דרימלענדיקער געדאנק וואך געווארן אין אים. „וואוהין?... אלצאיינס וואוהין..." ער האט ניט אראפגענומען די אויגן פון מאריין'ען און מיטאמאל איז אים פארגעקומען ווי ער וואלט שוין פון לאנג געווארט אויף איר — זי האט ווי געהערט צו זיין געהיימער, אויסגעטרוימטער וועלט וואס אויף יענער זייט האריזאנט.

אבער באלד זיינען אים באפאלן ניכטערע געדאנקען און זיך צעזשורעט ווי א מחנה זלידנע פליגן אין זיינע אויערן: אנטלויפן? — און ווער וועט אויסלייגן די צייטונגען פארטאג? צושטעלן קאפע באגינען? און די אייזקרים־סאדא'ס אין די אוונטן?

מאריין האט ווי דערשפירט זיין אומרו און אויסגעדרייט דעם קאפ צו אים. זי האט געהאט א ווייכן גלעטנדיקן בליק. נאר אין די ווינקלען פון אירע אויגן האט א שימער געטאן א גוטמוטיקער געלעכטער. קוקנדיק אויף איר, האט דזשעק זיך דערזען ווי אין א שפיגל: א יונגערמאן אין די שפעטע צוואנציקער, אנגעטאן אין א ביליקן בלויען אנצוג, מיט א ווייב, א קינד און א קענדי־סטאר אויף עווענין „יו", אין ברוקלין, ניו־יארק. „אנטלויפן?" — האט דער לאכנדיקער בליק זיך ווי געריצט מיט אים.

— דא איז זי ניטא, זי איז משמעות ניט פארבליבן אין דערפל — האט געזאגט מאריין — לאמיר אריבערגיין אויף דער אנדערער זייט שאסיי. אפשר איז זי אוועק אהינצו, אין די פעלדער.

זיי האבן געשפאנט אויף צוריק און זיך פארנומען רעכטס, צו די פעלדער וואס האבן זיך געהויבן אויף דער אנדערער זייט שאסיי. מאריין האט פלינק ארויפגעקלעטערט איבער דעם זאמדיקן שיפוע און אויסגעשטרעקט א האנט צו דזשעק'ן. אויבן זיינען זיי א ווײַלע שטיין געבליבן. ברייט און ווייט האבן זיך געצויגן פוסטע פעלדער, באוואקסן מיט געדיכטע קוסטעס און הויכע דערנער, דורכגעשניטן און ארומגערינגלט מיט געשלענגלטע ארימס פון קאנאלן און ים־צונגען. זיי האבן זיך אויסגעשפרייט פארן אויג אזש ביז קאנארסי און אין לאנג־איילענד אריין, און זיך פארלארן אין די גרוי־געלע דיונעס לענגאויס דעם ים־ברעג.

די געגנט איז געווען א געהיגלטע, באשפרענקלט מיט בערגלעך און טאלן, פארוואקסענע סטעזשקעס, טעראסעס און קליינע פלאזשעס פון געלן אפגעוואשענעם זאמד און שטיינדלעך. ערטערווייז זיינען די שיפועים

אראפגעפאלן טיף און אויף זייער פלאכן צופוסנס, ביים ראנד פון שטייענ־דיקע וואסערן, האבן זיך אויסגעשפרייט זומפן באדעקט מיט פארטריקנטן בלושטש און וואסער־ביימלעד. אין דער ווייט האבן איינצלנע הייזקעס ארויסגעשפראצט אויפן רוקן פון בערגלעד. דא און דארט האבן פאר־צווייגטע נאקעטע ביימער געהויבן זייערע קעפ און א רונדער טורעם האט זיך געצייכנט אויפן האריזאנט — ספק א ווינט־מיל, ספק א פארצייטיקע פעסטונג, וואס האט געהיט די גרעניץ פון דער ווילדערניש ביים סאמע ראנד פון ניו־יארק.

מארין האט זיך א ווילע ארומגעקוקט. אירע אויגן האבן געניש־טערט די געגנט. זי האט זיך געלאזט גיין פאראויס איבער א סטעזשקע, וואס איז שוין לאנג ניט באטראטן געווארן.

— מען זעט ניט קיין לעבעדיקן נפש! — האט זי געזאגט — אבער אפשר האט זי דא פארבלאנדזשעט ערגיץ־וואו. צווישן די קוסטעס און ביימלעך קען מען זיך דא אויסבאהאלטן, אז קיין פויגל זאל ניט זען...

זי האט זיך פארהאקט אין מיטן און אראפגעלאזט די אויגן. א רויט־קייט האט ארויסגעשלאגן אויף איר פנים. דזשעק האט דערשפירט איר פארלעגנהייט: „זי איז דא געווען מיט עמיצן.. מיט א מאן... מיט א געליבטן..." — האט א געדאנק אויפגעבליצט אין זיין מוח. די פארשטעל־לונג האט אויפגעוועקט אין אים א שארפן פארדרוס, ווי א וויטיק. „זי־כער איז זי דא געווען, פארבארגן צווישן די קוסטעס..." אין משך פון אן אויגנבליק האט ער זי געזען ליגנדיק אן אנטבלויזטע, צופוסנס פון א בוים, די בריסט ווי צוויי שווימענדיקע וואסער־פלאנצן מיט ראזע קנאספן אין דער מיט, די קני פארריסן צום הימל, די האר צעשפרייט איבערן ווייכן גראז. מארין האט פארשנעלערט די טריט. מיטאמאל האט זי זיך אויסגעדרייט צו אים:

— מיין פאטער איז אויך אמאל נעלם געווארן פון דער היים — האט זי א זאג געטאן — ער איז פארפאלן געווארן און מען האט א לענ־גערע צייט ניט געהערט פון אים. דערנאך האט זיך ארויסגעוויזן, אז ער איז גאר געווען אוועק קיין אירלאנד. ער האט דארט געקעמפט קעגן די ברייטישע פאר דער באפרייאונג פון לאנד.

האט זי זיך אנגעשטויסן וועגן וואס ער טראכט? סתם געוואלט ארויס־קומען מיט איר יחוס? אין דזשעק'ס אויערן האבן אירע רייד אפגעקלונגען

ווי אַן אַרויסרוף. זיי האָבן אויפגערודערט וואַקלעניש, טרוימערייען און שולד־געפילן, וואָס האָבן אים געמאַטערט זינט אַ סך וואָכן און חדשים.

— ער איז געגאַנגען קעמפן קיין אירלאַנד? — האָט ער איבערגע־פרעגט.

— יאָ, דערפאַר רופן זיי אים טאַקע אין בעי־ווילדזש „דהי פאַיטינג איירישמען", דער איירישער קעמפער.

דזשעק איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון אַ וואַקסנדיקן אומרו: „און איך?... און איך?..." — האָט אַ קול גערופן אין אים.

— ער האָט פּלוצלונג פאַרלאָזן די היים? — האָט ער געפרעגט.

— יאָ. און אַ לענגערע צייט האָבן מיר ניט געוואוסט, וואו ער איז אַהינגעקומען.

— ער האָט ניט געשריבן?

— ניין. ווי האָט ער געקענט שרייבן? די קעמפער האָבן געלעבט אונטערערדיש, קאָנספּיראַטיוו.

— יאָ, יאָ... — האָט געזאָגט דזשעק. „און איך?.. און איך?..." — איז דאָס קול אין אים געוואָרן מאָנענדיקער, העכער. אויך אין פּאַלעסטינע איז דער קאַמף געווען אונטערערדיש, קאָנספּיראַטיוו. יעדן טאָג האָט ער לעצטנס געלייענט וועגן דעם אין די צייטונגען, געהערט אויפן ראַדיאָ, געשמועסט מיט קונדן און באַקאַנטע. ס'איז געווען ערב־פרילינג פון יאָר 1948 און „פּאַלעסטאַין" האָט פאַרנומען דעם אויבנאָן צווישן די וועלט־נייעס. שוין פאַרטאָג, בעת'ן אויסלייגן די בלעטער אויפן געשטעל, פלעגט ער וואַרפן אַ בליק אויף די גרויסע „קעפּ" פון דער ערשטער זייט. זיי האָבן דערציילט וועגן טעראָריסטן, וואָס האָבן געוואָרפן באָמבעס און אויפגעריסן צוגן. בריטישע סאָלדאַטן האָבן אַרומגערינגלט דערפער, אַרעס־טירט, געשמיסן יוגנטלעכע, געוואָרפן אין תפיסה. שיפן מיט אומלעגאַלע אימיגראַנטן האָבן געאַנקערט אין די נעכט ביי די ברעגעס פון לאַנד — אידן פון גאָר דער וועלט: פון אייראָפּעאישע קאָנצענטראַציע־לאַגערן, לעבן־געבליבענע פון די גאַז־קאַמערן, פון די געטאָ'ס אין קאַסאַבלאַנקאַ און אַלזשיר, פון רומעניע, פון ווין — אויף אַלטע צעבראָכענע שיפלעך, אויף לאַסט־שיפן. די בריטישע האָבן פאַרשפּאַרט די ניי־געקומענע הינ־טער שטעכל־דראָט. אונטערערדישע קעמפער זיינען באַפאַלן מיליטערישע לאַגערן, אונטערגעצונדן, געשאָסן אויף פּאַטרולן, קאָנוואָיען. די אַרעס־

טירטע האבן דערקלערט א הונגער־שטרייק. ארגון, הגנה, שטערניסטן — קעמפער פון פוילן, פון רוסלאנד, פון תימן, פון דייטשלאנד, פון מאַראקאָ, געוועזענע פּאַרטיזאַנען, געוועזענע סאָלדאַטן.

„פאַרוואָס ביסטו ניט אהינגעגאַנגען?!"

מאַרין איז אַפּט שטיין געבליבן און האָט זיך ארומגעקוקט. זי האָט זיך געהויבן אויף די שפּיץ פינגער, געבויגן און געזוכט די אַלטע פרוי צווישן די קוסטעס, אין פאַרבאַרגענע ווינקלען. דזשעק'ס בליק האָט געוואַנדערט איבער די בערגלעך און טאָלן, און די דיונעס אין דער ווייט. די וויסטע געגנט ארום האָט אים אצינד דערמאַנט אן ארץ ישראל, ווי ער האָט דאָס לאַנד געזען אין זיין פאַרשטעלונג: לויט די מעשיות פון חומש, וואָס ער האָט געלערנט אין „היברו" פאַר זיין בר־מצוה, לויט צייטונגס־רעפּאָרטאַזשן וואָס ער האָט אויף שנעל דורכגעקוקט, לויט אָפּגעריסענע זאַצן פון רעדנער, וואָס ער האָט צופעליק דאָ און דאָרטן אויפגעכאַפּט: „א וויסט לאַנד פון דיונעס און זומפּן ביים ברעג ים... די קינדער פון ישראל האָבן געוואַנדערט פערציק יאָר אין מדבר... די חלוצים האָבן אויסגעטריקנט די זומפּן און פאַרוואַנדלט די וויסטעניש אין א בליענדיקן גאָרטן..."

לעצטנס האָט זיך די לאַגע פאַרשאַרפט. אין דער לופטן איז געהאַנגען א שטורעם. די בריטישע ווילן פאַרלאָזן דאָס לאַנד. אַראַבישע גערילאַס האָבן זיך באַפעסטיקט אין די בערג ארום ירושלים. ווי הייסט ער, זייער אַנפירער?.. אַל־חוסייני! אין די בערג פון גאליליי האָבן זיך געזאַמלט די באַוואָפנטע באַנדעס פון קאַוקאַדזשי. זיי האָבן געמינעוועט די וועגן און זיינען אַנגעפאַלן אויף איזאָלירטע קאָלאָניעס. אַל־חוסייני, קאַוקאַדזשי — מאָדנע נעמען!... זיי האָבן געדראָט אריינצוואַרפן אַלע אידן פון פּאַלעסטינע אין ים אריין. און צווישן איין קונד און א צווייטן האָט ער זיך אַפּטמאָל געפרעגט: פאַרוואָס גייט ער ניט אהין?

— און אייער מוטער? — האָט ער א רוף געטאָן צו מאַרין'ען, וועלכע האָט זיך א ביסל דערווייטערט.

זי האָט שוין געהאַט פאַרגעסן וועגן וואָס זיי האָבן גערעדט:

— וואָס זאָל זיין מיט מיין מוטער?

— וואָס האָט זי געטאָן אין יענע יאָרן? ווען אייער פאָטער איז געווען אַוועק?

— אהז!.. זי איז נעגאַנגען אַרבעטן. ס'איז שוין אַזוי לאַנג! — האָט מאַרין אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

זי האָט געענטפערט אומווילִיק, ווי זי וואָלט געוואָלט אויסמיידן אַ שמועס וועגן יענע יאָרן. זי האָט אַפילו פאַרשנעלערט אירע טריט און זיך פאַרקירעוועט אויף אַ זייטיקן שטעגל. דזשעק, פאַרזונקען אין זיינע מחשבות, האָט זי קוים נאָכגעהאַלטן:

פאַרוואָס? — און סילוויע... מייקל?... מאָרגן וועלן אַריינפאַלן עט־לעכע טעילסלייט: דער אַגענט פון סיגאַרעטן, אַן אַגענט פון קיי־גומי, פּאַ־פּיר, צוקערקעס. און די צייטונגען? די פּעקלעך מאָרגן־בלעטער באַגינען ביים שוועל; די פאַרמיטאָג־אויסגאַבע פון דער „טעלעגראַם" מיט דער שול־אָפּטיילונג; די צווייטע אויסגאַבע מיט די ערשטע וואָל־סטריט פּרייזן; די זיבעטע — מיט באָקס און בייזבאָל, די רעזולטאַטן פון די פערד־גע־יעגן, די לעצטע קורסן אין וואָל־סטריט.

פון דעסטוועגן זיינען אַנדערע געגאַנגען! אַפילו צווישן די מאַטראָזן אויף די פּליטים־שיפן זיינען פאַראַן אַמעריקאַנער בחורים...

מאַרין האָט זיך נאָך מער דערווייטערט. זי איז שטיין געבליבן אויפן שפּיץ פון אַ בערגל. באַלד האָט זי זיך אויסגעדרייט צו אים, האָט גע־מאַכט אויפגערעגטע צייכנס מיט דער האַנט און אָנגעוויזן אויף דער אַנ־דער זייט. אַ ווײַלע שפּעטער איז דזשעק געשטאַנען לעבן איר.

— ווער איז דאָרטן? איר זעט? — האָט מאַרין אַ פליסטער געטאָן

— ס'איז ניט זי?

אין דער נידער, אויף אַ שטיין, צווישן קוסטעס ביים וואַסער איז גע־זעסן אַ געבויגענע פיגור. זי האָט זיך לייכט געשאָקלט אויף פאָרנט און צוריק. איבער איר קאָפּ האָט געוויִעט אין ווינט אַ פליגל פון אַ שוואַרצן שאַל. אַ הוילע ווערבע, אָן בלעטער, האָט זיך מיטגעשאָקלט דאַנעבן. אי־רע צווייגן האָבן זיך געוויגט אין אַלע זייטן.

— ס'איז זי! ס'איז מאַ! — האָט דזשעק אַ מורמל געטאָן.

זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט איבערן שיפּוע. איצט איז ער געגאַנגען פאָרויס. אַרום איז געווען שטיל, נאָר די קוסטעס ביי זייערע פיס האָבן געשאַרכעט און טרוקענע שטענגלעך האָבן זיך געבראָכן מיט אַ קנאַק.

— זי לייענט אַ בוך — האָט מאַרין אַ שעפּטשע געטאָן ווען זיי זיי־נען צוגעקומען נענטער.

— זי דאַוונט מסתמא אָדער זי לייענט די ביבל — האָט געזאָגט דזשעק — יעדעס מאָל ווען זי אַנטלויפט ערגיץ, נעמט זי מיט איר אַלטע ביבל.

— כ'האָב זי, דאַכט זיך, געזען אין דער קענדי־סטאָר, אָבער דאָ, מיטן שאַל און מיטן בוך, זעט זי אויס אַנדערש, ווי פאַרענדערט. ווי הייסט זי?

— סאַנדראַ... מרס. גאָטליב. מענטשן רופן זי געוויינלעך מרס. סאַנ־דראַ.

באַלד זיינען זיי געשטאַנען אַזוי נאָענט, אַז זיי האָבן געקענט הערן איר קול. מרס. סאַנדראַ גאָטליב האָט געלייענט מיט אַ צעצויגענעם ני־גון, וואָס האָט געוועקט אַן אומעט: מאַנאָטאָן, אַרויף־אַראָפּ צום ריטם פון איר שאָקלען זיך — אַ מעלאַנכאָלישער זינג־געזאַנג אָן אָנהויב און אָן אַ סוף. זי איז געווען פאַרטיפט אין איר „צאינה וראינה" און האָט ניט געהערט די טריט הינטער זיך. אויף דער נאָז האָט זי געטראָגן אַלטמאָדישע פּענסנע מיט אַ שנירל פאַרוואָרפן איבער אַן אויער. ס'איז געווען ערב־פסח און זי איז געווען אין דערהיים און זיך גראַד גע־נומען זאָגן די רייד פון של"ה הקדוש וועגן חמץ און מצה, וואָס זיינען געשטאַנען מיט קליינ'ינקע אותיות'לעך אויפן אונטערשטן ראַנד פון בלאַט:

„(ושמרתם את המצות) איר זאָלט היטן די מצות, די מפרשים האָבן מאריך געווען צו ערקלערן די רמזים פון חמץ און מצה. און דער תוכן פון זייערע רייד איז אַז חמץ איז אַ רמז אויף דעם יצר־הרע, און מצה אויף דעם יצר־טוב. דען אַזוי ווי דאָס זויערקייט הייבט אויף דאָס טייג און בורעט דאָס אויף, אַזוי הייבט אויף דער יצר־הרע דעם גוף וועלכער איז געגליכן צו אַ טייג וואָס מען פאַר־זויערט אים, אָבער מצה וואָס איז ניט קיין זויער טייג איז רוהיג און קען זיך ניט אויפבלאָזן, איז מרמז אויף דעם יצר־טוב וועל־כער מאַכט רוהיג אַלע תאוות אין מענטשן, לאָזט זיך ניט דער־הייבן און שטאָלץ זיין קעגן גאָט און מענטשן און דאַדורך פאַר־היט ער אים פון אַלע עבירות און דערוועקט אים גוטס צו טאָן.

„און די בדיקת־חמץ, וואָס מיר דעם חמץ אויפזוכן און אויסרוי־מען פון אַלע ערטער וואו מען קען אים נאָר אַריינברענגען, איז אַ רמז אַז מיר דאַרפן בודק זיין אונדזערע אַלע אברים וואו די זינד

קען זיך אנקלעפן; צום ביישפיל, דאס מויל דארפן מיר בודק זיין פון לשון הרע, פון רכילות, פון נבלות, פון פאלשע שבועות, פון קללות, פון דברים בטלים, פון פארבאטענע שפייזן; דאס הארץ דארפן מיר בודק זיין פון שלעכטע געדאנקען, פון קנאה, פון שנאה; די אויגן דארפן מיר בודק זיין זיי זאלן ניט זען די זאכן וואס מען באַדארף ניט זען, דאקעגן זאלן זיי נאר זען צו לערנען און מצוות צו טאן און אויף ארימע לייט זיך מרחם צו זיין...

„די חכמים האבן אויך געזאגט, אז בדיקת־חמץ דארף זיין פאר א ליכט, דאס איז א רמז אויף דער נשמה, אז מיר דארפן בודק זיין אונדזערע חטאים פאר דעם ליכט פון דער נשמה, וואס די לעכט הייסט גאטס גוטעס, ווי דער פסוק זאגט (נר אלהים נשמת אדם)...”

דזשעק האט זי אנגערירט ביים ארעם:

— מא!

מרס סאנדרא האט אויפגעהויבן דעם קאפ און אים א ווילע דערשטוינט אנגעקוקט:

— יענקעלע... — זי האט זיך א ווילע געקווענקלט — זע נאר ווי דאס טייכל האט זיך עס א ביסל צעגאסן. ערב־פסח ווערט ער א גאנצער ים! מען דארף ארויסברענגען די גלעזערנע כלים צום כשר'ן.

— מא, ס'איז שפעט, לאמיר גיין אהיים!

— שפעט? יא, באלד. און וואס איז מיט חרוסת? כאפ זיך אריין צו נתן דעם לעכצער און ברענג חרוסת. אט־באלד בין איך פארטיק.

זי האט אראפגעבויגן דעם קאפ איבערן ספר. מאריון האט זיך צוגעבויגן צו דזשעק'ן

— וואס זאגט זי? — האט זי א פליסטער געטאן.

— איך וויים ניט.

— איר ווייסט אויך ניט?

— זי איז, ווי עס ווייזט אויס, ווייט, זייער ווייט.

— וואו?

— אין דער אלטער היים, משמעות.

דער ווינט האט דערווײַלע איבערגעמישט עטלעכע בלעטער און מרס. סאנדרא האט געזוכט דאס ארט, וואו זי האט געהאלטן, און עס ניט גע־

קענט געפינען. זי איז געווארן אומזיכער, אומרואיק. זי האט א מיש גע־טאן בלעטלעך אהין און צוריק און געלייענט א פסוק דא און א זאץ דארטן:

„...גאט האט געזאגט איך האב געשוואוירן צו געבן אייך ארץ־ישראל פאר אייער ארב. דער בחיי זאגט... עס איז ניט איבערגעבליבן אפילו איין היישעריק, דען אפילו די היישעריקן וואס די מצרים האבן איינגעזאלצן זענען לעבעדיק געווארן און זענען אוועקגע־פלויגן, כדי די מצרים זאלן פון זיי קיין הנאה ניט האבן... און גאט האט פאר ישראל געפירט א וואלקנדיקע זייל צו ווייזן זיי דעם וועג און ביינאכט האט ער געפירט א פייערדיקע זייל צו לייכטן צו יש־ראל...״

מארין האט זיך א בויג געטאן איבער מרס. סאנדרא׳ס אקסל און האט אריינגעקוקט אין דער „צאינה וראינה״. זי האט געזען נאר אומבאקאנטע צייכנס. א פארגאפטע האט זי זיך צוגעבויגן צו דזשעק׳ן:

— וואס לייענט זי?

דזשעק האט א הויב געטאן מיט די אקסלען.

— איר פארשטייט אויך ניט?

— א ביסל נאר. אצינד איז זי, ווי עס ווייזט אויס, נאך ווייטער.

— וואו?

— אין לאנד פון דער ביבל: אין עגיפטן... אין כנען...

— מיין גאט! — האט מארין געכאפט התפעלות.

„...איך וועל אייך געבן ברויט פון דעם הימל, דען פון דעם מן האט מען געמאכט ברויט און דער מן איז געווען אזוי ווי קערנער פון גלאנדער און איז געווען ווייס און זיס ווי האניק...״

דזשעק׳ן איז נעפעלן געווארן מארין׳ס התפעלות:

— און איצט וואנדערט זי אין מדבר, צווישן מצרים און דעם צו־געזאגטן לאנד, און זי עסט מן פון הימל — האט ער זיך געפלייסט.

— דזשיזוס קראיסט! — האט מארין ארויסגעפלאצט אויפן קול — דאס איז וואונדערפול!

דער אויסגעשריי און דער קלאנג פון דער פרעמדער שפראך האבן ווי ארויסגעריסן מרס. סאנדרא׳ן פון דער יציאת־מצרים צייט. א דער־שטוינטע האט זי אויפגעהויבן דעם קאפ. ערשט איצט האט זי דערזען

דאָס פּרעמדע מיידל. אַ ווײַלע האָט זי זי באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס: די קופּערנע האָר, דעם איינגעפּרעסטן סוועטער, די בלויע הויזן.

און וואָס טוט דאָ די שיקסע? — האָט זי גערעדט צו דזשעק'ן — זי איז געקומען מעלקן די קו?

— יאָ — האָט דזשעק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— זע־צו אַז זי זאָל נעמען די פּסח'דיקע דאַניצע. די לאַדישקעס, די פּסח'דיקע, שטייען אין קעלער.

— גוט, גוט — האָט דזשעק צוגעזאָגט. ער האָט אַנגערירט איר אָרים:

— און איצט לאָמיר גיין, ס'איז שוין שפּעט, מאַ!

— שפּעט? — די אַלטע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ צום הימל. די זון האָט זיך געזעצט הינטער קאָני־איילענד. מרס. סאַנדראַ איז מער ניט געווען אַזוי זיכער מיט זיך: אויך אין טייטש־חומש איז ניט אַלץ צוגעגאַנגען כשורה. מען וועט דאַרפן אָנהויבן פון סאַמע אָנהויב! זי האָט זיך פאַמעלעך אויפגעהויבן פון שטיין און איידער זי האָט צוגעשלאָגן דעם ספר האָט זי אויפגעמישט דאָס ערשטע בלעטל און זיך גענומען מורמלען, צוערשט אויף לשון קודש און באַלד אויף אידיש, אין של"ה הקדוש:

„בראשית ברא... די תורה הקדושה האָט כולל געווען אין אונדזער סיפּור און אין יעדער מעשה כוונות און רמזים אונדזערע מידות צו פאַרבעסערן און מתקן צו זיין. אַזעלכע כוונות זיינען זייער פיל און זייער טיף, ווייל די תורה הקדושה איז לענגער פון דער גאַנצער ערד און ברייטער פון דעם ים הגדול..."

— איר דאַרפט מיך נאָך האָבן? — האָט מאַרין געפרעגט דזשעק'ן.

— ס'וואָלט געווען פיין, ווען איר העלפט מיר זי ברענגען אַהיים. אויב איר האָט צייט —

— כ'האָב אַ סך צייט.

מרס. סאַנדראַ האָט זיך געוואַקלט אויף די פיס. זי איז קענטיק גע־ווען אויסגעמאַטערט פון איר לאַנגער וואַנדערונג. מאַרין האָט זי גענו־מען אונטערן אָרים. די אַלטע האָט זיך געלאָזט פירן.

— אַ דאַנק, טאָכטערשי, — האָט זי גערעדט אויף גוי'איש: האַלב־פּויליש, האַלב־ענגליש — דו ביסט ניט אַמאָל וואַנדאַ, אַנטאַשקע דעם האַלצהעקער'ס טאָכטער פון באָד־גאַס?

מאַריז האָט געשמייכלט און געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— מיר'ן נעמען דעם אויטאָבוס? — האָט זי געפרעגט דזשעק'ן

— ער פאָרט דאָ פאַרביי אויפן שאָסיי און פאַרקירעוועט זיך אין עוועניו „יו".

— לאָמיר גיין אַ שטיקל וועג צופוס — האָט געזאָגט דזשעק — זאָל זי צוערשט אַ ביסל קומען צו זיך.

קאַפּיטל צוויי

די וועלט־טעלעגראַמע — וואָל־סטריט פינאַל

ווען זיי זיינען אָנגעקומען צום הויז אויף עווענױ „יו", איז שוין די זון געווען פאַרגאַנגען און איבער דער גאַס איז געהאַנגען אַ טונקלקייט פון בין־השמשות. אין קענדי־סטאָר האָט געברענט ליכט. צוויי מיידלעך זיינען געזעסן אויף הויכע טאַבורעטן ביי דער פאַרבאַנק און האָבן געצויגן טרונקען טרוסקאַווקע־סאָדע דורך שטרויען. אַן עלטערער מאַן איז גראָד אַריבערגעטראָטן דעם שוועל און זיך נאָכגעפרעגט, צי די לעצטע אויסגאַבע פון דער „וואָרלד טעלעגראַם" איז שוין אָנגעקומען. סילוויע איז אַרויסגעלאָפן פון הינטער דער פאַרבאַנק און האָט מקבל פּנים געווען די געסט ביי דער טיר:

— אָבי איר זיינט שוין דאָ! שוין ווידער מאָ? ריבונו־של־עולם, ווער האָט דען צייט פאַר אַזעלכע זאַכן? איינע אַליין דעם גאַנצן נאָכמיטאָג און דערצו נאָך מיט מייקלען אויפן האַלדז!

מרס. סאַנדראַ האָט זיך אַרומגעקוקט מיט דערשטוינטע אויגן, ווי זי וואָלט נאָך אַלץ געשוועבט אין אַ ווייטער וועלט. סילוויע איז ווייכער געוואָרן. זי האָט אָנגענומען די מוטער ביי אַן אָרעם:

— קום, וועסט זיך צולייגן אַ ווײַלע, זיך אויסרוען — האָט זי געזאָגט און זי אַרויסגעפירט אין צימער הינטער דעם קרעמל.

מאַרין איז אַלץ געשטאַנען ביים שוועל, אַ שווייגענדיקע, ווי אַן אײַבעריקע. דזשעק האָט פאַרנומען זיין אָרט הינטער דער פאַרבאַנק און זיך דאָרט אַרומגעדרייט אַהין און צוריק, ניט וויסנדיק וואָס ער זאָל אָנהויבן צו טאָן. ער האָט אָפּגעאָטעמט פרייער ווען סילוויע איז אַרויס.

— איר וועט עפּעס טרינקען? — האָט ער צוגערופן צו מאַרין׳ען
— אפשר אַן אייזקרים?
— ניין, אַ דאַנק, כ׳וועל שוין גיין.
— אַ סיגאַרעט?
—יאָ — האָט זי אַ שמייכל געטאָן — עס זיינען מיר גראָד אויס־געגאַנגען די סיגאַרעטן און איך שטאַרב רויכערן.

ער האָט אייליק אַ שפּריי געטאָן צו דער טאַבאַק־פּאַליצקע. „וואָס פאַר אַ מאַרקע רויכערט איר?״ אַ צעטומלטער האָט ער אַ ווײַלע גע־זוכט צווישן די געשטאַפּלטע סאָרטן. ער האָט גענעפנט אַ פּעקל און אים אויסגעשטרעקט צו איר. זי האָט זיך דערנענטערט צו דער פאַרבאַנק .

—אַן אייזקרים־סאָדאַ! — האָט ער איר גע׳עצה׳ט — איר זיינט זי־כער פאַרמאַטערט פון לאַנגן וועג. זעצט זיך צו אַ ווײַלע. וואָס פאַראַ מינים?

ווען סילוויע איז צוריקגעקומען, איז מאַרין געזעסן אויף אַ הויכן טאַבורעט ביי דער פאַרבאַנק, האָט געצויגן שאָקאָלאַד־סאָדאַ דורך אַ לאַנגן שטרוי און פאַרביסן מיט וואַניל־אייזקרים, וואָס זי האָט אַרויס־געלעפלט פון די טיפענישן פון גלאָז. פון צייט צו צייט האָט זי מפסיק געווען און דערלאַנגט אַ ציי פון פּאַפּיראָס. ערשט איצט האָט זיך סילוויע געכאַפּט, אַז דאָס מיידל איז געקומען צוזאַמען מיט דער מאַמען, און זי האָט געוואָרפן אַ פרעגנדיקן בליק צו דזשעק׳ן.

— דאָס איז מאַרין — האָט דזשעק פאַרגעשטעלט — און דאָס איז סילוויע, מיין פרוי. מאַרין האָט מיר אַרויסגעהאָלפן זוכן די מאַמע. זי קען גוט די געגנט.

—וואו איז זי דאָסמאָל פאַרשוואונדן געוואָרן?

— הינטער בעי־ווילעדזש, אין די פעלדער דאָרטן, אויפן וועג צום ים.

— געפונען דאָס ריכטיקע אָרט! — האָט סילוויע אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און זיך גענומען אָפּווישן די פאַרבאַנק הינטער די צוויי מייד־לעך, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעגליטשט פון די טאַבורעטקעס.

אין די צימערן איבער דער סטאָרקע האָבן אָפּגעהילכט שנעלע, דריב־נע טריט. זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט איבער די טרעפּ, וואָס האָבן גע־פירט פון דער וואוינונג אין קראָם. די הינטערשטע טיר האָט זיך האַס־טיק צעעפנט און אַ קינד פון אַ יאָר פיר איז דערשינען אויפן שוועל.

א פארשלאפענער, האט ער א ווײַלע געפינטלט מיט די אויגן און געמאכט א ברוגז'ע מינע.

— מייקל! — האט דזשעק אים א רוף געטאן.

מייקל איז אויסגעבראכן אין א געוויין, האט זיך געלאזט לויפן צו דער מאמען און זיך געטוליעט צו אירע קני. דזשעק האט זיך געפארעט הינטער דער פארבאנק:

— ער גייט נאך ניט שלאפן? — האט ער געפרעגט.

— ווי האב איך אים געקענט לייגן שלאפן, אז ער האט נאך אפילו קיין וועטשערע ניט געגעסן! כ'קען זיך דען צערייסן? כ'האב אים קוים איינגענומען און ער איז דערווײַלע אנדרימלט געווארן אויף דער סאפקע. איצט וועט ער ניט וועלן גיין שלאפן.

זי האט בארויקט מייקלען און אים געגלעט איבערן קעפל:

— אז דו ביסט אויך ווי אין וואסער אריין! — האט זי גערעדט צו דזשעק'ן און דערביי געווארפן א זייטיקן בליק אויפן מיידל ביי דער פארבאנק.

מארין האט געלאזט שטעקן דעם שטרוי אין גלאז און האט דער־לאנגט א לאנגן צי פון איר סיגארעט:

— איך וואלט געקענט געבן מייקלען עסן, אויב איר ווילט... — האט זי געזאגט.

אויף דעם האט זיך סילוויע ניט געריכט:

— איר וואלט געקענט? — האט זי איבערגעפרעגט.

— אויב איר ווילט, וואלט איך אים אויך געלייגט שלאפן — האט מארין צוגעגעבן.

סילוויע איז בעסער געווארן:

— א דאנק, איך פאל באמת פון די פיס, אבער איר ווייסט דאך ניט וואו... וואס... — האט זי זיך נאך א ווײַלע געקווענקלט.

— כ'וועל זיך אן עצה געבן — האט מארין איר פארזיכערט. זי האט זיך אראפגעגליטשט פון טאבורעט און זיך געלאזט גיין צו דער טיר: — איך גיי אפט אויף „בייבי־סיטינג". טיילמאל רופט מען מיך פלוצלונג אפ צו אומבאקאנטע מענטשן, אין דער לעצטער מינוט, ווען דער מיסטער און די מיסיס שטייען שוין אויסגעפוצטע ביי דער טיר און... איך גיב זיך אן עצה.

זי האָט אָנגענומען דאָס קינד ביי א הענטל:

— ווי רופט מען דיך?

— מייקל — האָט דאָס קינד אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זי נייגעריק באַטראַכט.

— און מיך רופט מען מאַרין. קום, מייקל, ווילסט איך זאָל דיר דער־ציילן א מעשה? מיר'ן איבערלייענען א קאָמיק־ביכל, גוט?

די צוויי פרויען מיטן קינד זיינען פאַרשוואונדן איבערן שוועל. דזשעק האָט ארויסגעקוקט אין דער בין־השמשות'דיקער גאַס. די טונקל־קייט איז געדיכטער געוואָרן. א געשלאָסענער לאַסט־וואָגן איז פאַרביי־געפאָרן און דער שאָפער האָט אראָפּגעוואָרפן א פּעקל צייטונגען. די לעצ־טע אויסגאַבע פון דער „וועלט־טעלעגראַמע" — האָט דזשעק געוואוסט נאָך איידער ער האָט אויפגעבונדן דעם פּעקל — מיט די פינאַלן פון אַלע ספּאָרטן, די רעזולטאַטן פון די פערד־געיעגן, קאָמפּלעטע קורסן פון אַקציעס און באַנדס ווי אויך די פּרייזן פון „געבאַטן און פאַרלאַנגט".

קאַפּיטל דריי

טאָג-טעגלעכקייט אין משיח׳ס צייטן

פאַרטאָג, גלייך נאָכן עפענען די סטאַרקע, האָט דזשעק אויפגעבונדן די פּעקלעך מאָרגן־צייטונגען, וואָס ליפעראַנטן האָבן אין משך פון דער נאַכט אָפּגעלייגט פאַר דער טיר, און זיך גענומען זיי אויסלייגן אויפן גע־שטעל לעבן איינגאַנג. אין גרויען ליכט פון באַגינען האָט ער באַמערקט די גרויסע איבערשריפט אויף דער ערשטער זייט פון די בלעטער:

די אידן אין פּאַלעסטינע פּראָקלאַמירן אַ זעלבסטשטענדיקע מדינה — זיבן אַראַ־בישע שטאַטן דערקלערן קריג — — —

איין צייטונג האָט ער מיטגענומען אין געוועלב. ער האָט אָנגעצונדן דעם גאַז, האָט אַרויפגעשטעלט דעם „סאַילעקס", מיט וואַסער און קאַפע, איבערן פייער און זיך איבערגעבויגן איבער דער אויסגעשפּרייטער בלאַט. זיינע אויגן זיינען שנעל געלאָפן איבער די טעלעגראַמעס און קאָמענטאַרן.

זיי האָבן דערציילט וועגן דער פייערלעכער פּראָקלאַמירונג פון דער נייער מדינה. איר נאָמען וועט זיין „איזראעל". און זיי האָבן אויפגע־ציילט די זיבן אַראַבישע לענדער, וואָס האָבן שוין דערקלערט קריג דער יונגער מדינה: עגיפּטן, סיריע, טראַנסיאַרדאַן, לבנון... איראַק... סאַאודיע... יעמען... זיבן לענדער! וואו געפינט זיך ערגיץ יעמען? „די מאָטאָרי־זירטע בריגאַדעס פון אַראַבישן לעגיאָן זיינען שוין אַריבער די גרעניץ פון פּאַלעסטינע און יאָגן זיך אין דער ריכטונג פון ירושלים; די עגיפּ־טישע אַרמיי איז אַריבער דעם דרום־מדבר און מאַרשירט לענגאויס דעם ים־ברעג אויפן וועג צו תל־אביב; די סיריער און ליבאַנעזער אַטאַקירן אין גאַליליי, זייערע טאַנקען האָבן זיך אַריינגעריסן אין ירדן־טאָל און זיי באַשיסן די אידישע קאָלאָניעס אַרום דעם ים כנרת..."

ער האָט געהאַט אַ קנאַפּן באַגריף װעגן די אַלע ערטער און האָט געװאָרפֿן אַ בליק אויף די געצייכנטע לאַנד־קאַרטעס אין דער צייטונג. אין זיין פֿאַרשטעלונג האָט דאָס לאַנד איצט אויסגעזען װי די װילדע געגנט אַרום בעי־װילעדזש: בערגלעך און טאָלן און זומפּן און דיונעס. װאו איז ירושלים? אויבן, אויף אַ בערגל, איז געשטאַנען מאַרין. „זיי רופֿן אים 'דער איירישער קעמפּער'" — האָט זי געזאָגט. װאָס האָט געטאָן איר מוטער אין יענע אַלע יאָרן? ער װאָלט זי געדאַרפֿט טרעפֿן, רעדן מיט איר, זי אויספֿרעגן.

זינט זייער ערשטער באַגעגעניש, מיט אַ זעקס װאָכן צוריק, האָט מאַרין זיך ניט געװיזן. ער האָט אָפֿט געטראַכט װעגן איר, געבענקט אין דער שטיל און געהאָפֿט אַז זי װעט נאָך קומען. ער װאָלט זיך אפֿשר געדאַרפֿט אַראָפּכאַפּן קיין בעי־װילעדזש און זי דאָרט אויפֿזוכן? — אָבער װאו װאוינט זי? און װאָס װעט ער איר זאָגן?

דאָס זידן פֿון װאַסער אויפֿן גאַז האָט אים אַרויסגעריסן פֿון זיינע מחשבות. ער האָט געעפֿנט די אויגן. דאָס װאַסער האָט שוין פֿון לאַנג געקאָכט און איז אַרויפֿגעשטיגן אין אויבערשטן קיילעך. דזשעק האָט אויסגעמישט דעם קאַפֿע און פֿאַרדרייט דעם גאַז־קראַן.

און ס'איז שוין טאַקע געװען די העכסטע צייט. פֿאַר דער טיר איז פֿאַרפֿאָרן אַן אַלטע פֿאַרסאַפּעטע שעװראָלעטקע, פֿאַרשמירט מיט פֿאַרב אויף די הילצערנע װענטלעך, מיט אַ לייטער צוגעבונדן איבערן דאַך — דזשימי'ס סטיישאָן־װאַגן. דזשימי דער פּעינטנער און זיין אַרבעטער, דער אַלטער סאַלװאַטאָרע, אַן איטאַליענער, זיינען אויסגעשטיגן. דזשימי האָט געװאוינט דאָ ניט װייט, אין אַ זייטיקער גאַס, און ער איז געװען אַן אָפּטער איינגייער ביי דזשעק'ן אין דער קענדי־סטאָרקע. אויך ער האָט געשטאַמט פֿון איטאַליענער, אָבער געבאָרן געװאָרן איז ער אין אַמעריקע. זינט עטלעכע װאָכן האָט ער געהאַט אַ שטיקל אַרבעט ביי מאָלן היי־זער ערגיץ־װייט אין לאָנג־איילענד און ער איז יעדן באַגינען אַרויסגעפֿאָרן אַהינצו צוזאַמען מיטן אַלטן. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט קויפֿן סיגאַרעטן.

— היי, דזשעק! — האָט אויסגערופֿן דזשימי.

— גוט מאָרגן, מר. בינאַװער — האָט געזאָגט סאַלװאַטאָרע.

דזשימי האָט אַ פֿאַרשקע געטאָן מיט די נאָזלעכער:

— דער קאַפֿע איז פֿאַרטיק?

— פאַרטיק.

— ס׳וואָלט זיך געלוינט דורכשווענקען דאָס האַלדז — האָט גע־זאָגט דזשימי.

— מיין פלונית׳טע האָט מיר מיטגעגעבן אַ פולן טערמאָס הייסן קאַפע — האָט געזאָגט סיניאָר סאַלוואַטאָרע. ער האָט זיך נאָך אַ ווײַלע געקווענקלט: ער האָט נאָך ניט געענדיקט אויסצאָלן דאָס הויז, וואָס ער האָט געקויפט אויף אַ צוואַנציק־יעריקער היפּאָטעק אין בעי־רידזש, ברוק־לין, און אויסערדעם האָט ער געהאַט זיין טרוים: אַ רייזע אַהיים, אין זיין דאָרף אין דרום איטאַליע, אויף די עלטערע יאָרן — און ער האָט גע־זאַמלט אַ סענט צו אַ סענט.

— צוויי קאַפּעס! — האָט באַשטעלט דזשימי.

זיי האָבן געטרונקען שטייענדיק, בחיפזון. דזשימי האָט פאַרביסן מיט אַ דעניש־קיכעלע. און איידער זיי האָבן פאַרענדיקט איז ביים צייַ־טונגס־געשטעל דערשינען סעם קאַפּלאַן, דער צושניידער. פון אַמאָליקע צייטן איז ער געוואוינט געוואָרן אויפצושטיין באַצייטנס־פאַרטאָג. ער איז געגאַנגען אַ צענדליק בלאָקס צופוס צו דער סאַבוויי־סטאַנציע און ער האָט ליב געהאַט צו כאַפּן אַ קוק אויפן וועג אין די נייעס אין דער אידישער צייטונג. אין פאַרבייגיין האָט ער גענומען אַ „פאָרווערטס" און אַוועקגעלייגט אַ ניקל אויפן געשטעל.

באַלד האָט זיך אָנגעהויבן דער געוויינלעכער פרימאָרגן פּאַראַד פון באַקאַנטע פנים׳ער. דער עולם האָט זיך געביטן. צוערשט זיינען אַרייַנ־געקומען אַרבעטער, וואָס האָבן געמוזט „קוועטשן" דעם זייגער אין אַ פאַ־בריק ערגיץ אין מאַנהעטן אָדער קווינס, צופעליקע פאַרבייפאָרער, טעקסי־שאָפערן. דערנאָך זיינען אַריינגעפאַלן אָנגעשטעלטע פון אָפיסעס, ס׳רוב מיידלעך, האַנדלס אַגענטן מיט בייכיקע טעקעס, אָנגעפּאַקטע מיט כל׳ערליי מוסטערן, סתם ווייבער וואָס זיינען געפאָרן באַצייטנס אין שטאָט כאַפּן אַ מציאה אויף אַן אויספאַרקויף אין אַ דעפּאַרטמענט־סטאָר. קונדן האָבן אין פאַרבייגיין גענומען זייערע צייטונגען פון געשטעל פאַר דער טיר, אַוועקגעלייגט זייער קליינגעלט ביי דער זייט, זיך פאַרבייגעשאַרט שווייגנדיק אָדער צוגערופן דורך דער אָפענער טיר:

— האַי, דזשעק!

— העללאָו, מר. בינאָווער!

פון די בני־בית איז מרס. סאַנדראַ די ערשטע דערשינען אין געווּעלבל. פון איר צימערל איבער דער וואַנט איז זי צוערשט אַרויף אויבן, האָט אָפּגעגאָסן נעגל־וואַסער, עפּעס גענומען אין מויל און איז דערשינען אין דער הינטערשטער טיר. זי האָט געוואָרפן אַ שנעלן בליק אַרום:

— צו וואָס ברענט נאָך יענער לאַמפּ אין ווינקל? — האָט זי געפרעגט דזשעק׳ן — ס׳איז דאָך שוין העלער טאָג.

— אָט, זאָל נאָך ברענען אַ ווײַלע. ס׳איז דאָרט טונקל איבערן טיש.

— סאַי־ווי זיצט קיינער ניט ביים טיש — איז סאַנדראַ באַשטאַנען אויף דאָס איריקע, מיט גוטן — אַ קענדי־סטאָרקע איז אַ פּעני־ביזנעס. וואָס זיינען מיר דען, ראָטשילדס?

זי האָט אויסגעלאָשן דאָס ליכט און אַרויסגעקוקט פאַר דער גאַס:

— העלאָו, פּרענסיס! — האָט זי באַגריסט דאָס בלאַנדע מיידל, וואָס איז אַ פאַרסאָפּעטע אַריינגעלאָפן אין קראָם. פּרענסיס האָט געאָרבעט אין אַן אָפּיס און האָט זיך, ווי איר שטייגער, אַ ביסל פאַרשפּעטיקט. אַ דיקלעכע, מיט אַ דיקן בעסטסעלער אונטערן אָרים, האָט זי גענומען אַ פּעקל סיגאַרעטן און געקוקט מיט אַ מינע פון אַ בעל־חטא אויף די אָפענע פּושקעס מיט שאָקאָלאַדקעס אויף דער פאַרבאַנק. זי האָט געהאַלטן אַ דיעטע, אָבער דער יצר־הרע האָט גובר געווען אירע גוטע כוונות:

— רעכנט־צו איינע! — האָט זי געזאָגט צו דזשעקן איידער ער האָט באַוויזן איר אַרויסצוגעבן רעשטע.

אין די צימערן אויבן האָט זיך געלאָזט הערן מייקל׳ס הויכע שטימע און טריט האָבן אָפּגעהילכט איבערן סופיט. באַלד איז סילוויע דערשינען אין דער סטאָרקע און האָט אָנגעהויבן אַרויסהעלפן ביי דער פאַרבאַנק. ס׳איז געווען אַ ביזי שעה און זי האָט געמוזט צולייגן אַ האַנט; אויף דזשעק׳ן האָט מען זיך סאַי־ווי ניט געקענט צופיל פאַרלאָזן: אַ טרוימער! זי האָט זיך באַוויזן צווישן דעם געוועלב און דער דירה, האָט אויפגערוימט די צימערן אויבן, האָט סערווירט קאַפעס אונטן, און ווען ס׳איז רואיקער געוואָרן האָט זי אָפּגעפרעגלט פאַר דזשעק׳ן אַ פּאָר אייער און אים אַרויפגעשיקט עסן פרישטיק.

— זע־צו אַז מייקל זאָל פאַרענדיקן דעם סיריעל — האָט זי אים פאַר איין וועג דערמאָנט.

אַ זייגער צען האָבן אָנגעהויבן אַריינקומען בעל־הבית׳ישע מענטשן:

שכנים, ביזנעס־לייט פון דאנעבן, ווער קויפן א ציימונג אדער א פאסט־מארקע אין אויטאמאט, און ווער זיך דערקוויקן מיט א גלעזל סעלצער אדער סתם זאגן „העללאו" אין פארבייגיין. היינט איז מען א ווײלע שטיין געבליבן און מ'האט געכאפט א שמועס וועגן עניני־דיומא:

— ווײבאלד אמעריקע האט אנערקענט די אידישע מדינה, וועט שוין אלץ זיין אין דער בעסטער אָרדענונג — האט אלעמען פארזיכערט מר. בערג, פון שוך־געשעפט קעגנאיבער.

— אז ניין און פערציק שטאטן האבן אנערקענט ישראל, איז נאך די וועלט פארט א וועלט — האט עמיצער אנדערש דערמאנט דעם באַ־שלום פון די פארייניקטע פעלקער.

— וואס האט איר געמיינט, אז ס'איז שוין הפקר א וועלט?

— און די אראבער? זיי האבן דאך אנגעהויבן א מלחמה! זיבן אראבישע לענדער קעגן איין ישראל!

— ווען ניט דער אראבישער לעגיאן פון עבר־הירדן, וואלט ישראל שנעל פארטיק געווארן מיט זיי. אבער די ענגלענדער האבן אויסגעמוש־טרירט דעם לעגיאן און אים געגעבן קאנאנען און טאנקען — האט מר. בערג געהאלטן א שטיקל רעדע וועגן הלכות סטראטעגיע. ער איז געווען דער פרעזידענט פון א מאדערנעם טעמפל אויף אושען־עוועניו, דער פאר־זיצער פון „יונאיטעד דזשואיש אפיל" אין דער געגנט און אן עקס־פערט אין דער פאליטיק פונעם מיטעלן מזרח.

— און עגיפטן?

— די מצרים האבן שוין, משמעות, פארגעסן די צען מכות, וואס?

א ווארט פאר א ווארט, און אין דער סטארקע איז געווארן א שטיקל געזעמל, א מין מיטינג בזעיר אנפין. און אין מיטן איז אנגע־קומען דער בעל־הבית פון „כשר דעליקאטעסן", דזשעק'ס א שכן, און אז ער האט דערזען, קיין עין הרע, אזא עולם, פארטיפט אין א יום־טוב'־דיקן שמועס, האט ער גלייך פון שוועל אויסגערופן:

— איך זאג אייך, אידן, אז ס'איז משיח'ס צייטן!

ווען ס'איז שטילער געווארן, האט מרס. סאנדרא זיך צוגעזעצט אויף א שטול פאר דער טיר, אין דער זון. „משיח'ס צייטן?" — האט זי יא געגלויבט און ניט געגלויבט. אויך אין דער שול „אנשי ספרד", וואו זי איז לעצטנס געגאנגען אפטער דאווענען, האט מען אנומלט גערעדט

וועגן משיח'ס צייטן. אז משיח וועט קומען, וועט מען בלאָזן שופר און די מתים וועלן אויפשטיין פון זייערע קברים. איר מאַרים, עליו השלום, וועט אויך אויפשטיין. און אלע אידן וועלן גיין קיין ארץ ישראל איבער אַ פּאַפּירענער בריק. אויך זי און איר מענדל וועלן גיין. ווען משיח וועט קומען, וועט מען אים אוודאי רופן מיט זיין אידישן נאָמען: מענדל. ניין, צוערשט וועט ער זיך אריינכאַפּן אין סטאָרקע און וועט אויסטרינקען אַ גלעזל סעלצער. ער האָט ליב געהאַט פּלעין סעלצער, איר מאַרים, אין אַ הייסן טאָג פלעגט ער זיך ממש מחייה זיין מיט אַ גלעזל סעלצער. און דערנאָך וועלן זיי גיין מיט אלע אידן קיין ארץ־ישראל. ס'הייסט, וואָס איז אייגנטלעך די איילעניש? און וואָס וועט, אַ שטייגער, זיין מיט דער סטאָרקע? גלאַט נעמען און לויפן הענדום־פּענדום!... אַזוי־פיל פּראַצע אריינגעלייגט ביז מען האָט עס ארויפגעאַרבעט צו אַ שטיקל ביזנעס, נישקשה, משיח מעג צוואַוואַרטן אַ ביסל, ער האָט דען אנדערע ביזנעס, משיח?

פון ים האָט אַ בלאָז געגעבן אַ קיל ווינטל. די ביימער אויפן ראָג האָבן זיך צעשאָקלט און שטיל געמורמלט. מרס. סאַנדראָ'ן האָבן זיך נאָך אַ ווײַלע געפּלאָנטערט די רעיונות אין קאָפּ: ער האָט שוין לאַנג ניט פאַרזוכט דעם טעם פון אַ ביסל סעלצער, איר מענדל... די בריק וועט אוודאי זיין נאָך לענגער פון דער ברוקלין־ברידזש, אָבער פון גאָלע פּאַפּיר... אירע אויגן האָבן זיך אָנגעהויבן קלעפּן. זי איז אנדרימלט געוואָרן.

אויפגעוועקט האָט זי מר. איזידאָר דיקמאַן'ס ברייטער גוט־מאָרגן:

— העללאָו, מרס. גאָטליב, איר שלאָפט?

— איך? ניין, איך שלאָף ניט!... וואָס פאַר אַ שלאָפן אין מיטן דערינען?

—פאַרוואָס ניט? אייך איז גוט, איר האָט ניט קיין דאגות — האָט געזאָגט מר. דיקמאַן מיט אַ ברייטן שמייכל.

ער איז בכלל געווען אַ ברחבות'דיקער מענטש: מיט אַ קיילעכדיקן פּנים, אין אַ ברייטן אָנצוג, מיט אַ תמיד־אויפגעקנעפּלטן רעקל און אַ דיקן ציגאַר אין אַ ווינקל פון מויל. געוואוינט האָט ער צוויי בלאָקס ווייטער, אין אַן אייגן־פּאַמיליע הויז, וואָס האָט פאַרנומען אַ גאַנצן ראָג, מיט אַ גאָרטן ארום און ארום, וואָס אַ גערטנער האָט באַפּלאַנצט מיט כל־המיני־נים בלומען און געוויקסן, און וואָס ער אליין האָט באַשפּריצט אין די

זומערדיקע פּאַרנאָכטן. אויך זיין מעמד האָט געוועקט אויפזען. מיט זיין ביזנעס — אַ קליידער־שאָפּ אין גאַרמענט־סענטער, וואָס ער אַליין האָט אים אַרויפגעאַרבעט („אנגעהויבן מיט גאָרניט, מיט די צען פינגער...") — האָט שוין לעצטנס אַנגעפירט זיין זון. ער גופא פלעגט דאָרט לעצטנס צופאַרן נאָר אויף עטלעכע שעה אַ טאָג. אויסערדעם האָט ער אינוועס־טירט אַ ביסל געלט אין ריעל־עסטעיט — הייזער, באָדן — און האָט גע־שפּילט צו ביסלעך אויף וואָל־סטריט.

מר. דיקמאַן איז אַריין אין געוועלב, האָט גענומען זיין רעזערווירטע קאָפּיע פון דער ניו־יאָרק טאַימס און, איידער דזשעק האָט אים דער־לאַנגט זיינע דריי ציגאַרן, האָט ער שוין אויפגעמישט די „פינאַנציעלע אָפּטיילונג" און געוואָרפן אַ בליק אויף דער ספּעציעלער ליסטע פון די פּופּצן אַקציעס פון ניו־יאָרק סטאָק עקסטשעינדזש, וואָס זיינען צומערסטן פאַרקויפט געוואָרן אין פאַריקן טאָג.

— נו, וואָס האָב איך אייך געזאָגט? כ'האָב אייך געזאָגט, אַז „דזשע־נעראַל מאָטאָרס" וועט שטייגן?! „דזשענעראַל מאָטאָרס" איז שוין, ברוך השם, זעקס און זעכציק! — האָט ער מודיע געווען דזשעק'ן — הערט וואָס איך זאָג אייך: „דזשענעראַל מאָטאָרס" וועט זיך שפּאַלטן!

ער האָט איבערגעמישט די בלאַט און זיך אַ ווײַלע פאַרטיפט אין דער לאַנגער ליסטע פון די הונדערט טויזנט אַקציעס, וואָס זיינען געשטאַ־נען אָפּגעדרוקט לויט דער אַלף־בית אויף עטלעכע זייטן — מיט זייערע העכסטע און נידעריקסטע קורסן פון טאָג און פון יאָר:

— זיי גייען אַרויף און אַרויף! — האָט ער אויסגערופן — דער הימל איז די גרעניץ!

— אָבער אַז זיי האַלטן אין איין שטייגן, פאַרקויפט איר דאָך ניט, און אַז איר פאַרקויפט ניט, מאַכט איר דאָך ניט קיין געלט — האָט גע'טענה'ט סילוויע.

— ווער האָט אייך געזאָגט, אַז איך פאַרקויף ניט? אוודאי פאַרקויף איך! — האָט געזאָגט מר. דיקמאַן — איר ווייסט וואָס זיי זאָגן אין וואָל־סטריט: אַ בול, ס'הייסט אַ ביק, קען מאַכן געלט אין וואָל־סטריט, און אַ בער קען מאַכן געלט אין וואָל־סטריט, אָבער אַ חזיר וועט אין וואָל־סטריט קיין געלט ניט מאַכן!

— אוודאי! — האָט מרס. סאַנדראַ אים פאַטאַקעוועט — ווי האָט

יענער געזאָגט: גיב אַ חזיר אַ פינגער און ער וועט כאַפּן די גאַנצע האַנט!

מר. דיקמאַן האָט נאָך אויף שנעל אַריינגעקוקט אין די טראַנזאַק־ציעס אויף די פאַרשיידענע אַנדערע בערזעס — די קוירב, איבער דער פּאַרבאַנק, טאָראַנטאָ, לאָנדאָן — און זיך געווענדעט צו דזשעק'ן:

— ווען איר האָט עס אַזוי אַ פּאָר טויזנט „דזשענעראַל עלעקטריס", מר. בינאָווער? ס'איז נאָך אַ בעסערע ביזנעס ווי אַ קענדי־סטאָר!

— וואָס איז, מישטיינס געזאָגט, אַ קענדי־סטאָר? אַ קענדי־סטאָר איז אַ פּעני־ביזנעס — האָט מרס. סאַנדראַ אַ זיפּץ געטאָן ביים שוועל — אָבער קרעפּלעך אין חלום זיינען אַ חלום און ניט קיין קרעפּלעך...

איצט האָט מר. דיקמאַן דורכגעקוקט די פּאָליטישע נייעס אויף דער ערשטער זייט פון דער בלאַט, האָט אָפּגעביסן דעם שפּיץ פון אַ ציגאַר און גענומען ביי דזשעק'ן פייער. דערנאָך האָט ער צונויפגעלייגט די „טאַימס" און זיך געלאָזט צו דער טיר:

— פאָלגט מיר, פאַרקויפט די סטאַרקע און קויפט „דזשענעראַל מאָטאָרס"! — האָט ער איבערגע'חזר'ט זיין טעגלעכן שפּאָס — געדענקט וואָס איך זאָג אייך: „דזשענעראַל מאָטאָרס" וועט זיך שפּאַלטן!

— יאָ, יאָ — האָט מרס. סאַנדראַ צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ — דאָס לעצטע העמד פאַרקויפן, אַבי אַ גביר צו זיין...

* * *

מענטשן זיינען אַריין און אַרויס. אַרום עלף אַזייגער איז געוואָרן שטיל און נאָר פון צייט צו צייט האָט אַ קונה אַריינגעשמעקט אין געוועלב. סילוויע איז אַרויף אויבן און האָט אָפּגעקאָכט וואַרימס; צוערשט האָט זי אַליין געגעסן, מיט מייקל'ען און דער מאַמען, און דערנאָך האָט זי אַרויפגעשיקט דזשעק'ן עפּעס נעמען אין מויל. און באַלד נאָך מיט־טאָג איז אַריינגעקומען מרס. סערע קאַפּלאַן, די פרוי פון סעם דעם צושניידער, וועלכע האָט זיך יעדן טאָג אַריינגעכאַפּט אויף אַ ווײַלע איבערצולייענען די ראָמאַנען אין מרס. סאַנדראַ'ס „מאָרגן־זשורנאַל".

איר מאַן, סעם דער צושניידער, האָט יעדן אינדערפרי געקויפט דעם „פאָרווערטס", וואָס אויף זיין פראָנט־זייט איז מקדמת־דנא געווען אָפּ־געדרוקט אין אַ רעמל: „אַרבייטער פון אַלע לענדער פאַראייניגט זיך". ניט

ווייל ער איז געוועזן א סאציאליסט סעם; ס׳הייסט קיין קעגנער — א שונא, חס ושלום — איז ער אויך ניט געוועזן, נאר גארניט, ער האט זיך ניט צופיל געמישט אין די זאכן. ער איז געוועזן א שטענדיקער לעזער פון „פארווערטס״ נאך פון יאר 1910, זינט דעם גרויסן שטרייק אין גארמענט־סענטער. נו, און א יוניאן־מאן איז ער דאך אויך געוועזן! אבער זיין ווייב, סערע, זי האט דווקא ליב געהאט צו לייענען דעם רעליגיעזן „מארגן־זשורנאל״, און ניט אזוי די צייטונג ווי די ראמאנען אין דער צייטונג, און באזונדערס די היסטארישע ראמאנען וואס זיינען דארט גע־דרוקט געווארן אין פארזעצונגען, א מאל איינער, א מאל צוויי און א מאל טאקע גאנצע דריי אויף אמאל.

איי־איי, וואס זי האט זיך דארט אלץ ניט אנגעלייענט! וועגן דער שיינער אסתר המלכה און דעם קלוגן „נאטאן דער ווייזע״, וועגן דעם ווי די ברידער האבן פארקויפט יוסף׳ן קיין מצרים און ווי די פרינצע־סין בערעניקע האט געפירט א ליבע מיט טיטוס הרשע, ימח שמו זאל ער ווערן; ווי פוטיפר׳ס ווייב האט געוואלט פארפירן יוסף הצדיק און ווי ער האט זיך ארויסגעריסן פון אירע הענט, און ווי דער גענגסטער אלקא־פאנע און זיין שותף דילינדזשער זיינען אנטלאפן פון דער תפיסה אין שיקאגא; וועגן פוילישן גראף פאטאצקי וואס האט זיך מגייר געווען און וועגן די געהיימניסן פון די פריסטער אין טעמפל בבל; וועגן נבוכדנאצר און ארתחשסתא און שלמנאסאר און תגלת־פלסר און נאך אזעלכע מלכים און הארן, וואס שוין נאר ביים ארויסרעדן זייערע נעמען קען מען זיך, שונאי־ציון צעברעכן די ציין.

אפילו מארים, עליו השלום, האט געהאלטן — ווען ער האט נאך געלעבט — אז סערע קאפלאן האט א קאפ אויף די פלייצעס. און מרס. סאנדרא האט זיך שטארק דערפרייט מיט איר ווען זי איז ארייננעקומען. איצט איז באטש געווען מיט ווען זי איז ארייננעקומען.

— וואס זאגט איר ניט צו די נייעס? — האט זי א פרעג געטאן, גלייך ווי סערע איז דערשינען אויפן שוועל.

— איר מיינט די אידישע מלוכה?

— וואס דען?

— אז ס׳איז א גרויסע זאך, איז דאך אפגערעדט, משיח׳ס צייטן, ווי זיי זאגן. ווארים ס׳איז דאך שוין צוויי טויזנט יאר, זינט דעם חורבן

פון צווייטן בית־המקדש, ווי אידן האָבן ניט געהאַט קיין אייגענע מלוכה. אָבער קיין נייעס איז עס ניט!

— פאַרוואָס איז עס ניט קיין נייעס? — האָט מרס. סאַנדראַ זיך געוואונדערט.

— ווייל אין לעיקוואוד האָט מען שוין פון לאַנג געוואוסט וועגן דעם...

מרס. סערע קאַפּלאַן און איר מאַן, זײַנען צוויי מאָל אַ יאָר געפאָרן קיין לעיקוואוד און זײַנען דאָרט אײַנגעשטאַנען עטלעכע וואָכן אין האָטעל „דער צעדערבוים". אײַ, ווי קען אַ פּראָסטער צושניידער זיך פאַרגינען צו פאָרן צוויי מאָל אַ יאָר קיין לעיקוואוד און דאָרט אײַנשטיין אין באַרימטן האָטעל „דער צעדערבוים"? איז די מעשה דערפון אַזאַ: גאָט האָט זיי געהאָלפן און זיי האָבן געהאַט פײַנע קינדער, און די קינדער האָבן זיי אויסגעהאָלפן. איין זון האָט אַ טרוקן־וועשערײַ ביזנעס אין ניו־דזשוירזי און דער צווייטער פאַרריכט ראַדיאָ און טעלעוויזיע און שאַרט גאָלד. איר מיינט נאָר די זין? די שניורן אויך, אפשר נאָך מער ווי די זין; ווי נאָר עפּעס איז „פּאַ" און „מאַ". און דווקא אַמעריקאַנער געבאָרענע מיידלעך, געענדיקט קאַלעדזשעס, שפּילן אויף אַ פּאַרטעפּיאַנע און לייענען „בעסטסעלערס", אָבער טײַערע קינדער — בריליאַנטן.

זײַנען זיי צוגעשטאַנען, די קינדער, אַז מאַריס זאָל „ריטאַיערן", ס'הייסט אויפהערן אַרבעטן, וואָרים אַזוי יונג איז מען שוין ניט, איז וויפל איז דער שיעור? אָבער סעם וויל ניט, וואָס וועט ער, זאָגט ער, „ריטאַיערן"? ער האָט נאָך צייט, זאָגט ער, און באַלד וועט ער, זאָגט ער, „ריטאַיערן" פון דער יוניע און קריגן זײַן טשעק צוגעשיקט בכבוד גדול אַהיים. האָבן די קינדער בײַ אים גע'פּועל'ט, ער זאָל פאָרן צוזאַמען מיט דער מאַמען צוויי מאָל אַ יאָר קיין לעיקוואוד: אויף פּסח און אויף ראש־השנה.

און סערע האָלט פון לעיקוואוד עולם ומלואו. אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר האָלט זי אין איין דערציילן וועגן די וואונדיירים פון לעיקוואוד: ביז עס איז זומער אַריין דערציילט זי וועגן פאַרגאַנגענעם פּסח און דערנאָך הייבט זי שוין אָן צו דערציילן וועגן די קומענדיקע ימים נוראים, וואָס שטייען שוין ממש בײַ דער טיר. פּסח פּראַוועט מען אין האָטעל „דער צעדערבוים" אַ סדר מיט אַלע פּיטשעווקעס: מיט דער הגדה, מיט קניי־

דלעד און מיט די ארבע כוסות און די פיר קשיות, און ראש־השנה מאכט מען אין גרויסן האל פון האטעל א שול מיט א חזן פון ניו־יארק, און מען בלאזט אפילו שופר. צו־תשליך גייט מען צו דער גרויסער אזערע אין וואלד.

און אין מיטן יאר איז אויך ניט צו פארזינדיקן: פרייטיק־צו־נאכט, איז פרייטיק־צו־נאכט, מען בענטשט ליכט, און שבת־צו־נאכט מאכט מען הבדלה און מען פראוועט מלווה־מלכה׳לעד, און מען עסט געפיל־טע קישקע און געפילטע העלדזלעך אין מיטן דער וואך, און מען ברענגט אראפ אן ארטיסטקע פון ניו־יארק און זי זינגט „אוי־אוי־אוי, יאשקע פארט אוועק” און „א בריוועלע דער מאמען זאלסטו ניט פארזאמען”, און אלע ווישן זיך די אויגן און... נו, איז לעיקוואוד ניט א אידישע מלוכה? אלא וואס דען: אלע אידן קענען דען פארן צוויי מאל א יאר קיין לעיקוואוד? — אלע אידן קענען ניט פארן צוויי מאל א יאר קיין לעיקוואוד. איז טאקע גוט, אז אידן זאלן האבן אן אייגענע מלוכה אין ארץ־ישראל.

— אבער קיין נייעס איז עס ניט! ווארים שוין פסח־צייט האט מען וועגן דעם גערעדט אין „צעדערבוים” פון לעיקוואוד.

— פון וואנען האבן זיי געוואוסט?

— אויף לעיקוואוד איז קיין קשיא ניט! אלע גרויסע לייט: שרייבער, רעדאקטארן, אקטיארן, פאליטיקער פארן קיין לעיקוואוד און אלע שטייען זיי דארט איין אין צעדערבוים. איר האט גערארפט זען אנוסטן...

א ווייסער געשלאסענער לאסט־אויטא איז פארפארן לעבן געוועלב און האט אויף א ווײַלע איבערגעריסן דעם שמועס. דער שאפער האט ארויסגעשטעקט דעם קאפ פון דער פאדערשטער בודקע און האט אויסגעשריען:

— אייזקרים!

גלייך איז סילוויע דערשינענ אויפן שוועל:

— דריי! — האט זי געזאגט. זי האט געמאכט א צייכן מיט דריי פינגער און האט אויסגערעכנט דריי מינים.

דער שאפער האט אריינגעטראגן דריי קארטאן־פעסעלעך אין געוועלב. א ווײַלע שפעטער זיינען אריינגעפאלן עטלעכע סיילס־לייט: אן אגענט פון קאמיק־ביכלעך און דער אגענט פון דער קאמפאני פון עלעק־

טרישע לעמפּלער. פאַרהאַנדלט מיט זיי האָט סילוויע. מען קען זיך דען פאַרלאָזן אויף דזשעק'ן אין אַט־די זאַכן? זיין קאָפּ איז אין די הימלען און מען קען אים פאַרקויפן אַ קאַץ אין זאַק. סילוויע האָט זיך פאַר־טיפט אין די חשבונות און אין מיטן דערינען איז אַריינגעלאָפן מייקל מיט אַ געוואַלד: ער האָט זיך געשפּילט מיט קינדער פאַרן הויז, איז ער געפאַלן אויפן טראָטואַר און זיך צעקלאַפּט אַ קני. די באָבע האָט גע־בראַכט אַ נאַס טוך און צוגעלייגט דעם קינד צום פוס. סילוויע האָט אָנ־געשריען אויפן אינגל, אים געגלעט איבערן קעפּל און געקוקט צו דער מאַמען:

— מען וואָלט געדאַרפט צוגיין מיטן קינד אין פּאַרק — האָט זי געזאָגט — אַזאַ שיינער טאָג!

— אוי, וואו נעמט מען די אַמאָליקע כוחות? — האָט מרס. סאַנ־דראַ אונטערגעזיפצט.

סערע קאַפּלאַן האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון ראָמאַן „יהודה המכבי און אַנטיאָכוס עפּיפאַנוס" און האָט געזאָגט:

— איר ווייסט וואָס איך וועל אייך זאָגן, סילוויע? ווען איר פאָלגט מיר, וואָלט איר עמיצן צוגענומען צו מייקלען אויף אַ פּאָר שעה אַ טאָג. עפּעס אַ מיידל, אַ ווייבל. אַ מענטש קען זיך דאָך ניט צערייסן!

— צונעמען אַ מענטשן? די מינדסטע מיידל איז היינט ניט אָפּ־צוגילטן — האָט צוריק גע'טענה'ט סילוויע.

— און וואָס איז, מישטיינס געזאָגט, אַ קענדי־סטאָר? אַ קענדי־סטאָר איז אַ פּעני־ביזנעס — האָט צוגעגעבן מרס. סאַנדראַ.

„מאַרין!" — האָט אַ טראַכט געטאָן דזשעק הינטער דער פאַר־באַנק. זי האָט זיך אַזוי פיין ספּראַוועט מיט מייקלען אין יענעם אָוונט. אָבער וואו איז זי, מאַרין? זי איז נעלם געוואָרן — ווי אין וואַסער אַריין.

ער איז אַרויף אויבן, האָט זיך צוגעשפּאַרט אויף דער סאָפקע אין עס־צימער און געכאַפּט אַ קורצן דרימל. באַלד האָבן אָנגעהויבן אַריינקומען די נאָכמיטאָג־צייטונגען: דער דזשורנאַל אַמעריקען: „זיבעטע־ספּאָרט וואָל־סטריט ספּעציעל"; די וואָרלד־טעלעגראַם: „זיבעטע, לעצטע פּרייזן וואָל־סטריט, לעצטע פערד־געיעגן", און אַ ביסל שפּעטער — „פינאַל, קאָמפּלעטע סטאָקס און באָנדס". די זון האָט זיך שוין געזעצט ווען אַ

שאפער פון א פארבײַ־אײַלנדיקן אויטא האט אראפגעווארפן די לעצטע טעלי: „די פינאלן פון אלע ספארטס, קאמפלעטע מארקעטס, די פרייזן פון געבאטן און פארלאנגט".

דזשעק האט אויפגעהויבן די פעקלער פון טראטואר, זיי אויפגעבונדן און אויסגעלייגט די בלעטער אויפן געשטעל פאר דער טיר. אין בין־השמשות'דיקן ליכט איז זײַן בליק געפאלן אויף דער לאנד־קארטע, וואס האט זיך געצייכנט איבער דעם פראנט פון דער צייטונג. פון דריי זייטן האבן פארשפיצטע פײַלן זיך איצט ארײַנגעשניטן אין שמאלן פאס לאנד לענגאויס דעם ים: פון מזרח, פון צפון, פון דרום. ער האט איבערגעלייענט די איבערשריפט: „דער אראבישער לעגיאן פון עבר־הירדן האט ארומגערינגלט ירושלים; די עגיפטישע חיילות מארשירן אויף תל־אביב; זייערע פארפאסטנס האבן זיך א רוק געטאן ביז צוואנציק מײַל פאר דער שטאט".

— מען דארף אפלייגן די רעזערווירטע צײַטונגען — האט סילוויע א מורמל געטאן פון שוועל.

זי האט אפגעציילט עטלעכע בלעטער און זיי ארײַנגענומען אין געוועלב. ס'איז געווען איר דעפארטמענט. זי האט אפגעשיידט די צײַטונגען, וואס שטענדיקע קונדן האבן באשטעלט, אויף א באזונדער פאליצע, הינטן אין דער סטארקע, און זיי דארט אוועקגעלייגט לויט אן אײַנגעשטעלטן סדר און לויט אירע אייגענע סימנים, וואס זי האט דערבײַ געמורמלט: פאר דער „בלאנדער פון די מארדן", פאר מיסיס זאלצמאן, פאר דזשאזעף „די פערדלער", פאר מיסטער „דזשענעראל מאטארס", פאר מיסיס הוירש „מיט די צוויי גאלדענע ציין", פאר דער „לײדי פון די וועלט־רייזעס"...

און הגם ס'איז נאך ניט געווען הייס, האט א היפשער עולם אנגעפילט די סטארקע אין די פרײַע אוונט־שעה'ן, א כאפטע יונגווארג האט זיך אויסגעזעצט אויף די הויכע טאבורעטקעס לענגאויס דער פארבאנק און הינטן ביים טיש. מאנאטאן און ווי אן עכא פון פארגאנגענע זומערן האבן די אויסרופן אפגעקלונגען אין דזשעק'ס אויערן:

— א טעלערל אייזקרים!

— אן אייזקרים סאדא: שווארץ און ווייס!

— א קאקא קאלא!

— א פלעשל פעפסי!

ארום ניין א זייגער האט דאס געוועלבל זיך אויסגעליידיקט. סיל־וויע איז ארויף אויבן זיך לייגן שלאפן. דזשעק איז געבליבן אליין. ער האט אריינגעקוקט אין דעם מארגנדיקן מיראר. די פיילן, וואס האבן גע־צייכנט דעם מארש פון די אראבישע חיילות, האבן זיך אריינגעשניטן טיפער אין לאנד. נאר איין וועג איז נאך פארבליבן פריי — דער ים.

דער אוונט איז געווען א קילער און אין דער שפעטער שעה האט נאר זעלטן־ווען א קונה אריבערגעטראטן דעם שוועל. דזשעק האט האלב געדרימלט הינטער דער פארבאנק. א זייגער עלף האט ער זיך אויפגע־הויבן און, א פארשלאפענער, זיך גענומען צומאכן ס׳קרעמל. ער האט צוגעשלאסן די טיר און געצויגן די שטריקלעך אונטער די לאמפן, וואס ער האט אויסגעלאשן איינעם נאכן אנדערן. ווען ער האט געהאלטן ביים לעצטן שטריקל, האט ער דערהערט א שארך ביי דער טיר. ער האט אויס־געדרייט דעם קאפ און דערזען מאריו׳ס סילועט אויף דער פארקרא־טעוועטער שויב פון אריינגאנג.

* * *

— האי! — האט אויסגערופן מאריו מיט א שמייכל — כ׳האב ניט געוואוסט, אז איר שליסט אזוי פרי.

— העללאו, מאריו!

— איך שטער אייך?

— ניין, קומט אריין. וואס מאכט איר?

— א דאנק, פיין. און איר? איר האט דאך שוין אויסגעלאשן ס׳ליכט — איז זי אלץ געבליבן שטיין אין דער טיר.

— קומט אריין! א שטילע געגנט, דער עולם גייט פרי שלאפן, איז מיר מיאוס געווארן צו זיצן איינער אליין. אבער אזא גאסט! — האט ער געזאגט און געמאכט א טריט אויף צוריק. זי איז אריין אינעוויניק. דזשעק האט אנגעצונדן א צווייטע לאמפ.

— באמיט זיך ניט! כ׳קום גראד פון בייבי־סיטינג, טאקע דא אין דער געגנט, האב איך געטראכט, אז כ׳וועל זיך אריינכאפן אויף א ווײַלע.

— וואו זיינט איר פארפאלן געווארן? מיר האבן געמיינט, אז איר וועט אמאל אריינקומען.

— געוועזן פארנומען, א נייער דזשאב.

— איר ארבעט בייטאג און אין אוונט גייט איר אויף בייבי־סיטינג? מארין האט א לאך געטאן:

— כ'ארבעט שוין ווידער ניט.

— פארוואס? — האט ער זיך ארויסגעכאפט.

— כ'וויים אליין ניט — האט זי נערוועז א שפרייז געטאן איבער דער סטארקע — די מאמע זאגט, אז כ'קען זיך ניט איינהאלטן אויף קיין דזשאב. דער אמת איז, אז אט די אלע ארבעטן זיינען מיר לאנגווייליק. זיי אינטערעסירן מיך ניט. אויפשטיין באגינען, לויפן אין אפיס, צוריק אהיים אין א געפאקטן סאבוויי.

— קומט, זעצט זיך א ווײלע. איר וועט עפעס טרינקען, יא? — האט ער גערעדט מיט ווארימקייט אין קול.

— ניין, א דאנק, כ'וועל גלייך גיין.

— איר'ט עסן אן אייזקרים, גוט? וואס פאר א סארט?

— באמת, באמיט זיך ניט, דזשעק. אלציינס... וואנילא און שאקא־לאד.

דזשעק האט געעפנט א דעקל דא און דארטן, געשעפט וואפלעס, גע־צאפט א גערדיכטן שאקאלאד־זאפט, ארויסגעפאמפעט סמעטענע־שוים פון אן אלומיניום־באטל, באשפרענקלט מיט שאקאלאד־קערנער און געמאלע־נע ניס. צום ערשטן מאל האט ער היינט געטאן די ארבעט מיט כוונה און הנאה. מארין האט זיך אונטערגעהויבן און זיך געזעצט אויף א הויכן טאבורעט.

— אה, א גאנצער סאנדעי! — האט זי זיך אנציקט און באלעקט די אויבערשטע ליפ. דזשעק האט אנגעצאפט א גלאז סאדא און אוועקגע־שטעלט לעבן בעכער אייזקרים. זי האט זיך ארומגעקוקט:

— אייער פרוי... סילוויע שלאפט שוין?

— יא, שפעט אין אוונט איז סאי־ווי ניטא קיין ארבעט פאר צוויי מענטשן.

— און די אלטע לײדי, מרס. גאטליב? וואס מאכט זי?

— זי איז פיין.

— זי אַנטלויפט ניט מער? — האָבן מאַריז'ס אויגן אַ לאַך געטאָן און זײַנען גלײַך געוואָרן ערנסט.

— שוין ווידער? ניין, ניט אַזוי אַפּט, ביז האַרבסט וועט זי שוין זיכער בלײַבן רואיק.

— וואָס איז דער מער מיט האַרבסט?

— דאַן קומען ווידער גרויסע ימים טובים...

— אַה, יאָ, ריכטיק! ווען מען פאַסט אַ גאַנצן טאָג, אמת? דאָס איי־דישע נײַ־יאָר — האָט מאַריז זיך אַ כאַפּ געטאָן.

— פאַסטן פאַסט מען צען טעג שפּעטער, יום־כּיפּור.

— אַה, כ'פאַרמיש זיי שטענדיק, די אידישע ימים טובים. און וואָס זאָגט זי, ווען זי קומט צוריק אַהיים?

— גאָרניט זאָגט זי. זי געדענקט אפשר גאָרניט, אַז זי איז ערגיץ־וואו געוועזן. זי שלאָפט זיך איבער און פּטור, ווי ס'וואָלט גאָרניט גע־שען.

מאַריז האָט געגעסן מיט הנאה און אַרומגעלעקט די ליפּן מיט דער צונג. דזשעק האָט ניט אַראָפּגענומען פון איר די אויגן. אירע רויטע פולע ליפּן, איר שטײַגער פון געניסן האָבן געוועקט אַ לייכטן רויש אין זײַן בלוט. ווען זי האָט פאַרענדיקט, האָט זי פאַרויכערט אַ סיגאַרעט און אַרויסגעבלאָזן אַ וואָלקן רויך פון מויל:

— אין האַרבסט וועט זי זיכער ניט קומען אין אונדזערע מקומות — האָט זי געזאָגט — עס כליאַפּעט פון הימל גאַנצע טעג, אויף די פעל־דער שטייען בלאָטעס, טיפע קאַלוזשעס אין די גאַסן, און עס בלאָזן שאַר־פע ווינטן. אין די נעכט הערט מען דאָס ברומען פון ים. דער ווינט וואָ־יעט צווישן די דעכער. אויך מיר ווילט זיך דעמאָלט ערגיץ־וואו אַנטלויפן.

זי האָט זיך צוריקגעבויגן, פאַרריסן דעם קאָפּ און נאָכגעקוקט די וואָלקנדלעך רויך, וואָס האָבן זיך געקרײַזלט איבער איר. דזשעק'ס בליק האָט זיך אַ גליטש געטאָן צו איר בוזים, וואָס האָט זיך לייכט געכוואַליעט אַרויף־אַראָפּ.

— וואוהין? — האָט ער געפרעגט.

זי האָט זיך אַ דריי געטאָן מיט דער טאַבורעט אין אַ האַלבן קרײַז און זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן דיל:

— כ'ווייס אליין נים — האט זי געזאגט — און איצט וועל איך שוין גיין.

זי האט א שפרייז געטאן צו דער טיר. „זי וועט אוועק און וועט זיך מער ניט ווייזן!" האט דזשעק א טראכט געטאן מיט א ציטער.

— איך... — האט ער זיך א ווײַלע געקווענקלט — ווארט א ווײַלע, כ'וועל אייך צופירן.

— איר דארפט זיך ניט באמיען, דזשעק, כ'בין געוואוינט צו גיין אליין ביינאכט. אויסערדעם נעם איך דא גלייך דעם אויטאבוס.

זי האט אבער געווארט. דזשעק האט א ווײַלע אויפגעהארכט. זיינע אויערן האבן אויפגעכאפט דאס אטעמען פון דער אלטער פרוי אין צימערל איבער דער וואנט. אויבן איז געווען שטיל. ער האט זיך גענומען אויסלעשן די לאמפן.

— כ'וועל אייך באגלייטן א שטיקל וועג — האט ער געזאגט, ווען זיי זיינען ארויס פאר דער גאס. ער האט טיף איינגעאטעמט די קילע לופט פון דער נאכט: — ס'איז גוט צו כאפן א שפאציר נאך אזא טאג!

די עוועניו איז געזונקען אין טיפן שלאף. נאר דא און דארטן האט א נעאן ליכט אויפגעשיינט איבער א וויטרינע, זיך אויסגעלאשן און זיך ווידער אנגעצונדן. אין דער ווייט האבן זיך געשווארצט די ביימער פון מארין־פארק און די נאכט האט געאטעמט מיט סוף־פרילינג. ביי דער אויטאבוס־סטאנציע איז מארין שטיין געבליבן און זיך ארומגעקוקט:

— כ'האב פיינט די ווארטעניש! — האט זי געזאגט — און ביי־נאכט קומט דער אויטאבוס אזוי זעלטן.

— לאמיר גיין א שטיקל וועג צופוס — האט פארגעשלאגן דזשעק.

זיי זיינען געגאנגען שווייגענדיק. איינצלנע אויטאס זיינען אייליק פארבייגעפארן. א גאזאלין סטאנציע איז נאך געווען אפן אויפן ראג. א מאן האט געדרימלט לעבן דער פומפע, זיצנדיק אויף א קעסטל, מיט א קודלאטן הונט צופוסנס. באלד זיינען זיי אנגעקומען צו דער ברייטער געריצן־עוועניו און זיך פארנומען רעכטס, אין דער ריכטונג פון ים. לענגאויס דעם טראטואר זיינען געשטאנען נידעריקע הייזקעס און אויסגעלאשענע קראמען און ווארשטאטן. קעגנאיבער האט די נאכט געהויערט איבער די פוסטע פעלדער. א דרום ווינט האט זיי געבלאזן אין פנים און אנגעטראגן אויף זיינע פליגלען דאס ברומען פון ים.

דזשעק האָט געקוקט אויף די פעלדער קעגנאיבער. די פינסטערנישׁ האָט איינגעהילט די בערגלעך און טאָלן און זומפּן און דיונעס. די לאַנד־קאַרטע מיט די פּאַרשפּיצטע פיילן האָט אויפגעטויכט אין זיין פאַרשטע־לונג. פּאַרטייעט הינטער די קוסטעס זיינען געלעגן באַוואָפנטע מחנות.

— און איר האָט לאַנג ניט געוואוסט, וואו ער איז פאַרפאַלן געוואָרן?

— האָט דזשעק פּלוצלונג א פרעג געטאָן.

— ווער?

— אייער פאָטער. דעמאָלט... ווען ער איז אַוועק קיין אירלאַנד.

— אַה!... גאַנץ לאַנג. ס׳איז שוין אַזוי לאַנג, כ׳בין נאָך דעמאָלט געווען אַ קינד.

— און די מוטער?

— וואָס די מוטער? — האָט זי גערעדט מיט אומווילן.

— זי אַרבעט?

— יאָ, זי אַרבעט, אוודאי אַרבעט זי.

— וואו?

— וואו?... — זי האָט זיך א ווײַלע געקווענקלט — אין אָפּיסעס... אין אַן אָפיס.

— איר זיינט דאָס איינציקע קינד אין שטוב?

— אָה, ניין — האָט זי א לאַך געטאָן — די אינגסטע נאָר. מיר זיינען געווען אַ גאַנצע כאָפּטע. די אַנדערע האָבן שוין חתונה געהאַט, וואוינען ניט אין דערהיים. ניט אַלע אפילו אין ניו־יאָרק.

ביי דער קומענדיקער סטאַנציע האָט זי זיך אָפּגעשטעלט און אויס־געדרייט דעם קאָפּ אויף צוריק:

— דאַכט זיך, אַז עס קומט־אָן א באַס — האָט זי געזאָגט — דאָס איבעריקע שטיקל וועג וועל איך שוין צופאָרן.

— יאָ, ס׳איז שוין שפּעט — האָט דזשעק א מורמל געטאָן.

— מיין פאָטער קלייבט זיך שוין מן הסתם אויפצושטיין. ער פאָרט אַרויס פאַרטאָג אויפן ים.

פון וויטן האָט מען געזען די באַוועגלעכע שיין־זיילן און די לייכטנ־דיקע פענסטערלעך פון אַן אָנקומענדיקן אויטאָבוס. באַלד וועט זי איינ־שטייגן. דזשעק האָט געוואוסט, אַז ער האָט שוין ווייניקער ווי א מינוט צייט.

— פאַרוואָס זעט מען אייך ניט? — האָט ער א פרעג געטאָן.

— פאַרנומען.

— איר אַרבעט דאָך ניט אַצינד —

— אָדער מען אַרבעט, אָדער מען איז פאַרנומען מיט זוכן א דזשאָב.

— קומט אַריין אַמאָל. סילוויע האָט שוין אויך איבערגערעדט, הלמאי מען זעט אייך ניט — האָט ער א רעד געטאָן שנעל — און ווי באַלד איר אַרבעט ביי אויפּפּאַסן אויף קינדער... זי זוכט עמיצן אויף א פּאָר שעה א טאָג אכטונג צו געבן אויף מייקלען.

דער אויטאָבוס האָט זיך א גליטש געטאָן צום ראַג, וואו זיי זיינען געשטאַנען.

— אויף דערווייַלע, פאַרשטייט זיך — האָט ער צוגעגעבן — ביז איר וועט געפינען א ריכטיקן דזשאָב.

— גוד־באַי — האָט זי געזאָגט און האָט א שפּרייז געטאָן צום ראַנד פון טראָטואַר.

— א גוטן! איר וועט קומען?

— יאָ. א גוטן! גרוסן, ספּעציעל פאַר מרס. גאָטליב — האָט מאַרין א רוף געטאָן און איז איינגעשטיגן.

דער אויטאָבוס האָט זיך גערירט. מאַרין האָט א שמייכל געטאָן צו אים דורך דער באַלויכטענער שויב. ער האָט זי נאָכגעפּאָלגט מיט די אויגן ביז דער אויטאָבוס האָט זיך פאַרקירעוועט און איז פאַרשוואונדן אין דער נאַכט.

קאַפּיטל פיר

„אַז אַ לייב שלאָפט, לאָז אים שלאָפן!"

מאַרין איז שנעל געוואָרן היימיש, אַז איינעגער מענטש ממש אין דער קענדי־סטאָרקע. אין אָנהויב פלעגט זי זיך אַריינכאַפּן בלויז אויף עטלעכע שעה אַ טאָג, ס'רוב אין שפּעטן נאָכמיטאָג, און פלעגט אַרויס־העלפן ביי כל'ערליי אַרבעטן: זי האָט אַרויסגעפירט מייקלען אויף אַ שפּאַציר אין פּאַרק, האָט פאַר אים צוגעגרייט וועטשערע און צוגעזען אַז ער זאָל זיך וואַשן פאַרן גיין שלאָפן. אַ פּאָר מאָל האָט זי אים גענומען צו דער פּלאַזשע אין ברייטאָן, וואו ער האָט זיך געגראָבן אין זאַמד און איז אַריינגעקראָכן ביז די קנעכלעך אין וואַסער; און איין מאָל האָט זי אים אָוועקגעפירט אַזש קיין קאָני־איילענד — צו די קאַרוזעלעס, פערד־לעך, עלעקטרישע אויטאָס און שיפלעך.

און איידער מען האָט זיך אַרומגעזען, האָט זי אָנגעהויבן פאַרבלייבן אַביסל שפּעטער. אין אָוונט, אַז ס'האָט זיך געמאַכט אַ גאַראַטשקע, האָט זי אַרויסגעהאָלפן ביים סערווירן די קונדן: דערלאַנגט אייזקרימס און סאָדאַס, אַ פּעקל סיגאַרעטן, אַ צייטונג. באַלד האָט מען איר אפילו גע־טרויט ביי דער קאַסע: זי האָט אַליין גענומען געלט, און אַרויסגעגעבן רעשטע, און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז זי האָט אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס און קען האַלטן חשבון.

— וואָס איז דאָ פאַראַן אַ סך צום רעדן? — האָט געזאָגט מרס. סאַנדראָ — טאָקע אַ שיקסע, אָבער ווי האָט יענער געזאָגט: „אַ שיקסע ביים רב קען אויך פּסקנ'ען אַ שאלה".

אין די אויגן פון דער אַלטער האָט זי שנעל נושא חן געווען. אין

מרס. סאַנדראַ'ס פאַרשטעלונג איז פאַרבליבן דער איינדרוק פון זייער ער־שטער באַגעגעניש, אַ מין בלאַסע דערינערונג אין וועלכער מאַרין איז געווען וואַנדאַ, די טאָכטער פון אַנטאַשקע דעם האַלצהעקער פון באַד־גאַס. זי איז איר דערפאַר גלייך געוואָרן היימיש. טיילמאָל האָט מרס. סאַנ־דראַ זי אַפילו גערופן וואַנדאַ, און מאַרין האָט געוואוסט וועמען זי מיינט.

— איי דזשעק? — דזשעק איז ניט געווען פון די מאַנסבילן, וואָס אַז זיי דערזעען אַ יונגע פרויענצימער קריגן זיי די ניכפּה און עס הויבט זיי אָן צו וואַרפן אין קדחת. אוודאי טאָר מען זיך ניט פאַרטשעפּען מיטן יצר־הרע און אַ מויד ווי מאַרין קען אַראָפּפירן אַ יונגנמאַן פון דרך הישר. ווי האָט יענער געזאָגט: פאַר אַ בלינדן זאָל מען קיין שטרויכלונג ניט לייגן און דעם בער פון וואַלד זאָל מען בעסער ניט אַרויסרופן. אָבער צוריק גערעדט, אַז ס'איז איינעם באַשערט דערטרונקען צו ווערן, קען ער זיך דערטרינקען אַפילו אין אַ לעפל וואַסער, און ס'מוז ניט זיין דווקא אַ יונגע בלאָנדע שיקסע. און בכלל, וואָס ווייסט דער מענטש? דער מענטש פאַרט און דער ריבונו־של־עולם האַלט די לייצעס.

סילוויע איז תחילת געווען מיסטעריאַיש און קאַלט. מילא אין שטוב ווי אין שטוב: מיטן קינד, אין קיך אַמאָל — אָבער אין ביזנעס? ווי קען מען נעמען אַ ווילד־פרעמד מיידל און זי צולאָזן צום קעש־רעגיסטער? ווער איז זי? ווער קען זי?

און נאָך אַנדערע קווענקלענישן האָט זי געהאַט, סילוויע — געהיי־מע חשדים, וואָס דאָס האַרץ זאָגט אַפילו דעם אייגענעם מויל ניט אויס אינגאַנצן: דזשעק איז נאָך אַ יונגערמאַן, קיין דרייסיק יאָר ניט אַלט, און מאַרין מיט אירע פולע היפטן, וואָס וויגן זיך אונטער די אייַנגעפּרעסטע הויזן, די פאַרשפּיצטע בריסט אירע אונטער דעם איינגעפּאַסטן סוועטער, די צעפּלאָטערטע האָר, מיט דעם גאַנג אירן, וואָס אַלע אירע גלידער הוידען זיך בשעת־מעשה ביי יעטווידן טריט — ס'איז ווי די מאַמע זאָגט: „קריכן מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנקן בעט".

אמת, דזשעק איז קיינמאָל ניט געווען קיין גרויסער צעלייגער אין די זאַכן. נאָך פון די שול־יאָרן האָט זי אים געקענט — זיי האָבן גע־לערנט צוזאַמען אין הײַ־סקול. ביז איר האָט ער, דאַכט זיך, אַפילו קיין ריכטיקע גוירל־פרענד ניט געהאַט. מיט בייזבאָל האָט ער זיך דווקא יאָ אינטערעסירט און דער'עיקר'שט איז ער געווען פאַרקאָכט אין ביכלער,

אַבער לעבן אַ מיידל פלעגט אים אָפּגענומען ווערן ס'לשון. ווער האָט אייגנטלעך צוערשט אָנגעהויבן — ניט זי? און שפּעטער? ווען זי נעמט אים ניט אין די הענט — און די מאַמע וואָלט אים ניט צוגעדריקט צו דער וואַנט — וואָלט פון דעם גאָרניט געוואָרן.

און אויך נאָך דער חתונה — ווען האָט מען אייגנטלעך געהאַט צייט? אַז אויפשטיין שטייט דזשעק אויף באַגינען, ווען ס'איז נאָך טונקל, זי הערט יאָ און זי הערט ניט ווען ער גייט אַרויס פון בעט; און ביינאַכט שליסט מען די סטאָרקע שפּעט, און דערצו בייט מען זיך אין די אָוונטן: ווען זי גייט אַרויף זיך לייגן, איז ער שוין פאַרזונקען אין אַ טיפן שלאָף — זאָל זי אים נעמען וועקן, וואָס? און ווען ער קומט אַרויף שפּעט זיך לייגן, דרימלט זי שוין, און אַז זי דרימלט ניט איז זי סתם מיד: איז יאָ — יאָ, ניט — ניט! און פון דעסטוועגן, איידער מען האָט זיך באַוויזן אַרומ־צוזען איז מייקל געבאָרן געוואָרן. און וויפל האָט געפעלט, אַז זי זאָל שוין האָבן אַ צווייטן? זי האָט אָבער ליבערשט געוואָלט צוואַרטן, נאָך אַ יאָר, אפשר צוויי. מען וועט זיך צוערשט איינשאַפן אַ טעלעוויזיע, אַן אויטאָ אפשר, זיך אַרומקוקן וועגן אַ געהעריקן אַפּאַרטמענט, אַן אייגן הויז אפשר מיט דער צייט. וויפל איז דער שיעור צו וואַוינען איבער דער סטאָרקע? און זי מוז אַלץ האַלטן אויפן קאָפּ. דזשעק גייט אין שפּאַן, דאָס אַלץ.

זי האָט פון שטענדיק אַן געוואוסט, אַז קיין גרויסער אויפטוער וועט ער ניט זיין. ער איז אָבער געווען אַ פיינער בחור, אַ שטילע נשמה, אַ נאָכגיביקער אַ ביסל. און וויפל איז דער שיעור צו וואַרטן? בפרט אַז די עלטערע שוועסטער אירע, בעווערלי, איז געבליבן אַ מיידל. זינט איר פריער יוגנט איז זי געווען באַהערשט פון אַ מורא, אַז זי וועט ניט קריגן קיין מאַן. מיט האַרץ־קלאַפּעניש און שרעק פלעגט זי וואַרטן אויף אַ טאַנץ־אָוונט, אַז אַ בחור זאָל זי איינלאַדן, און וויפל מאָל איז איר אויסגעע־קומען צו וואַרטן און וואַרטן! און דאָ האָט בעווערלי געענדיקט קאָלעדזש און געקראָגן אַ שטעלע ווי אַ לערערין, און די מאַמע האָט געהאַלטן אין איין טענה'ן: וואָס טויגן מיר די קאָלעדזשעס, אַז זי האָט ניט קיין מאַן? און דאָ האָט זיך נאָך געמאַכט די מלחמה און אַלע חבר'טעס האָבן אָנ־געהויבן חתונה־האָבן. ס'איז געווען הימל און ערד און חתונות. אַ פּאַניק איז זי באַפאַלן און אויך די מאַמע האָט זי ניט געלאָזט צו־רו: וואָס איז

דער תכלית? וואָס איז מיט דזשעק׳ן? איז אַז דזשעק איז געקומען אויף אורלויב, איז מען געגאַנגען צו אַ רב.

ווען ער איז צוריק געקומען פון דער אַרמיי, האָט זי געמיינט אַז ער וועט גיין ענדיקן קאַלעדזש, וועט ווערן אַן אינזשעניער, ווי איר ברודער מאַרטין, אַן אַקאַונטענט לכל־הפּחות, אָדער ער וועט זיך דערשלאָגן צו עפּעס אַן אינטעליגענטער ביזנעס, אַן אייגענער דראַג־סטאָר, אַ שטייגער. ער איז אָבער אַריין אין דער סטאָרקע, אויף דערווייל, אַזוי צו זאָגן, און ער איז שוין שטעקן געבליבן. אוודאי, פאַראַן לייט וואָס אַרבעטן זיך אַרויף אויך ביי קענדי־סטאָרס: זיי קויפן ערגיץ בזיל־הזול אַן אָפּגעלאָזענע סטאָרקע, אַרבעטן עס אַרויף, פאַרטאָפּלען דעם פּדיון, און פאַרקויפן עס ווייטער. ס׳איז אָבער ניט פאַר דזשעק׳ן. ווי קומט דזשעק צו אַזעלכע ביזנעס? ער גייט אין שפּאַן, דאָס אַלץ.

אמת, ער טוט זיין אַרבעט, זי קען זיך ניט באַקלאָגן, אָבער איר זאָלט זאָגן אַ נייע אידייע, אַן איינפאַל — דאָס ניט! וואָרים ווער האָט איינגעפירט קאַפע אין סטאָר — ניט זי? ס׳איז געווען איר איניציאַטיוו. אַמאָל האָט מען דאָרט ניט סערווירט קיין קאַפע, קאַלטע געטראַנקען בלויז. איז זי אַוועק און האָט געקויפט אַ סאַילקעס און האָט אָפּגערופן די גאַז־קאָמפּאַני, און מען האָט אָנגעהויבן סערווירן קאַפע און קוכן. זי האָט אויך געוואָלט אויסהאַקן אַ פענסטער צום פראַנט, אַז פאַרבייגייער זאָלן פון דער גאַס קענען קויפן אַ פּעקל סיגאַרעטן אָדער אויסטרינקען אין אַ הייסן טאָג אַ סאָדאַ אין פאַרבייגיין. מען וואָלט געדאַרפט איג־וועסטירן עטלעכע הונדערט דאָלער, אַ היפּשע סומע, ס׳וואָלט זיך אָבער געלוינט. אָבער דזשעק האָט זי ניט דערמוטיקט און ס׳איז דערפון גאָר־ניט ניט געוואָרן. אַזאַ איז ער שוין דזשעק: ער איז ניט קיין איינרייסער, ניט פון די מענטשן וואָס שטופּן זיך — אַזוי אין ביזנעס און אַזוי בכלל.

ס׳איז איר פון דעסטוועגן ניט געווען איינגאַנצן צום האַרצן, וואָס מאַרין האָט זיך אָנגעהויבן אַרומדרייען איבערן הויז אַזוי אָפּט. אמת, זי האָט זיך געגוויטיקט אין אַ ביסל הילף ווי ס׳לעבן — אַ מענטש קען זיך דאָך אַליין ניט צעריסן: די סטאָרקע, מייקל, די שטוב, און דאָ דאַרף מען נאָך האַלטן אַן אויג אויף דער מאַמען אויך. אָבער די ערשטע צייט איז זי אַרומגעגאַנגען אַ ביסל אָנגעדראָלן, זיך געהאַלטן פון דער־

װײַטנס, װי אײנער זאָגט: לאָמיר ניט װערן צופֿיל מחותנים! זי קען טאַקע איר דזשעק׳ן. אָבער װי זאָגט די מאַמע: „אַז אַ לײב שלאָפֿט, לאָז אים שלאָפֿן!״

זי האָט זיך שנעל אַרומגעזען, אַז דזשעק האָט ניט קײן שום מחזקות׳ן מיט דעם מײדל; ער קוקט אַפֿילו ניט אין איר זײַט. אַ שעמעװדיקער איז ער דאָך פֿון שטענדיק־אָן געװען, איז װי קומט ער טאַקע צו אַזאַ מױד? און מאַרין איז אַ מױד אַ ברען, זי טױג זיך אױס צו יעדער אַרבעט, און מײקל האָט זי ליב, און אױפֿן זײגער קוקט זי אױך ניט יעדע מינוט. און אַרנטלעך איז זי װאָס אַרנטלעך הײסט — מען קען איר געטרױען גאָלד. אַפֿילו צום פּדיון איז זי געװען אַ שטיקל סגולה, װאָרים יונגעלײַט האָבן געקלעפּט אַרום איר און איר געקוקט אין די אױגן. און מאַרין האָט גע־װאוסט װי צו שמײכלען, כאַטש אַנרירן — אַ מכה!

און אױסערדעם איז עס סאַ־װי געװען בלױז צײַטװײליק; ס׳װעט זיך איר אײַנגיכן זיכער מאַכן אַ דזשאָב. איז װי לאַנג װעט זי דאָ בכלל בלײַבן?

* * *

דזשעק האָט מיט איר קײן מחזקות ניט געהאַט, אָבער פֿון אינדער־פֿרי האָט ער געװאַרט אױף דער מינוט װען זי װעט אַריבערטראָגן דעם שװעל. און װען ער פּלעגט אין די באַגינענס װאַרפֿן אַ בליק אױף די ידיעות, װאָס זײַנען אָנגעקומען פֿון ישראל, פּלעגט אים גלײַך מאַרין קו־מען אױפֿן זינען. װאָס פֿאַר אַ סמיכות־הפּרשיות איז דאָ געװען? אין „פּאַלעסטאַין״ איז פֿאָרגעקומען אַ קאַמף פֿאַר אַ אידישער מדינה און מאַרין איז געװען אָן אײַרישע שיקסע; אַלץ װאָס זי האָט געהאַט צו דערצײלן װעגן דער צײַט װען איר פֿאָטער איז אַװעק קעמפֿן קײן אירלאַנד, האָט זי שױן דערצײלט — און דערצײלט האָט זי אומגערן און זײער װײניק. אין זײַנע אױגן האָבן זײ אָבער בײדע, ער און זי, געהערט צו דער אַנדער זײַט האַריזאָנט פֿון זײַן טאָג־טעגלעכן לעבן. און װען ער האָט איצט געטרױמט װעגן אַנטרינען, האָט ער מער ניט געװאוסט גענױ װאוהין: קײן איזראַעל אָדער סתם ערגיץ־װאו — װאו ער װעט זײַן אַלײן מיט מאַרינ׳ען.

שוין איצט האט איר אנוועזנהייט אים פארטראגן אין אן אנדער וועלט. זי האט געווארפן א שיין פון יום־טובדיקייט צווישן די פיר ווענט און ארייגעבלאזן אן אטעם פון פאעזיע אין הארץ פון פעני־ביזנעס. באַ־האלטענערהייט האט ער נאכגעפאלגט אירע באוועגונגען און געלויערט מיט דערוואַרטונג אויפן שמייכל, וואס פלעגט אויפליכטן אין די ווינקלען פון אירע ליפן. איר עלאסטישער גאנג, דער ציטער פון אירע רונדקייטן, דער פלאטער פון די האר איבער איר נאקן האבן אים אויפגעמונטערט און צענומען, און דער דערוואכטער אומרו האט אים פארטראגן צו זיינע זארגלאזע יארן צווישן דער מיטל־שול און דער מלחמה: ווען ער האט פארלאזן דאס עלטערן־הויז און געארבעט ביי אלערליי דזשאבס, עטלע־כע וואכן אויף איין ארט און א פאר חדשים ערגיץ־אנדערש, האט אפט געביטן די דירות, פלעגט זיך ארייכנכאפן אויף א צוביים אין א צופעליקן אויטאמאט אדער קאפעטעריע, האט זיך ארומגעשלאיעט אין פרייע שעה'ן איבער די גאסן און האט א סך געלייענט, ביז שפעט אין דער נאכט: צייט־שריפטן, ביכער, פאעזיע אפילו — אלץ וואס ס'איז אים געקומען אונ־טער דער האנט.

נאר א יאר זיבן־אכט זיינען אריבער זינט דעמאלט, און ער איז נאך קיין דרייסיק יאר ניט אלט געווען — ער איז אבער געווען א בעל־הבית פון א קענדי־סטאר, און א קענדי־סטאר מאן איז אן עלטערער מענטש.

מאריון האט געהערט צו יענער צייט — צו זיין פארלארענעם גן־עדן. ס'איז אים אצינד פארגעקומען, ווי זי וואלט דארט געווען — און זי איז געווען די פארבאטענע פרוכט: פון אט־דעם בוים זאלט איר ניט עסן און אט־די פרוכט זאלט איר ניט אנרירן. זי האט זיך געמאכט ניט וויסנדיק. זיי האבן זעלטן געשמועסט און נאר וועגן פראקטישע ענינים: וועגן ביזנעס אדער שטוב־זאכן. נאר טיילמאל האט א שעלמישער שמייכל א פינקל געטאן אין אירע אויגן, און דזשעק האט געוואוסט אז זי ווייסט. ער וואלט אפשר גערעדט מיט איר? אבער וואס זאל ער איר זאגן? ער האט געוואַרט אויף א ווארט, א צייכן.

הינטער דער פארבאנק איז געווען ענג, עס זיינען דארט ארומגע־שטאנען פלעשער, קארטאנס, אלערליי כלים. אין פארבייגיין דארטן האבן זיי זיך טיילמאל ווי ניט־ווילנדיק באריט. איינמאל איז אים פארגעקומען

ווי מאַרין וואָלט זיך א ווײלע פאַרהאַלטן, ווען זי האָט זיך פאַרבייגעשאַרט לעבן אים. ער איז געשטאַנען מיטן רוקן צו דער וואַנט. די באַרירונג פון איר גוף האָט ווי פאַרשאַרפט זיינע חושים. ער האָט דערשפירט די היץ פון איר לייב, וואָס האָט דורכגעשלאָגן דורך אירע קליידער, דעם ריח פון אירע האָר, פונעם לייכטן שווייס אויף איר הויט. זיינע הענט האָבן זיך א צי געטאָן צו איר און די שפּיצן פון זיינע פינגער האָבן א גלעט געטאָן אירע אַנטבלויזטע אָרימס. ער האָט געוואָרפן א שנעלן בליק צו דער טיר. זיי זיינען געווען אַליין. איין אויגנבליק האָט זי זיך דערנענטערט און אים צוגעדריקט מיט איר גוף צו דער וואַנט. באַלד האָט זי זיך א גליטש געטאָן און איז אַרויס אויף דער אַנדער זייט פאַרבאַנק.

ער האָט זיך דערפילט אַנטוישט און אָפּהענטיק. האָט זי זיך סתם א שפּיל געטאָן מיט אים? און וואָס וועט זי איצט טראַכטן וועגן אים? זי וועט מיינען, אז דאָס איז ביי אים דער עיקר! אָבער דאָס איז כלל ניט דער עיקר ביי אים. און אפשר איז עס דער עיקר? זי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו אים. אירע אויגן האָבן געשמייכלט. ער וואָלט געדאַרפט רעדן מיט איר! וואָס? ווי?... און אפשר האָט זי שוין עמיצן? זיכער האָט זי שוין עמיצן! יענעם, מיט וועלכן זי איז געגאַנגען בייַנאַכט אין די פעלדער, זיך אויסבאַהאַלטן צווישן די קוסטעס, אויסגעצויגן אויפן ווייכן גראָז.

זיין צעשוואומענע מעלאַנכאָליע איז ביסלעכווייז אַריבער אין א קלאָרער לוסט. ס'האָבן זיך געשטעלט הייסע טעג און מאַרין האָט געטראָגן דינע קליידער. דער צאַפּל פון איר בוזים האָט אים פאַרשלאָגן דעם אָטעם און צעמישט די רעיונות. תחילת האָט ער זיך געשעמט מיט די געפילן פון תאווה, וואָס זי האָט אין אים געוועקט. איין מאָל, אין א דושנעם פאַרנאַכט, איז ער אַרויס פאַר דער גאַס, כדי אויסצולייגן די בלעטער וואָס אן אייליקער ליפעראַנט האָט אַראָפּגעוואָרפן אויפן טראָטואַר. ווען ער איז צוריק געקומען, איז מאַרין געשטאַנען הינטער דער פאַרבאַנק און האָט אָפּגעוואַשן כלים אונטער דעם קראַן. זי איז געווען אַליין. א ווײלע איז ער געשטאַנען קעגנאיבער איר און האָט געקוקט אויף אירע פולע אַנטבלויזטע אָרימס, וואָס האָבן זיך פלינק באַוועגט אַרויף־אַראָפּ. זי האָט זיך א בויג געטאָן אויף פאַרנט און האָט א זוד געטאָן מיט דער האַנט אין בעקן מיט וואַסער. פון אונטער איר אָפענער בלוזע האָבן צו אים

ארויפגעקוקט אירע בריסט. ער האט א שפריין געטאן ארום דער פאר־באנק, וואס האט זיי אפגעטיילט ווי א מחיצה. די לופט צווישן די פיר ווענט איז געווען אנגעפארעט און שטיקעדיק. ער האט געטראשן ווי דורך א נעפל. מארין׳ס אויסגעבויגענער גוף האט פארשטעלט דעם ענגן דורכ־גאנג. ער האט זיך אפגעשטעלט הינטער איר. איר לייב איז געווען היים, צעפארעט, און דאס קאלטע וואסער האט אראפגעפליצט איבער אירע הוילע ארימס און געשפריצט אין די גלעזער. זי האט ווי ניט באמערקט זיין נאענטקייט; זי האט נאר אויפגעהויבן דעם קאפ און געווארפן א שנעלן בליק צוביידע טירן, און אירע פינגער האבן זיך באוועגט האס־טיקער אין די כלים. זיינע ליפן האבן באריט איר אקסל. און מיטאמאל האבן אירע היפטן א ציטער געטאן אנטקעגן זיין לייב. זי האט זיך אויס־געדרייט מיטן פנים צו אים:

— אה, דזשעק!... נ יי ן !

אן אויגנבליק זיינען זיי שטיין געבליבן פנים אל פנים, נאענט, ווי איבערוועלטיקט פון אויפרעגונג און דערוואַרטונג. אירע באקן זיינען גע־ווען צעפלאמט, די ליפן — אפן. א פייכטע גלאז האט זיך ארויסגע־גליטשט פון איר האנט און איז אריינגעפאלן מיט א פלוד אין בעקן וואסער.

— ניט דא! — האט זי שטיל א מורמל געטאן.

און מיטאמאל האט זי זיך אויסגעניכטערט. זי האט פארדרייט דעם קראן און איז מיט פלינקע טריט ארויס פון הינטער דער פארבאנק. דער־נאך האט זי עס ווי פארגעסן, ווי ס׳וואלט גארניט פארגעקומען צווישן זיי. אין די קומענדיקע טעג האט זי זיך אפילו געהאלטן מער פון דער־ווייטנס, גלייכגילטיק. פאר דזשעק׳ן איז זי געווארן ווי א רוף אין וואלד, וואס האט פלוצלונג אויפגעוואכט אין א פארהיימישטער חייה.

* * *

ווער איז זי? אפשר האט סילוויע געוואוסט מער? דזשעק האט אפט־מאל געהערט ווי זיי האבן געשמועסט אין די צימערן אויבן, אין קיך. אבער נאר ברעקלעך פון רייד האט ער אויפגעכאפט. ס׳רוב האבן זיי

גערעדט וועגן איינקויפן, שטוב־זאכן, קאַפּווייטיק, מציאות, פּאַטראָוועס, קינדער. פון צייט צו צייט איז סילוויע צוגעשטאַנען:

„פאַרוואָס קומט ניט אַמאָל אייער מוטער פאַרביי?"

„זאָל זי אַמאָל אַריינפאַלן, גוט?"

מאַרין האָט זיך אַרויסגעדרייט מיט כל'ערליי אויסרעדן. אָבער איינ־מאָל א נאָכמיטאָג איז איר מוטער דערשינען אויפן שוועל פון דער קענ־דיי־סטאָר. מאַרין איז גראָד געווען אין פּאַרק מיט מייקלען. מרס. אָ'ברייען האָט זיך פאַרגעשטעלט און סילוויע האָט זי פאַרבעטן אינעווייניק:

— האַו דו יו דו?

— האַו דו יו דו? צופרידן אייך צו זען!

קאפּיטל פינף

געסט אין מיטן דער וואָך

סילוויע האָט מכבד געווען דעם גאַסט מיט אַן אייזקרים־סאָדאַ, „שוואַרץ און ווייס", ביים טישל אין הינטערגרונט — ניט אויף אַ טאַבור־רעטקע ביי דער פאַרבאַנק — וואו מען פלעגט אויפנעמען אייגענע מענטשן, און האָט זיך צוגעזעצט לעבן איר. אַ ברייטע, עטוואָס אַ צעגאָסענע, מיט גרויע האָר אויף די שלייפן און דיקע אויסגעהאָרעוועטע הענט, האָט מרס. אַ'ברייען געצויגן פאַמעלעך, מיט הנאה, פון קאַלטן געטראַנק דורך אַ שטרוי, און אין אַ הפסקה געמאַכט סילוויען אַ קאָמפּלימענט, אַז זי איז אַ גוטע בעל־הבית'טע און אַז זי באַהאַנדלט איר טאָכטער אויפן בעסטן אופן:

— זי זאָגט, מאַרין, אַז זי פילט זיך ביי אייך ווי אין דערהיים!

— זי איז אַ פיין קינד — האָט סילוויע געענטפערט מיט אַ קאָמ־פּלימענט — און זי האָט אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס.

— יאָ, זי איז שטענדיק געווען אַ קלוג קינד, מאַרין, זייער אַ פּעאיקע — האָט מרס. אָ'ברייען מסכים געווען — אָבער וואָס קומט אַרויס? זי וואָלט באַטש געדאַרפט געפינען אַ ריכטיקן דזשאָב, אַ סטאַבילן. מיר אַליין איז שווער, אָפּגעהאָרעוועט אַ לעבן, און אינגער ווערט מען אויך ניט. כ'פאַרלאַנג גאָרניט פון איר, אָבער אַ מיידל אין אירע יאָרן איז אַ בעל הוצאה: מען דאַרף זיך אָנטאָן ווי געהעריק, דאָ אַ קליידל, דאָ אַ פּאָר שיך...

— יאָ, און ביים היינטיקן יקרות!... ביי וואָס אַרבעט איר, אויב איך מעג פרעגן — האָט געפרעגט סילוויע.

— אין אָפּיסעס.

— יאָ, מאַריון האָט אונדז דערציילט, מאַריון אַרבעט דאָך אויך געװײנלעך אין אַן אָפּיס?

— נײן, איך אַרבעט בײם אױפּרוימען אין אָפּיסעס, אין אַ גרױסער ביוראָ־געבײדע, דאַון־טאַון.

— אַה! — האָט סילוויע ניט־װילנדיק אױסגערופן.

— מען אַרבעט בײ װאָס עס לאָזט זיך — האָט מרס. אָ'ברײען אַ זיפּץ געטאָן מיט רעזיגנאַציע — קײן געלערנטע בין איך ניט, און אַ לעבן מאַכן מוז מען.

— אַה, פאַרקערט... — האָט סילוויע אַ מורמל געטאָן.

— יאָרן־לאַנג האָב איך אַלײן געמוזט מפרנס זײן די משפחה. װאָס טוט ניט אַ מאַמע פאַר קינדער?

— יאָ, מיר האָבן געהערט, מאַריון האָט אונדז דערציילט.

— געמאַכט קינדער פאַר לײט. ס'איז דען אַזױ לײכט? און אַז די קינדער זײנען אױנטערגעװאַקסן װילט זיך ניט אָנקומען צו זײ. מיט די יאָרן געװאױנט מען זיך צו, די אַרבעט גופא איז ניט קײן שװערע, אָבער —

— הײנט די אַרבעט איז שטוב! — האָט געזאָגט סילוויע מיט מיט־געפיל — אַ פרוי האָט אויך אין דערהײם גענוג אַרבעט.

— כ'טו עס אין דערפרי, פאַראַן גענוג צו טאָן דעם גאַנצן פרימאָרגן. אױף מײן דזשאָב גײ איך ערשט נאָכמיטאָג, אײנגנטלעך פאַרנאַכט — האָט דערציילט מרס. אָ'ברײען — נאָכדעם װי מען שליסט די אָפּיסעס. דערפאַר האָב איך טאַקע איצט אַ װײלע צײט, כאָטש איך דאַרף שױן באַלד גײן. אַמאָל קום איך אַביסל פריער און כ'זע װי די מײדלעך אַר־בעטן דאָרטן, אין די אָפּיסעס. נישקשה, זײ אַרבעטן זיך ניט איבער. בײ דער שרײב־מאַשין בלײבן די הענט פריש און מען נעמט זיך צײט צו כאַפּן אַ שמועס, װען דער באָס שטײט ניט הינטער דער פּלײצע. מאַריון האָט דען ניט געקענט האָבן אַזאַ דזשאָב? װען זי װאָלט נאָר געװען מער מענטש?

סילוויע איז געװאָרן מיסטרויאיש:

— זי אַרבעט דאָך געװײנלעך אין אַן אָפּיס, מאַריון, נײן? — האָט זי געפרעגט.

— אָבער בײ װאָס? מײסטנס בײם טעלעפאָן־קעסטל אָדער אין דער עקספּעדיציע. כ'האָב זיך בײ איר געבעטן, אַז זי זאָל זיך אַרױסשלאָגן

די נאַרישקייטן פון קאָפּ און זיך ליבערשט אויסלערנען אַ נוצלעכע פּראָ־פעסיע. אָבער זי איז געפלויגן אין די הימלען. משוגעת׳ן זיינען איר גע־לעגן אין קאָפּ.

דאָ איז מרס. סאַנדראַ דערשינען אויפן שוועל פון דער סטאַרקע. זי האָט דערזען די צוויי פרויען פאַרטיפט אין אַ שמועס און זיך גלייך אַ שאַר געטאָן צו זייער טיש. סילוויע האָט פאַרגעשטעלט און מרס. סאַנדראַ האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ שטול און האָט צוגעהערט.

— וואָס האָט זי געוואָלט ווערן? — האָט סילוויע פאַרגעזעצט דעם שמועס.

— וואָס? כ׳וויים? אַ טענצערין, אַן אַרטיסטקע. ס׳איז דען פאַר אונדזערע מענטשן? אין דער שולע איז זי געווען פעאיק אויף די זאַכן, זי האָט געקענט טאַנצן, זינגען, שפּילן טעאַטער, און איין מאָל האָט זי געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג אין אַ פאַרשטעלונג אין האַי־סקול. מען האָט זי באַשריבן אין דער ברוקלינער ציימונג, אריינגעשטעלט איר בילד אין בלאַט. זינט דעמאָלט האָט זיך איר פאַרדרייט דער קאָפּ: האָליוואוד, פּיל־מען, סטאַרס. וואו נאָר זי האָט געכאַפּט אַ פּעני, איז זי געלאָפן אין קינאָ. ס׳איז ניט פאַר אונדזערן איינעם. אונדזער איינער דאַרף זוכן אַ שטיקל תכלית, אַ פּאַסיקן דזשאָב.

— אוודאי, — האָט מרס. סאַנדראַ אונטערגעזיפצט — ווי האָט יע־נער געזאָגט: „אַז מען ליגט אויף דער ערד, קען מען ניט פאַלן״.

— ריכטיק ווי גאָלד — האָט מרס. אַ׳ברייען מסכים געווען — זאָגט עס טאָקע מאַרין׳ען, אייך וועט זי אפשר גיכער פאָלגן. דעם אמת געזאָגט, האָב איך שטענדיק געהאָפט, אַז ס׳וועט פון איר עפּעס ווערן: אַז זי וועט נעמען אַ קורס אין ביזנעס און קריגן אַ גוטן דזשאָב, אַ שטעלע אין אַ באַנק, צום ביישפּיל, אָדער זי וועט ווערן אַ לערערין. אַ סך פון אירע חבר׳טאָרינס זיינען געוואָרן לערערקעס אין שולן אָדער אין קינדער־גאָרטנס. אָבער זי, גאָרניט... אַנדערע זאַכן זיינען איר געלעגן אין קאָפּ. איז אָדער זי זיצט ביים טעלעפאָן־קעסטל אָדער אין שיפּינג־רום. און קיין זיך־פלייש האָט זי אויך ניט: אַ דזשאָב אַריין, אַ דזשאָב אַרויס. ווען זי וואָלט כאָטש חתונה געהאַט, וואָלט מיר אויך אַראָפּ אַ יאָך פון קאָפּ. אַזאַ מיידל!

— אַזאַ מיידל ווי מאַרין, אַ געראָטענע, אַ שיינע, אַ קלוגע... איר

װעט נאָך זען, װאָס דער סוף װעט זײַן: זי װעט קריגן אַ רײַכן מאַן און שװין! — האָט מרס. סאַנדראַ נביאות־געזאָגט.

— ס'רעדט זיך דען װעגן רײַכקײט? — האָט מרס. אַ'ברײַען אַרונ־טערגעזופּט ס'לעצטע ביסל סאָדאַ — געלט מאַכט נאָך אַ מענטשן ניט גליקלעך.

— אװדאי! — האָט מרס. סאַנדראַ מסכים געװען — פֿאַראַן דאָרע גבירים און פֿעטע אַרימעלײַט, אָבער װי האָט יענער געזאָגט: „ס'איז ניט אַזױ גוט מיט געלט, װי ס'איז שלעכט אָן דעם".

— אָט דאָס מײַן איך טאַקע: אַ מענטש דאַרף דאָך טראַכטן װעגן אַ רעגנדיקן טאָג — האָט געזאָגט מרס. אַ'ברײַען און זיך אױפֿגעהױבן פֿון שטול — אָבער זי איז פּונקט װי דער טאַטע אירער! דעם טאַטנ'ס בלוט...

— װאָס מײנט איר? — איז סילװיע געװאָרן נײַגעריק.

— אַ, גאָרניט — האָט מרס. אַ'ברײַען אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — איצט װעל איך שױן גײן. זיך פֿאַררעדט און דערװײַלע איז שפּעט געװאָרן. בײַ אונדזער אַרבעט איז בעסער צו קומען באַצײַטנס, אַ פּאָר מינוט פֿריער. און מיט די איצטיקע סאָבװײס װײסט מען דען װי לאַנג עס װעט געדױערן?

— אפשר װעט איר טרינקען נאָך עפּעס? אפשר אַ קאַפֿע? — האָט סילװיע איר אָנגעבאָטן.

— נײן, אַ דאַנק. ס'איז אפֿילו אַ הײסער טאָג, אָבער כ'בין ניט דורשטיק.

— איר װעט נאָך פֿון איר האָבן נחת — האָט געזאָגט מרס. סאַנ־דראַ — יעדער באַרג־אַראָפּ האָט זײַן באַרג־אַרױף.

— בײַ אונדז אין די אָפּיסעס האָט מען מיר עפּעס צוגעזאָגט פֿאַר איר — האָט געזאָגט מרס. אַ'ברײַען — װען זי װאָלט זיך נאָר געהאַלטן אױף אַ דזשאָב!

זי האָט זיך נאָכאַמאָל באַדאַנקט. מען האָט זיך געזעגנט. סילװיע האָט אַרױסבאַגלײט דעם גאַסט צו דער טיר.

— איר האָט זײער אַ קלוגע מוטער — האָט געזאָגט מרס. אַ'ברײַען פֿאַרן אַװעקגײן — און װי מאַרין האָט מיר דערצײלט, איז זי זײער אַ

פרומע, גייט יעדע וואָך אין דער סינאַגאָגע. איך גיי אויך יעדן פרימאָרגן אין קירכע. די היינטיקע דורות זיינען ניט דאָס וואָס די אַמאָליקע.

* * *

מר. וויליאַם אָ׳ברייען איז געווען דזשעק׳ס גאַסט. ער איז איינמאָל אין אַ הייסן פאַרנאַכט פאַרפאָרן לעבן דער סטאָרקע און האָט אַ רוף געטאָן דורך דעם אָפענעם פענסטער פון וואָגן:

— האַי, מיין טייערע!

— ס׳איז פּאַ! — איז מאַרין אַרויסגעלאָפן פאַרן שוועל.

דזשעק האָט אַרויסגעקוקט דורך דער אויפגעפּראַלטער טיר. „דער איירישער קעמפּער!" — האָט ער אַ טראַכט געטאָן און גלייך דערפילט אַ טיפן דרך־ארץ פאַר דעם אומבאַקאַנטן מאַן. מר׳ אָ׳ברייען איז אויס־געשטיגן און איז שטיין געבליבן אויפן ראַנד פון טראָטואַר.

— כ׳בין גראָד פאַרביי־געפאָרן מיט מיין טאַראַדאַיקע, האָב איך אַ קלער געטאָן, אַז כ׳על אַ קוק טאָן וואָס דו מאַכסט — האָט ער גערעדט צו זיין טאָכטער.

— קום אַריין אויף אַ ווײַלע, פּאַ! — האָט מאַרין אים אַריינגעפירט אינעווייניק: — דאָס איז מיין פאָטער, און דאָס איז מר. בינאָוער, דזשעק — האָט זי פאָרגעשטעלט.

— וואָס מאַכט איר? — האָט געזאָגט דזשעק און באַטראַכט דעם גאַסט.

— האַו דו יו דו? — האָט מר. אָ׳ברייען אַ שפּרייז געטאָן נענטער צו דער פאַרבאַנק. אַ הויכער, אַ ברייטפּלייציקער, איז ער געווען אָפּגע־ברוינט פון דער זון און האָט געטראָגן אַן אָפענע בלוזע, אַן אַ שניפּס, אונטער אַ דינעם ווינט־רעקל פון צוויי פאַרבן: טונקל ברוינע אַרבל און העלער בעזש אינמיטן.

— ס׳איז הייס! — האָט ער געזאָגט און האָט אָפּגעווישט די טראָפּנס שווייס פון שטערן.

— יאָ, ס׳איז הייס.

— און דאָרט איז מרס. סאַנדראַ — האָט מאַרין פאָרגעשטעלט די אַלטע, וואָס האָט האַלב געדרימלט ביים טיש אין הינטערגרונט.

— וואָס מאַכט איר? — האָט מר. אָ'ברייען זיך לייכט פאַרנויגט. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף דער פאַרבאַנק און אָנגעוויזן אויף דזשעק'ן מיט מאַרין'ען: — ס'איז זייער וועלט, די יוגנט, מיר ווערן אַלט.

— ווי האָט יענער געזאָגט: „אַז מען וויל ניט אַלט ווערן, זאָל מען זיך יונגערהייט אויפהענגען" — האָט מרס. סאַנדראַ א זאָג געטאָן ווי פון שלאָף.

— גאָלדענע ווערטער! — האָט מר. אָ'ברייען מסכים געווען און א שמייכל האָט זיך צעלייגט אין די קנייטשן אַרום זיין מויל.

— זעצט זיך צו א ווײַלע, מר. אָ'ברייען — האָט דזשעק אים פאַר־בעטן — איר וועט עפּעס טרינקען, יאָ? אַזאַ היץ! וואָס וועט איר טרינ־קען?

— אַלציינס. זאָל זיין א קלאָב־סאָדאַ.

ער האָט פאַרוואָרפן א פוס איבער א טאַבורעטקע, זיך אַרויפגעשאַרט אויבן און צוגעטראָגן דאָס גלאָז צו די ליפּן:

— וואָסער! — האָט ער זיך פאַרקרימט — אין אַזאַ הייסן טאָג איז גוט צו טרינקען א ביר.

— אין א קענדי־סטאָר טאָר מען ניט האַלטן קיין ביר — האָט דזשעק זיך אַנטשולדיקט.

— כ'ווייס, איז אפשר גייען מיר אַריין אין באַר אויפן ראָג? די ווייבער וועלן זיך דאָ א ווײַלע אַן עצה געבן אָן אייך.

— יאָ... גוט... — האָט דזשעק א שמאָל געטאָן. ס'איז אים געווען אומאַנגענעם וואָס זיין כיבוד האָט ניט נושא חן געווען אין די אויגן פון חשוב'ן גאַסט; פון דער אַנדערער זייט איז ער אָבער געווען צופרידן, וואָס ער וועט מיט אים בלייבן אויף פיר אויגן: מען וועט קענען שמועסן פרייער, ער וועט אים אויספרעגן וועגן יענע יאָרן, זיך דערוויסן אַלערליי פּרטים, וואָס מאַרין האָט אויסגעמיטן צו רעדן וועגן זיי.

— ביז שפּעטער, מיין טייערע! — האָט מר. אָ'ברייען זיך געזעגנט מיט זיין טאָכטער. און צו מרס. סאַנדראַ האָט ער געזאָגט: — א גוטן, מיין לידי, א ביר מעג מען דאָך אויסטרינקען אין אַזאַ היץ, אמת? ביר איז ניט קיין בראָנפן!

מרס. סאַנדראַ האָט זיך שוין פאַר דער צייט איינגאַנצן אויסגע־טשוכעט פון שלאָף.

— וואָס מען גיט־אויס ווינטער אויף הייצונג, גיט מען אויס זומער אויף נאַרישקייטן — האָט זי געזאָגט.

— די אידן זיינען א קלוג פאָלק — האָט געזאָגט מר. אַ׳ברייען ווען ער איז ארוים מיט דזשעק׳ן אין גאַס — און איצט, אַז זיי קענען אויך דערלאַנגען אַ קלאַפּ...

„איצט וועלן מיר כאַטש עפּעס הערן!" — האָט געטראַכט דזשעק, גייענדיק הינטער דעם גאַסט. ער האָט ביז איצט קיינמאָל ניט איבערגע־טראָטן דעם שוועל פון סאַלון אויפן ראָג. ווען ער איז געקומען פון דער אַרמיי, איז ער אַ פּאָר מאָל אַריינגעפאַלן מיט גוטע ברידער אין אַ טראַק־טיר; ס׳איז אָבער געווען מיט יאָרן צוריק און אין אַן אַנדער געגנט. אָבער דאָ, אין דער אייגענער שכנות, — וואָס וואָלט מרס. סאַנדראַ געזאָגט?

מר. אַ׳ברייען האָט געפירט דעם וועג. אינעווייניק האָט עס אויס־געזען ענלעך ווי אין דער קענדי־סטאָר, נאָר פייערלעכער, מיט שטימונג: דער פאַרבאַנק — פון מאַסיוון, טונקל־ברוינעם האָלץ, קאָלירפולע פלע־שער מיט פאַרביקע עטיקעטן אין דער לענג און אין דער ברייט פון אַ גאַנצער וואַנט, ברייטע ווייכע שטולן אַרום טישן אין הינטערגרונט, און דאָס גאַנצע — איינגעהילט אין אַ געדעמפטן רויטלעכן ליכט, וואָס האָט אַראָפּגענידערט פון ערגיץ־וואו אויפן סופיט, און אין מעלאַנכאָלישע קלאַנ־גען וואָס האָבן אַרויסגעשטראָמט פון אַ קעסטל צווישן די פלעשער.

מר. אַ׳ברייען האָט באַשטעלט צוויי ביר, דערלאַנגט אַ גרויסן זופּ פון זיין גלאָז און אָפּגעווישט דעם שוים פון די ליפּן:

— די אידן געפעלן מיר לעצטנס — האָט ער געזאָגט — אַמאָליקע יאָרן האָב איך ניט געהאַלטן צופיל פון די אידן. ניט וואָס כ׳האָב זיי פיינט געהאַט, פאַרוואָס זאָל איך זיי פיינט האָבן? אָבער צו קלוג פאַר מיר! איר פאַרשטייט? אָבער איצט, אַז די אידן אין פּאַלעסטאַין האָבן גע־נומען דערלאַנגען די ענגלענדער, געפעלן זיי מיר. כ׳האָב זיך גאַרניט פאַרגעשטעלט, אַז זיי קענען אַזוי גוט דערלאַנגען.

דזשעק האָט געזופּט פּאַמעלעך פון זיין גלאָז און געמאַכט אַ פאַר־זיכטיקע באַמערקונג:

— איצט שלאָגט מען זיך דאָרטן מיט די אַראַבער, מר. אַ׳ברייען.

— איר קענט מיך רופן פשוט ביל. אַלע רופן מיך ביל.

— די ענגלענדער האבן פארלאזט דאס לאנד.

— אראבער אדער בריטישע, ס'איז איין שייקע! — האט ביל זיך א כאפ געטאן — און וואס מיינט איר, זיי האבן פארלאזט פאלעסטאינ? ענגלענדער פארלאזן קיין מאל ניט יענעמס לאנד. טרייבט זיי דורך דער טיר, און זיי קומען צוריק דורכן פענצטער. מיר, אז איירישמאן, קענט איר אזעלכע זאכן ניט דערציילן! מיר פארשטייען זיך אויף זיי. און איר־לאנד האבן זיי שוין אין גאנצן אפגערוימט? פרעגט די אידן אין פא־לעסטאינ. וועלן זיי אייך דערציילן ווער די בריטישע זיינען. טאקע דער־פאר שלאגן זיי זיך אזוי גוט. ס'וואלט מיר כלל ניט איינגעפאלן, אז זיי קע־נען אזוי גוט דערלאנגען. מיין גרעסטער רעספעקט, בפרט אז זיי דערלאנגען די בריטישע. איך וואלט אליין צוגעפארן צולייגן א האנט, כאטש מען איז שוין אביסל צו אלט פאר די זאכן.

דזשעק האט איינגעזען, אז ער וועט שוין ביל'ן ניט איבערצייגן, האט ער מיט א האלבן מויל א פרעג געטאן וועגן מער פערזענלעכע עני־נים:

— און ווי איז עס געווען מיט אייך?

— מיט אונדז? וואס מיינט איר „מיט אונדז"?

— יא, ווען איר האט געפירט דעם קאמף קעגן די בריטישע.

— אה? פונקט ווי אין פאלעסטאינ, טאקע ממש דאס זעלביקע. אונ־דזערע האבן געווארפן באמבעס און זיי האבן ארעסטירט און געהאנגען, און אונדזערע האבן אויפגעריסן צוגן און זיי האבן איינגעפירט א באלא־גערונגס־צושטאנד. פונקט ווי אין פאלעסטאינ.

וועגן זיך פערזענלעך האט ער קיין ווארט ניט געזאגט און דזשעק האט זיך זשעניטרט צו פרעגן דירעקט וועגן אינטימע ענינים. זיי האבן דערווייל אויסגעליידיקט די גלעזער און דזשעק האט באשטעלט א צווייטע רונדע. מר. א'בריען האט אנגעהויבן רעדן וועגן עפעס אנדערש:

— קומט אמאל ארויס א זונטיק מיט דער משפחה, גוט? מיר'ן ארויספארן אויפן ים. כ'האב מיין אייגן מאטאר־שיפל. מיר'ן ארויספארן אויפן ים און כאפן פיש. איר וועט הנאה האבן.

— יא, מיר'ן ארויסקומען — האט דזשעק צוגעזאגט מיט א האלבן מויל.

— כאַפּט אַריין כּל זמן עס שטייען שיינע טעג! — האָט געזאָגט ביל — און כּל זמן איר זיינט יונג.

* * *

אין עטלעכע טעג אַרום האָט דזשעק געהערט ווי מאַרין רעדט אויבן אין די צימערן מיט סילוויען וועגן אַ נייעם דזשאָב, וואָס זי האָלט ביים קריגן. ער האָט זיך אַ שאַר געטאָן צו דער טיר און האָט אויפגעהאָרכט.

— די מוטער האָט עס פאַר אייך געקראָגן? — האָט געפרעגט סיל־וויע.

— יאָ.

— זי איז אַ טיכטיקע פרוי, אייער מוטער, געהאַט אַ שווער לעבן.

— כ׳דאַרף זיך ערשט מעלדן אויף אַן אינטערוויו צו איינעם אַן עקזעקיוטיוו, אַ גרויסער שישקע — האָט מאַרין דערציילט.

אינמיטן איז דאָרט אַריין מרס. סאַנדראַ. זי האָט זיך געגוי אויסגע־פרעגט וועגן אַלע פּרטים און האָט פאַרענדיקט מיט אַ ווינטשעוואַניע:

— זאָל זיין מיט מזל!

— כ׳ווייס נאָך ניט, צי ס׳וועט דערפון עפּעס ווערן — איז מאַרין געווען פּעסימיסטיש.

— פאַרוואָס ניט? אַז מען ווערט עלטער, ווערט מען געזעצטער — האָט געזאָגט סילוויע.

— ס׳וועט זיכער עפּעס ווערן! — האָט מרס. סאַנדראַ איר נביאות געזאָגט — אַז דאָס מזל גייט, קעלבט זיך דער אָקס און אַז גאָט וויל שיסט אַ בעזים אויך.

קאַפּיטל זעקס

שמשון'ס פּוקסן

אַז אומרו האָט געמאַטערט דזשעק'ן אין שלאָף. ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט מיטן שאַרעז אויף טאָג. זיין קאָפּ איז געווען שווער און זיין ערשטער געדאַנק האָט אויפֿגעטויכט ווי פֿון אַ נעפּל: זי וועט אַוועקגיין... מאָרין וועט אַוועק...

ער איז אַראָפּ אונטן נאָך פֿריער ווי געוויינלעך. פֿאַר דער טיר זיינען געלעגן די פּעקלעך צייטונגען. ער האָט זיי אויפֿגעבונדן און געשטאַפּלט אויפֿן געשטעל. זיינע רעיונות האָבן בשעת־מעשה געוואַנדערט ערגעץ־אַנדערש. מיטאַמאָל איז זיין בליק געפֿאַלן אויף אַ טשיקאַווער איבערשריפֿט אויף דער ערשטער זייט פֿון אַ בלאַט:

שמשון'ס פּוקסן אין די היסטאָרישע מקומות
פֿון ביבלישן שמשון הגיבור

ער האָט אָנגעצונדן דעם גאַז און אַרויפֿגעשטעלט דעם „סאַילקעס" מיט וואַסער און קאַפֿע אויף דער פּליטע. ביני־לביני האָט ער אַריינגעקוקט אין בלאַט. דאָס וואַסער האָט אָנגעהויבן קאָכן און איז אַרויפֿגעשטיגן אין אויבערשטן קיילעך. דזשימי דער פֿאַרבער האָט שוין פֿון לאַנג פֿאַרענדיקט זיין שטיקל אַרבעט אין לאָנג־איילענד און קיין אַנדערע קונדן זיינען אין דער דאָזיקער באַגינען־שעה ניט דערשינען. דזשעק האָט פֿאַרענדיקט דעם אָנהויב פֿון דער געשיכטע אויף דער ערשטער זייט און אויפֿגעמישט די פֿאָרזעצונג אויף זייט זיבן. דער קאָרעספּאָנדענט האָט געשילדערט אין זיין רעפּאָרטאַזש די קאַמפֿן אין נגב, אין די דרום־סטעפּעס

פון ארץ ישראל. יונגע יידישע קעמפער, פּלמח׳ניקעס — האָט ער דער־ציילט — לאָזן זיך אַרויס ביינאַכט אין אָפענע דזשיפּס, באַפאַלן אין דער פינסטערניש די לאַגערן פון עגיפּטישן מיליטער און מאַכן דאָרט אַן אַ מהומה. די געגנט איז די זעלביקע וואו דער ביבלישער שמשון האָט אַמאָל געקעמפט קעגן די פּלישתים. זיי רופן זיך „שמשון׳ס פוקסן" אויפן נאָ־מען פון די פוקסן מיט ברענענדיקע קוילן צווישן די עקן, וואָס שמשון האָט אַריינגעטריבן אין די פעלדער פון די פּלישתים.

דזשעק האָט געדענקט די מעשיות וועגן שמשון הגיבור פון די יאָרן אין היברו, וואו ער האָט געלערנט ביז בר־מצווה. שמשון׳ס העלדישע מעשים און זיינע ווילדע שלאַכטן האָבן זיך דעמאָלט פאַרמישט אין זיין פאַרשטעלונג מיט די לעגענדעס וועגן אַמעריקאַנער אוואַנטוריסטן־העלדן אין „ווילדן וועסט" און זיינען שטעקן געבליבן אין זיין זכרון: ווי שמשון האָט דערשלאָגן טויזנט מאַן פון די פּלישתים מיט אַ קינבאַק פון אַן אייזל, ווי ער האָט צעריסן אַ לייב אַזוי ווי מען צערייסט אַ ציקעלע, ווי ער איז געקומען צו אַ פּרוויענצימער אין עזה און איז אויפגעשטאַנען אינ־מיטן נאַכט און האָט אַרויסגעריסן די טירן פון דעם שטאָט־טויער, און האָט זיי אַרויפגעטאָן אויף זיינע אַקסלען און זיי אַרויפגעטראָגן אויפן שפּיץ פון דעם באַרג וואָס פאַר חברון.

אויך די געשיכטע מיט די פוקסן האָט זיך איינגעקריצט אין זיין זכרון: „און שמשון איז געגאַנגען, און ער האָט געכאַפּט דריי הונדערט פיקס, און ער האָט גענומען בראַנדהעלצער, און האָט צוגעקערט אַן עק צו אַן עק, און אַריינגעטאָן אַ בראַנדהאָלץ צווישן צוויי עקן, אין מיטן, און ער האָט אָנגעצונדן אַ פייער אין די בראַנדהעלצער, און האָט זיי אַוועקגעלאָזט אין די שטייענדיקע תבואות פון די פּלישתים; און ער האָט פאַרברענט פון אַ סטויג ביז שטייעדיקער תבואה און ביז אַן איילבירט־גאָרטן".

דזשעק האָט אַרויסגעקוקט אין דרויסן. אַ טונקלקייט האָט געהויערט צווישן די הייזער פון דער עווענין. די נעכט זיינען געווען הייסע און דער עולם איז געזונקען אין טיפן שלאָף אין דער פרימאָרגן־קילקייט. ער האָט צוגעמאַכט די אויגן און פּרובירט זיך פאַרצושטעלן די יונגע חברה־לייט אויף אָפענע דזשיפּס, אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט, איבער די סטעפּעס פון נגב. די זאַמדן האָבן אויסגעזען ווי די דיונעס ביים ברעג

ים קעגנאיבער בעי־ווילעדזש. די פּוקסן האָבן דערשפּירט דאָס פּייער פון די ברענענדיקע העלצער און זיך געלאָזט לויפן משוגענערווייז. בעת דער לעקציע פון די בייבל־סטאָריס אין היברו האָט איין מאָל דער לערער א פרעג געטאָן:

— און וואָס איז געווען דלילה?

— אַן איטאַליענישע! — האָבן זיך אָפּגערופן עטלעכע קולות.

— אַן אײרישע! — האָבן געענטפערט אַנדערע קינדער, וואָס האָבן געוואוינט עטלעכע גאַסן ווייטער, אין א געמישטער שכנות פון אידן און אירלענדער.

דער אומרו איז ווידער וואַך געוואָרן אין אים. מאָרין וועט טאָקע אוועק?... א פאַרשלאָפענער האָט ער אינסטינקטיוו א פיר געטאָן מיט דער דלאָניע איבערן קאָפּ, ווי ער וואָלט געוואָלט זען צי ער האָט נאָך די געפלעכטן, די לאַנגע האָר. וואָס פאַרא צעפּ? וואָס פאַרא לאַנגע האָר? ערשט מיט דריי טעג צוריק איז ער געווען ביים שערער, א שכן זיינער, דריי טירן פון זיין סטאָרקע. ער איז אַן איטאַליענער, דער באַרבער, און ער שפּילט אויף „די פערדלעך". מען זאָגט, אַז ער איז אפילו א שטיקל בוקי אויך. דזשאָזעף הייסט ער, און צווישן זיך רופט מען אים „דזשאָזעף דער בוקי". ער קויפט יעדן טאָג די לעצטע אויסגאַבע פון דער „טעלי", וואו עס שטייען די רעזולטאַטן פון די פערד־געיעגן אין בעל־מאָנט און אין יאָנקערס. געשניטן די האָר האָט אים ניט דזשאָזעף גופא, נאָר זיין פּאָמאָצניק, בילי. דער ראַדיאָ האָט גערוישט און דער ספּיקער, א צעקאָכטער, האָט איבערגעגעבן מיט אַן אויפגערעגטער שטימע דעם פאַרלויף פון א בייזבאָל־מאַטש. בילי איז א פאַרברענטער חסיד פון די דאָדזשערס, די ברוקלינער „וואַגאַבונדן".

שווערע טריט האָבן אָפּגעהילכט אויפן טראָטואר און אַרויסגעריסן דזשעק'ן פון זיינע טרוימערייען. ער האָט אַראָפּגעלאָזן די הענט: וואָס פאַר א שמשון? שמשון הגיבור האָט דען געהאַלטן א קענדי־סטאָרקע? ער האָט געפירט ליבעס מיט פלישתים־מיידן און ווען די פירשטן פון די פלישתים האָבן פאַרברענט זיין ערשטע לובאָווניצע, האָט ער דערשלאָגן טויזנט פלישתים מיט א פרישער קינבאַק פון אַן אייזל... די טריט האָבן זיך דערנענטערט און דער ערשטער קונד האָט אַריבערגעטראָטן דעם שוועל:

— העללאָו, דזשעק, אַ קאַפּע!

אין דרויסן איז שוין געווען ליכטיק. שמשון׳ס גייסט איז אַוועק אין זיין רו אריין, אין קבר פון זיין פּאָטער מנוח, צווישן צרעה און צווישן אשתאָל. דער סדר־העולם האָט צוריק־געוואונען זיין גלייכגעוויכט און דער טאָג האָט זיך געלאָזט גיין מיט זיין געוויינלעכן גאַנג:

— אַ פּעקל „טשעסטערפילד”!

— אַ שוואַרצע קאַפּע מיט טאָוסט און מאַרמעלאַדע!

דזשעק האָט אַריינגעליינט צוויי פּעניצלעך ברויט אין טאָוסטער און האָט אַ שפּריץ געטאָן צו דער קאַסע.

— 36 סענט אַרויסגעבן פון פינף דאָלער — האָט ער אַ חשבון געטאָן, האַלטנדיק דעם שוין ביי דער זיים.

— אָן אָראַנזש זאַפט!

— אַ גרויסן?

— ניין, אַ קליינעם.

פון אויטאָמאַטישן טאָוסטער זיינען אַרויסגעשפּרונגען צוויי ברוינע המוציא׳ס און פאַרשפּרייט אַ ריח פון צוגעברענטן ברויט. אַ געֶרוך פון סמאַלינעס האָט אַ שלאָג געטאָן אין דזשעק׳ס נאָזלעכער און אים דער־מאָנט אָן די צוגעסמאָלעטע האָריקע עקן פון שמשון׳ס פוקסן. איבער דער וואַנט האָט זיך צעסקריפּעט אַ בעט. מרס. סאַנדראַ איז אַרויף מיט די טרעפּ זיך אָפּגיסן נעגל־וואַסער. באַלד איז זי דערשינען אויפן שוועל:

— פאַרוואָס ברענט נאָך דאָס ליכט דאָרט אין ווינקל? — האָט זי אַ מורמל געטאָן.

מאַרין איז געקומען פריער ווי געוויינלעך, פאַרמיטאָג שוין. זי איז אָפּגעטראָטן אויפן וועג פון שטאָט. שוין באַלד אין דערפרי האָט זי געהאָט דעם אינטערוויו מיטן באַרימטן עקזעקיוטיוו — האָט זי דערציילט — און זי האָט, ווי עס ווייזט אויס, באמת נושא־חן געווען אין זיינע אויגן. צו־מאָרגנס דאַרף זי שוין אָנהויבן אַרבעטן אין אָפּיס. איצט וועט זי פאָרן אַהיים, צוצוגרייטן אַלערליי קלייניקייטן: אויסוואַשן אַ פּאָר בלוזקעס, אויספּרעסן אַ קליידל, בכלל. צומאָרגנס גאַנץ פרי דאַרף זי שוין זיין אויפן דזשאָב.

— אוודאי, אין אַן אָפּיס מוז מען קומען שיין אָנגעטאָן — האָט סילוויע איר פּאָטאַקעוועט — איר וועט אונדז אויספעלן, מאַרין, אָבער

מיר זיינען צופרידן ווייל ס'איז בעסער פאַר אייך. פאַרגעסט ניט אַריינ־צוקומען אַמאָל!

— יאָ, זיכער וועל איך קומען — האָט מאַרין צוגעזאָגט.

— אַז אַלטער פריינט איז בעסער ווי נייע צוויי — האָט מרס. סאַנ־דראַ איר מיטגעגעבן אַ פּאַרציע מוסר־השכל ווי צידה לדרך.

מאַרין האָט זיך נאָך אַ ווײַלע געפּאַרעט אין דער סטאַרקע, איז אַרויף אויף אַ ווײַלע אין די צימערן אויבן, כדי איינצופּאַקן עטלעכע קליינינקייטן אירע, וואָס זי האָט דאָ באַנוצט ביי דער אַרבעט, און האָט זיך געגומען געזעגענען. אין פאַרבייגיין האָט זי אַ פּאַך געטאָן מיט דער האַנט צו דער אַנדערער זייט פּאַרבאַנק:

— גוד באַי, דזשעק!

— זיי געזונט, מאַרין! — האָט ער ניט אויפגעהויבן די אויגן פון גלאָז סעלצער, וואָס ער האָט געהאַלטן אין צאַפּן פאַר אַ קונד. ער האָט זי געוואָלט בעטן, אַז זי זאָל אַריינקומען, אָבער אַרום איז געווען פאַר־זאַמלט דער גאַנצער עולם און ס'לשון איז אים ווי אָפּגענומען געוואָרן.

קאַפּיטל זיבן

טרוימען הינטער אַ פֿאָרבאַנק

דער טאָג איז געגאַנגען זיין אויסגעטראָטענעם וועג. באַלד נאָכמי־טאָג איז אין דער סטאָרקע געווען שטיל, נאָר איינצלנע קונדן זיינען אריין און ארויס; מרס. סאַנדרא האָט זיך צוגעזעצט אין שאָטן, אויף אַ שטול פֿאַר דער טיר, און האָט באַגריסט פֿאַרבייגייער מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ. ס'איז געווען היים. די לופֿט איז ווי פֿאַרגליווערט געוואָרן און די בלעטער אויף די ביימער האָבן זיך ניט גערירט. מרס. סאַנדראַ'ס קאָפּ האָט זיך פּאַמעלעך אַראָפּגעלאָזט און זי איז אַנדרימלט געוואָרן.

דזשעק האָט ארויסגעקוקט אין גאַס און ס'איז אים פֿאָרגעקומען ווי די זון וואָלט געשיינט גאָל און פֿאַרוויאַנעט. אפשר וועט זי הײַנט אריינכאַפּן נאָך דער אַרבעט? — האָט ער געטראַכט. נאָר וואָס זאָל זי קומען אַהערצו?... און פֿאַרוואָס ווידער ניט? גלאַט אַזוי, זאָגן „העללאָו!", טרינקען אַ סאָדאַ. פֿאַרוואָס ניט?

אַ סײַלסמען איז אָפּגעטראָטן אויף אַ ווײַלע און סילוויע האָט זיך מיט אים געחשבון'ט און געמאַכט באַשטעלונגען. — ניין, זי וועט ניט קומען! — האָט באַשלאָסן דזשעק — צו וואָס זאָל זי קומען אַהערצו, אין אַ קרעמל אויף עוועניו „יו"? אין אַפֿים זײַנען זיכער פֿאַראַן יונגע חברה־לײַט, פֿראַנטן, וואָס ווייסן ווי אַ לעב צו טאָן און ווי צו געבן אַ שיינעם מיידל אַ שעה עולם הזה. מען וועט זי איינלאַדן אויף דינער, ארויסנעמען אויף אַ שפּאַציר אין אַן אויטאָ ביז אַ האַלבער נאַכט. זיי וועלן זי שוין צורעכט מאַכן!

נאָר עטלעכע טעג זײַנען אריבער זינט מאַרין איז אַוועק אַרבעטן

אויף איר נייעם דזשאָב, אָבער דזשעק'ן איז פאַרגעקומען ווי עס וואָלטן שוין פאַרביי לאַנגע וואָכן און חדשים. זי האָט זיך ניט געוויזן. ער האָט יעדן נאָכמיטאָג געוואַרט אויף איר און זיך כסדר געוואָרפן צווישן האָפענונג און פאַרצווייפלונג.

באַלד האָבן אָנגעהויבן אַריינקומען די נאָכמיטאָג־בלעטער. סילוויע איז געווען פאַרשמאַיעט — אין משך פון דער צייט האָט זי זיך שוין געהאַט צוגעוואוינט צו מאָרין'ס הילף; איצט האָט זי ווידער געהאַט אַלץ אויפן קאָפּ: די קינדער, די סטאָרקע, די בילס. אָבער די רעזערווירטע צייטונגען האָט זי פון דעסטוועגן אויך היינט אַליין אָפּגעלייגט אָן זייט, אויף דער באַשטימטער פּאָליצקע הינטן אין סטאָרקע.

סילוויע האָט געהאַלטן אויפן זיכּרון פּאַר וועמען יעדע צייטונג אויף דער פּאָליצקע איז באַשטימט, זי האָט געהאַט אירע סימנים, אַ מין געהיימען שיפר. געוויסע צונעמען האָבן געהאַט אַן אַקטועלן גרונט, אַנדערע האָבן בלויז געהאַט אַ היסטאָרישן זינען — זיי זיינען אַריבער צו סילוויען בירושה פון דער מאַמען אירער, פון טאַטן, און האָבן אפילו טיילווייז געשטאַמט פון די פריערדיקע בעלי־בתים פון דער קענדי־סטאָר. די „בלאָנדע פון די מאָרדן", למשל, איז שוין אין משך פון די יאָרן גרוי געוואָרן, אָבער זי האָט אַלץ געטריי געלייענט מיט אַ סך ליבשאַפט אַלע פּרטים פון די מאָרדן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין ברוקלין, ניו־יאָרק, אַמעריקע און איבער גאָר דער וועלט. ס'האָט געמעגט דונערן און בליצן — יעדן אָוונט איז זי אַריינגעפאַלן נעמען איר ניוז. די „בייבי פון די גט'ן" איז שוין געווען אַ פרוי פון איבער פערציק. זי האָט געהאַט צוויי גרויסע קינדער, אַ אינגל און אַ מיידל; און אויך אַ מאַן האָט זי געהאַט און גע'גט האָט זי זיך דערווייל קיינמאָל ניט; זי האָט אָבער ליב געהאַט צו לייענען וועגן גט'ן, בפרט וועגן גע'גט'ע פאָרלעד אין האָליוואוד אָדער לכל־הפּחות אין קעניגלעכע משפּחות; די וועלט האָט געמעגט אונטערגיין — זי האָט יעדן טאָג געמוזט האָבן איר מיראָר. די „ליידי פון די וועלט־רייזעס" האָט זיך זינט עטלעכע צענדליק יאָר געקליבן מאַכן אַ רייזע קיין פּאַריז און רוים. יעדן טאָג האָט זי צום אַלעם ערשטן אויפגעמישט די ספּעציעלע זייט פון „שיף־און־לופט פּאַרקער" אין דער ניו־יאָרק טאַימס און האָט נאָכגעקוקט געגוי די דאַטעס און די שעה'ן ווען

עם גייען־אַפּ שיפן און עס פליען־אַפּ עראָפּלאַנען קיין פראַנקרייך און אי־טאַליע.

ביי אַנדערע האָט זיך אין משך פון דער צייט פאַרלאָרן דער אור־שפּרינגלעכער גרונט, און נאָר דער צונאָמען איז פאַרבליבן, און קיינער האָט שוין איצט ניט געוואוסט פון וואַנען ער האָט זיך גענומען. וואָס שייך דזשאָזעף „די פערדלעך" איז מען בכלל ניט געווען זיכער, צי אויסער דעם וואָס ער איז אַ שערער איז ער אויך אַ „בוקי"; ס'איז אייגנטלעך געווען ניט מער ווי אַ השערה.

אין שפּעטן פאַרנאַכט האָט זיך סילוויע געכאַפּט, אַז עס פעלט איר אַ פּאָוסט פאַר מרס. הוירש „מיט די צוויי גאָלדענע ציין". זי האָט דורכ־גענישטערט אַלע בלעטער — ניטאָ קיין פּאָוסט!

— וואו איז די פּאָוסט?

— מילאַ, ט'זי איין מאָל נעמען אַן אַנדערע צייטונג — האָט גע־זאָגט דזשעק.

— אַ שיינע מעשה! זי איז אַ מיטגליד אין דער „הדסה" און די נייעס וועגן פּאַלעסטאַין לייענט זי נאָר אין דער פּאָוסט — האָט אַרגו־מענטירט סילוויע — קיין אַנדערער צייטונג גלויבט זי ניט און דערצו האָט זי נאָך היינט אַ מיטינג אויך!

פונקט האָט זיך אין דער טיר אַריינגעשטעלט מר. איזידאָר דיקמאַן, וועלכער איז געקומען נעמען די כמעט־לעצטע אויסגאַבע פון דער טעלי: „וואָל־סטריט פינאַל". ער האָט זיך אַריינגעלייגט אין שלום צווישן מאַן און ווייב:

— נו, מה רעש? — האָט ער פּרובירט בארואיקן סילוויען — אַ צייטונג־אַרויף, אַ צייטונג־אַראָפּ! פּאַלעסטאַין וועט, חלילה, ניט אונטער־גיין אויב מרס. הוירש וועט אפילו פאַרפעלן איין טאָג די נייעס.

— ס'גייט דען אין פּאַלעסטאַין? אַז איר היט ניט אָפּ אַ באַשטעלטע צייטונג, פאַרלירט איר אַ קונד!

מר. דיקמאַן האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטיפט אין די פינאַנציעלע עמור־דים מיט די העכסטע און נידעריקסטע פרייזן און די פּלוס אָדער מינוס ענדערונגען פאַרן טאָג. ער האָט געמאַכט אַ קורצע הפסקה און אויפגע־הויבן דעם קאָפּ פון צווישן די אויסגעשפּרייטע בלעטער פון דער ציי־טונג:

— קויפט „דזשענעראַל עלעקטריק"! — האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט אַ קול פון אַן אָראַקל — איך זאָג אייך: „דזשענעראַל עלעקטריק" וועט זיך שפּאַלטן!

— איר האָט דאָך געזאָגט, אַז „דזשענעראַל מאָטאָרס" וועט זיך שפּאַלטן? — האָט גע'טענה'ט סילוויע. די פּלוצלימדיקע ענדערונג אין זיין נביאות האָט נאָך מער צעדרייט איר סדר־העולם.

— „דזשענעראַל מאָטאָרס" אויך. קויפט ביידע! „סטאַנדאַרד אויל" וועט זיך אויך שפּאַלטן, כ'מיין סטאַנדאַרד־אויל אָוו ניו־דזשוירזי. און „דיופּאָן" איז דאָך סתם אַ מציאה: ווייניקער ווי הונדערט דאָלער אַן אַקציע.

— ס'איז פּונקט ווי אַנגעמאָסטן פאַר אונדז — האָט געזאָגט סיל־וויע — וואָס זיינען מיר דען, ראַקעפעלערס?

פּונקט ווי די מאַמע! — האָט אַ טראַכט געטאָן דזשעק הינטער דער פּאַרבאַנק — נאָר פון ראָטשילד איז געוואָרן ראַקעפעלער: נוסח אַמע־ריקע! אַפילו אין איר אויסזען הייבט זי אָן ווערן ענלעך צו דער אַלטער. זי איז לעצטנס ברייטער געוואָרן, ס'אַרט איר ניט וואָס זי נעמט צו וואָג, און אויך אין איר קליידונג איז זי ניט אַזוי אָפּגעהיט ווי אַמאָל. ער האָט ניט געהאַט קיין פאַריבל אויף איר און האָט צו איר קיין טענות ניט געהאַט. אויב זיינע געדאַנקען האָבן געהאַט אַ ביטערן טעם, איז עס גיכער געווען די ביטערניש פון אַנטוישונג אין זיך גופא; וואָרים טראַכטנ־דיק וועגן איר, האָט ער זיך אַליין געזען ווי אין אַ שפּיגל.

און ווי לאַנג איז עס ווי זי איז נאָך געווען אַ יונג מיידל: שלאַנק, ראָמאַנטיש און טעמפּעראַמענטפול. זי האָט שטאַרק אַכטונג געגעבן אויף איר פיגור, האָט מקפּיד געווען אַז די ליפּן זאָלן זיין ווי געהעריק צוגע־שמירט מיט רויט און דער בויגן איבער די ברעמען מיט שוואַרץ. זי האָט גערעדט מיט ענטוזיאַזם וועגן קליידער, מואווי־סטאַרס און די באַהעמיע־טיפּן פון גריניטש־ווילעדזש, טיילמאָל אַפילו וועגן ביכער און זשורנאַלן (ס'איז ניט אַריבער אַ וואָך, אַז זי זאָל ניט אַריינקוקן אין „ניו־יאָרקער"). דאַכט זיך ערשט נעכטן איז עס געווען. זיי האָבן אָנגעהויבן גיין צוזאַמען אויפן וועג פון שול אַהיים און זי האָט טאַקע צוגעזען, אַז זיי זאָלן זיך טרעפן וואָס אָפטער. זי איז געווען סענטימענטאַלער פון אים: האָט גע־טרוימט וועגן ליבע, אַ שטיקל אַוואַנטורע און אַ רייזע קיין פּאַריז („דער

אייפעל־טורעם! דער לואוור! דער מאָנספּאַרנאַס!"). אָבער אַ חוש פאַר פּראַקטישע ענינים האָט זי שוין דעמאָלט געהאַט. גלייך ווי ער האָט פאַרענדיקט האַי־סקול האָט זי אָנגעהויבן אויסאַרבעטן פּלענער פאַר זיין צוקונפט.

— מען קען אַרבעטן בייטאָג און לערנען אין אוונט — האָט זי איינגע׳טענה׳ט מיט אים — מען קען געפינען אַ פיינעם דזשאַב אויף דערווייל, ווי אין אינשורענס־אַגענט אָדער אַ סעילסמען אַ שטייגער, און ביינאַכט נעמט מען קורסן אין קאַלעדזש. אוודאי וואָלט געווען אַמבעסטן צו לערנען אויף דאָקטער, אָבער מען טאָר ניט פאַרלאַנגען צופיל. מען קען אָבער אין אַ פינף־זעקס יאָר ענדיקן אויף אַקאַונטענט. אַ סערטיפּאַיד אַקאַונטענט איז אַ בכבוד׳יקע פרנסה און מען מאַכט דאָבייַ אַ שיין לעבן.

דזשעק האָט זיך געקווענקלט און אָפּגעלייגט. דעם ערשטן זומער האָט ער אַרויסגעהאָלפן דעם טאַטן און זיין קליינער קאָנפעקציע־קראָם אין שיפּסהעד־בעי. די ביזנעס זיינען ניט געגאַנגען צו גוט און ער האָט, כדי צו פאַרדינען עטלעכע דאָלער, גאָר גענומען אַ דזשאַב אַלס אַ כלים־וואַשער אין אַ קאַפעטעריע אויף דער זיבעטער עוועניו, אין מאַנהעטן. אַ פאַרזיכערונגס־אַגענט? אַ סעילסמען? זיך יאָגן דעם גאַנצן טאָג נאָך קונדן און לויפן ביינאַכט אין קאַלעדזש — און דערנאָך? זיצן דעם גאַנצן טאָג ערגיץ אין אַן אָפיס און חשבון׳ען לאַנגע קאָלומס ציפערן. ס׳האָט אים געצויגן צו עפּעס אַנדערש. גאָר אַמאָל, אינגלווייז, האָט ער געטרוימט וועגן גיין אין „ווילדן וועסט" אָדער אַריינטרעטן אין פלאָט: אַ מאַטראָז וואַנדערט איבער ווייטע לענדער („טרעט אַריין אין פלאָט און זע די וועלט!") דערנאָך האָט ער לכל הפּחות געוואָלט ווערן אַ טאַקסי־שאָפער. אויך וועגן ארץ־ישראל האָט ער שוין פאַנטאַזירט אין יענע יאָרן: ער האָט זיך פאָרגעשטעלט דאָס לאַנד ווי אַ מין אַמעריקאַנער „פּראַנטיר" מיט קאָובאָיס, אינדיאַנער און פּיאָנערן, וואָס דרינגען אַריין אין ווייטע אומבאַקאַנטע געגנטן. דערווייל איז ער געפאָרן מיט סאָבוועי צווישן מאַנהעטן און ברוקלין און מיט דער וועלט האָט ער זיך באַקאַנט דורך ביכער, וואָס ער האָט געשלונגען אין יעדער פרייער מינוט: רייזע־באַשרייבונגען, היסטאָרישע ראָמאַנען און סתם ראָמאַנען און ביאָגראַפיעס פון באַרימטע מענטשן זינט אוראַלטע צייטן ביז די לעצטע יאָרן.

— אז אין ביזנעס ווילסטו ניט גיין און אין ביכער ביסטו סאַ־ווי פאַרקאַכט, וואָלסטו דאָך שוין געקאָנט מאַכן אַ קאָלעדזש־דיפּלאָם! — האָט סילוויע אים געמינטערט.

די ביזנעס אין דער קאָנפעקציע קראָם אין שיפּסהעד־בעי זיינען געגאַנגען פון שלעכט צו ערגער. די גרויסע פאַרשלינגען די קליינע — האָט דזשעק געליינט אין אַ ביכל וועגן סאָציאַל־עקאָנאָמישע פּראָבלעמען — קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַלן! זיין פאָטער, אהרן בינאָווער, האָט באַשלאָסן זיך אַריבערצוקלייבן קיין קעמדן, לעבן פילאַדעלפיע. דזשעק׳ס עלטערע שוועסטער, עטל, האָט חתונה געהאַט אין פילאַדעלפיע, און איר מאַן, אַ סיילסמען פון טעקסטיל, פאַר אַ גרויסער פירמע, האָט צוגעזאָגט מר. בינאָווער׳ן אים אַרויסצוהעלפן ביים איינאָרדענען אַ ביזנעס אין קעמדן און אים קריגן אַ ביסל סחורה אויף קרעדיט. דזשעק איז ניט מיטגעפאָרן. ער איז שוין געווען דערוואַקסן אויף צו בלייבן אַליין אין ניו־יאָרק, האָט ער געזאָגט, און ער וועט זיך אַן עצה געבן.

אין משך פון עטלעכע יאָר האָט ער געאַרבעט ביי כל־המינים צייט־ווייליקע דזשאָבס: ווי אַן אָפיס־באָי אין אַ בוי־קאָרפּאָריישאָן, אַ קעלנער אין אַ לאָנטשאָנעט, אַ פאַרקויפער אין גימבלס דעפּאַרטמענט־סטאָר, אַ שיפּינג־קלוירק אין אַ קליידער־שאָפּ אין גאַרמענט־סענטער. ס׳איז געווען די צייט פון נאָך דער גרויסער דעפּרעסיע און דאָס לאַנד האָט זיך נאָך ניט באַוויזן אָפּצוטרייסלען אינגאַנצן פון שווערן קריזיס. צווישן איין דזשאָב און אַ צווייטן איז ער אָפט געבליבן אַרבעטלאָז. ס׳האָט אים ניט געאַרט. ער איז אויסגעקומען מיט ווייניק און דאָס אַרומוואַנדלען איבער די פאַרשידענע אַרבעט־פּלעצער האָט אים געגעבן אַן אילוזיע פון פרייהייט און אפילו דעם טעם פון אַוואַנטורע. אין זיין זיכרון איז יענע צייט פאַרבליבן ווי די עפּאָכע פון זיינע וואַנדער־יאָרן. אפילו זיינע דירות האָט ער אָפט געביטן. זיין וואַנדער־טעריטאָריע איז געווען אַ באַגרענעצטע: פון די בראָנקס, אין צפון, ביז קאָני־איילענד, אין דרום, אָבער ניו־יאָרק איז אַ וועלט אַ גאַנצע, באַפּעלקערט מיט כל׳ערליי נאַציעס און שטאַמען, וואָס האָבן נאָך אויפגעהיט זייערע שפּראַכן, אמונות, מנהגים און מאכלים: פּיצאַ און זאַוער־קראַוט, געפילטע פיש, ספּאַגעטי און טשאַו־מעין. ס׳איז אים אויסגעקומען צו וואוינען צווישן אידן, איטאַליענער, דייטשן, שפּאַניער, אירלענדער, בשכנות מיט באַבערדלטע

קינסטלער־באַהעמעז פֿון גרינטש־ווילעדזש, בגילופֿין׳דיקע וואַגאַבונדן פֿון דער באַוערי און אַקאַרשט־געקומענע אימיגראַנטן אַרום דער סעקאַנד־עוועניו. אַמליבסטן וואָלט ער אַליין אויך געוואָרן אַ קינסטלער; אַ קינסטלער איז פּטור פֿון יאָך פֿון דער געזעלשאַפֿט. ער האָט אָבער ניט געהאַט קיין טאַלאַנט. און אפֿשר האָט ער יאָ געהאַט? ער האָט קיינמאָל ניט פּרובירט.

מיט סילוויען האָט ער זיך געטראָפֿן כמעט יעדע וואָך, אין די וויקענדס געוויינלעך, שבת־צו־נאַכט. ס׳רוב זײַנען זיי געגאַנגען אין אַ מוּווי, האָבן טיילמאָל צוערשט געגעסן אָוונט־ברוט אין אַ קאַפֿעטעריע און אַ פּאָר מאָל אין אַן עכטן פֿראַנצויזישן רעסטאָראַן — אַן ענגער, געפּאַקטער לאָקאַל מיט פּאַפּירענע טישטעכער, פּראָסטן רויטן ווײַן און פֿראַנצויזיש־רעדנדיקע קעלנערקעס. אויפֿן וועג אַהיים האָט זי גערעדט וועגן קאָלעדזש און תּכלית, וועגן דאָראָטהי לאַמור און קלאַרק געיבל, וועגן איר שוועסטער בעווערלי וואָס האָט נאָך אַלץ ניט חתונה געהאַט און איר ברודער מאַרטין, וואָס וועט ווערן אַן אינזשעניער. ער האָט איר דערציילט וועגן די נײַע ביכער וואָס ער האָט געלייענט און איינמאָל האָט ער איר לאַנג און מיט התלהבות דערקלערט דעם זינען פֿון דער מעשה מיט מאָבי־דיק (ער האָט זיך דעמאָלט כּלל ניט פֿאַרגעשטעלט, אַז אַ קענדי־סטאָר אויף עוועניו „יו” קען אויך ווערן אַ ווייסער וואַלפֿיש). ער האָט איר געפֿאָלגט און האָט זיך עטלעכע סעמעסטערס רעגיסטרירט אויף אָוונט־קורסן אין ברוקלין קאָלעדזש, אָבער בעיקר האָט ער זיך גענומען לייענען פּאָפּולערע ביכלעך און בקיצור׳דיקע זאַמלונגען וועגן ענינים וואָס האָבן אים גראָד אינטערעסירט: וועגן מאָדערנער פּסיכאָלאָגיע, סאָציאַלע פּראָבלעמען און סתּם פֿילאָזאָפֿישע פֿראַגן.

ער האָט נאָך באַוויזן אַרײַנצוכאַפּן עטלעכע קורסן אין קאָלעדזש: ליטעראַטור און מערבֿ־ציוויליזאַציע — וועגן דער קירכע אין מיטלאַלטער, דער פֿעאָדאַלער סיסטעם, דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע און דעם עקאָנאָמישן ליבעראַליזם. דערנאָך איז אויסגעבראָכן די מלחמה און אין אַ צײַט אַרום האָט מען אים גענומען אין דער אַרמיי. בעת זײַן ערשטן אורלויב האָבן זיי חתונה געהאַט. „דער פֿאַל פֿון אַ טעות׳דיקער אידענטיטעט”! — איז דער נאָמען פֿון אַ דעטעקטיוו־ראָמאַן אים דורכגעפֿלויגן דורכן קאָפּ,

ווען זיי זיינען געווען אויפן וועג צו שטעלן א חופה — וואָס ווייסט זי איינגנטלעך וועגן אים? זי איז דערוויילע געבליבן וואוינען מיט די עלטערן. די מלחמה האָט זיך פאַרצויגן און פאַר דער צייט איז איר פאָטער גע־שטאָרבן. ווען דזשעק איז צוריקגעקומען אהיים, זיינען אויף אים אַרויפ־געפאַלן אַ ווייב, אַ קינד, אַ שוויגער און אַ ביזנעס. איידער ער האָט זיך אַרומגעזען איז ער שוין געזונקען אין דער קענדי־סטאָר מיט ביידע פיס און לייב און לעבן.

* * *

מר. איזידאָר דיקמאַן מיטן „סטאָק מאַרקעט" זיינען שוין פון לאַנג אוועק. די קונדן זיינען זעלטענער געוואָרן. די סטאַרקע האָט זיך אויס־געליידיקט. סילוויע איז אַרויף אויבן, אין די צימערן. דזשעק איז געבליבן איינער אַליין. איבער דער וואַנט, אין איר קליינעם צימערל, האָט מרס סאַנדראַ געלייענט קריאת־שמע: „מימיני מיכאל... משמאלי גבריאל..." זי האָט אויסגערעכנט די מלאכים וואָס רינגלען זי אַרום און היטן זי אָפּ אין שלאָף: מיכאל, גבריאל, אוריאל, רפאל.

מאַרין האָט זיך ניט געוויזן.

דזשעק האָט נאָך אַלץ געהאָפּט, אַז פאַרנדיק אהיים פון דער אַרבעט וועט זי דאָ אָפּטרעטן אויף אַ ווײַלע. אָבער ווער ווייסט, ווען זי פאָרט אהיים? די באַיעס פון אָפּיס וועלן זי שוין נעמען אין די הענט. וואָס פאַר אַ תכלית איז עס פאַר אַ מיידל זיך אַרומצושלעפּן גאַנצענע נעכט מיט יונגעלייט? און דאָ — וואָס פאַר אַ תכלית וואָלט דאָ געווען פאַר איר?

אפשר וואָלטן זיי אַנטלאָפן? צוזאַמען! די אַלטע מעג, פאַרוואָס טאָר ער ניט? אָבער מאַרין איז זיכער פאַרבליבן ביז שפּעט אין שטאָט, ביז אַ האַלבער נאַכט, אפשר נאָך שפּעטער. ווער ווייסט? איינער פון די חברה־לייט וועט זי נעמען אין האָטעל. אַרום טאַימס־סקווער זיינען פאַראַן אַזעל־כע האָטעלן. ער איז דאָרט קיינמאָל ניט געווען, אָבער ער ווייסט. און צומאָרגנס? צומאָרגנס וועט זי אפשר אהינגיין מיט עמיצן אַנדערש. אָט האָבן דאָך אַנומלט די צייטונגען דערציילט וועגן אַזאַ מיידל, האַרריעט ווידאַל, וואָס איז געוואָרן אַ „רוף־מיידל" אין דער קאַפע־סאָסייעטי. אַן אָרים מיידל, אָבער אַ קראַסאַוויצע, האָט זי זיך פאַרליבט אין איינעם אַ

לעב־יונג, א זונדל פון א יחוס׳דיקער משפּחה, אויל־מאַגנאַטן אין דער „סאוטה״, וועלכער האָט געוואָרט אויף דער ירושה פון זיין טאַטן. דער־ווײַלע האָט ער אָנגעהויבן אַרומשיקן האררִיעט׳ן איבער נאַכט־לאָקאַלן און האָטעלן זיך צו באַגעגענען מיט גוטע ברידער. הונדערט דאָלער א נאַכט אין א האָטעל־צימער (וואָס איז א קענדי־סטאָר? א קענדי־סטאָר איז א פּעני־ביזנעס!) און ער, דער תכשיט, האָט איינגעקאַסירט די ממתקים.

די גאַנצע שטאָט האָט גערעדט וועגן דעם סקאַנדאַל און אַלע צייַ־טונגען זיינען פול געווען מיט דער געשיכטע. האררִיעט׳ס געשטאַלט האָט אַראָפּגעקוקט פון אַלע בלעטער. א שיין מיידל! אפילו מרס. סאַנדרא און מרס. סערע קאַפּלאַן האָבן וועגן דעם גערעדט. מרס. סאַנדרא האָט די געשיכטע געלייענט אין „מאָרגן־זשורנאַל״ און מרס. קאַפּלאַן — צוערשט אין „פאָרווערטס״ און דערנאָך נאָכאַמאָל אין „מאָרגן־זשורנאַל״. און זי האָט טאַקע געקענט די גאַנצע מעשה אויף אויסנווייניק — מיט אַלע פּי־טשעווקעס.

— וואָס זאָגט איר ניט, וואָס א פּאַדליעץ קען? — האָט זי זיך גע־כאַפּט פאַרן קאָפּ.

— אַן אויסוואורף, א זשוליק, וואָס אין דער קאָרט! — האָט מרס. סאַנדרא זיך באַנוצט מיט די שאַרפסטע אויסדרוקן.

— און די האררִיעט? מען זאָגט גאָר, אַז זי איז א אידיש מיידל, ווי צו מיר! פון דער איסט־סאַיד. די מאַמע אירע איז אַן אָרנטלעכע שניי־דערקע, זאָגט מען. א אידיש מיידל זאָל זיך לאָזן אויף אַזעלכע דרכים: נאַכט־קלאָבס, האָטעלן, דער שוואַרץ־יאָר ווייסט וואָס.

— ווי האָט יענער געזאָגט: ווי מען בעט זיך אויס, אַזוי שלאָפט מען...

— א סברה אַז זי איז גאָר א יתומה אויך — האָט מרס. קאַפּלאַן מלמד זכות געווען אויף דעם פאַרפירטן מיידל — וואָס דאַרפט איר האָבן א סך? ביי אונדז אין „צעדערבוים״, אין לעיקוואוד, איז געווען א מיידל, איך זאָג אייך א קראַסאַוויצע איינע אין דער וועלט...

דזשעק׳ס רעיונות האָבן אים פאַרטראָגן ווייט. פאַר דער טיר האָבן אָפּגעהילכט טריט. ער האָט אויפגעהאָרכט. ניין, ס׳איז ניט מאַרין! די טריט האָבן זיך דערווייטערט און זיינען פאַרשוואונדן אין דער נאַכט. ניין, מאַרין איז ניט אַזאַ מיידל, זי וועט זיך ניט לאָזן אויף אַזעלכע דרכים!

אָבער פֿאַרוואָס זאָל זי ניט אויסגיין מיט איינעם פֿון די עקזעקיוטיוווס, אַ שטײַנגער? אַז עקזעקיוטיוו איז אַ קאָרפּאָרײשאַן פֿאַרדינט אַ מאַטניאַ מיט געלט: צען טויזנט דאָלער אַ יאָר, צוואַנציק, דרײַסיק (וואָס איז אַ קענדי־סטאָר? אַ קענדי־סטאָר איז אַ פּעני־ביזנעס!) דער באָס אַליין וועט זי אײַנלאַדן אויף דינער. אפשר זיצן זיי אַצינד אין אַ פֿראַנצויזישן רעס־טאָראַן בײַ דער פֿינפֿטער עוועניו? די שיינע רעסטאָראַנען זײַנען געקילט, פֿאַרן עסן האָבן זיי זיכער געטרונקען אַ קאָקטייל. ער האָט געגלעט איר האַנט. ס׳פֿעלן דען רעסטאָראַנען אין ניו־יאָרק? מען אַנאָנסירט זיי אויפֿן ראַדיאָ: לאַנשאָן, לינדי׳ס, מיט מוזיק, בײַ דער שײַן פֿון אַלטמאָדישע ליכט, מיט פֿלייש געבראָטן אויף קוילן, מיט אַטמאָספֿער, מיט שישקי־באַב, פֿראַנצויזישע, איטאַליענישע, מיט ים־מאכלים, מיט לעבעדיקע לאָבסטערס אויף אייז אין די וויטרינעס. מיט יאָרן צוריק איז ער אַ פּאָר מאָל אַרײַנ־געפֿאַלן אין אַזאַ לאָקאַל, פֿון די ביליקערע. איצט, ווען ער קומט עפּעס דערלײדיקן אין ניו־יאָרק, שלינגט ער אַראָפּ אַ פּאָר פֿראַנקפֿורטער־וואורשט־לעך בײַ אַ געשטעל אין טאַימס־סקווער און פֿאַרטרינקט מיט אַ גלאָז אָראַנזשאַדע. און אַז עס קומט אים אויס צו זײַן אויף דער איסט־סאַיד, כאַפּט ער זיך אַרײַן אין אַ כשר׳ן דעליקאַטעסן אויף דעלענסי־סטריט און ער עסט אַ סאַנדוויטש מיט הייסן פּאַסטראַמי אויף געבייטעלטן ברויט, אָדער גאָר אַ זעמל מיט היימיש־געקאַכטע געפֿילטע פֿיש מיט כריין. אָבער ער ווייסט.

דערנאָך זײַנען זיי זיכער געגאַנגען אין אַ נאַכט־קלוב: אין „על מאַ־ראָקאָ״, אין „לאַטײַנישן קוואַרטאַל״ אָדער „דער באַטשאַן״. ער איז דאָרט קיינמאָל ניט געווען, אָבער ער ווייסט. אין די לאַנגע ווינטער־אָוונטן, ווען ער איז אָפּגעזעסן שעה׳ן־לאַנג איינער אַליין אין דער סטאָרקע, האָט ער געלייענט די אַלע נעמען אין די צײַטונגען און געהערט וועגן זיי אויפֿן ראַדיאָ: די משקאות, וואָס מען סערווירט, די טענצערינס און זינגער אין די פּראָגראַמען, די באַרימטקייטן וואָס קומען דאָרט אַרײַן. ער האָט גע־פֿילט די שטאָט פֿון דערווײַטנס, ווי אַ ריזיקער אינזעקט וואָס פֿליט צווישן וואָלקנקראַצערס, באַוועגט זײַנע לאַנגע האַריקע טאַפּערלעך און זאַפּט אײַן קולות, פֿאַרבן און ריחות; די אַרומיקע וועלט האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין זײַנע רעיונות ווי אַ מיש־מאַש פֿון פֿאַרבן און פֿלעקן אויפֿן לײַוונט פֿון

אַן אַבסטראַקט־אימפּרעסיאָניסטישן מאָלער. איצט האָט איבער דעם לייוונט ווי געשוועבט מאָרין׳ס שאָטן.

מאָרין גופא איז ניט געקומען.

קאַפּיטל אַכט

שמשון'ס מילשטיינער

עס זיינען אריבער אַכט טעג און מאַריו האָט זיך אַלץ ניט געוויזן. ס'האָבן זיך געשטעלט הייסע טעג און א סך שכנים זיינען זיך צעפאָרן אין די בערג און אויף ווייטע פּלאַזשעס ביים ברעג ים. אפילו די אוונטן האָבן זיך ניט אָפּגעקילט — ס'האָט ניט געבלאָזן קיין ווינט און די לופט איז געווען פייכט און שטיקעדיק; פון די געמויערטע ווענט, פון די בעטאָן טראָטואַרן און אספאַלטירטן ברוק האָט געשלאָגן א היץ און נאָכן זון־פאַרגאַנג האָט א פאַרשוויצטער עולם געשטראָמט אין דער סטאַרקע אָפּ־צופרישן די נשמה מיט אַן אייזקרים און א גלעזל קאַלטס. קונדן זיינען אריין און ארויס:

— א פּעפּסי קאָלאַ!

— א טעלערל אייזקרים!

— וואָס פאַרא מינים?

— אַן אייזקרים־סאָדאַ, „שוואַרץ און וויים"!

דזשעק צאַפּט סעלצער פון קראַן, באַפאַרבט אים און באַ'טעמ'ט אים מיט כל'ערליי מינים סאָס, וואָס ער פּאָמפּעט פון בייכיקע כלים, און דאָ און דאָרט וואַרפט ער נאָך אריין א רויטן קאַרש, וואָס ער שעפּט אַרויס מיט א לאַנגן ניקלנעם לעפל פון א הויכן סלאָאיק. ער שפּרייזט אַהין און צוריק, פון דער סיגאַרעטן־פּאָליצע ביז צום קעש־רעגיסטער ביים אַנדערן עק פאַרבאַנק, און עס קומט אים היינט פאָר, אַז ער באַוועגט זיך ניט אין א ליניע, נאָר אַז ער דרייט זיך אין א קרייז, און אַז צוזאַמען מיט אים דרייען זיך די יאָרן, און אין די יאָרן דרייען זיך די סעזאָנען לויט זייער

באַשטימטן מאַרשרוט, און אַלע צוזאַמען דרייען זיי זיך אין אַ פּאַר'כי־שוף'טן קרייז, וואָס האָט ניט קיין אָנהויב און קיין סוף.

אויך אַ קענדי־סטאָר האָט אירע סעזאָנען: ווי די נאַטור, ווי דאָס פעלד און דער בוים אין וואַלד. ווינטער פאַרקויפט מען דער'עיקר'שט ציי־טונגען און סיגאַרעטן, און דער עולם טרינקט הייסן קאַפע; אַרום נײַ־יאָר צעבליט זיך די סטאָרקע מיט קריסטמעס־ און נײַ־יאָר קאַרטלעך, מיט בילדער פון באַשנייטע בערג און נאָדל־ביימער; אין פרילינג פּוצט זי זיך אויס מיט מתנות פאַר „מאַמעס־טאָג" און „טאַטנס־טאָג"; דערנאָך הייבט זיך אָן די גרויסע בהלה פון סאָדאָס און אײַזקרימס. און טײַלמאָל, אין אַ הייסער זומער־נאַכט, נאָך אַן אַכצן־שעה'דיקן טאָג אויף די פיס, ווען ער איז געלעגן אַ דורכגענעצטער פון שווייס און האָט ניט געקענט צו־מאַכן קיין אויג, פלעגט זיך דזשעק דערמאָנען אין זײַן שמועס מיט סיל־וויען אויפן וועג פון קינאָ און ס'פלעגט אים פאַרקומען, אַז די קענדי־סטאָר איז אַ מין ווייסער וואַלפיש, וואָס האָט אים אָנגעכאַפּט בײַ ביידע פיס און לאָזט אים ניט אָפּ.

היינט איז אים מיטאַמאָל אײַנגעפאַלן, אַז אויך שמשון האָט זיך אַזוי געדרייט אין אַ קרייז, אײַנגעשפּאַנט אין צוויי שווערע מילשטיינער. „און די פּלישתים האָבן אים גענומען און האָבן אויסגעשטאָכן זײַנע אויגן; און זיי האָבן אים אַראָפּגעבראַכט קיין עזה און האָבן אים געשמידט אין קופּערנע קייטן. און ער האָט געמאָלן אין דער געפאַנגענשאַפט".

— וואָס פאַר אַ מינים?

— זאָל זײַן וואַנילאַ און פּיסטאַשקעס.

אָבער שמשון איז געווען בלינד. ערשט ווען זיי האָבן אים אויסגע־שטאָכן די אויגן האָט ער געדרייט די מילשטיינער אין קעלער פון זייער געפענגעניש. און ער, דזשעק? אויך ער איז היינט ווי בלינד; ער שפּרייזט אַהין און אַהער ווי אין אַ נעפּל און זעט גאָרניט אַרום זיך. ווער האָט אים בלינד געמאַכט?

און זי האָט אים פאַרשלעפערט אויף אירע קני; און זי האָט צו־גערופן אַ מאַן און געלאָזט אָפּשערן די זיבן צעפּ פון זײַן קאָפּ; און זי האָט אים אָנגעהויבן פּײַניקן און זײַן כוח האָט זיך אָפּגעטאָן פון אים, האָט זי אַ זאָג געטאָן: 'פּלישתים זײַנען אויף דיר, שמשון!'

און ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין שלאָף און האָט געזאָגט:
'איך וועל אַרויסגיין ווי אַלעמאָל און זיך פאַנאַנדערטרייסלען...'

— אַ פּעקל „קעמלס", דזשעק!

— יאָ, גלייך.

„ווער איז געווען דלילה?" — „אַן איטאַליענישע!" — „ניין, אַן איירישע!" אויך מאַרין איז אַן איירישע. אויך מאַרין האָט אים פאַרראַטן. די האָר האָט זי אים ניט אָפּגעשניטן; די האָר האָט מען אים אָפּגעשאָרן ביי דזשאָזעף דעם „בוקי" אין באַרבער־שאָפּ. זי האָט אים אויך ניט פאַר־שלעפּערט אויף אירע קני; נאָך פאַר דעם האָט זי אים פאַרראַטן. נאָך דער אַרבעט איז זי אויסגעגאַנגען מיט איינעם פון די יונגע חברה־לייט פון אָפיס, מיט אַן עלטערן עקזעקיוטיוו, אפשר מיטן באָס בכבודו ובעצמו. און זיי האָבן געגעסן אָוונטברויט אין אַ געקילטן פראַנצויזישן רעסטאָראַן ביי דער פינפטער עוועניו און זי האָט אים פאַרשלעפּערט אויף אירע קני אין אַ אַ צימער ביים טאַימס־סקווער; און ער האָט זי אָנגעהויבן פייניקן און זיין כוח האָט זיך אָפּגעטאָן פון אים; און ער איז אַנדרימלט געוואָרן צווישן אירע בריסט. און ער האָט זיך אויפגעכאַפּט אַרום אַ האַלבער נאַכט און האָט אַ דריק געטאָן אויף אַ קנעפּל און אַ בעל־באַי איז דערשינען אויפן שוועל, און ער האָט געזאָגט צום בעל־באַי:

„ברענג אונדז צוויי וויסקיס אָן דהי ראָקס!"

די סטאַרקע איז געווען פּוסט. סילוויע איז שוין פון לאַנג אַרויף אויבן און אויף דער אַנדערער זייט וואַנט האָט מרס. סאַנדראָ שווער גע־אָטעמט אין דער הייסער נאַכט. פאַרן גיין שלאָפן האָט זי לאַנג געמורמלט קריאת שמע: „מימיני מיכאל, משמאלי גבריאל..." איצט האָבן די מלאכים אַרומגערינגלט איר בעט: פון רעכטס מיכאל, פון לינקס — גבריאל, פון פאָרנט — אוריאל און הינטער איר — רפאל; און איבער איר קאָפּ — די שכינה. דזשעק איז געווען אַרומגערינגלט מיט די בילדער פון די פּרוויענצימערן וואָס האָבן אַראָפּגעקוקט פון די שער־בלעטער פון די סעקס־מאַגאַזינען, וועלכע זיינען געהאַנגען אויף דער פאַדערשטער וואַנט, לעבן דער פאַרבאַנק. זיי האָבן אַלע אויסגעזען ווי דלילה אין פאַרשיידענע פּאָ־זעס: מיט פולע האַלב־נאַקעטע בוזימס איינגעפּרעסטע אונטער שמאָלע קאָ־לירפולע טיכער, מיט רויטע צעעפנטע ליפּן, האַלב־אויסגעצויגענע, מיט

אנטבלויזטע פּאָלקעם און פּאָרריסענע קני. באַלד איז אויך שמשון׳ס שאָטן דערשינענ. זיי האָבן אים טאָקע אויסגעשטאָכן די אויגן. אָבער די מיל־שטיינער זייערע האָט ער מער ניט געדרייט.

און די פירשטן פון די פּלישתים האָבן זיך איינגעזאַמלט צו שלאַכטן קרבנות צו זייער גאָט דגון, און זיך צו פרייען, וואָרים זיי האָבן געזאָגט: ׳אונדזער גאָט האָט געגעבן אין אונדזער האַנט אונדזער פיינט שמשון׳ען...׳ און עס איז געווען אַז זייער האַרץ איז געווען פריילעך, האָבן זיי געזאָגט: ׳רופט שמשון׳ען און ער זאָל זיך אַ שפּיל טאָן פאַר אונדזערע אויגן׳. האָט מען גערופן שמשון׳ען פון געפענגעניש און ער האָט זיך לוסטיק געמאַכט פאַר זיי; און מען האָט אים אוועקגעשטעלט צווישן די זיילן.

האָט שמשון געזאָגט צו דעם אינגל, וואָס האָט אים געהאַלטן פאַר דער האַנט: ׳לאָז מיך, איך זאָל אָנטאַפּן די זיילן וואָס דאָס הויז איז באַפעסטיקט אויף זיי, און איך וועל מיך אָנלענען אויף זיי׳. און דאָס הויז איז געווען פול מיט מענער און ווייבער, און דאָרט זיינען געווען אַלע פירשטן פון די פּלישתים; און אויפן דאַך זיינען געווען אַרום דריי טויזנט מענער און ווייבער וואָס האָבן צוגעקוקט ווי שמשון מאַכט זיך לוסטיק. האָט שמשון גערופן צו גאָט, און האָט געזאָגט: ׳גאָט, דו האַר, דערמאָן זיך אָן מיר, איך בעט דיך, און שטאַרק מיך, איך בעט דיך, נאָר דאָס מאָל, גאָט, און לאָמיר זיך נוקם זיין איין מאָל פאַר מיינעביידע אויגן אָן די פּלישתים׳.

און שמשון האָט אַרומגענומען די ביידע מיטלסטע זיילן, וואָס דאָס הויז איז געווען באַפעסטיקט אויף זיי, און האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף זיי; איינעם מיט זיין רעכטער האַנט און איינעם מיט זיין לינ־קער. און שמשון האָט געזאָגט: תמות נפשי עם פלישתים. ׳לאָמיך שטאַרבן אין איינעם מיט די פּלישתים׳ און ער האָט זיך אַ בויג געטאָן מיט כּוח, און דאָס הויז איז איינגעפאַלן אויף די פירשטן, און אויפן גאַנצן פאָלק וואָס דרינען...

— העללאָו, דזשעק, איר שלאָפט?

דזשעק האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אַ ווײַלע געפינטלט מיט די

אוינג. קעגנאיבער אים, אויף דער אנדער זייט פארבאנק, איז געשטאנען סעם דער צושניידער.

— איך? ניין, איך שלאף נים.

— גוט, איז אפשר האט איר א דריי־סענטיקע פאסטמארקע?

— א פאסטמארקע?... דריי סענט?... יא, דארט אין אויטאמאט. ווארפט אריין א צען־סענט שטיק, וועט איר קריגן דריי מארקעס.

— א דאנק! — האט סעם זיך געאיילט צום אויטאמאט — איר וועט מיר אנטשולדיקן, דזשעק, וואס איך קום אייך דרייען א קאפ אזוי שפעט מיט אזעלכע ביזנעס, אבער אז מיין ווייב שפארט זיך איין, איז עק וועלט. ס'האט זיך איר פארוואלט, אז נים אנדערש נאר היינט ביינאכט, טאקע שוין, זאלן מיר אנשרייבן אין האטעל „דער צעדערבוים", אין לעיק־וואוד, און דארט מאכן אונדזערע רעזערוואציעס פאר די קומענדיקע ימים נוראים. וואסי? טאמער קריגט מען שפעטער נים קיין פלאץ. אז איינפאל פון א אידענע, וואס? אז בסך־הכל זיינען נאך פאראן מסתמא זיכער צען וואכן ביז ראש־השנה! נאר גארנים, אז מיין סערע'ן פארדרייט זיך דער קאלטון, מעגט איר רעדן פון היינט ביז מארגן, ס'עט אייך העלפן ווי א טויטן באנקעס: איר וועט זי נים איבערשפארן! נאך אמאל א דאנק!

— ניטא פארוואס.

— און וואס וועל איך טאן מיט די איבעריקע צוויי מארקעס? מילא, זאלן זיך וואלגערן צוויי מארקעס אין שטוב. א גוטע נאכט!

— א גוטן!

סעם דער צושניידער איז ארוים. דזשעק איז נאך א ווײלע געזונקען צווישן חלום און וואר. באלד זיינען דערשינען „שמשון'ס פוקסן" — יונגעלייט אויף אפענע דזשיפס, מיט מאשין־געווער אויף דריי־פיס אנ־געשפארט אויף די פראנט־בודקעס פון די וואגנס, מיט אנגעצילטע ביקסן אונטער די ארימס. זיי זיינען געקומען פון שטאט און דארף, פון גליל און פון ירושלים. די דזשיפס האבן זיך געיאגט איבער די זאמדן פון מדבר, דורך דער פינסטערניש פון דער נאכט, צו די דיונעס ביים ברעג ים. דארט האבן זיך געשווארצט די געצעלטן פון די פלישתים. א שיסע־ריי האט אפגעהילכט. אין לאגער פון די פלישתים איז אויסגעבראכן א מהומה. דזשעק האט אויפגעהויבן דעם קאפ און זיך געריבן די אויגן. דאנעבן אויפן טראטואר האבן אפגעהילכט שנעלע דריבנע טרים.

מאַרין? ער האָט אויפגעהערט. ס'איז זיכער געווען אַ טעות! זי איז ניט געגאַנגען אין אַ האָטעל אָרום טאַימס־סקווער און האָט קיינעם ניט פאַרשלעפּערט אויף אירע קני. זי איז ריין און אומשולדיק און יונגפרויאיש. זי...

— מאַרין?

די טריט האָבן זיך פאַרבייגעגליטשט און זיך אויסגעוועפּט אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט. פון דער פראָנט־וואַנט האָבן די דלילה'ס אַראָפּגעקוקט אויף אים מיט אַ שמייכל פון שפּאָט, האָבן צוגעוואָונקען מיט זייערע אַנטבלויזטע בריסט, מיט רויטע צעעפנטע ליפּן, נאַקעטע פּאָל־קעס און פאַררייסענע קני. דזשעק'ן האָט אַרומגעכאַפּט אַ שוואַרצע פאַר־צווייפלונג. אויך דאָס ליכט אין דער סטאַרקע איז ביסלעכווייז ווי טונקע־לער געוואָרן. באַלד האָט זיך עס גענומען לעשן. אין דער ווייט האָט בלויז געלויכטן אַ פאַקל, וואָס האָט זיך געגליטשט מיט אַ געוואַלטיקער שנעל־קייט באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ, ווי אַן איר־ליכט אין דער נאַכט. שמשון'ס פוקסן! באַלד האָט ער געקענט אונטערשיידן זייערע פאָרמען. נאָר איין פּאָרל זיינען זיי געווען. זיי זיינען געווען ענג געבונדן צו אַנאַנדער ביי די עקן, אַזוי אַז אין לויפן האָבן זיך זייערע הינטנס באַריירט און זיך געריבן איינער אין צווייטן. אין קנופּ צווישן די עקן האָט געשטעקט אַ ברענענדיק בראַנדהאָלץ, וואָס האָט געפלאַקערט ווי אַ שטורקאַץ. ביי דער שיין פון דער טאַנצנדיקער פלאַם האָט דזשעק געקענט זען, אַז זיי זיינען אַ זכר און אַ נקבה.

די פוקסן האָבן גאַלאָפּירט איבער די בערג און טאָלן פון דרום מאַ־רין־פּאַרק, צווישן די קוסטעס און פאַרביי די זומפּן, אין דער ריכטונג פון די דיונעס ביים ברעג ים. זייערע פאַרסמאַלעטע האָריקע עקן האָבן פאַרשפּרייט אַ ריח פון צוגעברענטן ברויט אין אַ טאָוסטער. מיטאַמאָל זיינען זיי ראַפּטום שטיין געבליבן צופוסנס פון אַן אַראָפּהאַנג. אונטן, ביים וואַסער, איז אויף אַ שטיין געזעסן מרס. סאַנדרא. איר שבת'דיקער זייד־דענער שאַל האָט געפלאַטערט אין ווינט ווי אַ פאָן. זי האָט זיך געשאָקלט איבער אַ ספר, וואָס איז געלעגן אויף אירע קני — אַ דיק בוך אין אַ שוואַרצן איינבאַנד, מיט פאַרגעלטע בלעטער: די „צאינה וראינה". די שיין פון ברענענדיקן בראַנדהאָלץ איז געפאַלן אויף איר פּנים.

די פוקסן האָבן אָנגעשפּיצט די אויערן און אויפגעהערט. מרס.

סאנדרא האט ארויסגעלייענט מיט א צעצויגענעם ניגון פון דער „צאינה וראינה" ארוים:

...מיר דארפן בודק זיין אלע אונדזערע אברים, וואו די זינד קען זיך אנקלעפן. דאס הארץ דארפן מיר בודק זיין פון שלעכטע גע־דאנקען...

דאס בראנדהאלץ צווישן די עקן האט אויפגעפלאקערט מיט א העל ליכט. די פוקסן האבן זיך פארקירעוועט און זיך געלאזט לויפן אין א גאלאפ צו דער גרויסער אזיערע וואס אין לעיקוואודער וואלד.

קאַפּיטל ניין

ביינאַכט אין פעלד

די היץ האָט אָנגעהאַלטן אַ וואָך צייט, דערנאָך איז קילער געוואָרן. פאַרנאַכט־צו האָט אַ פרישע ווינטל אַ בלאָז געטאָן פון ים און אַ זייגער זעקס איז מאַריון אומגעריכט אַרייַנגעפאַלן אין דער סטאָרקע. דזשעק האָט געהאַלטן אין צוגרייטן אַ טרוסקאַווקע־סאָדאַ פאַר אַ קונד. ער איז שטיין געבליבן מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ און האָט קוים באַוויזן אַרויסצוברענגען אַ שוואַכן „העללאָו" פון מויל. נאָך דער קראַן האָט געהודזשעט און דאָס סעלצער אין גלאָז איז אַריבערגעלאָפן מיט אַ גע־רויש. מרס. סאַנדראַ האָט זיך דערפרייט מיטן גאַסט:

— אַה, מאַריון, שוין אוודאי פאַרלאָרן דעם דזשאָב, וואָס? — האָט זי געזאָגט.

— ניין, מיין טייערע לידי. נאָך ניט — האָט מאַריון געשמייכלט — כ'קום גראָד פון אָפיס, האָב איך געטראַכט אַז כ'על אויפן וועג אָפּטרעטן אַ ווײַלע. ביז צום אָוונט זיינען נאָך פאַראַן אַ פּאָר שעה.

זי האָט זיך אַרומגעקוקט איבער דער סטאָרקע:

— נו, איז וואָס מאַכט איר אַלע? וואו איז מייקל? סילוויע?

— מייקל איז אין גאַס, מיט די קינדער, כ'על טאַקע אַ קוק טאָן וואו ער איז, און סילוויע איז אויבן, זי גייט מאָרגן אין באַנק, באַלד וועט זי אַראָפּקומען — האָט מרס. סאַנדראַ אינפאָרמירט און האָט אַרויסגעקוקט פאַר דער טיר: — זע נאָר, ס'איז גאָר קאַלט געוואָרן מיטאַמאָל! נו, ס'איז שוין באַלד נאָכן זומער, די ימים טובים שטייען שוין אויפן שוועל.

דער קונד האָט אויסגעטרונקען די סאָדאַ און איז אויך אַרויס. מאַ־ריון האָט זיך אויסגעדרייט צו דער פּאַרבאַנק:

— האַי, דזשעק! — האָט זי געזאָגט, ווי זי וואָלט אים ערשט איצט דערזען.

— האַי, מאַריון!

— וואָס הערט זיך עפּעס נייעס?

— פּאַרנומען, ווי דער שטייגער — האָט ער אַ מורמל געטאָן.

— איר זעט אויס פאַרטראַכט, פאַרטיפט אין מחשבות.

אירע אויגן האָבן אַ לאַך געטאָן. האָט זי זיך אַנגעשטויסן? זי האָט זיכער געוואוסט! און פאַרוואָס האָט זי זיך אַזוי לאַנג ניט געוויזן? דאָס מאָל וועט ער ניט דורכלאָזן די געלעגנהייט — ער וועט רעדן מיט איר! ווער ווייסט ווען זי וועט ווידער קומען? אָבער גלייך האָט ער דערפילט אַ שוואַכקייט אין די קני: וועט ער טאַקע באמת היינט רעדן מיט איר? און וואָס וועט ער איר זאָגן?

— זע נאָר ס'אַרא גאַסט! — האָט אויסגערופן סילוויע. זי איז דער־שינען אויפן שוועל פון דער הינטערשטער טיר מיט אַ פּעקל צעטלען און אַלערליי פּאַפּירן אין דער האַנט: — ס'איז זייער שיין פון אייך, וואָס איר האָט אונדז ניט פאַרגעסן. איר וועט דאָך בלייבן אַ ווײַלע, יאָ?

— יאָ... — האָט מאַריון זיך געקווענקלט.

סילוויע האָט זיך גענומען זוכן צווישן די חשבונות, וואָס זיינען געהאַנגען אויף האָקנס איבער דער וואַנט הינטער דער פּאַרבאַנק:

— אָבער רופט־אָפּ אַהיים! — האָט זי גע'עצה'ט — זיי וועלן ניט וויסן, וואו איר זיינט פאַרפאַלן געוואָרן.

מאַריון האָט איר צוליב געטאָן און האָט טעלעפאָנירט אַהיים. דער־ווײַלע זיינען אַריינגעקומען מרס. סאַנדראַ מיט מייקלען. מען האָט זיך פאַר־רעדט. ס'איז צוגעפאַלן דער אָוונט און אין קרעמל איז לעבעדיקער גע־וואָרן. מאַריון האָט זיך גענומען אַרויסהעלפן ווי אין די אַמאָליקע צייטן: דערלאַנגט סיגאַרעטן און סערווירט סאָדאַ'ס. זי האָט זיך גלייך דער־פילט היימיש און איז אַרויף אויבן, כדי צו דערציילן מייקלען אַ מעשה פאַרן גיין שלאָפן. פאַר איין וועג איז זי שוין פאַרבליבן אויף וועטשערע.

מחמת דעם קילן וועטער איז די גאַראַטשקע אין יענעם אויפדערנאַכט געווען זייער אַ קורצע. מרס. סאַנדראַ האָט אָנגעטאָן אַ וואָלענעם סווע־

טער. זי האט באצייטנס געזאגט א „גוטע נאכט" און איז אוועק צו זיך אין צימערל. סילוויע האט נאך געהאט צו טאן ביי אירע חשבונות און האט זיך געקליבן ארויפגיין אויבן:

— וועסט זיך שוין אן עצה געבן אן מיר, דזשעק — האט זי געזאגט — כ'וויל מארגן זיין גאנץ פרי אין דער באנק, כדי ניט צו צע'פטר'ן דעם טאג. איר גייט שוין אהיים, מארין?

— יא — האט געזאגט מארין און האט א זוך געטאן איר האנט־טאש.

— א גוטע נאכט! כאפט זיך אריין אפטער! — האט סילוויע א זאג געטאן פון שוועל און האט צוגעמאכט די טיר הינטער זיך.

ערב דער באנק איז זי געווען פארנומען מיט זיך און האט ווי גע־שוועבט אין אן אנדערער וועלט. א גאנצע צערעמאניע איז עס ביי איר געווען און א מין חשבון־הנפש. זי האט זיך מתיחד געווען מיט אירע חשבונות, בילס פון ליפעראנטן, אגענטורן און קאמפאניס, מיט כל'ערליי בילאנסן און באנק־ביכלעך. דרך אגב האט זי שוין געווארפן א בליק אין אלטע קבלות, קאנטראקטן, שטייער־דעקלאראציעס, פארזיכערונגס־פאליסים, טעלעפאן און גאז און עלעקטריע חשבונות, ווי אויך הוצאות און הכנסות בכלל. און זי האט פארצייכנט אויף א צעטל וויפל קליינגעלט מען דארף צוגרייטן פאר דער קומענדיקער וואך: ניקלס, צענערס, קווארערס.

און אז אלץ וועט גיין כשורה, וועט מען גאר אינגיכן קענען א טראכט טאן וועגן קויפן אן אויטא. מען וועט קויפן א „סטיישאן־וואגן"! — האט זי צום וויפלטן מאל באשלאסן — ווארים א „סטיישאן־וואגן" איז סאי גוט פאר ביזנעס און מען קען אין אים אויך ארויספארן אין א סוף־וואך אויף א שפאציר מיט די קינדער. אבער ליבערשט נאך צוואווארטן א ביסל: פון ביזנעס־קאפיטאל קען מען נאך דערווייליע ניט אנרירן, און מען טאר אויך ניט בלייבן אן א פעני אויף א רעגנדיקן טאג.

א ווייליע איז סילוויע געזונקען אין טרוימערייען. אויך זי האט גע־האט אירע האפענונגען און חלומות: אן אייגן הויז (אן איין־פאמיליע הייזקע פון צוויי גארנס, א דופלעקס), אן אויטא, א טעלעוויזיע, א גוטער קאלעדזש פאר די קינדער (זי האט שוין געטראכט וועגן „די קינדער", בלשון רבים), א ביסל זיכערקייט, סעקיוריטי, זיין מיטן לייטן גלייך. די

וואַכעדיקע חשבונות און ציפערן אויפן טיש זיינען ווי פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין אַ פאַעטישן טרוים.

אונטן, אין קרעמל, האָבן אַ יונג בחור׳ל און אַ מיידל זיך באַזעצט אויף טאַבורעטקעס ביי דער פאַרבאַנק, און באַשטעלט אייזקרים־סאָדאַ׳ס. זיי האָבן פאַמעלעך געצויגן די זיסע פליסיקייט דורך לאַנגע שטרויען און זיך אָנגעקוקט מיט פאַרליבטע אויגן. פון צייט צו צייט האָבן זיי עפּעס געפּליסטערט צו אַנאַנדער. דזשעק און מאַרין זיינען געשטאַנען ביים צווייטן עק פון פאַרבאַנק. מאַרין האָט געהאַלטן איר טאַש אין דער האַנט, גרייט צו גיין.

— נו, ווי איז דער נייער דזשאָב? — האָט ער אַ פרעג געטאָן, כדי זי צו פאַרהאַלטן.

— לאַנגווייליק.

— וואָסי?

— דעם גאַנצן טאָג דאָס זעלביקע. ס׳ווערט שנעל מיאוס.

— וואָס טוט איר דאָרט אייגנטלעך?

— ווי געוויינלעך: ביים טעלעפאָן.

— אַבי כ׳האָב געמיינט: אַן אָפיס... אַ סך מענטשן... יונגעלייט... ס׳איז דאָך ניט קיין קענדי־סטאָר!

— נאָך ערגער!

דאָס בחורל און דאָס מיידל פאַרנט האָבן זיך צוגעשאָרט נענטער צו אַנאַנדער. זיי האָבן זיך געהאַלטן ביי די הענט. מיטאַמאָל איז זייער פליסטערן העפטיקער געוואָרן. זיין קול האָט ווי פאַרלאַנגט און זי האָט אים אָנגעקוקט מיט געבעט אין די אויגן. זיי האָבן זיך אַראָפּגעגליטשט פון די טאַבורעטקעס. ער האָט באַצאָלט און זיי זיינען אַרויס.

— נו, איך וועל שוין אויך גיין — האָט געזאָגט מאַרין.

דזשעק האָט זיך אַ ווײַלע אַרומגעקוקט. זיינע אויגן האָבן זיך פאַר־טונקלט.

— וואַרט־צו, כ׳וועל אייך באַגלייטן.

— אָה, באַמיט זיך ניט, דזשעק!

— יאָ, מאַרין!

— ס׳עט ווערן שפּעט. ביז איר וועט צומאַכן די קלייט...

— כ׳וועל באַלד שליסן.

— אזוי פרי? — האט זי אים אנגעקוקט דערשטוינט.

דזשעק האט זיך אויסגעגלייכט. די שטריכן פון זיין פנים זיינען ווי שארפער געווארן, אנגעשטרענגט:

— יא, באלד... גלייך! — האט ער געזאגט און זיין קול האט אפּגעקלונגען הייזעריק.

— מען דארף ניט, דזשעק, כ'וועל ליבערשט צוואווארטן נאך א ווײַלע, אויב איר ווילט דווקא...

— ניין, כ'וויל ניט ווארטן — האט ער א רעד געטאן ווי א קאפּריזנע קינד — ס'איז... דאס ערשטע מאל, איר ווייסט? זינט יארן...

— ס'ערשטע מאל? — האט זי געזאגט און אירע אויגן האבן א לאך געטאן. ער איז געבליבן ערנסט, ווי ס'וואלט זיך געהאנדלט וועגן א לעבנסוויכטיקן באשלוס. א ווײַלע האט ער אויפגעהארכט. ארום האט זיך קיינער ניט גערירט. דאס הויז איז געזונקען אין שלאף. מאַרין האט אים מער ניט אפּגערעדט.

— כ'וועל אויסלעשן דאס ליכט — האט ער געזאגט.

זי איז ארויס פאר דער טיר און ער איז נאכגעגאנגען פון לאמפּ צו לאמפּ און האט געצויגן די שטריקלעך. דערנאך האט ער זיך ארויסגעשלייכט אויף די שפּיץ פינגער און האט פארזיכטיק איבערגעדרייט דעם שליסל אין שלאס.

— מירן גיין א שטיקל וועג צופוס?

— יא.

אין גאס איז געווען שטיל און טונקל. נאר דא און דארטן האבן אויפגעשיינט באלויכטענע וויטרינעס און פּאראיינצלטע אויטאס האבן זיך פארבייגעגליטשט אין איילעניש. דורך אפענע פענסטער פון הייזער האבן זיך געריסן קולות פון ראדיא. אויף א ראג איז געשטאנען א כאפּטע יונגווארג, מיידלעך אין בלויע הויזן און אינגלעך מיט סיגארעטן אין מויל. עטלעכע בלאקס לאנג האבן דזשעק און מאַרין געשפּרייזט שווייגנדיק.

— וואס איז עס אייגנטלעך פאר א קאמפּאני, וואו איר ארבעט? — האט ער א פרעג געטאן.

— כ'ווייס? טעקסטיל, דאכט זיך, אדער פלאסטיקס, אדער ביידע צוזאמען. עפּעס אזוינס. וואס איז די נפקא־מינה? ס'קלינגט: „גוט מארגן, סאנטקעס קאמפּאני" — „העללאו, כ'וואלט געוואלט רעדן מיט מר. ריטשארדס" — „יעס, גלייך, ווער רעדט, ביטע?" — „גוטמארגן..." — „מיט

מר. בראַון? מר. בראַון איז אַרויס, איר ווילט רעדן מיט עמיצן אַנדערש?... איבערלאָזן אַ מעסעדזש?" — „יעס סער!" דו זעסט זיי ניט, קולות בלויז. און נאָר דעם קאָנטאַקט שטעקסטו אַריין, אַ קאָנטאַקט אַריין, אַ קאָנטאַקט אַרויס.

— נו, ס'איז אומעטום אַזוי, ביי אַלע דזשאָבס.

— זיכער! — האָט מאַרין זיך אַ כאַפּ געטאָן — צענדליקער טויזנ־טער מיידלעך, הונדערטער טויזנטער, אַרבעטן ביי אַזאַ דזשאָב אָדער ביי ענלעכע. און זיי זײַנען אפשר גליקלעך אויך. זיי וועלן חתונה האָבן, וועלן ברענגען קינדער אויף דער וועלט, וועלן פּראַווען קריסטמעס און טהענקס־גיווינג, די גראַדואירונג פון זייערע קינדער, וועלן הנאה האָבן פון שאַפּינג, פון אַ נייעם רעפּרידזשערעיטאָר, אַ נייעם אויטאָ, אַ אייגן הויז. אַמע־ריקע איז אַ רייך לאַנד און גיט די בעסטע געלעגנהייטן פאַר אַ בעסער לעבן.

פון הינטער זיי איז אָנגעפאָרן אַן אויטאָבוס און האָט זיך אַ ווײַלע פאַרהאַלטן אויפן ראָג. אָבער מאַרין האָט כלל ניט בדעה געהאַט אײַנצו־שטייגן. זיי האָבן געשפּאַנט ווייטער.

— צענדליקער טויזנטער אויטאָבוסן פאָרן טאָג־טעגלעך אין באַ־שטימטע שעה'ן אויף זייערע באַשטימטע מאַרשרוטן — האָט מאַרין ווײַ־טער גערעדט — אָבער אַנומלט האָב איך געלייענט אין אַ צייטונג, אַז אײַ־נער אַ שאָפער פון מאַנהעטן איז איין פרימאָרגן אײַנגעשטיגן אין זײַן אויטאָבוס און אָנשטאָט צו מאַכן זײַן באַשטימטן טור איבער די גאַסן פון דער שטאָט, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט אַזש קיין פלאָרידאַ, אַ מהלך פון פיל הונדערטער מייל. האָסט עס געלייענט, דזשעק?

— יאָ, געזען. וואָס האָבן זיי מיט אים געטאָן?

— דאַכט זיך, אַז גאָרניט. זײַן אַדוואָקאַט האָט גע'טענה'ט אַז ס'איז געשען אין אַ מאָמענט פון משוגעת.

— ס'איז דער בעסטער תירוץ — האָט געזאָגט דזשעק.

זיי זײַנען איצט אָנגעקומען צו דער ריווער־עוועניו, וואָס האָט געפירט צו בעי־ווילעדזש. מאַרין האָט זיך פאַרנומען צו דער אַנדער זייט גאַס. זייערע פיס האָבן זיך ווי אַליין פאַרקירעוועט צו די פעלדער, וואָס האָבן זיך געצויגן פון דאָנען ביז צום ים. דאָס גראָז איז דאָרט איצט געוואַקסן הויך

און געדיכט. זי האָט געשפּרייזט אַ שריט פאָרויס און באַלד זײַנען זיי אַרויף אויף אַ שמאָלער סטעזשקע צווישן געדיכטע קוסטעס.

— כ'קלער אַמאָל, דו ווייסט וואָס? — האָט זי געזאָגט — אַזוי זער לאַנד איז דאָס פריסטע, רייכסטע און גליקלעכסטע אויף דער וועלט און פון דעסטוועגן איז ביי אונדז פאַראַן אַזויפיל יונגט־פאַרברעכן און גייסטיק־קראַנקע. „יעדע צווייטע בעט", ווי זיי זאָגן...

דזשעק האָט קוים צוגעהערט. אין דער איינזאַמקייט פון דער נאַכט, אין פעלד, האָט ער שאַרפער געשפּירט איר נאָענטקייט, וואָס האָט אים ווי איינגעהילט און דורכגעדרונגען. די סטעזשקע האָט זיך געשלענגלט אין זיג־זאַגן און מיט יעדן שפּאַן איז דאָס גראָז ווי העכער געוואָרן. הינטער זיי האָט זיך געשוואַרצט די רונדע אַלייע פון מאַרין־פּאַרק. פון לינקס האָבן צוגעוואָונקען די ליכטער פון פישער־הייזקעס, וואָס האָבן זיך געהויבן אויף בערגלעך צווישן וואַסער־צונגען און זומפּן. אַנטקעגן האָט גע־ברומט דער ים.

מאַרין האָט ווי אַנגעטאַפּט דעם באָדן אונטער די פיס. זי האָט גע־שפּרייזט לייכט, עטוואָס פאָראויס. איר עלנבויגן האָט זיך באַוועגט אין גאַנג און באַרירט דזשעק'ן. אַ קיל ווינטל האָט געשאַרכט צווישן די קוס־טעס, אין די גראָזן און צווישן די צווייגן פון פאַראיינצלטע ביימער. אין דער ווייט, איבער דעם גאַרטל־שאָסיי, האָבן אויפגעלויכטן און זיך גע־לאָשן די אויגן פון אויטאָס, וואָס האָבן זיך געיאָגט ווי פאַר'כישופ'טע ליכטער אין דער נאַכט.

— ס'איז גוט צו שפּאַצירן אין אַזאַ אָוונט — האָט אַ מורמל געטאָן מאַרין.

— כ'בין שוין לאַנג ניט געגאַנגען ביינאַכט אין פעלד — האָט ער געזאָגט.

— ווי לאַנג?

— זינט איך בין אין דער ביזנעס, איז עס אפשר ס'ערשטע מאָל.

— ווידער דאָס ערשטע מאָל?

— מיט דיר איז אַלץ ווי צום ערשטן מאָל.

— יאָ? — האָט זי אַ לאַך געטאָן — אפשר...

זי האָט פאַרלאַנגזאַמט אירע שריט און אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו אים. ער האָט זי דערגרייכט. די סטעזשקע איז געווען אַ שמאָלע און זייערע

ארימס האבן זיך באריירט. זי האט זיך לייכט געטוליעט צו אים „אה, מאריין" — האט ער א פליסטער געטאן און פארווארפן זיין ארים ארום איר טאליע. איר גוף איז געווען יונגפרויאיש פריש, ווי אומבארירט. אונ־טער זיינע פינגער האט ער געפילט די וויברירונגען פון אירע גלידער, וואס האבן לייכט געציטערט אין גאנג.

די סטעזשקע האט זיך איצט געשלענגלט איבער דעם ראנד פון א שיפוע. פון אונטן האט זיך געטראגן א שארפער ריח פון זומפיקער, צע־פארעטער ערד. פון מאריין'ס גוף האט געשלאגן א ווארימקייט. דזשעק האט געאטעמט טיף, מיט א שטייגנדיקן טעמפא, פאר'שיכור'ט. איר בלוזקע האט זיך פארריסן אין גאנג און ער האט דערשפירט איר אנטבלויזטן לייב אונטער די שפיצן פון זיינע פינגער. די קוסטעס ביי דער זייט פון דער סטעזשקע האבן געשארכט און שטענגלעך האבן זיך געבראכן מיט א טראסק אונטער זייערע פיס. אונטן, איבער דעם זומפ, האט זיך געשווארצט א געדיכטעניש פון בלושטש, הויכע קאמיש־שטעקלעך און ווילד־גראז. דער ווינט האט געבויגן זייערע שפיצן און זיי האבן אויסגעזען ווי א צע־וויגטער וואלד. דזשעק האט זי א דריק געטאן נענטער צו זיך:

— מאריין!

— יא?

— און דו?

— וואס איך?

— ביסט דא געווען אפט ביינאכט?

— יא, מיר פלעגן דא גיין שפאצירן.

— ביסט דא געווען מיט א מאן?... א געליבטן?

— רייד ניט קיין נארישקייטן, דזשעק!

איצט איז ער געווען זיכער, אז זי איז שוין דא געווען מיט א גע־ליבטן. דער פארדרוס און די אייפערזוכט האבן נאך פארשארפט זיין לוסט. פארוואס האט יענער געמעגט? שטענדיק אזוי: אלע מעגן, נאר ער ניט! זיינע פינגער האבן געציטערט ארום איר טאליע, זיך געשארט העכער, אונטער איר ארים, באריירט איר בוזים.

— אה, דזשעק! — האט זי זיך א צאפל געטאן — וואס איז מיט דיר, דזשעק?

איר אָרים האָט זיך אַראָפּגעלאָזט און צוגעדריקט זיינע גלעטנדיקע פינגער. איר צושטימונג, אַן ווערטער, האָט אים דערמונטערט:

— כ׳דאַרף מיט דיר רעדן, מאַרין! — האָט ער א פליסטער געטאָן.

— וועגן וואָס?

— וועגן... וועגן...

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און זי אויסגעדרייט מיטן פּנים צו זיך. זיי זיינען געשטאַנען אויף אַן אַראָפּהאַנג, זי אויבן און ער אונטן, און זי איז איצט געווען מיט א קאָפּ העכער פון אים. ער האָט זי אַרומגענומען און איר גוף האָט זיך לייכט א וויג געטאָן אין זיינע אָרימס. ער האָט דערפילט א דערלייזונג, וואָס ער מוז ניט רעדן, גאָרניט ניט זאָגן. איר קערפּער האָט זיך א בויג געטאָן איבער אים. ער איז צוגעפאַלן צו איר אַנטבלויזטן בוזים און דערשפּירט דעם געזאַלצענעם טעם פון שוויים אויף זיין צונג. א געשריי איז אויפגעשטיגן אין אים. דאָס ברומען פון ים איז העכער געוואָרן, שטורמישער. די כוואַליעס האָבן זיך געוואָרפן אויפן ברעג, זיך אָנגעשלאָגן אָן די זאמדן און פעלזן, זיינען צוריקגעפאַלן און זיך ווידער געוואָרפן פאָראויס מיט ווייסע פאַרשוימטע מיילער. זיינע פינגער האָבן זיך אַראָפּגעגליטשט איבער אירע היפטן און געגלעט אירע פעסטע שלאַנקע לידקעס. אירע קני האָבן זיך א בויג געטאָן פאָראויס מיט א ציטער און זיך אָנגעשפּאַרט אויף אים.

— גענוג, דזשעק, גענוג! — האָט זי געמורמלט מיט געבעט.

— מאַרין! — האָט ער נאָר געפליסטערט איר נאָמען.

א חייה׳שע תאווה האָט איצט באַהערשט זיינע חושים, א הונגער נאָך איר לייב, נאָך דער וואַרימקייט פון איר גוף, דעם ציטער פון אירע גלי־דער. און ער האָט זי געוואָלט ווי א פאַרגיטיקונג פאַר די אַלע יאָרן פון אונטערדריקטע אינסטינקטן; זי האָט ווי פאַרגעשטעלט אַן אויסגעשריי פון פּראָטעסט קעגן אָפּטעמפּונג און הכנעה; און ער האָט זי געוואָלט ווי אַן אַקט פון זינד — קעגן מרס. סאַנדראַ׳ס פרומען געמורמל פון קריאת־שמע און די הייליקע מלאכים וואָס רינגלען זי אַרום, און קעגן דעם טרוים פון א „סטיישאַן־וואַגן”. מאַרין האָט שטיל געקרעכצט און אירע הענט האָבן זיך געקראַמפּט אַרום אים.

— גענוג, דזשעק, — האָט איר קול זיך געבעטן — זיי א גוט אינגל!

— קום! — האָט ער א שפּרייז געטאָן הינטערווייל עכטס, איבערן

שיפּוע, צו דער שוואַרצער געדיכטעניש פון בלושטש און ווילד־גראָזן ביים ברעג וואַסער אין טאָל.

— ניין, לאָז מיך אָפּ!

— קום! — האָט ער געמאַכט נאָך אַ שפּרייז אויף צוריק.

— אונטן איז אַ זומפּ, דזשעק, מיר'ן פאַרקריכן אין אַ בלאָטע.

ער האָט זי ניט אָפּגעלאָזט. איר קערפּער האָט זיך מיטאַמאָל פאַר־שטייפט. אירע פינגער האָבן זיך איינגעקלעמט אין זיינע אַקסלען:

— ניין!

איר שאַרפער געשריי האָט דורכגעשניטן די אַרומיקע שטילקייט. דזשעק איז אַ ווײַלע ווי פאַרשטאַרט געוואָרן. ער האָט זי אָפּגעלאָזט. אונטן, ביים וואַסער, האָט אַ חיה'לע זיך אַ הויב געטאָן פון צווישן די קוסטעס און זיך געלאָזט לויפן פאַרוים מיט לאַנגע שפּרונגען. אַ פוקס?... דזשעק האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום טאָל. אַ צווייט חיה'לע האָט זיך גע־לאָזט לויפן דורך דער געדיכטעניש און האָט צעוויגט דעם בלושטש און די קאַמיש־שטעקלעך. שמשון'ס פוקסן!... זיי האָבן זיך אפשר געהאַלטן אין פאַרן און מאַרין'ס געשריי האָט זיי אויפגעציטערט פון זייער גע־לעגער. אין דער ווייט האָבן זיך געיאָגט די איר־ליכטער פון אויטאָס איבער זיג־זאַגן און זיינען פאַרשוואונדן אין דער נאַכט. „שמשון'ס פוקסן"? די אָפענע דזשיפּס איבער די זאַמדן פון נגב?... ער וועט שוין קיינמאָל ניט אהינגיין!

ער איז געשטאַנען אַ פאַרטראַכטער, מיטן רוקן צו מאַרין'ען. זי האָט ווי דערפילט זיין אָפּהענטיקייט און האָט חרטה געקראָגן אויף איר שאַרפן אויסברוך. שטיל, ווי אַ קאַץ, האָט זי זיך אַראָפּגעשליכט עטלעכע שריט איבערן שיפּוע און זיך געשטעלט פּנים אל פּנים צו אים. זי האָט לייכט אָנגערירט זיין אָרים:

— זיי ניט אומעטיק, דזשעק, ס'איז אַזאַ שיינער אָוונט — האָט זי אַ פליסטער געטאָן.

איר מויל איז געווען אַזוי נאָענט, אַז ער האָט דערפילט זיין וואַרימען הויך. איצט איז זי געשטאַנען מיטן רוקן צום טאָל, אַ שריט נידעריקער פאַר אים. איר קול האָט אים דערמוטיקט. ער האָט נאָר געדאַרפט אַ נויג טאָן דעם קאָפּ און ער האָט דערפילט די באַרירונג פון איר שטערן אויף זיינע ליפּן. זי האָט אַרויפגעלייגט בײדע הענט אויף זיינע אַקסלען, ווי זי

וואָלט זיך געוואָלט אָנהאַלטן אַן אים, און אירע לאַנגע פינגער האָבן געגלעט זיין פּלייצע. זיי האָבן זיך דערנענטערט, ווי צוגעצויגן צו אַנאַנדער. באַלד האָט ער דערפילט אַקעגן זיך אירע פעסטע בריסט. זי האָט געאָטעמט האַסטיקער און פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויף צוריק. איר קערפּער האָט געציטערט אין זיינע אָרימס און איר מויל האָט זיך געעפנט פאַר אים, און ער האָט דערשפּירט אירע פולע ליפּן און דאָס פייכטע וואַרימע לאַשטשען פון איר צונג, וואָס האָט געצאַפּלט צווישן זיינע ליפּן. אַ ווײַלע זיינען זיי אַזוי געשטאַנען, און ווען זי האָט זיך אָפּגעריסן פון אים און אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, האָט זי געזאָגט:

— איך געפעל דיר, דזשעק?

— דו ווייסט עס, מאַרין, איך האָב דיך ליב!

ווידער האָט זי זיך געטוליעט צו אים. דערנאָך האָט זי געזאָגט:

— גענוג אויף היינט. לאָמיר גיין, גוט?

איר קול האָט אָפּגעקלונגען ניכטער, זאַכלעך: ווי זי וואָלט געוואָוסט אין פאָרויס וואָס עס וועט דאָ היינט געשען צווישן זיי. זי האָט ניט געמאַכט קיין צו גרויסע שהיות, אָבער קיין צו גרויסן ווען האָט זי דערפון אויך ניט געמאַכט. און זי האָט, משמעות, גענוי באַשטימט אין פאָרויס די גרעניץ, ביז וואוהין זי וועט גיין.

— ס'איז שוין שפּעט, דזשעק, צייט צו גיין אַהיים!

אַהיים? סאַנדראַ שלאָפט אין איר קליינעם חדר'ל און מלאכים באַוואַכן זי: מיכאל, גבריאל, אוריאל, רפאל. סילוויע שלאָפט שוין אויך. צומאָרגנס דאַרף זי גיין אין דער באַנק. די באַנק־ביכלעך זיינען גרייט און די דעפּאָזיט־צעטלען זיינען אויסגעשריבן. און לעבן אים איז נאָר מאַרין. זי איז די איינציקע פון אַלע זיינע טרוימען וואָס איז ממשות'דיק, רעאַל, וואָס ער קען אים אָנטאַפּן מיט די הענט, פילן מיט זיינע חושים — אַ טרוים פון בשר־ודם. די אַלע אַנדערע זיינען פאַנטאַזיע, אַן אילוזיע, מער חלום ווי וואָר.

— ס'איז שוין שפּעט... — האָט איר קול דערמאָנט.

אויך זי האָט זיך געוואָלט אַרויסגליטשן, פאַרשווינדן. ער האָט זי געוואָלט ניט בלויז ווי אַ פרוי, בשר־ודם — זי איז געווען ווי אַ סימבאָל. מיט קעצישער עלאַסטישקייט האָט זי זיך שטיל באַפרייט פון זיינע אָרימס און זיך אָפּגערוקט אַ טריט פון אים. ער איז געבליבן אַליין.

איין אויגנבליק איז אים פאַרגעקומען ווי א תהום וואָלט זיך געעפנט פאַר זיינע פיס. ער האָט אויסגעשטרעקט די הענט און זי א צי געטאָן צוריק צו זיך. מיט אַלע כוחות האָט ער זי געוואָלט אַנהאַלטן, זי ניט לאָזן פאַרשווינדן. זיינע אָרימס זיינען ווי אַנגעפילט געוואָרן מיט ברו־טאַלער קראַפט. ער האָט זי א בויג געטאָן אויף צוריק און געפילט די גאַנצע לענג פון איר קערפּער אַנטקעגן זיינעם. אירע פינגער האָבן שוין באַרירט דאָס גראָז אויף דער ערד. דאָס מאָל האָט זי נאָר א זאָג געטאָן מילד:

— לאָז מיך אָפּ, דזשעק! לאָמיר גיין, סילוויע וועט וואַרטן אויף דיר.

אירע ווערטער האָבן אים צעטומלט. ער האָט זיך פאַרלאָרן און זיין קראַפט איז ווי אָפּגעטאָן געוואָרן פון אים. ווען ער איז געקומען צו זיך, איז מאַרין שוין געשטאַנען, אַן אויסגעגלייכטע, אויפן בערגל איבער אים:

— זי וועט נאָך מיינען, אַז דו ביסט אויך אַנטלאָפן... אַזוי ווי מרס. סאַנדראַ... — האָט זי א לאַך געטאָן.

דזשעק איז אויפגעשפּרונגען, ווי א שלאַנג וואָלט אים א ביס געטאָן:

— כ׳וואָלט אויך געוואָלט אַנטלויפן! איך אויך! — האָט ער אויס־גערופן מער צו זיך ווי צו מאַרין׳ען — אָבער ניט אין דער „אַלטער היים..."

— וואוהין דען?

זי איז געשטאַנען בלויז עטלעכע שריט העכער פון אים, אויפן שיפּוע, אָבער אים איז פאַרגעקומען ווי איר קול וואָלט דערגאַנגען פון ערגיץ־ווייט, פון דער הויכעניש פון א באַרג. ער האָט געשוויגן.

— וואוהין? — האָט איר קול אָפּגעקלונגען ווי אַן עכאָ.

— וואוהין? כ׳ווייס אַליין ניט — האָט ער אַנגעהויבן שטאַמלען — אויף א שיף... אפשר קיין פּאַלעסטינע... אָט ווי דיין פאָטער איז אַמאָל אַוועק...

מאַרין האָט זיך אַראָפּגעלאָזט א שריט נענטער צו אים:

— וועסט מיך מיטנעמען, דזשעק? — האָט זי געפרעגט. איר שטימע איז געוואָרן מילדער, לאַשטשענדיק כמעט.

— דו? ווי קומסט דו אַהינצו?

— פאַרוואָס ניט? ס׳מוז זיין אַן אינטערעסאַנט לאַנד: דער שטאָל

פון בעטלעהעם, די דריי קעניגן, נאַזאַרעט, די הייליקע וואַסערן פון ירדן...
אמת? אין סאַנדעי־סקול, אין דער קירכע, האָבן מיר אַ סך געלערנט וועגן
די אַלע מקומות.

זי האָט גערעדט ערנסט און איר טאָן האָט אים אויסגעניכטערט. ער
האָט געשוויגן.

— לאָמיר פאָרן, גוט? — האָט זי אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט.
זי איז שוין געשטאַנען לעבן אים און ער האָט געקענט פילן איר התלהבות.

זי האָט עס גענומען לייכט, ווי אַן אַוואַנטורע, און אין דער זעל־
ביקער צייט האָט זי עס געמיינט אויף צו דער'אמת'ן ניט ווי סתם אַ
פאַנטאַזיע. ס'איז קענטיק געווען אַז זי איז גרייט, ממש גרייט — גערעדט
און געטאָן. פון איר'טוועגן וואָלט מען זיך שוין מאָרגן פאַרטאָג געקענט
לאָזן אין וועג אַריין. און סילוויע? מייקל?... די סטאַרקע?

— אָבער אַצינד איז דאָרט אַ מלחמה! צווישן ישראל און די אַראַבער
— האָט ער פּרובירט זי אָפּצורעדן.

— איז וואָס? כ'האָב ניט קיין מורא, דזשעק, כ'האָב זיך אַמאָל אָנ־
געהויבן לערנען פאַר אַ קראַנקן־שוועסטער, גענומען עטלעכע קורסן. ס'קען
צונויץ קומען, אמת?

אירע פּראַקטישע פּלענער האָבן אים אָפּגעגאָסן ווי מיט קאַלטן וואַ־
סער. זי האָט ווי אַראָפּגעשלעפּט זיינע טרוימערייען אויף דער ערד און
זיי באַטראַכט ניכטער און זאַכלעך, אין ליכט פון פאַרווירקלעכונג. און
זי האָט אים געשטעלט פאַר אַ נסיון: איז ער גרייט צו מעשים אָדער ער וויל
זיך אַרומטראָגן מיט חלומות בלויז?

— און דיין מוטער? דיינע עלטערן?

— זיי דאַרפן ניט וויסן. אין אַ יאָר אַרום וועל איך זיי שרייבן
וואו איך בין. ס'איז מיר מיאוס געוואָרן דער אָפיס, דאָס טעלעפאָן־קעסטל,
אַלץ מיט אַנאַנדער. ס'וואָלט געווען וואונדערבאַר, דזשעק. כ'האָב תמיד
געטרוימט וועגן גרויסע נסיעות איבער דער וועלט.

— וואוהין האָסטו געוואָלט פאָרן?

— וואוהין? אַלצאיינס וואוהין. פּאַריז, האָליוואוד, די האַוואַי־
אינדזלען.

זי האָט אים אָנגענומען ביי דער האַנט:

— קום!

דזשעק האָט אַ ציטער געטאָן, ווי זי וואָלט אויסן געווען זיך גלייך צו לאָזן אין וועג אַריין, טאַקע שוין, ווי זי שטייט און גייט. זי האָט אים געפירט איבער דעם ראַנד פון אָראַפּהאַנג און איבער אַ זייטיקער שמאָלער סטעזשקע צו אַ פלאַכן פעלז אויפן שפּיץ פון אַ צווייטן בערגל.

— ווילסט זיך נאָך צוזעצן אַ ווײַלע?

— יאָ.

זי האָט פאַררויכערט אַ סיגאַרעט. דזשעק האָט אַראָפּגענידערט לעבן איר אויפן שטיין. צופוסנס האָט געהויערט די געגנט שטום און אייגנע־הילט אין טונקל. נאָר דער ווינט האָט געשאַרכט צווישן דעם ווילדגראָז און בלושטש, און דאָ און דאָרט האָבן פאַרבלאַנדזשעטע ליכטער אויפגע־שיינט און זיך געלאָשן. ווייט הינטער זיי, ביים ברעג ים, האָט דער הימל זיך גערויטלט איבער די ליכטער פון קאָני־איילענד.

— דיין מוטער האָט געזאָגט, אַז דו האָסט געוואָלט ווערן אַן אַר־טיסטקע — האָט געזאָגט דזשעק.

— וועגן אַלץ מוז זי פּלאַפּלען! וואָס נאָך האָט זי דערציילט?

— אַז דו ביסט געווען אַ פּעאיקע תּלמידה, האָסט גוט געלערנט. זיי האָבן געהאָפט אַז דו וועסט גיין אין קאָלעדזש, ווערן אַ לערערין, לכל־הפּחות נעמען אַ ביזנעס־קורס און קריגן אַ פיינע שטעלע. אָבער דו האָסט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ האָליוואָוד, ווערן אַ טענצערין...

— נאַרישקייטן, ס'איז געווען מיט יאָרן צוריק, מיט אַ סך יאָרן צוריק. יוגנט־טרוימען!

זי האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט. איר קול איז געוואָרן אומעטיק:

— און אפשר איז זי אַ ביסל גערעכט? געוואָלט האָב איך אַ סך און ס'איז פון מיר גאָרניט געוואָרן. כ'האָב געמאַכט דעם אמת'ן תּכלית פון מיין לעבן! — האָט זי רעזיגנירט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— ביסט נאָך יונג, מאַרין!

— איז וואָס האָב איך דערפון?

— און וואָס ווילסטו אַצינד?

— כ'ווייס ניט. גאָרניט.

אַ זאַלפּ פון שאָסן האָט צעריסן די אַרומיקע שטילקייט. זיי האָבן אויסגעדרייט די קעפּ. אין דער ווייט, אונטער די הימלען פון קאָני־איילענד

און איבער די וואסערן פון ים, האבן אפגעהילכט קנאלן פון פייער־ווערק. א בינטל ראקעטן האט געפלאצט אין דער לופטן און א סנאפ שטראלן האט ארויפגעלויכטן אין טונקעלן רוים. באלד האט זיך א רעגן פינקלענדיקע שטערנדלעך אראפגעלאזט צו דער ערד. דזשעק האט גענומען מאריז'ס האנט און געגלעט אירע פינגער.

* * *

שוין אין איר פריער יוגנט האט זי זיך פאר'שיכור'ט מיט חלומות: מיט די העלדן און סטארן, זייערע לעבנס און ליבעס, דראמעס און אוואנטורעס. אויך פון איר אייגענעם לעבן האט זי אין איר פאנטאזיע אויסגעוועבט א פילם: פון די פראסטע וואכעדיקע טעג אין איר עלטערן־הויז, פון איר ערשטן דזשאב אלס בייבי־סיטער אין די „קאורט־גארדנס", פון איר ערשטער ליבע. דער גרויסער אפארטמענט־הויז מיט דעם לאנגן הויף פון הינטן איז איר פארגעקומען ווי א הארעם אינמיטן ברוקלין. און ווער איז געווען דער פאשא? — דער פאשא איז געווען גאנדאלפא, דער יונגער, ברייטפלייציקער איטאליענער מיט דער וואנצקע, פון דעם גרינס־געוועלב אויפן ראג. האט ער ניט אויסגעזען פונקט ווי רודאלף בארבערינא, דער פאשא פון די „ווייסע שקלאפן"? ער האט זי טאקע פארשאכערט צו זיין יוגנט־פריינט טאני קארבאנע.

אויף בייבי־סיטינג אין גרויסן אפארטמענט־הויז, ניט ווייט פון עוועניו „יו", האט מארין אנגעהויבן גיין שוין אין די לעצטע פאר יאר אירע אין האי־סקול. איין משפחה האט זי רעקאמענדירט צו א צווייטער און מיט דער צייט איז זי דארט געווארן היימיש. זי פלעגט בלייבן מיט די קליינע קינדער אין שטוב, ווען די עלטערן זיינען ערגיץ אוועק, צו־גאסט אדער אין א טעאטער, און איז שוין דארט טיילמאל פארבליבן שלאפן, כדי ניט צו גיין איינע אליין שפעט ביינאכט אין דער פוסטער געגנט ארום בעי־ווילעדזש. אין וואקאציע־צייט איז איר אפילו אויסגעקומען דארט צו וואוינען עטלעכע טעג — ווען א פאר־פאלק איז אוועקגעפארן אויף א סוף־וואך.

די זעקס־גארנדיקע „קאורט־גארדנס" הייזער האבן זיך ארויסגע־

הויבן צווישן די ארומיקע איין־פאמיליע הייזקעס פון דער געגנט און האבן פארנומען א גאנצן בלאק. צו דער גאס־צו האט יעדע געבײַדע געהאט איר אייגענעם נומער און באזונדערן אריינגאנג, אבער פון הינטן זיינען זיי געווען באהעפט דורך איין לאנגן הויף. ביי דעם הינטערשטן צוים זיינען געוואקסן איינצלנעביימער און דא און דארט זיינען געשטאנען בענק.

די פארלעך, וואס האבן דא געוואוינט, זיינען געווען יונגע, ס׳רוב פיר־פינף יאר נאך דער חתונה. אין דערפרי פלעגן די מענער אוועקגיין צו דער ארבעט: ביזנעס־לייט, דראגיסטן, קליינע פאבריקאנטן פון גארמענט־צענטער, עטלעכע פראפעסיאנאלן. די פרויען פלעגן פארבלייבן אליין — בלויז פרויען און קליינע קינדער. מען האט זיי געהערט קלאפן מיט די רעפרידזשערעיטאר־טירן און רוישן מיט וואקואום־קלינערס, און ביז מיטאג האט מען זיי געזען זיך פארביישלייכן אין פאנטאפל דורך די שוואך־באלויכטענע קארידארן אדער איבער די טרעפ, פון עטאזש צו עטאזש, אין שארכנדיקע שלאף־רעק איבער לויזע פידזשאמעס.

נאך מיטאג פלעגט דאס ווייבער־פאלק אראפגיין אין לאנגן שמאלן הויף. זומער האבן די מערסטע געטראגן קורצע הויזן אדער דינע קליידער, מיט כמעט דורכזיכטיקע בלוזעס און סאנדאלן אויף די פיס. אין די הייסע טעג איז מען געזעסן אין שאטן, אונטער א בוים אדער לענגאויס א וואנט וואס האט פארשטעלט פון דער זון; ווינטער־צייט, אין העלע פראסטיקע נאכמיטאגן, האט מען זיך אויסגעזעצט אויף די בענק וואס זיינען געווען באשיינט פון דער זון, לענגאויס א וואנט וואס האט געשיצט פון ווינט — א לאנגע ריי פרויען, שלאנקע און פול־לייביקע, בלאנדע און טונקעלע — אין דיקע מלבושים מיט שאלן אויף די קעפ. זויג־קינדער זיינען געשלאפן אונטער וואלענע דעקעס אין וויגן דאנעבן און דאס קליינווארג איז ארומגעלאפן איבער דעם בעטאן און האט אנגעפילט דעם הויף מיט געפילדער.

די ווייבער האבן געשטריקט, געשמועסט וועגן שאפינג, מאדעס, פעלצן, ליבע־געשיכטעס פון פילמען און פון לעבן, אלערליי פאטראוועס וואס זיי קליבן זיך קאכן פאר סאפער. אנדערע האבן אריינגעקוקט אין ביכער אדער געלייענט די טאבלאאיד־בלעטער וועגן גט׳ן אין האליוואוד אדער אין דער הויכער געזעלשאפט, וועגן פארראט און איפערזוכט־מארדן, סקאנ־

דאַלן און נאַכט־קלובן, און וועגן רייזעס קיין פּאַריז און רוים וואָס האָבן געשמעקט מיט קולטור, אוואַנטורעס און פאַרבאָטענע פאַרגעניגנס.

אין מאַריון'ס פאַרשטעלונג איז דער הויף אין אַזעלכע טעג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מין „האַרעם", וואָס דער האַר זיינער איז אַוועק אין דער מלחמה אָדער איינמאָנען צינזן ביי זיינע אונטערטאַנען. דאָס ווייבער פאָלק אין דערהיים האָט זיך געטונקט אין אַ נעפּל פון בענקשאַפט און דערוואַרטונג. ביינאַכט, ספּעציעל אין אַ סוף־וואָך, ווען זי איז געבליבן וואַך ביז שפּעט ביי אַ ראַדיאָ אָדער איבער אַ זשורנאַל, האָט זי טיילמאָל אויפגעכאַפּט דאָס געוויש פון אַ פּאָרל וואָס האָט זיך געליבט, לאַנג און מיט כוונה, אויף דער אַנדערער זייט וואַנט אָדער אויבן, איבערן סופיט: דאָס פּליסטערן, אַ געלעכטער, איינגעהאַלטענע קרעכצן אָדער דאָס סקריפּען פון אַ בעט. די מענער האָט זי קוים געקענט, און איר איז פאַרגעקומען, ווי ס'וואָלט שטענדיק געווען דער זעלביקער מאַן, דער האַר, — און תמיד האָט ער אויסגעזען ווי גאַנדאַלפאָ, דער „פּאַשאַ" פון גרינס־געשעפט.

צו גאַנדאַלפאָ אין סטאָר, צווי בלאָק ווייטער, זיינען די ווייבער פון אַפּאַרטמענט־הויז געגאַנגען איינקויפן גרינסן און פּרוכט. ער איז געווען אַ געשטאַלטענער יונג פון אַ יאָר דרייסיק, מיט גרויסע שוואַרצע אויגן, אַ קוטשמע שוואַרצע האָר אויפן קאָפּ און אַ שמאָלער וואָנצקע אויף דער אויבערשטער ליפּ, מיט אַ פּאָר געזונטע לאַפּעס — אַ זכר פון קאָפּ ביז די פיס. ער האָט תמיד געהאַט אַ פולן מויל מיט קאָמפּלימענטן פאַר די פרויען, פאַר די יונגע ווי פאַר די עלטערע, און אַ וואַרימען שמייכל אין די ווינקלען פון זיינע ליפּן. די ווייבלעך האָבן זיך גערן פאַרזאַמט אַ ווײַלע ביי די געשטעלן פון פּירות און גרינסן אין זיין געוועלב און האָבן אַריינגעכאַפּט אַ לייכטן פלירט ביים אויסזוכן טאָמאַטן, ווייַנטרויבן אָדער אַ קעפּל סאַלאַט. גאַנדאַלפאָ האָט אויך מהנה געווען זיינע קונדן מיט מציאות: קאַשיקלעך טרוסקאַווקעס וואָס זיינען פאַרבליבן איבערן וויק־ענד, עטוואָס פאַרלעגענע באַנאַנעס און אַלערליי פּרוכט, וואָס צום עסן זיינען זיי שוין ניט גוט געווען, אָבער מען קען נאָך פון זיי צוגרייטן מאַרמעלאַדע אָדער זאַפט. אָט די דאָזיקע סחורה האָט ער געהאַלטן אין אַן אייזקאַסטן, אין אַ טונקעלן צימער הינטער זיין קרעמל.

טיילמאָל איז איינע פון די ווייבלעך מיטגעגאַנגען מיט אים אין

הינטערשטן צימערל אַנצוקוקן די מציאה וואָס ער האָט גראָד אָנגעבאַטן. קיין גרויסע זיבן זאַכן זיינען דאָרט זיכער ניט געשען, וואָרים דער „האַ־רעם" האָט געהאַלטן אַ שטרענג אויג אויף זיינע ווייבער און מען האָט דאָרט געוואוסט וואָס און ווען.

מאַרין האָט געהערט די גאַנדאַלפאַ לעגענדע נאָך איידער זי האָט אים געקענט. שפּעטער האָט זי אויך איינגעקויפט אַלערליי קליינינקייטן אין זיין גרינס־סטאָר. ער פלעגט זיך מיט איר וויצלען און האָט זי גע־רופן „קיד". אין יענעם זומער, נאָכן פאַרענדיקן האַי־סקול. איז זי אָפט געקומען אין די „קאָורט גאַרדנס" און זי האָט אָנגעהויבן אָפטער באַ־זוכן דאָס געוועלב אויפן ראָג. עטלעכע מאָל איז זי אפילו אַהינגעפאָרן אַזש פון דער היים איינצוקויפן גרינס און פרוכט פאַר דער מאַמען. ס'האָט איר געצויגן אַהינצו. אין די פאַרנאַכטן האָבן זיך דאָרט אַרומגעדרייט פאַרן שוועל טונקעלע טיפּן — יונגע חברה־לייט מיט לאַנגע טשופּרינעס און בלאַטע בליקן; מען האָט זיך גע'סוד'עט און גערעדט אויפן וואונק ווענגן פערד און נומערן; און מען האָט זיך געוועט — אויף אַלץ אין דער וועלט האָט מען זיך דאָרט געוועט — אויף מאַטשן פון בייזבאָל און באָקס־מאַטשן, וואַלן צום קאָנגרעס און פערד־געיעגן. גאַנדאַלפאַ איז געווען ניט בלויז אַ פּאַשאַ — זיין קרעמל האָט געשמעקט מיט דער לופּמי פון אַן אונטערוועלט־מלינה.

איין מאָל האָט ער געהאַט פאַר איר אַ מציאה: אַ גאַנץ קאַשיקל טרוס־קאַוועס בחצי חינם. אין געוועלב איז קיינער ניט געווען און ער האָט זי אַ רוף געטאָן אין הינטערשטן צימערל אָנצוקוקן די סחורה. זי האָט זיך געלאָזן גיין הינטער אים מיט ציטערנדיקע קני. אויף דער אַנדער זייט שוועל איז זי אַ ווײַלע שטיין געבליבן און האָט זיך אַרומגעקוקט. דאָס צימערל איז געווען טונקל; אַ טוכלע לופט איז געהאַנגען אין גרויען חלל; אין אַ ווינקל איז געשטאַנען אַ גרויסער ווייסער אייז־קאַסטן; דורך אַ פאַרשטויבטער שויב האָט מען געזען פיר בלינדע ווענט פון אַן ענגן הויפל. גאַנדאַלפאַ האָט קענטיק טאַקע געמיינט ביזנעס. ער האָט אַרויסגענומען אַ קערבל טרוסקאַוועס פון ווייסן קאַסטן. ווען זי האָט זיך אַ בויג גע־טאָן צום קאַשיק, האָט זי דערפילט זיין פעסטן אָרים אַרום איר רוקן. זיינע לאַנגע פינגער האָבן דערגרייכט צו איר בוזים. זי האָט זיך אַ צאַפּל

געטאַן איבערן גאַנצן לייב און זיך אויסגעגלייכט. זיין פּנים איז געווען נאַענט און זיינע אויגן האָבן געלאַכט:

— האָסט מורא?

— ניין! — האָט זי געזאָגט — לאָז מיך אָפּ!

— ביסט שוין אַן אמת׳ע פרוי! — האָט ער אַ פליסטער געטאָן. פאַרנט האָבן אָפּגעהילכט טריט.

— איך קען זיך וועטן אַז דו ביסט נאָך אַ בתולה! — האָט ער אַ זאָג געטאָן און איז אַריבער אין פאָדערשטן צימער.

מער ווי אַ וואָך האָט זי זיך ניט געוויזן אין זיין געוועלב. ווען זי איז נאָכהער געקומען, איז ער געווען זייער פריינטלעך און האָט פאַרפירט מיט איר אַ לאַנגן שמועס. אינמיטן האָט ער זיך אַנטשולדיקט און האָט אָפּגערופן עמיצן אויפן טעלעפאָן. ער האָט גערעדט שנעל, האַלב ענגליש און האַלב־איטאַליעניש. עס זיינען אַריינגעקומען עטלעכע קונדן און ער האָט געבעטן מאַרין׳ען צוּאוואַרטן אַ מינוט. דערווייל איז אַ גלאַנצן־דיקער אויטאָ פאַרפאָרן פאַר דער טיר. אַ יונגערמאַן אין אַ העלן זומער־אַנצוג איז אויסגעשטיגן און האָט זיך דערנענטערט צום געוועלב. גאַנ־דאָלפאָ האָט זיך מיט אים דערפרייט:

— האַי, טאָני! — האָט ער אויסגערופן — ס׳אַרא איבערראַשונג!

זיי האָבן זיך האַרציק און טומלדיק באַגריסט, זיך געדריקט די הענט און גערעדט אויף שנעל, אין אַ מיש־מאַש: וועגן קרובים און גוטע־פריינט, בייזבאָל, ביזנעס און פערד־געיעגן.

— ביסט ווי אין וואַסער אַריין! — האָט גע׳טענה׳ט גאַנדאָלפאָ.

— אָה, געווען אַביסל פאַרנומען.

— כ׳וויים, כ׳וויים — האָט גאַנדאָלפאָ אַ וואונק געטאָן מיט אַן אויג — דו לעבסט אַ משוגע׳נעם טאָג!

מאַרין איז געשטאַנען אין אַ ווינקל, צווישן די געשטאַפּלטע עפּל און ווייַנטרויבן.

— אָה, דאָס איז מיינע אַ אַלטע באַקאַנטע, מאַרין אַ׳ברייען — האָט ער פאָרגעשטעלט — און דאָס איז טאָני קאַרבאַנע, אַן אַלטער גוטער ברודער, זינט יאָרן...

— האַו דו יו דו? — האָט מאַרין אַ מורמל געטאָן, פאַרלעגן.

אויך טאַני האָט ניט געפונען קיין פּאַסיקע ווערטער אָנצוהויבן אַ שמועס. גאַנדאַלפאַ האָט זיי אַרויסגעהאָלפן:

— מאַרין וואוינט גאַנץ ווייט פון דאַנען — האָט ער זיך געווענדעט צו זיין פריינט — און זי האָט איינגעקויפט ביי מיר אַ פּאָר קליניקייטן. אפשר פירסטו זי צו אַהיים?

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן — האָט טאַני מסכים געווען.

ער האָט איר געהאָלפן אַרויסטראָגן די טאַרבקעס מיט די גרינסן און פּירות, און זיי אָוועקגעלייגט אויפן הינטערשטן געזעס. מאַרין איז איינגעשטיגן פאַרנט, לעבן אים.

— לאָמיר אָפּטרעטן ערגיץ אויפן וועג און נעמען אַ טרונק, גוט? — האָט געזאָגט טאַני און זיך פאַרקירעוועט אין אַ זייטיקער גאַס.

— אָבער נאָר אויף אַ ווײַלע, כ׳דאַרף באַלד זיין אין שטוב.

— גוט, לאָמיר צופאָרן אין שיפּסהעד־בעי.

ס׳איז אַלץ געקומען אַזוי פלוצלונג, אַז זי איז געוואָרן אַ ביסל צעטומלט — הגם זי האָט זיך שוין זינט אַ לענגערער צייט געריכט אויף אַזאַ באַגעגעניש. טאַני האָט זיך פאַרקירעוועט אין דער ברייטער אַלייע ביי דעם וואַסער־פּאַס פון דער בוכטע. זיי זיינען אויסגעשטיגן. ס׳איז געווען אַ וואַרימער זומער־פאַרנאַכט. איבער דעם וואַסער אונטן האָבן געפלאַטערט זעגלשיפן און שוימענדיקע מאָטאָר־לאָדקעס האָבן זיך געיאָגט מיט גערויש. יונגעלייט האָבן פאַרוואָרפן ווענדקעס. פישער־שיפלעך זיינען צוריקגעקומען פון פאַנג און שפּאַציר־שיפן מיט אַ געדיכטן עולם אויף די דעקן זיינען אָפּגעשוואומען צו די ראָקאַוועי־לאַנדפּאַסן. אין דער לופטן האָט זיך געטראָגן אַ שאַרפער ריח פון פיש און דומפּיקן וואַסער.

— מ׳עט עפּעס נעמען אין מויל, יאָ? — האָט געזאָגט טאַני.

— גוט, אַ שטיקל פּיצאַ אויף איין פוס!

זיי זיינען אַריין אין אַ קליינעם איטאַליענישן רעסטאָראַן. פאַרנט, ביים פענסטער, האָט אַ מאַן מיט אַ ווייסער פּאַפּיר־טאַרבע אויפן קאָפּ געקנאָטן אַ רונדע טייגבלאַט און זי קונציק געוואָרפן אין דער לופטן. אין אַן אָפענעם אויוון אין הינטערגרונט האָט געברענט אַ פלאַם. זיי זיינען אַרויפגעשטיגן אויף טאַבורעטקעס ביי דער פאַרבאַנק. פון דער הייסער פּיצאַ האָט געשלאָגן אַ פּאַרע. זיי האָבן געקייט פּאַמעלעך און פאַרטרונקען מיט קאַלטער אָראַנזשאַדע. באַלד זיינען זיי געוואָרן היימיש. טאַני

האָט איר דערציילט, אַז זיין פאָטער איז אַ הענדלער פון גענוצטע אויטאָמאָבילן און אַז ער, טאָני, העלפט אַרויס דעם טאַטן אין די ביזנעס; אַז ער וואוינט מיט זיינע עלטערן, קריגט אַ פיינעם געהאַלט און האָט אַ סך פרייע צייט.

— פון וואַנען קענט איר גאַנדאַלפאָ׳ן?

— אָה, מיר זיינען אַלטע גוטע־פריינט, יוגנט־חברים כמעט — האָט געזאָגט טאָני — און איר? איר אַרבעט?

— דערווייל נאָך ניט. כ׳האָב ערשט היינטיקס יאָר געענדיקט די שולע.

— אַ קינד נאָך! — האָט ער אַ שמייכל געטאָן.

ער האָט זי אַ ווײַלע באַטראַכט:

— איר האָט שיינע האָר! — האָט ער געזאָגט.

— אַ דאַנק!

— און שיינע אויגן —

— אַ דאַנק!

— איר זיינט נאָך אַזוי יונג, מאַרין!

— אָה, ניט אַזוי יונג!

— איר טראַכט וועגן נעמען אַ דזשאָב?

— מן־הסתם... יאָ...

— איך וועל אייך אפשר קענען באַהילפיק זיין דאָביי — האָט געזאָגט טאָני — איך האָב אַ סך באַקאַנטע, כ׳קען מענטשן אין דער ביזנעס־וועלט.

ער האָט זי אָפּגעפירט אַהיים.

ווען זי האָט געעפנט דאָס טירל אַרויסצוגיין, האָט ער אַ פרעג געטאָן:

— מען קען אייך טרעפן אַמאָל?

— אפשר...

— איר קענט מיר געבן אייער טעלעפאָן־נומער?

מאַרין האָט זיך אַ ווײַלע געקווענקלט:

— אויב איר ווילט — האָט זי דערנאָך געזאָגט מיט אַ גלייכגילטיקער מינע און פאַרצייכנט איר טעלעפאָן־נומער אויף אַ שטיקל פּאַפּיר, וואָס זי האָט אָפּגעריסן פון אַ טאַרבקע. ס׳איז געווען אַן אָנשטעל. זי

האָט געוואַרט אויף זיין רוף מיט אומגעדולד, און ווען זי האָט צוויי טעג שפּעטער דערהערט זיין שטימע אין טרייבל, האָט זי דערפילט ווי איר האַרץ הויבט אָן צו קלאַפּן האַסטיקער. ער האָט זי איינגעלאַדן אויף אָוונט־ברויט אין אַ רעסטאָראַן.

— און דערנאָך וועלן מיר זיך אַריינכאַפּן אין אַ קינאָ, גוט?

טאָני האָט זי גענומען אויף דינער צו טאַרטיני'ס, דעם באַרימטסטן רעסטאָראַן פון ים־שפּייז אין שיפּסהעד־בעי. זי האָט הנאה געהאַט פון אַרומפאָרן אין דעם אויטאָ פון איר באַי־פרענד — צוערשט צום עסן, ביים ים, און דערנאָך אין אַ קינאָ, אין אַ ווייטער געגנט פון ברוקלין. ווען ס'איז טונקל געוואָרן אין זאַל און מען האָט אָנגעהויבן ווייזן די נייעס, האָט ער אָנגענומען איר האַנט און זי געגלעט. זי האָט אים צוריקגעענטפערט מיט אַ לייכטן דרוק פון די פינגער. באַלד האָט מען אָנגעהויבן ווייזט דעם פילם. טאָני האָט פאַרלייגט אַן אָרעם אַרום איר רוקן. זיינע פינגער האָבן זיך אַ שאַר געטאָן אונטער איר אָרעם און באַרירט איר בוזים. אַ ווײַלע האָט זי זיך געמאַכט ניט ווויסנדיק. זי האָט דערשפּירט די באַרירונג פון זיינע הענט איבערן גאַנצן גוף: אויפן נאַקן, אַרום דער טאַליע, איבער די קני.

— ניין, טאָני, טו עס ניט! — האָט זי אַ פּליסטער געטאָן, ניט אָפּדרייענדיק דעם קאָפּ פון עקראַן.

— פאַרוואָס ניט?

— מיר קענען זיך נאָך כמעט ניט!

— אָל־ראַיט! — האָט ער מסכים געווען, ווי ער וואָלט איינגעזען אַז מען מוז אָפּהיטן די כללים פון שפּיל.

אָבער אַ ווײַלע שפּעטער האָט זי ווידער געפילט זיינע גלעטנדיקע פינגער, וואָס האָבן לייכט געציטערט איבער איר לייב. ביים סוף פון פילם איז זי שוין געווען נאָכגיביקער: — ביסט אַן עקשן! — האָט זי אַ לאַך געטאָן. — דו אויך! — האָט ער געזאָגט.

זיי האָבן זיך אָנגעהויבן טרעפן איין מאָל, צוויי מאָל אַ וואָך. טאָני האָט זי גענומען אין רעסטאָראַנען, אין קינאָ, אַמאָל טאַנצן אין אַ לאָקאַל. זיי האָבן געהאַט זייערע שעה'ן, שפּעט ביינאַכט, ווען ער פלעגט זי אָפּפירן אַהיים. מאַרין האָט אים געוויזן אַ זייטיקן וועג, צווישן די פעלדער, וואו ער פלעגט פאַרקן דעם אויטאָ און אויסלעשן דאָס ליכט. זיי

פלעגן בלייבן א לאנגע ווײַלע אינעווייניק, איינגעהילט אין דער פינסטער־ניש פון דער נאכט. ארום איז געווען שטיל און מען האט נאר געהערט דאס ברומען פון ים. ער איז געווען צודרינגלעך און אומגעדולדיק און זי האט פאמעלעך נאכגעגעבן, שפאן נאך שפאן. באלד האט זי אויך אויפ־געגעבן איר אנשטעל. זי האט אבער עקשנות'דיק אפגעהיט די גרעניץ: „ניין, טאני"! — האט זי אים צוריקגעהאלטן.

— פארוואס ניט?

— ניין, — האט זי אים איינגענומען מיט גוטן — מען דארף ניט!

— כ'האב דיך ליב, מארין!

— זיי א גוטער, טאני!

— איך וויל דיך!

— ניין!

— קום!

— ניין, לאז מיך אפ! — האט זי זיך פארשטייפט. „ער האט זיך מן־הסתם געוועט מיט גאנדאלפא!" — האט א געדאנק מיטאמאל אויפגעבליצט אין איר קאפ — „זיכער האבן זיי זיך געוועט!... זיי וועטן זיך אויף אלץ אין דער וועלט..."

ס'האט זיך אנגערוקט דער הארבסט און ס'האט אפט גערעגנט. אין די געסלעך פון בעי־ווילעדזש זיינען געשטאנען קאלוזשעס. די אוונטן זיינען געווען קילע און איבער די פעלדער לעבן דערפל האבן געבלאזן פייכטע ווינטן.

— אין אזא אוונט איז גוט צו נעמען א טרונק! — האט געזאגט טאני, ווען מארין איז איינמאל א שבת־צו־נאכטס ארויסגעקומען צו אים.

— יא! — האט זי זיך א כאפ געטאן — לאמיר צופארן ערגיץ אין א סאלון!

— מיט דיר? מ'עט דיך ניט ארײַנלאזן! — ער האט א טאפ געטאן צווישן די שמאטעס אין פאדערשטן שופלאד פון אויטא: — כ'האב דא א פלעשל סקאטש, לאמיר צופארן אין אונדזער ווינקל און נעמען א זופ.

— סתם אזוי טרינקען האט ניט קיין טעם, אין א סאלון איז עפעס אנדערש.

— ביסט אבער צו יונג!

— כ׳וועל זיך איבערטאָן און צופּראַווען — האָט זי געזאָגט — זע נאָר, ס׳רעגנט שוין ווידער!... קום, וועסט מיך צופירן אַביסל נענטער צום שטוב, כ׳וועל זיך לאַנג ניט זאַמען.

זי האָט זיך געזאַמט אַ היפּשע ווײַלע. זיי האָבן באַשלאָסן צו פאָרן קיין מאַנהעטן, כדי ניט צו טרעפן קיין באַקאַנטע. ווען זי האָט זיך אַ שאָר געטאָן פאַרביי דער באַר, האָבן עטלעכע קעפּ זיך אויסגעדרייט אין איר זײַט און זי האָט זיך דערפילט בגילופין׳דיק נאָך איידער זי האָט גענומען אַ טראָפּן אין מויל.

זיי האָבן זיך געזעצט ביי אַ טישל הינטן, אין אַ מין אָפענער בודקע: זי — אויף אַ ווייכער באַנק מיט אַן אויסגעבעטן אַנלען, מיטן פּנים צום זאַל, און טאָני — אויף אַ שטול קעגנאיבער. די מעבל זיינען געווען באַצויגן מיט אַ רויטן שטאָף און דער גאַנצער לאָקאַל האָט זיך געטונקט אין אַ רויטלעך געדעמפטן ליכט. פאָרנט האָט שטיל געזשומעט אַ ראַדיאָ און הינטן, אין אַ ווינקל, האָט אַ פאַרבענקטע שטימע אַרויסגעזונגען פון אַ דזשוק־באַקס אַ מעלאַנכאָלישע מעלאָדיע מיט ווערטער פון ליבע.

— וואָס וועסטו טרינקען? — האָט ער געפרעגט.

אַ קעלנער האָט זיך דערנענטערט און טאָני האָט באַשטעלט. ער האָט איר אויסגעשטרעקט אַ פּעקל סיגאַרעטן און דערלאַנגט פייער. ביי אַ טישל קעגנאיבער זיינען געזעסן דריי יונגע מענער. זיי האָבן זי אָנגעקוקט מיט שנעלע זייטיקע בליקן. דער קעלנער האָט געבראַכט צוויי סקאָטש. זיי האָבן צוגעקלאַפּט און אַ זופּ געטאָן.

— ביסט אַזוי שיין, מאַרין! פריש ווי אַ בלום אין פרילינג!

— באמת? — האָבן אירע אויגן אַ לאַך געטאָן. זי האָט דערלאַנגט נאָך אַ זופּ, אַ גרעסערן. ער האָט גערעדט מיט אַ געבלימלטער שפּראַך, ווי אַ פּאָעט. אַלע איטאַליענער רעדן מיט פּאַטאָס, מיט פייער, און זיי שפּילן גוט די ראָליעס פון הייסע ליבהאָבער. און זי? ווער איז זי?... זי איז מערילין מאָנדאָר!... ניין. זי איז מאַרין אָ׳ברייען, די באַרימטע מואַווי־סטאָר מאַרין אָ׳ברייען! איר נאָמען לייכט מיט גרויסע נעאָן־בוכשטאָבן איבער אַלע קינאָ־זאַלן אויף עוועניו „יו״, אין גאַנץ ברוקלין, ניו־יאָרק, אַמעריקע, איבער גאָר דער וועלט...

— נאָך אַ טרונק, מאַרין?

זי האָט געטרונקען מיט אימפּעט. דער רויטלעכער נעפּל אַרום איז

נעדיכטער געוואָרן. איז זי שוין שיכור? טאַני׳ס קני אונטערן טיש זײַ־נען געוואָרן ריִרעוודיקער:

— האָסט שוין אַמאָל געהאַט אַ געליבטן, מאַרין?

— וואָס איז עס דײַן פּאַרדאַמטער עסק?

— כ׳מיין ניט קיין בייז, מײַן טײַערע, אַזוי איז דער שטייגער פון דער וועלט: וועסט האָבן אַ געליבטן, אַ צווייטן, אפשר מער אפילו, דער־נאָך וועסטו חתונה האָבן, ווערן סטאַטעטשנע, ברענגען קינדער אויף דער וועלט.

זי האָט דערפילט אַ פאַרדרוס. ניין, זי איז ניט שיכור! ער רעדט אפילו ניט וועגן חתונה האָבן מיט איר.

— איך? ניין! — האָט זי געזאָגט. — נישט איך!

— וואָס ווילסטו טאָן?

— כ׳וועל אַוועק קיין האָליוואָוד.

— באמת? — האָט ער געפרעגט, האַלב ערנסט, האַלב מיט איראָניע.

— יאָ, כ׳וועל ווערן אַ טענצערין, אַ באַרימטע פילם־אַרטיסטקע, כ׳וועל אפשר אויפטרעטן אויף בראָדוועי.

— ווילסט אַז כ׳זאָל דיך אַהינפירן?

— וואוהין?

— קיין האָליוואָוד.

זי האָט זיך צוגעבויגן צו אים:

— מיינסט עס אויף אן אמת, טאַני?

— זיכער, מיר קענען אַהינפאָרן מיט מײַן מאַשין.

— גיי, ביסט אַ באַרימער! — האָט זי מיטאַמאָל אויסגערופן און זיך אויסגעגלייכט — און וואָס וועט דײַן פאָטער זאָגן?

— מיינסט, אַז כ׳בין ווי דו? איך דאַרף ניט פרעגן בײַ טאַטע־מאַמע!

איר גלעזל איז געווען ליידיק און זי האָט אַ זופּ געטאָן פון זײַנעם. ער האָט באַשטעלט אַ פרישן טרונק. די דרײַ חברה־לײַט בײַם טיש קעגנ־איבער האָבן ווידער געקוקט אויף איר. זי האָט פאַרזשמורעט די אויגן און אַ שמייכל געטאָן צו זיי מיט צעעפנטע ליפּן, און זיי האָבן צוריק־געשמייכלט הינטער טאַני׳ס רוקן. פאַר וועמען האַלטן זיי זי? פאַר אַ מיידל פון לייכטע זיטן, מז־הסתם! פאַרוואָס ניט? זי קען שפּילן אַלע ראָליעס!...

אַט האָט זי אַנומלט געזען מערילין מאַנראָ אין דער ראָליע פון אַ פראַנ־צויזישער גאַסן־מיידל... זי האָט אַ לאַך געטאָן אויפן קול.

— ביסט שיכור, מאַרין!

— איך? ניין! — האָט זי זיך ליכט אַ שאָקל געטאָן איבערן טיש און זיך אָנגעשפּאַרט אויפן אַנלען. שיכור אָבער ניט פון משקה. זי איז מאַרין אַ'ברייען!... איר בילד קוקט אַראָפּ פון אַלע קינאָ־פּלאַקאַטן אי־בער גאָר דער וועלט! אין אַלע צייטונגען און זשורנאַלן איז געדרוקט איר ביאָגראַפיע. יונגע בחורים און מיידלעך באַלאַגערן זי אין די גאַסן און בעטן ביי איר אַן אויטאָגראַף. זשורנאַליסטן רייסן אָפּ דעם טעלע־פאָן: זיי ווילן אַן אינטערוויו מיט דער באַרימטער פילם־אַרטיסטקע. די ביאָגראַפיע פון מאַרין אַ'ברייען: איר פאָטער איז אַ פּשוט'ער פישער אין בעי־ווילעדזש, ברוקלין, ער פאַרנעמט זיך נאָך אַלץ מיט פיש־פאַנג, אָבער בלויז פון זיין הנאה־וועגן; איר מוטער פלעגט אויפרוימען אָפיסעס אין דאַון־טאַון, ניויאָרק. לאָמפּן בליצן. מען פאָטאָגראַפירט זי פון אַלע זייטן, אין אַלע פּאָזעס. זיי ווילן מער טשיז־קעיק: דאָס קלייד אַ קליין ביסעלע העכער.

דאָס צימער האָט זיך אַ הוידע געטאָן פאַר אירע אויגן. די פּנים'ער פון עולם ביי די אַרומיקע טישלעך האָבן אַרויסגעקוקט ווי פון אַ טומאַן, צעשוואומען. טאָני איז געזעסן לעבן איר, אויף דער ווייכער באַנק; די דריי חברה־לייט קעגנאיבער האָבן אָפּגעדרייט די קעפּ. דאָס זשומען פון ראַדיאָ האָט זיך פאַרמישט מיט דעם האַרצרייסנדיקן געזאַנג פון דזשוק־באָקס. מיטאַמאָל איז אַ שווערע מידקייט זי באַפאַלן און זי האָט קוים געקענט האַלטן גלייך דעם קאָפּ.

— ניט דאָ, טאָני, מען קוקט אויף אונדז!

— לאָמיר פאָרן, גוט?

— יאָ, קום!

ער האָט געטריבן די מאַשין מיט אַ ווילדן אימפּעט. אויף דער פרישער לופט פון דרויסן האָט איר אָנגעהויבן נאָך שטאַרקער צו שווינד־לען אין קאָפּ. זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויפן אַנלען און האָט האַלב גע־דרימלט. גרינע ליכטער, רויטע ליכטער, אַ בריק, גאַסן מיט ביימער. ער האָט זיך פאַרקירעוועט אויפן שטילן זייטיקן וועג צווישן די פעלדער. אַ מידע, האָט זי זיך האַלב אויסגעצויגן אויפן געזעס. זיינע הענט, אומ־

רואיקע, האבן זיך א שאר געטאן איבער אירע לענדן און זי גענומען אויסטאן. ער מיינט אז זי איז שיכור, אבער זי איז ניט שיכור!

— לאז מיר!

פון זיין אטעם האט געשלאגן א ריח פון בראנפן און טאבאק. אז איבל האט זי דורכגענומען און געשטיקט אין האלדז. זי האט זיך א הויב געטאן און זיך אויסגעגלייכט אויפן געזעס:

— כ'פיל זיך ניט גוט — האט זי צוגעלייגט א האנט צום שטערן.

— האסט געטרונקען צופיל!

— עפן דאס טירל! כ'פיל זיך קראנק...

צומארגנס איז זי אויפגעשטאנען שפעט, מיט א שטארקן קאפ־ווייטיק. די מאמע איז שוין זינט א לענגערער צייט ארומגעגאנגען א ברוגז'ע, איצט האט זי ארויסגעפלאצט: אנדערע מיידלעך, חבר'טארינס אירע, האבן שוין פון לאנג באקומען שטעלעס, פארדינען גוט געלט און דערצו נעמען זיי נאך אין אוונט א קורס אין א קאלעדזש, א סעמינאר, א ביזנעס־שולע. און זי?...

זי האט זיך גענומען ערנסט זוכן א דזשאב. צוערשט האט זי גע־ארבעט ווי א פארקויפערין אין א גרויסן דעפארטמענט־סטאר, דערנאך האט זי באקומען א שטעלע אין אן אפיס — ווי א טעלעפאן מיידל. פון דער רייזע קיין האליוואוד איז דערווייל גארניט געווארן.

ס'האט אפט גענאסן און דאס דערפל איז געווען איינגעהילט אין נעפלען און געזונקען אין בלאטע. דערנאך האבן אנגעהויבן פאלן שנייען. אין די פרימארגנס איז איר אויסגעקומען צוווארטן א לאנגע ווילע אין א פייכטער טונקלקייט אויפן אויטאבוס, און פארנאכט פלעגט זי צוריק־פארן אהיים אין א געפאקטן סאבוועי, איינגעטונקט אין א פארע פון שוויצנדיקע לייבער. די אוונטן זיינען צוגעפאלן פרי און האבן זיך גע־צויגן לאנג. דער טאטע פלעגט אפיצן שעה'ן אין א קליינער באר אויף עווענין „יו", און די מאמע פלעגט קומען שפעט פון דער ארבעט, פלעגט אנווארימען די רעשטלעך פון מיטאג און אנדרימלט ווערן גלייך נאכן עסן. ווינטער־צייט איז זי געווען די הויפט פרנסה־געבערין אין שטוב.

דער אנקומענדיקער פרילינג האט זי אויפגערודערט און פאר'שי־כור'ט. אין יענעם טאג האט אינדערפרי געשפריצט א לייכטער רעגן. ארום מיטאג־צייט האט א שיין געטאן א העלע ווארימע זון. באטש ס'איז נאך

געווען קיל אין אָוונט, האָט זי אָנגעטאָן אַ לייכטע קליידל. אויך טאָני איז געווען אָנגעטאָן זומערדיק — אין אַ דינעם געשטרייפטן טראָפּיקל־אַנצוג, וואָס ער האָט געטראָגן צום ערשטן מאָל. ס'איז אַ נייער סאָרט שטאָף, וואָל געמישט מיט אָרלאָן, 75 דאָלער ביי „דייוויד'ס" אויף דער פינפטער עוועניו — האָט ער איר דערציילט מיט שטאָלץ ביים עסן. ווען זיי זיינען נאָכן קינאָ אַריין אין אויטאָ, האָט ער געפרעגט:

— מיר'ן זיך אַריינכאַפּן ערגיץ נעמען אַ טרונק?

איר אומרו איז געשטיגן ווען ער האָט געפּאַרקט דעם וואָגן אויף זייער שטענדיקן פּלאַץ. די נאַכט האָט איינגעהילט דעם ענגן טאָל צווישן די היגלען און אויפן פּלאַד־לאַנד, קעגנאיבער, האָט געמיגניעט אַ באַלויכטענע שויב צווישן די אויסגעלאָשענע הייזקעס אַרום קאַנאַל. זי איז געווען צערטלער און צוגעלאָזן. מיטאַמאָל האָט זי אים לייכט אָפּגעשטויסן:

— האָסט מיך ליב טאָני?

— יאָ! יאָ! — האָט ער אַ זאָג געטאָן אומגעדולדיק.

— זאָג עס אינגאַנצן!

— כ'האָב דיך ליב, מאַרין! כ'האָב דיך ליב!

זי האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענסטער:

— אפשר גייען מיר אַרויס אויף אַ שפּאַציר אין פעלד? ס'איז אַזאַ שיינער אָוונט!

זי האָט אים געפירט איבער אַ סטעזשקע אין די פעלדער. אַנט־קעגן האָט געברומט דער ים און אַ פייכטער געזאַלצענער ווינט האָט זיי געפּאַטשט אין פּנים. זי האָט זיך געזאָגט אַז עס אַרט איר ניט, און פון דעסטוועגן איז זי פאַרכאַפּט געוואָרן פון אַ שטייגנדיקער אויפרעגונג. אירע קני האָבן לייכט געציטערט. טאָני האָט געשפּרייזט פּאַרזיכטיק און זיך באַמיט אויסצוהיטן פון די דערנער און קוסטעס, וואָס האָבן זיך געפּלאָנטערט צווישן די קאָלאָשן פון זיין נייעם אַנצוג. זיי זיינען אַראָפּ אין אַ טאָל און אַרויפגעשטיגן אויף אַ בערגל. דאָס גראָז איז געווען פייכט פון דער ים־לופט, ווי באַדעקט מיט פרימאָרגן־ראָסע. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צופוסנס פון אַ בוים.

— כ'וועל זיך איינשמירן פון קאָפּ ביז די פיס — האָט ער אַ בורטשע געטאָן — ווען כ'וויים, וואָלט איך מיטגענומען אַ דעקע.

„אידיאָט!" — האָט זי אים אַ רוף געטאָן אין געדאַנק. ס'איז שוין

אָבער געווען צו שפּעט חרטה צו האָבן. ער האָט אַ טאָפּ געטאָן דעם באָדן מיט די הענט און פּאַמעלעך, שטום, אַראָפּגענידערט לעבן איר. אפשר איז דער סצענאַריאָ געווען פאַלש? זיינע הענט זיינען געווען אומגעדולדיק, ווי פאַרצוקנדיק, ברוטאַל כמעט, און פון זיין האַלדז האָט זיך אַרויסגע־ריסן אַ ברום. אין דער וויט ביים ברעג־ים אין קאָני־איילענד, האָבן אָפּגעהילכט קנאַלן פון פייערווערק. אַ לייכטנדיקע ראַקעטע איז אויפ־געשטיגן אין רוים און איר גליענדיקער עק האָט צעשניטן דעם טונקעלן חלל צווישן הימל און ערד. דערנאָך איז פינסטער געוואָרן.

* * *

— איז וואָס זאָגסטו, דזשעק? — האָט זי געפרעגט.

— וועגן וואָס?

— מיר׳ן זיך טאַקע לאָזן אין דער וועלט?

— אָה? כ׳וויים נאָך ניט — האָט ער אָנגענומען איר האַנט און זיך ווי אַנטשולדיקט — כ׳וואָלט אויך געוואָלט... אָבער...

מאַרין האָט געשוויגן. ס׳איז קענטיק געווען, אַז זי איז אַנטוישט. „כ׳האָב געקראָגן קאַלטע פיס און איצט איז אַ סוף!" — האָט דזשעק דערפילט אַ נאָגעניש אין האַרץ. אונטערן הימל, איבער קאָני־איילענד, זיי־נען ווידער אַרויפגעשוואומען לייכטנדיקע ריזיקע שוואוימען, וואָס האָבן געשפּריצט מיט פונקען. מאַרין האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און זיי נאָכ־געקוקט, ביז זיי האָבן זיך אויסגעלאָשן אין רוים. דערנאָך האָט זי געזאָגט:

— ווייסט וואָס, דזשעק?

— יאָ?

— פון אַלע מעשיות לאָמיר זיך דערוויילע גאָר אַראָפּכאַפּן אַמאָל אַ נאָכמיטאָג אין קאָני־איילענד.

— ווען?

— ווען דו ווילסט. ווען דו האָסט צייט.

— ווען האָב איך דען צייט? — האָט ער אַ זאָג געטאָן מעלאַנכאָליש.

זי האָט אַ לאַך געטאָן. דערנאָך האָט זי אים געגומען טרייסטן:

— אַמאָל אַ זונטיק. יעדן צווייטן זונטיק מאַכט איר דאָך צו די סטאָרקע נאָכמיטאָג.

— יא — האט ער א מורמל געטאן. איר איז לייכט צו רעדן — האט ער געטראכט — און סילוויע? מייקל? מרס. סאנדרא?

— איבערראכטאג זונטיק, גוט?

קאני־איילענד איז געווען נענטער ווי עק־וועלט, אבער אויך ממשות'דיקער. און סילוויע מיט דער מאמען האבן, דאכט זיך, געפלאנט אפצושטאטן דעם קומענדיקן זונטיק א וויזיט ביים פעטער כתריאל אין וויליאמסבורג. שוין עטלעכע מאל האט סילוויע אריינגעווארפן א ווארט וועגן דעם. א שיינער העלד איז ער, ניטא וואס צו רעדן — קלייבט זיך אנטלויפן אין דער גרויסער וועלט און קען זיך אפילו ניט אראפכאפן אויף א פאר שעה אין קאני־איילענד...

— גוט, איבערראכטאג זונטיק! — האט ער א זאג געטאן מיט א פולן מויל.

צווייטער טייל

מעשה־מרכבה אין ברוקלין

קאַפּיטל צען

ערב־שבת אויף עווענױ „יו"

אַרום אַ שעה־אַנדערטהאַלבן נאָכמיטאָג איז מרס. סאַנדראַ דערשינען אויפן שוועל פון דער הינטערשטער טיר. אירע אויגן זיינען געווען פאַר־שלאָפן, די באַקן פאַרקנייטשט, ווי נאָך אַ דרימל, און אין די הענט האָט זי געהאַלטן דאָס דראָטענע איינקויף־וועגעלע אויף צוויי רעדלעך.

— אַזוי שפּעט און כ'האָב נאָך ניט איינגעקויפט אויף שבת! — האָט זי אַ זאָג געטאָן.

— קויף ניט איין צופיל, מאַ — האָט סילוויע איר דערמאָנט — מיר פאָרן דאָך זונטיק אַרויס צום פעטער כתריאל.

„אַה־אַה, מען פאָרט טאַקע!" — האָט אַ טראַכט געטאָן דזשעק. ער איז געשטאַנען הינטער דער פאַרבאַנק און האָט צוגעגרייט אַ שאָקאָלאַד־מאַלטער פאַר אַ קונד. די עלעקטרישע מיש־מאַשינקע האָט גערוישט צום טאַקט פון זיינע געדאַנקען: „מען פאָרט... מען פאָרט... מען פאָרט... און מיט מיר האָט מען אַפילו ניט גערעדט וועגן דעם".

— אַוודאי וויים איך — האָט געזאָגט מרס. סאַנדראַ — אָבער שבת איז אויך אַ טאָג און היינט איז אויך ניט קיין תענית, און ווען מען קומט צוריק פון אַזאַ נסיעה, וויל מען אויך עפּעס נעמען אין מויל, אמת?

די מיש־מאַשינקע איז אַנטשטומט געוואָרן. דזשעק האָט גענומען דעם הויכן בעכער און אַריינגעגאָסן דעם שאָקאָלאַד אין אַ גלאָז. ער וואָלט נאָך געקענט טעלעפאָנירן מאַרין'ען, אַז זי זאָל ניט קומען. זיי האָבן זיך אָפּגערעדט אויף זונטיק נאָכמיטאָג אין שיפּסהעד־בעי. זי האָט אים גע־

געבן איר טעלעפאָן אין אָפיס: ביז פינף אזייגער, טאָמער עס מאַכט זיך עפּעס. איצט איז זי נאָך ביי דער אַרבעט.

— כ'האָב אַ ביסל צוגערוימט אויבן, און איידער כ'האָב זיך אַרומגעזעצט איז געוואָרן שפּעט — האָט מרס. סאַנדראַ אַ מורמל געטאָן צו זיך אַליין. אין דער'אמת'ן האָט זי זיך גאָר פאַרלייענט אין טייטש־חומש. צוערשט האָט זי אַריינגעקוקט אין דער מעשה מיט שלמה־המלך'ס טראָן. אַזאַ שטול! איך זאָלט אַדורכגיין גאַנץ אַמעריקע, וועט איך אַזאַ שטול ניט געפינען. און דערנאָך האָט זי גאָר פאַרבלאָנדזשעט צו דער פּאָס־קודסטווע, צו פּוטיפר'ס ווייב: ווי ס'איז געווען ביי די מצרים אַ פייער־טאָג און אַלע זיינען זיי אַוועק אין זייער געבעט־הויז אַריין, און זי האָט קיין כוח ניט געהאַט צו גיין, דען זי האָט זיך געטראַכט: היינט איז צייט יוסף'ן איבערצורעדן. און זי האָט צו אים געזאָגט: „היינט איז קיינער ניט דאָ", און זי האָט אים אָנגעכאַפּט ביי זיין קלייד און האָט געזאָגט: „דו מוזט מיט מיר ליגן!" האָט יוסף געלאָזט דאָס קלייד אין איר האַנט און איז אַרויסגעלאָפן אויף דער גאַס, דען דער יצר־הרע האָט געברענט אין אים און זי האָט אים שיר איבערגערעדט צו ליגן ביי איר; ווייל זיי זיינען געווען אַליין אין אַ חדר, דרום איז ער אַרויסגעלאָפן. און דאָס איז געווען אַ צדקות פון יוסף, דאָס ער האָט אָנגעטאָן כבוד זיין האַר'ס ווייב און האָט די קליידער ביי איר ניט אַרויסגעריסן.

און ווי זי האָט געזען אַז יוסף איז אַרויסגעלאָפן, האָט זי גערופן צו איר הויזגעזינד און האָט זיי געזאָגט: „יוסף האָט אויסגעטאָן זיינע קליידער און האָט געוואָלט מיט געוואַלד ביי מיר ליגן". און אַז דער האַר איז געקומען און איז מיט איר געלעגן, האָט זי געזאָגט: „אַזעלכע זאַכן האָט מיר געטאָן דיין קנעכט..."

און ווי יוסף איז, נעבעך, אַריינגעפאַלן אין תפיסה, און גאָט האָט געמאַכט אַז דער שענקער פון מלך מצרים מיט דעם בעקער האָבן פאַר־זינדיקט צו זייער האַר, צום מלך, כדי לייט זאָלן רעדן פון זיי און זאָלן פאַרגעסן אין יוסף. און דעם וויין־שענקער האָט זיך אין תפיסה גע־חלום'ט אַ חלום, אַז אַ ווייַנשטאָק שטייט פאַר אים, און אין דעם וויינ־שטאָק זיינען דריי צווייגן, און זיי האָבן געבליט און עס איז באַלד פאַר־טיק געוואָרן וויינטרויבן; און ער האָט גענומען דעם בעכער פון מלך און האָט אין אים אַרויסגעקוועטשט די וויינטרויבן און האָט דעם בעכער גע־

געבן אויף דער האנט פון פרעה. האט יוסף געזאגט: „די דריי צווייגן זיינען דריי טעג, דען נאך אין דריי טעג וועט דיך פרעה צוריק נעמען צו זיך און דו וועסט זיין א שענקער ביי אים אזוי ווי פריער, נאר דו זאלסט מיר גערענקען און זאלסט מיט מיר חסד טון, און מאך מיך אויסציען פון דער תפיסה".

האט דער בעקער געזאגט צו יוסף: „מיר האט זיך גע'חלומ'ט דאס איך טראג דריי קערב ברויט אויף מיין קאפ, און אין דעם אויבערשטן קארב איז אלע גוטע שפייז פון מלך, און א פויגל עסט דערפון". האט יוסף געענטפערט: „די דריי קערב זיינען דריי טעג, דען נאך אין דריי טעג וועט דיר פרעה הייסן הענגען און די פייגל וועלן עסן דיין פלייש".

און ס'איז געווען אין דעם דריטן טאג, האט פרעה געמאכט א סעודה פאר זיינע קנעכט און האט די צוויי הארן אויך דערמאנט, און האט דעם שענקער אומגעקערט צו זיין ערשטער שררה'שאפט און דעם בעקער האט ער געהייסן הענגען. און דער שר־המשקים האט ניט גע־דענקט דאס גוטס וואס יוסף האט אים געטאן, דאס ער האט זיין חלום צו גוטן אויסגעלייגט, נייערט ער האט אים פארגעסן. און ווייל יוסף האט זיך פארלאזט אויף דעם שר־המשקים, איז ער צוויי יאר לענגער געזעסן אין דער תפיסה, דרום זאל מען זיך אויף קיינעם ניט פארלאזן, נאר אויף גאט...

און א ווײַלע שפּעטער איז זי אנדרימלט געווארן און זי האט געזען ווי זיבן מאגערע קי זיינען אויפגעגאנגען פון די וואסערן ביי קאני־איי־לענד, און זיי זיינען געווען זייער דאר, און זיי האבן זיך געלאזט גיין מיט דער ברייטער עוועניו ביז צום קארנער פון עוועניו „יו", וואו עס געפינט זיך דער גרויסער גרינס־מארקעט פון דזשאזעף בראדהערסט ענד קאמפּאני. און זיי זיינען אריין אין מארקעט און זיך גענומען שלינגען אלץ וואס ס'איז זיי געקומען אונטערן מויל: טאמאטן און קארטאפל און באנאנעס און אראנזשן, און רעטיכלעך און קעפּלעך קרויט און סאלאד; אפילו סלאאיקעס מיט כריין און גלעזער מיט געפילטע פיש האבן זיי פאר־שלונגען. און ס'איז ניט געווען צו דערקאנען אויב זיי זיינען געקומען אין זייער בויך.

און מרס. סאנדרא האט זיך אויפגעכאפט און איז אויפגעשפרונגען

מיט שרעק, ווארים זי האָט זיך דערמאָנט אַז ס'איז פרייטיק נאָכמיטאָג און זי האָט נאָך ניט איינגעקויפט אויף שבת.

— ס'איז שוין שפּעט און איך שטיי דאָ און חלום וועגן פּאראַיאַ־ריקן שניי! — האָט זי געזאָגט און זיך גענומען רעדלען דאָס ווענגעלע צום פאָדערשטן ארויסגאַנג פון דער סטאַרקע.

— מילא, ס'איז ערשט אַ האַלבער טאָג און די זון זעצט זיך ערשט אַ זייגער אכט — האָט סילוויע זי בארואיקט.

— די זון ווי די זון, אָבער איידער דו קוקסט זיך אַרום איז שוין צייט צו ליכט בענטשן.

דער קונד האָט אויסגעטרונקען זיין מאַלטעד און זיך ארומגעלעקט די ליפּן. ער האָט באַצאָלט און איז ארויס. דזשעק האָט אָפּגעווישט דעם פאַרבאַנק און זיך גענומען אויסוואַשן דאָס גלאָז. ער האָט אויפגעדרייט דעם קראַן און דאָס וואַסער האָט אַ שפּריץ געטאָן מיט רוגזה אין גלאָז אריין. „ניין, ער וועט ניט אָפּרופן מאַרין'ען! זאָל זיך די זון זעצן ווען זי וויל, ער וועט ניט מיטפאָרן זונטיק קיין וויליאַמסבורג".

— האָסט גענומען געלט? — האָט סילוויע געפרעגט ביי דער מאַ־מען, וועלכע איז שוין ארויס פאַר דער גאַס.

— אוי־וויי איז מיר, פון אַלע גליקן האָב איך ניט קיין דאָלער אין קעשענע — האָט מרס. סאַנדרא זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַרן קאָפּ און זיך פאַרקירעוועט אויף צוריק. סילוויע האָט זי אָנגעקוקט פון דער זייט, מיט חשד: „אָה, זי הויבט שוין אָן צו פאַרגעסן!..."

— וואוהין גייסטו איינקויפן? — האָט זי געפרעגט.

— כ'על זיך אריינכאַפּן אין אַ גרינס־מאַרקעט.

— אין וועלכן?

— כ'וויים?... כ'על צוגיין צו דזשאָזעף בראַדהערס...

— אַזאַ מהלך? ס'איז דאָך אפשר אָכצן בלאָקס פון דאַנען.

— ניט געפערלעך, ס'איז אַ שיינער טאָג, וועל איך זיך אַביסל דורכגיין.

— אפשר כאַפּסטו זיך אריין אין „עי ענד פּי"? ס'איז נאָר אַ פּאָר שריט, און קיין גרויסע זיבן זאַכן וועסטו דאָך היינט סאַי־ווי ניט איינ־קויפן.

— „עי ענד פּי"? — האָט מרס. סאַנדרא אַ מאַך געטאָן מיט פאַר־

אכטונג מיט דער האנט. משוגע מיינע שונאים, „עי ענד פי" איז אויך מיר א קראם! גרויס ווי עוג מלך הבשן און האט ניט קיין אידישן טעם. לאנגע פאליצעס אנגעלאדן מיט אן א שיעור פושקעס און קענדלעך און פלעשער און סלאיעס, ווי נוח'ס קאסטן, און פוסט ווי א קאלטע קרעטש־מע. מען זעט ניט אן קיין פארקויפער פאר די אויגן. אלע שווייגן, ווי זיי וואלטן איינגענומען שטומעניש. מען דרייט זיך ארום מיט א וועגעלע, מען נעמט פושקעס און מען לייגט זיי אין וועגעלע, מען נעמט פלעשער און מען לייגט זיי אין וועגעלע — און ניטא מיט וועמען אווארט אויסצורעדן. פון זיך דינגען איז דאך שוין אפגערעדט. די מערן זיינען געוויקלט אין צעלאפאן, די טאמאטן — אין צעלאפאן, די ציבעלעס — אין צעלאפאן, אפילו דאס ברויט — אין צעלאפאן. און די קארטאפל ליגן אין געשטריק־טע זעקעלעך אזעלכע. דערנאך קלאפט א מאשין און שטעמפלט ציפערן אויף א לאנגן צעטעלע. אפילו א דאנק שטעמפלט זי אפ, די מאשין. צאל און גיי! א שטומע וועלט, א מאשין! ניין, זי וועט ניט גיין אין „עי ענד פי"; ווער עס וויל גיין אין „עי ענד פי" זאל זיך גיין געזונטערהייט, אבער ניט זי. זי וועט ליבערשט אנלייגן א שטיקל וועג און צוגיין אין מארקעט פון די ברידער דזשאזעף.

אין דרויסן איז געווען הייס. די ברייטע גאס איז געלעגן פריי און אפן, און די זון האט געשלאגן אויפן קאפ. זי האט אויסגעזען וואכעדיק, די עווע־ניו, ווי ס'וואלט גאר קיין ערב־שבת אויף דער וועלט ניט געווען. אויטאס האבן זיך געיאגט און מענטשן זיינען איינגעשטיגן אין געפאקטע אור־טאבוסן. ווי לאנג האט זי שוין ניט אנגעזען קיין פערד־און־וואגן פאר די אויגן? א פערד איז א היימישע חיה! און אויף גאנץ עוועניו „יו" איז ניטא קיין פערד, — אויסער אפשר דזשאזעף „די פערדלעך", אבער ער איז גאר אן איטאליענער און א בארבער דערצו. פון די וויסטאוועס האבן ארויסגעקוקט ראדיאס, גומענע רעדער, עלעקטרישע אויוונס. דורך די צע־עפנטע טירן פון א לאונדרעט האט מען געזען ווייבער, וואס האבן גע־ווארפן פעק וועש אין צעעפנטע מיילער פון מאשינען. די רעדער האבן זיך געדרייט מיט גערויש. אין דערהיים איז מען געגאנגען מיט וועש צום טייכל. א קיל ווינטל האט א בלאז געטאן פון ים. פאר אירע אויגן האט אויפגעטויכט דאס טייכל אין טאל, הינטערן שטעטל: ווייבער מיט צע־פלאטערטע טיכלעך אויפן קאפ זיינען געשטאנען ביז איבער די קנעכלעך

אין וואַסער; זיי האָבן אַ ביסל אונטערגעהויבן די קליידער און געקלאַפּט גרעט מיט אַ פּראַלניק.

נענטער צו אָושען־עוועניו ווערט די גאַס היימישער. די געגנט איז דאָ אַ מער אידישע. אַט דאָרט אין דער זייטן־גאַס איז די „קאָנגרעגיישאָן אנשי ספרד", וואו זי גייט דאַווענען. אין די ווישטאַוועס פון די בעקערייען זעט מען אמת'דיק ברויט — ברויט מכל־מאמינים־שהוא: ראָזעווע און געבייטלטע, מיט קימל און מיט ראָזשינקעס, און חלות געפלאָכטענע, און בולקעלעך אַלערליי. וואָס דען, די אַמעריקאַנער וואַטע, וואָס זיי רופן עס ברויט? מען זעט אַלץ מער שילדן מיט בשר כשר. צו אירע נאָזלעכער דער־טראָגט זיך דער ריח פון פריש געבאַקענער חלה, פון געפילטע פיש, וואָס מען האָט אָקאָרשט אָפּגעקאָכט. אין אירע אויערן גייט אויף דער ניגון פון מעביר־סדרה זיין. און אַט איז ר' יאָסעלע דער חזן, מיט אַ טלית אויף די פּלייצעס — ער צעשאָקלט זיך פאַרן עמוד און רופט אוים מיט אַ ציקל־דיקער שטימע:

לכו נרננה לד' נריעה — — —

קעגנאיבער האָט אויפגעשיינט אַ רויט ליכט. מרס. סאַנדראָ איז שטיין געבליבן אויפן ראָג — צוריק אין ברוקלין, אויף עוועניו „יו". די געגנט וואו זי וואוינט איז מער געמישט: איטאַליענער, איירישע, מכל המינים. אפילו די אידן דאָרט זיינען מער פאַר'גוי'אישט, זייער לשון איז נאָר ענגליש. מען לעבט אָבער בשלום, ווי שכנים. פאַראַן אַלערליי קאָשציאָלן און טשוירטשעס, קאַטוילישע און פּראָטעסטאַנטישע און, להבדיל, אַ טעמפּל וואו דער ראַבאַי פּראַוועט אַ „סוירוויס" אויף ענגליש און מען דאַוונט אויף ענגליש, ווי זי האָט אַנומלט געלייענט אין דער „צאינה וראינה: „ויתרוצצו הבנים בקרבה", די קינדער האָבן זיך געשטויסן אין איר בויך — ווען רבקה איז פאַרבייגעגאַנגען אַ טיר פון אַ בית־המדרש, האָט יעקב געוואָלט אַרויסגיין, און ווען זי איז פאַרבייגעגאַנגען פאַר אַ טיר פון עבודה זרה, האָט עשו געוואָלט אַרויסגיין...

און אַט איז שוין דער מאַרקעט פון דזשאָזעף בראַדהערס! אַבי סיל־וויע האָט געוואָלדעוועט אַז ס'איז איר ווייט. וואו ווייט? ווען ווייט? אַז ס'איז גאָרניט אַזוי ווייט!

די זיבן מאָגערע קי זיינען אין מאַרקעט ניט געווען, אָבער סאַי־ווי

איז דאָרט געווען לעבעדיק, בפרט פריייטיק פאַרנאַכט — אַ טומל, אַ רעש, ווייבער שטופּן זיך פון אַלע זייטן, מען כאַפּט פון די געשטעלן, פון די קאַשיקעס, פון די קאַרטאָנס, פון די קעסטלעך; מען ציילט אויף שנעל אָראַנזשן אין געפלאָכטענע קערבלעך און מען ציילט דאָס קלייגעלט, וואָס מען קריגט אַ רעשטע פון די פּאַרקויפער; מען לאָדט־אָן די וועגעלעך הויך, מיט אַ וויערד, מיט אַנגעפּאַקטע פּאַפּירענע טאָרבעס — אַ קאַמף אויף לעבן און טויט, ווי אַט־אַט ברעכט אויס אַ הונגער אין ברוקלין, אַן ערד־ציטערניש, חס־ושלום, ווי די זיבן מאָגערע קי וואָלטן געלויערט הינטער דער טיר, אין די וואַסערן פון קאָני־איילענד.

דער מאַרקעט פון „די ברידער דזשאָזעף" איז ריזיק גרויס, ספּק אַ גע־ביידע, ספק אַן אָפענער מאַרק־פּלאַץ, אַן וועגט, מיט אַ גלעזערנעם דאַך וואָס הענגט אויף בעטאָן־סלופּעס ,מיט אַן אַ שיעור געשטעלן לענגאויס די ווענט און אין לאַנגע רייען אין דער מיט. אַלערליי פּירות, פון דראַבנע פּירסיקער ביז בייכיקע וואַסער־מעלאָנען, זיינען אָנגעשטאָפּלט אויף די געשטעלן ווי אין אַן אַמפיטעאַטער. די פּאַרקויפער, אין ווייסע פאַרטיכער זיינען פאַרשמאַיעט און רעדן האַלב־אידיש חצי־ענגליש. נעגער מיט אוני־פאָרם־היטלען אויף די קעפּ מאַכן זיך אַ וועג צווישן עולם מיט קערב פרוכט און קערב אַפּפּאַל אויף די אַקסלען.

מרס. סאַנדראַ שפּרייזט פּאַמעלעך פון געשטעל צו געשטעל. זי איז פאַרזונקען אין מחשבות. אַנדערע שטופּן זיך פאַר איר, לאָזן זי וואַרטן. מילא, וואָס האָט זי דאָ קיין צייט ניט? סע ברענט, חלילה? אַ ווייבל נעמט אַ האַלבע טוץ קאַליפאָרניע אָראַנזשן און אַ טוץ פלאָרידער. אַמעריקע! אין דערהיים האָט מען געגעבן אַן אַפּעלסין נאָר אַ קראַנקן, טאַקע גאָר אַ חולה מסוכן, — און נאָכדעם האָט ער גלייך געמוזט געזונט ווערן.

— גיט מיר יענעם בינטל באַנאַנעס! ניין, די זיינען ניט רייף. רעכטס... יענע זיינען צו רייף. יענע, אויבן, יאָ!

און ווער אַ שטייגער, האָט עס געוואוסט אין דערהיים פון באַנאַ־נעס? און צוריק גערעדט, וואָס איז דאָ אַזוי דער יחוס מיט באַנאַנעס? בנאמנות, אַ גוטע זאַפט־קע באַרנע האָט הונדערט מאָל מער טעם ווי אַ באַנאַנע. וואו זיינען דען פאַראַן אַזעלכע באַרנעס אין אַמעריקע? אין דער־היים אַ באַרנע איז געווען אַ באַרנע. היינט די דזשיטשקעס? אַרום תשעה־באב פלעגט מען זיי אַריינלייגן אין שטרוי אויפן בוידים, גרינע זשעלע־

פּיכעס, און נאָך סוכות זיינען זיי שוין געווען שוואַרץ ווי די טאַטערס און ווייך ווי פּוטער — זיך צעגאַנגען אין מויל; און זיס — ווי האָניק, אַ מחיה נפשות.

מרס. סאַנדראַ ווערט מיטגעשלעפּט מיטן שטראָם. זי שווימט אַ ווייַלע אין אַ מיש־מאַש פון דייך, הויכע קולות, קיילעכדיקע הינטנס און פאַרשפּיצטע עלנבויגנס, און פאַלט אַריין אין אַ געווירבל פון ווייבער, געפּלאַכטענע האַנט־טאַשן, וויינענדיקע קינדער וואָס יונגע מאַמעס פאַרשטאָפּן זיי ס׳מויל מיט אַן עפּל, דראַטענע וועגעלעך אויף צוויי רעדער וואָס סקריפּען און קוויטשען, קאַלירפולע לופט־באַלאָנען פון אויפגעבלאָזענעם קיי־גומי און קאַרטאָנען און פּושקעס מכל המינים וה׳גרויסן. די כוואַליע וואַרפט זיך סוף־סוף אַרויס ביי אַ געשטעל פון רויט־בעקלדיקע טאָמאַטן, וואָס ווינקען אַראָפּ פון די שטאַפּלען און פּאַטאַקעווען די אויסרופן פון פאַרקויפער:

— טאָמאַטן! שיינע טאָמאַטן!

— אַ מציאה! שיינע טאָמאַטן!

אין דערהיים זיינען טאָמאַטן געווען אַ גויאישקער מאכל. ביים פּריץ אין פּאָלוואַרק, אין יאַסידאַווע, זיינען געוואַקסן טאָמאַטן. ער האָט זיי אַראָפּגעבראַכט פון פּאַריז, פון די פראַנצויזן — האָט מען געזאָגט. דערפאַר אָבער זויערע אוגערקעס?! טאַקע ממש זויערע אוגערקעס, ניט עפּעס אַן אַמעריקאַנער פּיקל דאַרטן. ווי קומט אַ פּיקל צו אַן אמת׳ער זויערער אוגערקע? מען האָט זיי איינגעלייגט אין אַ הילצערנעם פעסל, די גרינע אוגערקעס, זיי גוט איינגעזאַלצן און אַרויפגעלייגט פון אויבן אַלערליי גראָזן אזעלכע און שמעקעדיקע קרייטעכצער, און אַ שווערן שטיין, וואָס האָט זיי געפּרעסט ביז עס איז ווינטער אַריין, ביז אַרום חנוכה־צייט. אַרום ראש־חודש אלול, ווען מען האָט אָנגעהויבן בלאָזן שופר, האָט מען זיי איינגעלייגט, און אַז מען האָט אָנגעצונדן ס׳ערשטע חנוכה־ליכטל האָט מען געהאַט אַ זאַפטיק זויער אוגערקעלע.

און אַז מיר זיינען שוין דאָ, טאָ לאָמיר איינקויפן אַ שטיקל רויטן וואַסער־מעלאָן פאַר די קינדער. זיי האָבן עס ליב, ס׳לעבן. און הלמאי זאָלט איר זאָגן? אַ שטיקל קאַלטע מעלאָנע פון אייזקאַסטן אין אַ הייסן טאָג, אין גאָרניט אַזוי שלעכט. ווען האָט מען אין דערהיים טועם־טעם געווען קאַוואָנע? נאָר אום ראש־השנה, אַ דין פּעניצל — כדי צו מאַכן

„שהחיינו". אין אמעריקע, זעט איר, קענט איר קריגן א גאנצע קאוואנע שוין ארום פסח־צייט, בזיל הזול, וויפל אייער הארץ גלוסט.

אבער צוריק גערעדט: אויף וואס, א שטייגער, קענט איר דא מאכן „שהחיינו"?

אט דאס איז טאקע אמעריקע: א לאנד, דוכט זיך, פון כל טוב סלה, און אז סע קומט צו מאכן „שהחיינו", איז ניטא אויף וואס.

אפגעפארטיקט זיך מיט דעם גרינס־מארקעט, לאזט זיך מרס. סאנ־דרא גיין עטלעכע בלאקס ווייטער און טרעט־אפ אין „אפעטיט־געוועלב". דאס קרעמל איז אייגנטלעך ניט מער ווי א קארידאר, וואס האט זיך אריינ־געקוועטשט צווישן אלערליי געוועלבן. ס'איז אנגעפאקט מיט פאליצעס, אלטמאדישע קאדושקעס, סלאיעס, פעסלעך און בעקנס און, ועל כולם, אויסגעשטאט מיט א מאדערנעם אמעריקאנער עלעקטרישן קאסטן פאר געפרארענע שפייז, וואס אלץ וואס עס ליגט דארט אינעווייניק ווערט באַ־דעקט מיט פראסט. גלייך ביים איבערטרעטן דעם שוועל דערפילט זיך דא מרס. סאנדרא ווי א פיש אין וואסער. זי אטעמט־אפ טיף, די ריחות פאר'־שיכור'ן זי און די אלערליי מאכלים זיינען א גארונג פאר אירע אויגן: שמאלץ־הערינג און מארינירטע הערינג, ביאליסטאקער קוכעלעך און היי־מישע בייגל, שווארץ־ראזעווע ברויט מיט בלושטש אויפן דעק, געהאקטע לעבער, געהאקטע הערינג און זויער־קרויט און סלאיעס באָרשטש און סלאאיקעס כריין, — ווייסער און אין רויטן ראסל — און מצה מעל אין פושקעס און טאקע מצה גופא.

אויך דא איז א שטיקל אטשערעד: מיין נעקסט, דיין נעקסט. מרס. סאנדרא ווארט געדולדיק. זי שטייט אין א ווינקל, קוויקט זיך מיט די היימישע ריחות און קוקט זיך צו ווי דער קרעמער פילט אן א קארטאָן־בעכער מיט זויער־קרויט פאר א יונגן ווייבל מיט צוגעשמירטע ליפן. אין דערהיים האט מען נאר ווינטער געגעסן זויער־קרויט. יעסיען־צייט, ארום די ימים נוראים האט מען צעסיעקעט די גרינע קעפלעך קרויט און זיי איינגעלייגט אין א הילצערנער קאדושקע. אבער דא, אין אמעריקע, עסט מען זויער־קרויט א גאנץ קיילעכדיק יאר. פארוואס? אויף אמעריקע פרעגט מען ניט קיין קשיות: פארוואס עסט מען אין אמעריקע מצה א גאנץ יאר? אין דערהיים, אז ס'האט געקלעקט א שטיקל מצה ביז שבועות, איז געווען

א גדולה אויף דער באבען. און פארוואס, א שטייגער, זיינען אין אמע־ריקע פאראן אידישע גענגסטערס?

איר האט שוין אמאל געהערט אין דער אלטער היים פון אידישע גענגסטערס? דא, אנומלט, מיט עטלעכע יאר צוריק, האבן זיי זיך איינ־געניאדעט אין בראנזוויל, און גארניט — מען איז ניט געווען זיכער מיטן לעבן. און דווקא מיט אידישע נעמען: מאיר׳קע, מענדי, שמענדי! וואס דארפט איר האבן א סך — אפילו איינעם א קענדי־סטאר מאן האבן זיי דערשאסן, אין בראנזוויל טאקע. ער איז ארוים באגינען אויסלייגן די בלע־טער, האבן זיי גענומען און אים דערשאסן. גארניט, הפקר פיעטרושקע! מען האט אפילו געזאגט, אז ער איז געווען א בלאטער חברה־מאן, דער קענדי־סטאר מאן, זייערס א נאש־בראט, און אז די סטארקע האט ער געהאלטן נאר לפנים ווענן. אבער א איד זאל נעמען ניט־דיר ניט־מיר און שיסן! וואסי, הפקר א וועלט? איר מענדל, עליו השלום, האט נאך דעמאלט געלעבט און ער האט איר ארויסגעלייענט די גאנצע געשיכטע פון דער בלאט. ער איז געווען מלא רציחה, איר מענדל, און ער האט געהאלטן אין איין שרייען, אז ס׳איז א חילול־השם. הערסט א מעשה: חילול־השם! יענע שיסן מענטשן אין די גאסן און ער שרייט „חילול השם”!

— וואס פארא גוטע זאכן וואלט איר געוואלט, מיסעס?

דעם קרעמערס קול האט זי אויפגעוועקט פון אירע רעיונות. זע נאר, זי איז שוין איינינקע אליין אין געוועלב! וואס זי וויל? אוודאי וויל זי עטלעכע בייגל מיט לאקס. און א שמאלץ הערינג וויל זי אויך. מיט מילד, ניט מיט רויגן. אמעריקאנער האלטן א וועלט פון בייגל מיט לאקס, אבער זי איז אלטמאדיש: ניטא עפעס בעסערס פון א גוט שטיקל שמאלץ־הע־רינג. עטלעכע „ביאליסטאקער” אויך. א שטיקל ווורשט פאר דזשעק׳ן.

— אפשר בלינצעס? געפרארענע בלינצעס, פריש ווי פון אויוון! אדער א סלאאיק געפילטע פיש? בארשט?

א שיינע מעשה: זי וועט גיין אין סטאר און קויפן געפרארענע בלינ־צעס! אדער גאר א פארטיקן בארשטש. און וואס פאר א טעם האבן זייערע פארטיקע פיש אין א סלאי? א פיש איז גוט אז מען קויפט אים א לע־בעדיקן, מען ציט פון אים אראפ די הויט, מען צעהאקט אים מיט א האק־מעסער, מען בראקט אריין א ציבעלקעלע, א שטיקל אלטגעבאקן ברויט וואס מען האט אויסגעווייקט אין וואסער און ווי געהעריק אויסגעקוועטשט,

מען שיט אריין אַ ביסל זאַלץ, אַ טראָפּן פּעפּער, מען שלאָגט אַריין אַ פרישׁ איי. דערנאָך פּאַקט מען איין דעם פיש אין זיין אייגענער הויט און מען קאָכט אים און מען פאַרזוכט די יויך, און מען וואַרפט אַריין אַ מערעלע און מען שיט־צו זאַלץ. דאָס פאַרשטיי איך איז געפילטע פיש! אָבער זייער געפילטע פיש, מישטיינס געזאָגט?

זי האָט נאָך גערדאַרפט אָפּטרעטן ביים קצב און אין דער בעקעריי, דערנאָך קען זי שוין גיין אַהיים. אפשר מיינט איר, אַז דער בוטשער האָט ניט קיין פליישׁ אין קענדלעך? אָדער געפּראַרענע הינער אין פושקעס? ער האָט! ער אויך! אַז אַלץ איז ביי זיי פּאַרטיק און אַלץ איז כשר, און אַלץ אין קענדלעך, און אַלץ מאַשינאַוועס: פּאַרטיקע לאַקשן מיט יויך אין קענדלעך, קענדלעך מיט קרעפּלעך, קניידלעך אין קענדלעך, געפּראַרענע בלינצעס אין פּושקעס, פּושקעס מיט געפּראַרענע כרעמזלעך, גענדזענע שמאַלץ אין קענדלעך, פּופּיקעס, לעבערקעס, וואָס ניט? און ניט בלויז כשר, נאָר טאַקע כשר לפּסח.

וואָס דאַרפט איר אַ סך? אפילו די הפטורה פאַר אַ בר־מצווה בחור וועלן זיי אייך אָפּשטעפּן אויף אַ מאַשין. אַט נעמט, אַ שטייגער פלאָרענס'עס זונדל — פלאָרענס וואוינט איבערן ראָג, אַ שכנה'טע, אַז אַמע־ריקאַנער געבוירענע, דווקא אַ פיינע פּרויקע ביז גאָר, האָט זי אַ זונדל, הייסט ער הערALD. איז אַז ס'איז געקומען אַ יאָר פאַר דער בר־מצווה, האָט מען אים גענומען שיקן אין טעמפּל. טעמפּל אַהין, טעמפּל אַהער, עס גייט ניט! און דאָ האָט זי, פלאָרענס, איר טאַטע־מאַמע אין באָראָ־פּאַרק, שיינע אידן. איז מען געפאַלן אויף אַ המצאה: דער קאַנטאָר האָט אַריינ־געזונגען די הפטורה אין אַ מאַשין אַזאַ, מיט אַלע פּליטערלעך און פּי־טשעווקעס, און מען האָט דערפון געמאַכט אַ פּלאַסטינקע. איז זיך העראַלד געזעסן אין דער היים, האָט זיך צוגעהערט מיט איין אויער צום בייזבאָל־שפּיל אויפן ראַדיאָ און מיטן צווייטן אויער צו דער הפטורה, אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט ביז די „יענקיס" האָבן געוואונען די „געים" און העראַלד האָט געקענט די הפטורה מיטן ניגון. און אַ בר־מצווה האָט מען געפּראַ־וועט — אויף אַלע אידן געזאָגט געוואָרן! טאַקע אין טעמפּל אין באָראָ־פּאַרק, און אפשר טויזנט געסט זיינען געקומען. העראַלד האָט געזאָגט די הפטורה ווי אַ וואַסער און האָט באַקומען בערג מיט מתנות.

דאָס ליכט אויף די ראָגן האָט זיך געביטן: פון רויט אויף גרין, ווי־

דער אויף רויט. דאָס געפּלאָכטענע וועגעלע איז געווען אַנגעלאָדן ביז אויבן, מיט אַ וויערד, און מרס סאַנדראַ'ן איז אַנגעקומען שווער אים צו שלעפּן ארויף און אַראָפּ דעם טראָטואַר. די פּיס האָבן איר אַנגעהויבן ווײ־טאָן און זי האָט אויפגעהויבן די אויגן און האָט דערזען אַ באַנק. האָט זי זיך צוגעזעצט.

צוערשט האָט זי זיך אפילו פאַרוואונדערט: ווי קומט דאָ אַ באַנק אין מיטן דערינען? אַז אויף עווענױ „יו" זיינען דאָך גאָר ניטאָ קיין בענק! אָבער מילא, אַ באַנק איז אַ באַנק, האָט זי זיך צוגעזעצט. פאַרוואָס ווי־דער ניט? אַט אַ שטיינער, ווען דער מלאך האָט געזאָגט צו אברהם אבינו, אַז ער זאָל ניט אַנרירן יצחק'ן אים צו שחט'ן, האָט אברהם אויפגעהויבן די אויגן און האָט געזען אַ באַראַן איז מיט זיינע הערנער פאַרהאַלטן צווישן ביימער און קען ניט אַנטלויפן. דער באַראַן איז פון ששת ימי בראשית געווען אַנגעגרייט דערצו. און וויל דער באַראַן איז אַנגעבונדן געווען, האָט אברהם פאַרשטאַנען אַז גאָט האָט אים צוגעשיקט דאָס פאַר אַ קרבן אויף דעם אָרט פון זיין זון. און ווען די ישראל ווערן אַ גאַנץ יאָר איינגערעכט אין עבירות און זיינען דערוויטערט פון גאָט, אַזוי נעמען זיי אין ראש־השנה אַ שופר פון אַ באַראַן און בלאָזן אין אים, פאַרגיט זיי גאָט די עבירות.

זי האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ ציטער: זע נאָר, אַנדרימלט גע־וואָרן אין מיטן דערינען! ס'עט נאָך ווערן שפּעט צו ליכט בענטשן! זי האָט זיך אויפגעהויבן און זיך געלאָזט גיין ווייטער. דאָס וועגעלע איז איצט געווען נאָך שווערער ווי פריער. פאַרזונקען אין אירע רעיונות האָט זי זיך גענומען אַריבערגיין די גאַס קעגן אַ רויטן ליכט, אָבער אין לעצטן אויגנבליק האָט זי זיך געכאַפּט און איז צוריק אַרויף אויפן טראָטואַר. אַ מידע האָט זי צוגעמאַכט די אויגן און געוואַרט. ווען איר מאַריס וואָלט כאָטש געלעבט! איצט ווען זי האָט צייט און זי וואָלט געקענט צוגרייטן פאַר אים די אַלע מאכלים, וואָס ער האָט אַזוי ליב געהאַט — אָבער ווי האָט יענער געזאָגט: אַז סע קומט צום לעבן, נעמט מען און מען שטאַרבט. אוי, האָט ער ליב געהאַט אַ גוטן באָרשטש, אַ קאַלטן ראָסל מיט הייסע טרוקענע קאַרטאָפליעס — מאכל מאכלים!

דאָס ליכט האָט זיך געביטן און מרס. סאַנדראַ האָט זיך געלאָזט גיין ווייטער. און ווען זי וואָלט אפילו יאָ געקאָכט פאַר אים די אַלע מאכ־

לים — האָט זי אָפּגעזיפּצט קומענדיק אויף דער אַנדערער זייט גאַס — ווער האָט עס דעמאָלט צייט געהאַט צו עסן מיט ישוב־הדעת און הנאה צו האָבן פון זיי? אַ קענדי־סטאָר מאַן עסט דען? אַ קענדי־סטאָר מאַן עסט ניט, ער שלינגט אויף איין פוס, צווישן איין קאַסטימער און אַ צווייטן: כאַפּ־לאַפּ, האַררי־אַפּ!

און נאָר די מאכלים? פאַרן טייטש־חומש האָט זי דען די אַלע יאָרן געהאַט צייט? זי האָט זי מיטגעבראַכט, די צאינה וראינה צוזאַמען מיטן דיקן קרבן־מנחה סידור פון דערהיים. די מאַמע, עליה השלום, האָט זי איינגעפּאַקט צוזאַמען מיט די קישענעס און פּערינעס און די קופּערנע פענדלעך. וואו זיינען דען פאַראַן אין אַמעריקע אַזעלכע קופּערנע פענדלעך? איז אין קרבן־מנחה פלעגט מען נאָך ווי־ניט־ווי אַריינקוקן — ימים נוראים אין שול, פּסח ווען מען האָט צוגעמאַכט די סטאָרקע אויף גאַנצע אַכט טעג — אָבער דער טייטש־חומש? איצט, אַז זי האָט אַ סך צייט, קוקט זי אָפּטער אַריין. און אויסערדעם, מען קלייבט זיך שוין באַלד אין וועג אַריין, און ווי האָט יענער געזאָגט: אַז מען קומט איבער די פּלאַנקען, קריגט מען אַנדערע געדאַנקען. און ער איז שוין דאָרטן, איר מענדל, אויפן עולם־האמת; קיין קאַלטן ראָסל מיט הייסע טרוקענע קאַרטאָפּליעס וועט ער דאָרט, ווי עס זעט אויס, ניט קריגן, דערפאַר אָבער וועט מען אים מכבד זיין מיט אַ חלק שור־הבר, פון לוויתן און פון דעם יין־המשומר, וואָס זיינען פאַרבעריט פאַר די צדיקים אויף יענער וועלט. דעם אמת געזאָגט, האָט איר מענדל גאָר ניט ליב קיין ווייַן. און בכלל, ווי קומען אידן, און בפרט צדיקים, צו ווייַן? וואָס זיינען זיי דען, איירישע צי אי־טאַליענער, אַז זיי זאָלן זיך אויסזעצן אין אַ סאַלון און כליאַבען ווייַן?

אָבער צוריק גערעדט, וואָס האָט זי, אַ אידענע פון עוועניו „יו", ברוקלין, ניו־יאָרק, זיך צו מישן אין אַזעלכענע זאַכן? מען פרעגט ביי איר אַ דעה?

פון קעגנאיבער האָט אַ רויט אויג אַ קוק געטאָן אויף איר מיט שפּאָט און דראָאונג. דער שטן המקטרג! מרס. סאַנדראַ האָט אַ ציטער געטאָן: און פון וואַנען איז זי עס אַזוי זיכער מיטן גן־עדן? וואָסי, זיי האָבן אַרויסגענומען אַן אינשורענס־פּאָליסי אויף אַ חלק עולם־הבא? אמת, צדקה האָט מען געגעבן, אפשר ניט צופיל, אָבער מען האָט געגעבן. מען האָט געדונגען אַ שטאָט אויף ימים טובים אין דער קאָנגרעגיישאָן אנשי־

ספרד און מען האָט געהאַלטן דעם לאַנדסלייט־פאַראיין אַרויסצוהעלפן די לאַנדסלייט אין דער אַלטער היים: פאַרריכטן דאָס דאַך איבער דעם בית־המדרש און, להבדיל, אויפן מרחץ, אייז פאַרן אייז־קעלער פון לינת־צדק, א גמילת־חסד קאַסע, פון חברה־קדישא איז דאָך שוין אָפגערעדט. און דאָ, אין אַמעריקע, אַז מען איז אַריינגעקומען האָט מען דען ניט געגעבן? פאַר ישיבות, פאַר ארץ־ישראל, פאַר דער „הדסה" און פאַר סיסטערהודס אַלערליי. און פאַרוואָס טאַקע ניט? ווי האָט יענער געזאָגט: אַז מען גיט ניט יעקב'ן, גיט מען עשו'ן.

אָבער שבת און יום־טוב, אַה? — האָט דער שטן המקטרג קעגנאיבער געלאַכט מיט זיין רויט געלעכטער — גוט, די אַכט טעג פסח און די ימים־נוראים האָט מען געשלאָסן די סטאָרקע, נו איז וואָס? ס'האָט טאַקע מער ניט געפעלט נאָר מען זאָל פאַרקויפן חמץ אום פסח און מען זאָל האַנדלען מיט אייזקרים צו כל־נדרי! אָבער פרייטיק־צונאַכט, אַה? שבת? און די אַנדערע ימים טובים?... און דער טייטש־חומש? איצט איז זי געוואָרן א גאַנצע חכמה: זיך צוגעכאַפּט מיט התמדה צום טייטש־חומש! אָבער פריער? ווי האָט יענער געזאָגט: אַז מען גנב'עט אַרויס דאָס פערד, שליסט מען צו דעם שטאַל.

און צוריק גערעדט: פּרנסה?

קאַפּיטל עלף

נחת פון קינדער

דאָס ליכט האָט זיך געביטן אויף גרין. מרס. סאַנדראַ האָט זיך גע־לאָזט גיין אויף דער אַנדערער זייט גאַס. איצט האָט דער מליץ־יושר גע־נומען דאָס וואָרט: וואָסי, פון נחת האָט מען געהאַלטן אָפּן די סטאַרקע פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט? אויסגעריסן געוואָרן אַ גאַנץ קיי־לעכדיק יאָר, ניט קיין שבת, ניט קיין וואָך! אַ מאַרגעדזש, אַ היפּאָטעק ט׳מען געדאַרפט צאָלן? דירה־געלט האָט מען געמוזט צאָלן? נו, און עסן גייט אויך ניט צופוס, אפילו שה״י פה״י וואַלגערט זיך ניט אין די גאַסן.

און דער עיקר: די קינדער! מען האָט געדאַרפט מאַכן די קינדער פאַר מענטשן, יאָ צי ניין? ס׳האָט קנאַפּ אָפּגעקאָסט ביז מאַרטין, דער עלטערער, האָט געענדיקט קאַלעדזש און ביז בעווערלי איז געוואָרן אַ לע־רערין?

דעם אמת געזאָגט, האָט מאַרטין ניט געקאָסט אַזויפיל. אַ אינגל גיט זיך גיכער אַן עצה. און אַ קאָפּ האָט ער געהאַט, מאַיר׳קע — פייער־פלאַם: אַן אָפענער מוח און גילדערנע הענט; אַז איר ווילט עלעקטרע, איז עלעקטרע, ראַדיאָ — איז ראַדיאָ, און אַז דאָס גלעקל פאַר דער טיר האָט ניט געקלונגען, איז אַ דריי אַהין, אַ דריי אַהער: עס קלינגט! אין דערהיים וואָלט ער זיכער געוואָרן אַ רב, אָבער דאָ, אין אַמעריקע, האָט ער זיך אַריינגענומען אין קאָפּ אַז ניט אַנדערש נאָר ער מוז ווערן אַן אינזשיניער. מילא, זאָל זיין אַן אינזשיניער. שוין אינגלווייז האָט ער אָנגעהויבן פאַר־דינען אויף דער הוצאה: צוערשט געפּוצט שיך, דאַן אויסגעטראָגן צײ־

טונגעז, געווען א שיק־אינגל אין א גרינס־געשעפט, וואס ניט? און שפּע־טער־צו איז ער זומער־צייט געווען א קעלנער אין די „בערג" און ווינטער האט ער בייטאג געארבעט ביי תרפ"ט מלאכות און אין די אוונטן איז ער געלאפן אין קאלעדזש אריין. נאר גארניט, ווי־ניט־ווי האבן טאטע־מאמע אויך צוגעלייגט א האנט: אמאל אן אנצוג, אמאל שכר־לימוד אדער סתם א פּאר טאלער אויף דער הוצאה.

און גאט צו דאנקען, ער מאכט אוים ניט שלעכט, גארניט שלעכט. אלא וואס דען? ער איז ווייט פון דערהיים, פארוואגלט געווארן אזש קיין פּיטסבורג. וואס עפּעס פּיטסבורג? ער ארבעט דארט אין א קאמפּאני, פּאר דער וועסטינגהאוז קאמפּאני, און די וועסטינגהאוז קאמפּאני איז אין פּיטסבורג. מילא, זאל זיין פּיטסבורג. זי באקלאגט זיך דען? זי באקלאגט זיך ניט. פון צייט צו צייט שרייבט ער א בריוו, און א פּאר טאלער וויל ער איר אויך שיקן. אבער צו וואס דארף זי איינע פּאר טאלער? א שטיקל קניפּל האט זי איר אייגנס: א מענטש איז דאך ניט מער ווי א מענטש, איז מאלע וואס עס מאכט זיך; און מיט קרקע איז זי שוין פון לאנג באַ־זארגט — זיי האבן זיך פארזארגט מיט קרקע פאר ביידן, פאר איר און פאר איר מענדלען, ביי זיינע לאנדסלייט טאקע, אין „חברה אנשי בריסק".

נאר וואס דען? דאס הארץ גייט איר אוים נאך די אייניקלעך, נאך מארטין'ס קינדער. נאר איינמאל האט ער זיי געבראכט קיין ניו־יארק, די אייניקלעך. לעצטנס האט ער זיך אריבערגעצויגן אין א נייעם „פּראיעקט", שרייבט ער, הינטער פּיטסבורג. א גאנצע געגנט א נייע האט מען דארט אויפגעבויט אין מיטן וואלד. א גאנץ יאר אויף דאטשע, אזוי צו זאגן. און אן אויטא האט ער אויך. נישקשה, וועסטינגהאוז איז ניט חולה צו צאלן פאר אן אויטא. זיין ווייב, איליין, איז אן אמעריקאנער געבארענע, פון פּיטסבורג טאקע. א פיינע פּרויקע ביז גאר. ווען זי קומט קיין ניו־יארק, רופט זי זי „מא". מא אהין און מא אהער, אבער וואס איז מיט די קינדער? פאראן דארט אידן, אין נייעם „פּראיעקט"? פאראן א שול? און וואס איז מיט בר־מצווה?

דער וועג האט זיך אויסגעצויגן, עפּעס לענגער ווי שטענדיק. מרס. סאנדרא האט זיך א ווײלע אפּגעשטעלט און אפּגעזיפצט. מיט בעווערלין איז עס צוגעגאנגען שווערער. זי האט געוואלט ווערן א טיטשערקע, א לערערין. גוט, זאל זיין א טיטשערקע. ס'איז אזוי לייכט דורכצוהאלטן א

מיידל דורך קאַלעדזש? מיט ביכער, קליידער, דאָס און יענעם. אַ מיידל איז ניט קיין בחור, אַ מיידל קען ניט אַרומגיין קרוע־בלוא, אַ מיידל מוז זיך אָנטאָן מיט לייטן צוגלייך; איז היינט אַ סוועטער, מאָרגן אַ קליידל, איבער־מאָרגן אַ פּאָר שיך. זי זינדיקט דען? זי זינדיקט ניט, אָבער די מעשה מיטן סייקאַיאַטריסט האָט אָפּגעקאָסט אַ מטמון מיט געלט!

ווי קומט זי צו אַ סייקאַיאַטריסט, אַז אונדזערע אבות־אבותינו האָבן דערפון ניט געהערט? אָנגעהויבן האָט זיך עס, משמעות, מיטן קאַלעדזש. בעווערלי האָט זיך אַזוי פאַרטאָן אין די ביכער, עקזאַמינעס, קורסן, אַלער־ליי פּייפּערס וואָס זי האָט געשריבן, אַז זי האָט ניט געהאַט קיין צייט חתונה צו האָבן. ווי האָט יענער געזאָגט: מען קען ניט טאַנצן מיט איין הינטער־חלק אויף צוויי חתונות. איז אין דערהיים, אַז אַ מיידל האָט ניט חתונה געהאַט באַצייטנס, וואָס האָט מען געטאָן? מען איז געגאַנגען צו אַ שדכן און אַ רענדל אַרויף, אַ רענדל אַראָפּ, און מען האָט צוגעדעקט דעם קאָפּ. אין אַמעריקע, אָבער, גייט מען צו אַ סייקאַיאַטריסט, צו אַ פּסיכיאַטער. האָט זי אָנגעהויבן גיין צו אַ סייקאַיאַטריסט, און ניט סתם צו אַ סייקאַיאַ־טריסט, נאָר צו אַ סייקאָ־אַנאַליסט, ווי זיי רופן עס, טאַקע אויף דער סאַמע פּאַרק־עוועניו, אין ניו־יאָרק. אַ סייקאָ־אַנאַליסט איז אַזוי ווי אַ דאָקטער, נאָר קיין רעצעפּט פאַרשרייבט ער אייך ניט, ער רעדט נאָר, ס׳הייסט רעדן רעדט איר — ער שיקט אייך בלויז דעם ביל, דעם חשבון. ס׳איז אַ שטייגער ווי אַ חסידישער רבי: איר גיט אים דעם „פדיון״ און ער גיט אייך די ברכה. אַ סברא אַז די גאַנצע חברותא זייערע, די סייקאַ־יאַטריסטן און סייקאָ־אַנאַליסטן און סתם פּסיכאָפּאַטן, אַז זיי וואוינען אַלע אויף דער פּאַרק־עוועניו. פאַרוואָס ניט? אַז געלט שאַרן זיי ווי בלאָ־טע, אַ רענדל אַ וואָרט, מעגן זיי זיך פאַרגינען. ווי האָט יענער געזאָגט: אַ שיינע וועלט, אַ ליכטיקע וועלט, נאָר ווי פאַר וועמען.

איר מיינט ס׳האָט געהאָלפן? ס׳האָט ניט געהאָלפן. וואָס קומט אַרויס פון די רייד? בעווערלי האָט גאָר געקראָגן אַ שטעלע אין ברידזשפּאָרט, קאָ־נעטיקוט, און וואו זאָל זי נעמען אַ חתן אין ברידזשפּאָרט? איר מיינט אַז עס זיינען ניטאָ קיין אידן אין ברידזשפּאָרט, קאָנעטיקוט? פאַראַן, ברוך השם, אידן אין ברידזשפּאָרט, אָבער קיין חתן פאַר בעווערלי׳ן איז דאָרט, משמעות, ניטאָ. און זי איז דווקא אַ טייער קינד, בעווערלי, אַ קלוגע, אַ

געלערנטע, אָבער ווי האָט יענער געזאָגט: וואָס טויג מיר די חכמה, אַז נאַרישקייט גילט.

און אפשר וועט איר דער אויבערשטער נאָך צושיקן איר באַשערטן, ווי אונדזערע חכמים האָבן געזאָגט: פּערציק טעג איידער א מענטש ווערט געבוירן, רופט מען אויס אין הימל: דער מענטש זאָל נעמען יענעמס טאָכטער, פּאַר אַ ווייב. און אַט איז יוסף מגולגל געוואָרן אַזש קיין מצרים, וואָס דאָס איז נאָך אפשר ווייטער ווי ברידזשפּאָרט, קאָנעטיקוט, און אַז ס'איז אים געווען באַשערט, האָט ער דאָרט געפונען זיין ריכטיקן זיווג און האָט חתונה געהאַט מיט אָסנת'ן, וועלכע איז גאָר געווען יעקב אבינו'ס אַן אייניקל. דער חזקוני שרייבט, אַז יוסף האָט דרום גענומען די טאָכטער פון פּוטיפרע, צו ווייזן דאָס ער איז ביי זיין ווייב ניט געלעגן, וואָרים זונסט וואָלט ער ניט געטאָרט נעמען איר טאָכטער. די צאינה וראינה דערציילט אויך, דאָס אסנת איז געווען די טאָכטער פון דינה, וואָס זי האָט געהאַט מיט שכם, דעם זון פון חמור, דעם פירשט פון לאַנד, וועלכער האָט זי מאנס געווען און זי געפייניקט. האָבן די ברידער זי געוואָלט הרג'נען פאַר חרפּה, האָט יעקב איר אָנגעהאָנגען א קמיע און האָט אָנגעשריבן אויף איר: „ווער עס וועט זי נעמען, זאָל וויסן דאָס ער איז זיך מתחתן מיט יעקב", און ער האָט זי פאַרטריבן פון זיין הויז, און זי האָט זיך באַהאַלטן צווישן דערנער, דרום האָט זי געהייסן אסנת, ווייל אַ דאָרן איז אויף לשון קודש סנה. און דער מלאך גבריאל האָט זי געבראַכט אין הויז פון פּוטיפרע, האָט זי דאָס ווייב פון פּוטיפרע אויפגעצויגן און האָט זי געהאַלטן פאַר אַ טאָכטער. און אַז יוסף איז אַרויסגעגאַנגען אויף מצרים, זיינען אנטקעגן געגאַנגען אַלע ווייבער צו זען זיין שיינקייט און איטלעכע אשה האָט אים געוואָרפן צירונג, און אסנת האָט ניט געהאַט וואָס צו וואַרפן, האָט זי אים די קמיע געוואָרפן, דאָס זי איז דאָס אייניקל פון יעקב, אַזוי האָט ער זי גענומען פאַר אַ ווייב.

און דערווייל איז אויך סילוויע אונטערגעוואַקסן. ווי האָט יענער געזאָגט: דריי זאַכן וואַקסן איבער נאַכט: פּראָצענט, דירה־געלט און מיידן. און סילוויע האָט לכתחילה אויך געוואָלט ווערן א טיטשערקע, א לערערקע, אין א קינדער־גאָרטן. האָט זיך אָבער געמאַכט די מלחמה, און אַז ס'האָט זיך געמאַכט די מלחמה איז געוואָרן ביזי אין דער סטאָרקע — לייטע האָבן געמאַכט אַ לייכטן דאָלער און האָבן לייכטער אויסגעגעבן

דעם טאַלער — האָט זי אַנגעהויבן אַרויסהעלפן אין די ביזנעס, און דער־ווײַלע האָט זיך געמאַכט דער שידוך מיט דזשעק'ן און ס'איז שוין דאָבײַ געבליבן. און טאַקע צוריק גערעדט: צו וואָס זאָל זי שטודירן אין די קאָ־לעדזשעס און לויפן צום סײַקאָיאַטריסט, אַז זי קען בעסער שטיין אין קענ־די־סטאָר און ליגן אין קימפּעט. דערווײַל האָט זי נאָר איין זונעלע, זאָל געזונט זײַן, אָבער גאָט איז אַ טאַטע. ווי האָט יענער געזאָגט: אפילו דעם נגיד'ס ווײַב קען ניט ליגן אין קימפּעט מער ווי איין מאָל אַ יאָר.

אָבער וואו איז זי דאָ, צו אַלדי גוטע יאָר? זי גייט און זי גייט, און זי שטייט אויף אַן אָרט. ס'איז דען עווניו „יו"? ניין, ס'איז דאָך גאָר־ניט עווניו „יו"! טאַ ווי קומט זי אַהערצו?

מרס. סאַנדראַ האָט אויפגעהויבן די אויגן און זיך אַרומגעקוקט. מיטאַמאָל האָט אַ שרעק זי אַרומגעכאַפּט. ס'האָט איר אַ שווינדל געטאָן אין קאָפּ און זי האָט דערפילט אַ קעלט אַרום האַרץ:

— ריבונו של עולם, וואו איז זי דאָ אין דער וועלט?

קאַפּיטל צוועלף

ביי די טויערן פון גן־עדן התחתון

באַלד האָט זי ווידער דערפילט פעסטן באָדן אונטער די פיס. אַרום האָבן זיך געהויבן נידעריקע הייזקעס מיט הויפן אין הינטערגרונט און גערטנדלעך אין פראָנט. אַ אָטעם פון היימישקייט האָט אַ בלאָז געטאָן אויף איר. ליפּסק? זאָל זיין, אַז זי איז צוריק אין דערהיים? אָבער ווי קומט דאָ פּלוצלונג ליפּסק?

מרס. סאַנדראַ האָט אָנגעגורט אירע כוחות און האָט אַ שפּרייז געטאָן ווייטער. אַ ווײַלע שפּעטער איז זי שטיין געבליבן פאַרגאַפט: אין דער ווייט האָבן די צוויי שורות הייזער זיך דערנענטערט, ווי זיך צונויפגעלאָפן, און אין ענגן חלל צווישן די דעכער האָט מען געזען ווי דער בלויער הימל לאָזט זיך אַראָפּ צו דער ערד; ס'איז אָבער ניט געווען קיין ערד, ס'איז געווען אַ גרוי געוועלבט וואַסער, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט ביז צום האָריזאָנט. דער ים! ניין, ס'איז ניט ליפּסק, אין ליפּסק איז ניט געווען קיין ים.

אָבער אויב ס'איז ניט עווענױ „יו" און ניט ליפּסק, טאָ וואו איז זי? אפשר איז עס גאָר ניט קיין געוועסער צופּוסנס, נאָר אַ פאַרכמאַרעטער הימל: הימל פון אויבן און הימל פון אונטן, אויבן בלוי און אונטן מוטנעגרוי, פאַרוואָלקנט, כי זה שער השמים — דאָס איז דער טויער צום הימל —

אירע ליפּן האָבן זיך פאַרקרימט און די קנייטשן אַרום איר מויל האָבן אַ שמייכל געטאָן מיט אַ ביטערן שמייכל פון נאָד־אַלעמען און מיט דער קלוגשאַפט פון הבל־הבלים: אפשר?... דער גוף אירער ליגט אפשר

אויף דער פאָדלאָגע אויף עווענױ „יו״; אָרום ברענען ליכט; מען פירט זי אַרױס; דער חזן מאַכט אַן „אל מלא רחמים״; אָבער נאָר דער גוף איז אין אָרון, די נשמה פליט ערגיץ ווייט אין די הימלען.

אויפן דאַך איז איר אַ האַלב־נאַקעטע פרוי געקומען אַנטקעגן — אַ געשטאַלטנע, מיט אַ פולן בוזים און אַ ברחבות׳דיקן הינטערחלק. אירע אַנטבלויזטע פּאַלקעס און פולע אָרימס זיינען געווען טונקל־ברוין און געדיכטע שוואַרצע האָר זיינען איר אַראָפּגעפאַלן איבער די הוילע אָנגע־גליטע אַקסלען. בלויז קורצע רויטע הויזן אָרום שוים האָט זי געטראָגן און אַ קאָלירפולן שאַל אָרום די בריסט. אַ ציגײַנערקע?... פּוטיפרע׳כע!... זי האָט איבערגעלאָזט אירע קליידער אין יוסף׳ס האַנט און איז אַרױס־געלאָפן אין גאַס ווי זי שטייט און גייט. ניין, ס׳איז דאָד גאָר געווען פאַרקערט: זי האָט אים אָנגעכאַפּט ביי זיין קלייד און האָט געזאָגט „דו מוזט מיט מיר ליגן!״ האָט יוסף געלאָזט דאָס קלייד אין איר האַנט און ער איז אַרױסגעלאָפן אויף דער גאַס.

די פרוי אין די קורצע רויטע הויזן איז אַרױפגעשטיגן איבער די טרעפּלעך פון אַ גאַניק און איז פאַרשוואונדן הינטער אַ טיר... און אַז מען האָט יוסף׳ן געבראַכט צו משפּט׳ן האָט דער מלאך גבריאל זיך פאַר־שטעלט פאַר אַ שר און האָט געזאָגט: ווען מען וויל געוואָר ווערן ווער ס׳איז גערעכט, זאָל מען ברענגען די קליידער — ווען אירע קליידער זיינען צעריסן, האָט ער געוואָלט מיט געוואַלד ביי איר ליגן, און אויב זיינע קליידער זיינען צעריסן, האָט זי געוואָלט מיט געוואַלד מיט אים ליגן. האָט מען געפונען דאָס זיינע קליידער זיינען צעריסן, האָבן זיי אים ריין געמאַכט. נאָר זיי האָבן געזאָגט: ווען ער וועט גאָר ריין אַרױס, וועט דער אשה זיין אַ חרפה, דען מען וועט זאָגן, אַז זי איז אַ זונה. דרום לאָז ער זיצן אין תפיסה. און ווייל די כומרים האָבן רעכט גע׳פּסק׳נט, האָט זיי יוסף געגעבן געגנוג ברויט אין די הונגער־יאָרן, ווען ער איז אַ שליט געוואָרן.

מרס. סאַנדראַ איז שטיין געבליבן און האָט זיך אַרומגעקוקט. פון ביידע זייטן, ברייט און ווייט, האָט זיך געצויגן אַ רוישיקע גאַס. עס האָט דאָרט געווימלט מיט מענטשן און קולות, וויסטאַוועס פון אַלערליי מל־בושים, שיך, אַנציגער, פּידזשאַמעס; דעליקאַטעסן מיט ריזיקע וואורשטן און געדרויכערטן פּאַסטראַמי אין די פענסטער; געשטאַלטן פון בלאָנדע

יונגע נקבות וואָס גיסן זיך אַריין פֿלעשער ביר אין האַלדז און וואָס בלאָזן אַרויס וואָלקנס רויך פֿון מויל. איבער דעם גאַנצן האַרמידער האָט זיך הויך, אין דער לופֿטן, געטראָגן מיט רעש און טראַסק אַן אייזערנע באַן. זי האָט זיך אַ וויש געטאָן די אויגן, ווי זי וואָלט עס אַלץ געזען אין חלום — און געוואָלט זיך אויפֿכאַפּן און זיך אומקערן צו דער וואָר. וואו איז די דאָ אין דער וועלט? די שרעק איז ווידער וואָך געוואָרן אין איר — אַ מורא אַז זי האָט ערגיץ־וואו פֿאַרבלאָנדזשעט, ערגיץ ווייט־ווייט, ווער ווייסט ווי ווייט.

זי איז אַריבער אויף דער אַנדער זייט גאַס און זיך געלאָזט גיין ווייטער. באַלד האָט זי זיך געפֿונען אין אַ פֿעלד. דער באָדן אונטער אירע פֿיס איז געוואָרן זאַמדיק. אין דער נידער איז ניט געווען קיין הימל, נייערט וואַסער — געוועלבטע וואַסערן וואָס האָבן זיך צונויפֿגעגאָסן אין דער ווייט מיטן הימל־געוועלב. אין דעם דריטן טאָג האָט גאָט געזאָגט: אַלע וואַסערן זאָלן זיך איינזאַמלען אין איין אָרט, דאָס די ערד זאָל ווערן אָנ־געזען. אַזוי האָבן זיך אַלע וואַסערן באַלד איינגעזאַמלט אין איין אָרט — דאָס איז דער ים הגדול! אין דער ווייט האָט זיך געגליטשט אַ שיף און אירע רויטע קוימענס האָבן דערגרייכט צום הימל. נח׳ס קאַסטן?

נאָך אַ שיף — מיט זעגלען! די מלכּה שבֿא? זי האָט געשיקט נאָך פֿיל שיפֿסלייט און האָט אָנגעלאָדן אַ שיף מיט זילבער און גאָלד און גוטע שטיינער און גוט האָלץ, און האָט געמאַכט אַ רייזע פֿון זיבן יאָר צו באַ־געגענען שלמה המלך׳ן אין ירושלים. זי איז אויך געווען אַ קנאַפּע צנועה, די מלכּה שבֿא; ניט אַזאַ צאַצקע ווי די פּוטיפֿרע׳כע, אָבער אויך ניט צו פֿאַרזינדיקן. קומסט צו שלמה המלך אויף אַ וויזיט, דאַרפֿסטו גלייך נעמען און פֿאַרשוואַנגערן פֿון אים? מילא ער, שלמה המלך, האָט סאַי־ווי געהאַט טויזנט ווייבער, איז שוין פֿאַר אים קיין חילוק ניט געווען, איינע אַרויף איינע אַראָפּ, אָבער אַ מלכּה, אַ לעידי? און אפֿשר איז זי אויך ניט געווען אין גאַנצן שולדיק, וואָרן אַז דער קעניג האָט געהערט אַז זי קומט־אָן, האָט ער זיך געזעצט אין אַ חדר פֿון גלאָז, און זי האָט געמיינט אַז ער זיצט אין וואַסער, האָט זי אויפֿגעהויבן אַביסל אירע קליידער.

מרס. סאַנדראַ האָט איצט געטראָטן איבער אַ ברעטער־וועג לענג־אויס דעם וואַסער. און שלמה המלך איז בשעת מעשה געזעסן אויף זיין שטול, וואָס איז געמאַכט געוואָרן מיט גרויס מייַנסטערשאַפֿט, וואָס קיין

שום מיינסטער אויף דער וועלט קען אזא שטול ניט מאכן. זעקס טרעפּ איז געווען צו איר אַרויפצוגיין. אויף דער ערשטער טרעפּ איז געלעגן א גאָלדענער אָקס און קעגן אים איז געלעגן א גאָלדענער לייב; אויף דער אַנדערער טרעפּ איז געלעגן א גאָלדענער וואָלף און קעגן אים איז געלעגן א גאָלדענע שעפּס; אויף דער דריטער טרעפּ איז געלעגן א גאָלדענער לעמפּערט, קעגן אים איז געלעגן א גאָלדענער קעמל; אויף דער פערטער טרעפּ איז געלעגן א גאָלדענער אָדלער, קעגן אים — א גאָלדענע פּאַווע; אויף דער פינפטער טרעפּ איז געלעגן א גאָלדענער שפּאַרבער. קעגן אים — א גאָלדענע טויב. און דאָס אַלץ באַטייט, אז ביים משפּט דאַרף דער שטאַרקער ניט מורא האָבן פאַר דעם שלאַפן...

מרס. סאַנדראַ האָט זיך א ווײַלע אָפּגעשטעלט און אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם. זי האָט מער ניט געטראָטן איבער דעם ברעטער־וועג, נאָר איז אַז ענגן געשלענגלטן געסל, צווישן משונה'דיקע בודעס און שאַלאַשן. וואו איז זי דאָ אין דער וועלט? זי האָט אויפגעהויבן די אויגן און האָט געזען אַז זי געפינט זיך אין א מאָדנער וועלט — אין דער וועלט פון דער „צאינה וראינה" אָדער ערגיץ ביי די טויערן פון גן־עדן התחתון. דאַנעבן האָט א שלאַנג געקלעטערט אויף א בוים, איר לאַנגער דינער גוף פאַרוויקלט אַרום דעם שטאַם, און איר קאָפּ צווישן גרינעם געבלעטער — ווי זי וואָלט דאָרט געזוכט דעם עפּל פון עץ־הדעת; ביי דער זייט איז טאַקע געשטאַנען חוה אַליין, מוטער־נאַקעט, מיט א צודעק פון בלעטער איבער איר שוים. פייגנבלעטער?... „און עס זיינען געוואָרן געעפנט זייערע אויגן און זיי האָבן געוואוסט דאָס זיי זיינען נאַקעט, און זיי האָבן אָפּגעריסן בלעטער פון א פייגנבוים און האָבן צוגעדעקט זייער שאַנד". איר בוזים איז געווען איינגעפּרעסט אונטער א געפורעמטן ברוסטהאַלטער מיט פראַנצויזישע בראַקאַט־שפּיצן.

— א ביסל ווייטער האָט זיך געהויבן א בודע פון פּימפּסן־האַלץ — נוח'ס קאַסטן! פון הינטער א פאָרהאַנג, פאַרנט, האָבן לייבן און לעמפּערטן אַרויסגעשטעקט רויטע צינגער פון צעעפנטע מיילער; פון אינעווייניק האָט זיך געטראָגן א ברומען פון חיות, דאָס רעווען פון בהמות, א געצוויטשער פון פייגל און דאָס קרייען פון הענער. אויף א בימה, פאַר דעם פאָרהאַנג, איז געשטאַנען א מאַן געקליידעט אין געפּאַסקעוועטע פאַרביקע מלבושים און האָט מיט קולי־קולות גערופן דעם עולם אַריינצוגיין

אינעווייניק. ליתר־תוקף האָט ער געקלונגען מיט אַ גרויסן קופּערנעם גלאָק. ער האָט אוודאי אָנגעזאָגט דאָס קומען פון מבול און האָט פאַר־לאַנגט צען סענט איינטריט־געלט. נאָר ווייניקע האָבן זיך געראַטעוועט: „גאָט האָט זיי מתרה געווען הונדערט מיט צוואַנציק יאָר, זיי זאָלן פרום זיין, און זיי האָבן זיך דעראָן ניט געקערט".

אויף דער אַנדערער זייט, צום וואַסער־צו, האָט זיך געהויבן אַ הויכער טורעם און זיין שפּיץ האָט זיך געריסן צום הימל, ווי דער טורעם פון בבל: „און זיי האָבן געזאָגט איינער צו זיין פריינט: 'לאָמיר זיך בויען אַ גרויסן טורעם, ביז אין הימל', און זיי האָבן אים אויפגעבויט זיבן און צוואַנציק מייל הויך. שטאַפּלען זיינען געווען צו מזרח און שטאַפּלען צו מערב". און די שטאַפּלען האָט מרס. סאַנדראַ ניט געקענט זען, נאָר גרויסע געוועלבטע פלאַכטעס, ווי צעעפנטע פּאַראַסאָלן האָט זי געזען. זיי זיינען אויפגעשטיגן אַרויפצו, אין די הויכענישן, און האָבן זיך אַראָפּ־געלאָזט אונטן, צו דער ערד; און אין דראַטענע קעסטלעך, וואָס זיינען אַראָפּגעהאָנגען פון די פּאַראַסאָלן, זיינען געזעסן מענטשן ווי חיות אין שטייגן.

מרס. סאַנדראַ האָט זיך געלאָזט גיין צו דעם טורעם און אויפן וועג האָט זי געזען אַ גרויס ראָד, וואָס האָט זיך געדרייט צווישן הימל און ערד. אויף דעם ראָד זיינען געזעסן זכרים און נקבות און האָבן זיך מיטגעדרייט אין אַ מין כסדר'דיקן עולים ויורדים. זיי האָבן זיך געהאַלטן ביי די הענט און זיך געהאַלדזט און געקושט אין שיין פון דער זון, וואָס האָט אַראָפּגענידערט צום וואַסער. די בענק אויפן ראָד האָבן זיך גע־טרייסלט און געשאָקלט און געוואָרפן פון זייט צו זייט, און די נקבות האָבן זיך געשטשירעט פון געלעכטער, געכאַכאַטשעט און געריטשעט, און זייערע קוויטשערייען האָבן פאַרהילכט דעם ארומיקן געפּילדער. און מרס. סאַנדראַ האָט זיך דערמאָנט, אַז ווען שלמה המלך איז פריילעך געווען, האָט ער געלאָזט ברענגען די חיות און עופות און ווידמונגען און שדין און רוחין און לילין, זיי זאָלן טאַנצן פאַר אים און פאַר די מלכים.

זי האָט זיך אַרומגעקוקט און האָט געזוכט שלמה המלכ'ס שטול. אָבער שלמה המלך'ס שטול איז אין ערגעץ ניט געווען. וואו איז שלמה המלך'ן שטול?

אַ מידקייט איז איר פלוצלונג באַפאַלן. זי האָט דערפילט אַ שאַרפן

ווייטיק אין רוקן און אירע פיס זיינען געוואָרן שווער ווי בליי. זי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און דערזען דאָס געפּלאַכטענע ווענגלע, וואָס האָט זיך די גאַנצע צייט געקייקלט הינטער איר אויף זיינע צוויי רעדלעך. ער איז געווען פול מיט טאַרבעס און פּעקלעך, וואָס זי האָט איינגעקויפט אויף שבת אין מאַרקעט פון די „ברידער יוסף". די זון האָט זיך געזעצט הינטער דעם הויכן טורעם און די שיף אויפן האָריזאָנט איז פאַרשוואונדן. ס'איז שוין באַלד צייט צו בענטשן ליכט. איז ווי קומט זי אַהער?

— ווי זי קומט אַהער? — אָט האָט דער אויבערשטער געשטראָפט נבוכדנאצר'ן, דעם מלך פון בבל, מיט זיין גרימצאָרן און האָט אים גע־מאַכט נאַקעט אַרומלויפן אין וואַלד זיבן יאָר, און ער האָט געגעסן גראָז און וואָרצלען ווי די חיות וואָס לויפן אַרום אין וואַלד... און ער האָט גאָר קיין שכל ניט געהאַט...

זי איז אַריינגעפאַלן אין אַ פּאַניק און האָט אָנגעהויבן שעפּטשען צו זיך אַליין:

„איך בין סאַנדראַ!

„ניין, איך בין שיינדל!

„מרס. סאַנדראַ פון דער קענדי־סטאָרקע...

„שיינדל פון ליפּסק!..."

אָבער ווער וועט איר גלויבן? אָט איז שלמה המלך געווען דער קליגסטער פון אַלע מענטשן אויף דער וועלט, ער האָט פאַרשטאַנען די שפּראַך פון די חיות און בהמות און פייגל און פיש און גרעזער און ביימער, און ער האָט רעגירט איבער די חיות פון דער וועלט און איבער די עופות וואָס אונטער דעם הימל און אויף אַלע ווידמונגען און אויף שדים און רוחות און לילין — און! איין מאָל האָט ער געוואָלט באַוועל־טיקן דעם מלך פון די שדים, דעם אשמדאי, און האָט אים געגומען גע־פאַנגען און געשמידט אין קייטן, וואָס ער האָט פאַרזיגלט מיטן שם־המפורש. אָבער ווען ער האָט אויף אַ ווײַלע אַראָפּגענומען דעם זיגל, האָט דער אשמדאי אויסגעשפּרייט אַ פליגל און האָט אַ שליידער געטאָן דעם מלך שלמה אין אַ ווייט פרעמד לאַנד, אַ מהלך פון זעקס הונדערט מייל פון ירושלים. דער מלך איז דאָרט אַרומגעגאַנגען ווי אַן אָרימאַן, אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן, און געבעטלט אַ שטיקל ברויט און אַ גלאָז וואַסער כדי די נשמה צו דערהאַלטן. ער האָט אַלעמען געזאָגט: „איך בין שלמה!"

אבער קיינער האט אים ניט געגלויבט און אלע האבן אים אויסגעלאכט און אים געמאכט צו שאנד און צו שפאט.

מרס. סאנדרא האט אנגעשטרענגט אירע כוחות און זיך געלאזט גיין ווייטער. זי האט זיך געדרייט ווי אין א פאר'כישופ'טן קרייז: אט איז דער באדן אונטער אירע פיס געווארן זאמדיק, באלד האט זי ווידער געטראטן אויף א לאנגן וועג פון ברעטער און אט איז זי אריינגעפאלן אין א געסל וואו מענטשן האבן געצילט מיט ביקסן אויף שווימענדיקע קאטשקעס אדער געריטן אויף רויטע חיות און בהמות. צו אירע אויערן האט זיך דערטראגן א געקלימפער און א טראסקעריי פון רעדער. ניט ווייט, איבער די דעכער, האט א לאנגע אייזערנע באן פארבייגערוישט אין דער לופטן. הונדערטער שויבן האבן א בלאסק געטאן מיט העלער זון-שיין און זיינען פארשוואונדן אין רוים. די גאס מיט די קראמען!... זי מוז זיך דערשלאגן אהינצו! אבער פארוואס קוקן זיי אלע אויף איר אזוי מאדנע? איך בין מרס. סאנדרא!... ניין, איך בין שיינדל! שיינדל פון ליפסק... „און אלע האבן זיי אים אויסגעלאכט און אים געמאכט צו שאנד און צו שפאט"... פארבייגייער האבן זיך אומגעדרייט, געשאקלט מיט די קעפ און א ווײלע זי נאכגעקוקט — ווער מיט א שמייכל אויף די ליפן, און ווער מיט רחמנות אין די אויגן.

מיטאמאל האט פאר אירע אויגן אויפגעטויכט די ברייטע רוישיקע גאסן מיט וויסטאוועס פון מלבושים, דעליקאטעסן מיט לאנגע ווורשטן, פלעשער ביר און סיגארעטן. זי האט פרייער אפגעאטעמט. פון א ראג קעגנאיבער איז איר אנטקעגנגעקומען א פרוי מיט א קינד ביי דער האנט. זי איז געווען אנגעטאן באלעבאטיש, אין א גרויער קלייד און א היימישער ווייסער בלוזע, און אין דער צווייטער האנט האט זי געפירט א דראטן גע־פלאכטן וועגעלע אויף צוויי רעדלעך. מרס. סאנדרא איז שטיין געבליבן. אירע ליפן האבן זיך נאך אלץ באוועגט, ווי זי וואלט געשעפטשעט א תפי־לה. אויך די פרוי האט זיך אפגעשטעלט און זי באטראכט מיט א נייגע־ריקן בליק.

— איר זוכט דא עמיצן? א גאס? כ'מיין... כ'וואלט אייך אפשר גע־קענט מיט עפעס באהילפיק זיין?

מרס. סאנדרא האט זיך א ווײלע געקווענקלט. די קנייטשן אויף איר שטערן זיינען ווי טיפער געווארן:

— איר... איר וואָלט מיר אפשר געקאָנט זאָגן, וואו... וואו איך בין דאָ? — האָט זי אַרויסגעשטאַמלט.

— אין קאָני־איילענד — האָט די אומבאַקאַנטע זיך באַמיט צו שמייכלען.

— אין קאָני־איילענד?... ריבונו של עולם! — האָט מרס. סאַנדראַ אויסגערופן, ווי אויך זי וואָלט פאַרוואָרפן געוואָרן אויף א מהלך פון זעקס הונדערט מייל.

די פרוי האָט געפירט די אויגן פון מרס. סאַנדראַ צום אַנגעלאָדענעם וועגעלע און אויף צוריק:

— איר וואוינט ניט דאָ?

— איך... ניין.

— איר זיינט געקומען אהערצו איינקויפן?

— דאָ?... ניין.

— וואוהין ווילט איר גיין? — האָט די פרוי זי גענומען אונטער איר שוץ.

— אַהיים.

— וואו וואוינט איר?

ווי דאָס האַרץ וואָלט איר געזאָגט! און פאַר דער פראַגע האָט זי זיך אַממערסטן געשראָקן. וואו זי וואוינט? אַלע אַזוי, שטענדיק — וואו זי וואוינט?! אוודאי האָט זי געוואוסט, וואו זי וואוינט: זי קומט פון ליפּסק און איר מענדל איז א בריסקער. און דערנאָך... דערנאָך... פאַר אירע אויגן האָבן זיך א הוידע געטאָן וואַכן, יאָרן, בילדער: די מאַמע, שבתים, ימים טובים, יציאת מצרים, א רייזע אויף א שיף, יוסף און פוטיפר און פּו־טיפר׳ס ווייב, און דער מן אין מדבר. זיי האָבן זיך געוויגט און געיאָגט ווי די כוואַליעס אין ים.

די פרוי לעבן איר האָט געדולדיק געוואַרט. פון אירע אויגן האָט אַרויסגעקוקט מיטלייד. אין מרס. סאַנדראַ׳ס אויגן זיינען געשטאַנען טרערן. זי האָט געשוויגן. נאָר אירע ליפּן האָבן זיך באַוועגט און געשעפּטשעט אומפאַרשטענדלעכע זילבן. דאָס קינד איז געוואָרן אומגעדולדיק:

— קום מאַ! — האָט זי א צי געטאָן דער מאַמען ביי דער האַנט.

— וואַרט א ווײַלע, שעלי!

— האָסט מיר צוגעזאָגט!

— מיר גייען גלייך.

— כ'וויל מיין אייזקרים! — האט שעלי א זונג געטאן מיט א ווייגענדיקער שטימע.

— אויף עוועניו „יו־ו־ו" — האט מרס. סאנדרא אויסגעשריען ניט מיט איר קול. ס'איז געווען ווי א געשריי פון שלאף, בעת א בייזן חלום.

שעלי האט זיך דערשראקן. זי האט ארויסגעלאזט א קוויטש און איז זיך פארגאנגען אין א געוויין. אויך די פרוי איז בלאס געווארן. סאנדרא האט זיך געשאקלט ווי א בלאט, העגט און פים האבן איר געציטערט.

די אומבאקאנטע האט צוערשט בארואיקט דאס קינד. דאן האט זי געפרעגט:

— וואס האט איר געזאגט?

— מיר וואוינען אויף עוועניו „יו" — האט מרס. סאנדרא אי־בערגע'חזר'ט און זיך אפגעווישט די טרערן פון די אויגן.

— איר זיינט זיכער?

— ס'הייסט זיכער? וואס פאר א פראגע?! מיר האבן דארט א קענדי־סטאר.

— מאמע מיין אייזקרים! — האט שעלי זיך דערמאנט אן דאס איריקע.

— ווארט א ווײלע, אט גייען מיר. איר וועט וויסן ווי צו פארן אהיים?

— פארן?

— אוודאי, איר וועט דאך ניט גיין צופוס אזא וועג און נאך מיט אן אנגעפאקטן ווענעלע דערצו. וואו וואוינט איר אויף עוועניו „יו"?

— ניט ווייט פון מארין־פארק.

— די טראלי און א „באס", מיט איבערשטייגן — האט די פרוי א מורמל געטאן — אפשר וועט איר נעמען א טעקסי?

— א טעקסי? — האט זיך מרס. סאנדרא דערשראקן, — ניין, ניין!

— גוט, כ'וועל אייך צופירן צו דער טראלי.

אויפן וועג האבן זיי זיך אפגעשטעלט ביי א פענסטער פון א קענדי־סטארקע און געקויפט שעלי'ן א וואנילא־שאקאלאד אייז־קרים. דאס קינד האט ארויסגעשטעקט א רויט צינגל, געלעקט פון זיס־קאלטן מאכל און

זיך פאַסמאַקעוועט. מרס. סאַנדראַ האָט דורכגענומען דעם קאַנום מיט א בליק פון א מבין און באַשלאָסן ביי זיך, אַז „ביי אונדז, אויף עוועניו „יו", איז פאַראַן בעסערע אייזקרים". זי האָט זיך ווי אויסגעטשוכעט פון שלאָף און איז פאַוואָליע געקומען צו זיך. באַלד האָט זי אפילו אָנגעהויבן דערקענען די געגנט. צי זי איז שוין דאָ אַמאָל געווען? אוודאי איז זי שוין דאָ געווען! איין מאָל? אַ סך מאָל!... טויזנט מאָל! ס'האָט געמוזט זיין מיט אַ קימאַ־לן פון... אַ יאָר צען... צוואַנציק... אפשר נאָך מער צוריק. צי זי קען די טראָלי? אַ שיינע מעשה: אוודאי קען זי די טראָלי! וויפל מאָל זי איז שוין דאָ געפאָרן מיט דער טראָלי?! מיט די קינדער איז זי געפאָרן, ווען זיי זיינען נאָך פיצלעך געווען: מיט מאַרטינען, מיט בעווערלין, מיט סילוויען. זי האָט זיי געפירט צו דער פּלאַזשע ביים ים פון עוועניו „יו", און ווי קען מען פאָרן פון עוועניו „יו" צום ים, אויב ניט מיט דער טראָלי?

אָט איז די טראָלי! די זעלביקע טראָלי!

— אַ שיינעם דאַנק אייך, מיסעס! גוד־באַי, שעלי! אַז ס'עט אייך אַמאָל אויסקומען צו זיין אויף עוועניו „יו", פאַרגעסט ניט זיך אריינצוכאַפּן צו אונדז אויף אַן אייזקרים!

די אומבאַקאַנטע האָט איר געהאָלפן אויפהויבן דאָס וועגעלע אַריבער די טרעפּלעך פון עלעקטרישן אויטאָבוס:

— איר וועט וויסן וואו אומצושטייגן?

— יאָ, יאָ, ביים עוועניו "יו" סטאָפּ. נאָך אַמאָל אַ דאַנק. כ'על וויסן!

פון זיכערקייט וועגן האָט די פרוי געבעטן דעם קאָנדוקטאָר, ער זאָל דערמאָנען דער אַלטער ליידי, וואו זי דאַרף אַרויסגיין. פון הינטן זיינען אָנגעקומען אַנדערע פּאַסאַזשירן: אָפּגעברוינטע ווייבער מיט נאַסע באָד־אָנציגער אין די הענט, יונגוואַרג, משפחות גאַנצע מיט האַק און פּאַק, וואָס זיינען געפאָרן פון אַ פּיקניק ביים ברעג ים.

די טראָלי האָט זיך גערירט.

קאַפּיטל דרייצן

די נסיעה קיין וויליאַמסבורג

— אַט איז זי! די נשמה איז דאַך מיר שיעור ניט אַרויסגעפאַלן — האָט אויסגערופן סילוויע, ווען מרס. סאַנדראַ איז דערשינען מיטן אַנגעלאָדענעם וועגעלע אויפן שוועל פון דער סטאָרקע.

— וואָס? וואָס איז געשען, וואָס? — האָט מרס. סאַנדראַ זיך געמאַכט תם׳עוואַטע.

— ס׳הייסט וואָס? אַ מענטש ווערט פאַרפאַלן אפשר זעקס שעה און גאָרניט, ווי אין וואַסער אַריין!

— שאַ, מה־רעש? — האָט מרס. סאַנדראַ צונישט געמאַכט די גאַנצע סומאַטאָכע — מען גייט איינקויפן, ס׳איז ערב־שבת, פאַרזאַמט מען זיך אַ ווײַלע לענגער.

— נו, גוט, אַבי דו ביסט שוין דאָ צוריק. מיר האָבן שוין געמיינט...

— וואָס האָט איר געמיינט?

סילוויע האָט ניט געזאָגט, וואָס זיי האָבן געמיינט. אויך דזשעק האָט גאָרניט ניט געזאָגט. ער איז געשטאַנען הינטער דער פאַרבאַנק, האָט אַרײַנגעקוקט אין אַ בלאַט און געשוויגן. מרס. סאַנדראַ האָט זיך אַ ווײַלע צוגעזעצט בײַם טיש אין הינטערגרונט. זי איז געפאַלן פון די פיס און האָט געפילט אַ שווערקייט אין אַלע גלידער.

— מען דאַרף אויספּאַקן די זאַכן — האָט זי אַ מורמל געטאָן

— אַט שוין, גלייך — האָט געזאָגט סילוויע.

מאַמע און טאָכטער האָבן אַרויסגעקייקלט דאָס אָנגעלאָדענע ווע־

געלע איבער די הינטערשטע טרעפּ אין קיך אַריין. זיי האָבן אַרויסגע־שלעפּט איין טאַרבקע נאָך דער אַנדערער און אָוועקגעשטעלט יעדן קענדל אויף זיין באַשטימטן אָרט אין שראַנק. מרס. סאַנדראַ האָט זיך גענומען כשר'ן דאָס פלייש און סילוויע האָט דערווייל אַריינגעלייגט די טאָמאַטן און די אָראַנזשן און די שטיק וואַסער־מעלאָן און שאַר־ירקות אין רעפּרי־דזשערעיטאָר.

— וואו ביסטו פאַרט געווען? — האָט זי געפרעגט — דזשעק איז געגאַנגען דיך זוכן אַזש ביי די „דזשאָזעף בראָדהערס”. ביסט דאָרט ניט געווען.

— כ'ווייס...

— כ'האָב דיר געזאָגט, זאָלסט זיך אַריינכאַפּן אין „עי ענד פּי” און פּטור.

— „עי ענד פּי”? משוגע מיינע שונאים! וואָס מען זעט שוין, מישטיינס געזאָגט, אין „עי ענד פּי”!

— און וואָס זעט מען ערגיץ אַנדערש?

— מאַלע וואָס מען זעט — האָט מרס. סאַנדראַ אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי איינער זאָגט: גיי דערצייל זיי אַ מעשה!

אונטן האָט דזשעק געשפּרייזט הינטער דער פּאַרבאַנק, צווישן פּענס־טער, דער טאַבאַק־פּאָליצע און דער רעגיסטער־קאַסע. קונדן זיינען אַריינ־געקומען נעמען די נאָכמיטאָג צייטונגען. ניין, ער וועט ניט פאָרן זונטיק קיין וויליאַמסבורג! ער וועט גיין אויף זיין ראַנדעוואו מיט מאַריון. זאָלן זיי פאָרן קיין וויליאַמסבורג, אויב זיי ווילן.

ס'איז געווען אַ וואַרימער טאָג און אויך פאַרנאַכט איז ניט קילער געוואָרן. ביים נעדאַנק וועגן דער רייזע קיין וויליאַמסבורג האָט אים אַ קאַלטער שווייס אַרויסגעשלאָגן אויפן שטערן. מען שליסט די סטאַרקע באַצייטנס און מ'לאָזט זיך אין וועג אַריין מיט קינד און קייט, און סענד־וויטשעס, און פלעשער סאָדאַ. עס לוינט זיך ניט נעמען דעם אויטאָבוס, ווארים ס'איז געזונט זיך אַ ביסל דורכצושפּאַצירן אין אַ שיינעם וועטער, און מען גייט ביז צום סאָבוויי צופוס. אויפן וועג בלייבט מייקל שטיין, קוקט אַריין אין ווייסטאָוועס, פאַרקריכט אין זייטיקע גאַסן און, ווען מען שטייגט אַרויף איבער די טרעפּ פון דער סטאַנציע, איז ער שוין טויט־מיד. ס'איז זונטיק און די וואַגאָנען זיינען ניט איבעריקס ריין — זיינט

באַגינען־פֿאַרטאָג האָבן זיי געפֿירט פּאַסאַזשירן פֿון אַלע עקן שטאָט צום ים: מענער, ווייבער, קינדער, משפּחות גאַנצע מיט האַק און פּאַק, טאַר־בעס עסנוואַרג, לייוונטענע שטולן, האַנט־ראַדיאָס, פּרעצלער, פּרוכט און פּאַרטיקע מאַלצייטן. אין דער ריכטונג פֿון דער שטאָט איז דער צוג כמעט ווי ליידיק, נאָר די איבערגעלאָזענע צייטונגען פֿלאַטערן אַרום איבערן דיל און די לופֿט שמעקט מיט שוויים און באַנאַנע־שאָלעכץ. מענטשן וואָס קערן זיך אום באַצייטנס פֿון דער פּלאַזשע, טרייסלען אַראָפּ פֿון זיך דעם זאַמד אויף די בענק.

תּחילת פֿאָרט די באַן אין דער לופֿטן און אַלע קוקן אַרויס דורכן פֿענסטער. מען זעט די איין־פֿאַמיליע הייזקעס, אַרומגערינגלט מיט גערטנ־דלעך, פֿון פֿלעטבוש־קוואַרטאַל. די גאַסן זײַנען באַזוימט מיט ביימער. נאָך דער ניו־קוירק סטאַנציע נידערט דער צוג אַראָפּ אונטער דער ערד און יאָגט זיך דורך פֿינצטערע טונעלן. מייקל ווערט אומרואיק, הייבט זיך אויף פֿון דער באַנק, לויפֿט אַרום איבער דעם צעשאָקלטן וואַגאָן און פֿאַלט שיִער ניט אום. מרס. סאַנדראָ זאָגט: „אַ קינד איז עס? אַ שד איז עס, ניט קיין קינד!"

נאָך דער מוירטל־עוועניו סטאַנציע טוּכט דער צוג אויף פֿון די טיפֿענישן און לאָזט זיך איבער דער בריק, וואָס פֿירט איבער דעם איסט־ריווער קיין מאַנהעטן. מייקל קוקט אַרויף פֿאַרגאַפֿט צו די וואָלקנקראַצער פֿון דאַון־טאַון, וואָס הייבן זיך לענגאויס דעם ברעג. די רייזע איבער דעם טײַך געדויערט אַ היפּש ווײַלע. דער צוג הוידעט זיך און פֿאַרוויגט דאָס קינד. זײַנע אויגן קלעפּן זיך און ווען מען לאָזט זיך ווידער אַראָפּ אין פֿינסטערן טונעל שלאָפֿט ער איין — פּונקט פֿאַרן אָנקומען אין דער קאַנאַל־סטריט סטאַנציע, וואו מען דאַרף אומשטייגן אויף דעם ברוקלין־בראָדוועי־לאָקאַל צוג.

די אונטערערדישע קאַנאַל־סטריט סטאַנציע איז אַ קאַשמאַר אין אַלע צייטן, בפֿרט אין אַ דושנעם נאָכמיטאָג, ווען מען דאַרף האַלב שלעפּן און האַלב טראָגן אויף די הענט אַ וויינענדיק פֿאַרשלאָפֿן קינד. די לאַנגע טונקעלע טונעלן, וואָס ווערן קיינמאָל ניט דורכגעלופֿטערט ווי געהעריק, זײַנען אָנגעזאַפּט מיט צעפּאַרעטער לופֿט און פֿאַרדומפּענע ריחות. די ווענט זײַנען אַשיק־גרוי, אָפּגעבלאַקעוועט, באַדעקט מיט פֿלעקן און דורכ־געשטרייפֿט מיט ריטשקעלעך וואַסער; די טרעפּ — שמוציק; דאָס ליכט

פון די לעמפלעך — מוטנע און חושך׳דיק. דער וועג פון דער בראַיטאָן־ליניע צום ברוקלין־בראָדוועי־לאָקאַל פירט דורך אַ פּאַרפּלאָנטערטן לאַבירינט פון שטיקנדיקע קאָרידאָרן, וואָס שטייגן אַרויף און אַראָפּ, און ווידער אַרויף, און ענדיקן זיך קיינמאָל ניט. דער שוויים רינט איבערן פּנים, אונטערן קאָלנער, איבערן גאַנצן לייב. רויטע און שוואַרצע שילדן מיט אויפשריפטן און פיילן ווייזן־אָן דעם וועג, אָבער אַז מען גייט־אָפּ אַ גוטע פערטל שעה קומט מען צוריק צו דער בראַיטאָן־ליין, אויף דער פּלאַטפאָרמע וואָס פירט גאָר צוריק אַהיים.

— כ׳האָב געזאָגט, אַז מען דאַרף גיין רעכטס — טענה׳ט סילוויע.

— נו, איז מען דאָך געגאַנגען רעכטס.

— אַ דאַנק: „איך האָב געזאָגט! דו האָסט געזאָגט!" — זאָגט מרס. סאַנדראַ — ווי האָט יענער געזאָגט: אַ בלינדער פערד טרעפט גלייך אין גרוב אַריין. דער עיקר: ווי גייט מען איצט?

מען הויבט אָן דעם גאַנצן וועג פון אָנהויב־אָן. מייקל זעצט זיך צו אַ ווייל אויף די טרעפ און כליאַבעט פון אַ סאָדאַ פלעשל. מען פרעגט זיך נאָך ביי אייניקע פאַרבייגייער.

— די בראָדוועי־לאָקאַל ליניע? קיין וויליאַמסבורג? מיטן קאָרידאָר רעכטס און די צווייטע טרעפ לינקס.

מיט די לעצטע כוחות שטייגט מען אַרויף איבער די צווייטע טרעפ לינקס. פון דאַנען פירט אַ דירעקטער קאָרידאָר צום בראָדוועי־ברוקלין. געלויבט השם־יתברך — אָט איז דער צוג! מען שטייגט־איין און מען אָטעמט אָפּ. איצט איז עס שוין ניט מער ווי אַ האָזן־שפּרונג ביז וויליאַמסבורג. ווען מען פאָרט פאַרביי די באָוערי־סטאַנציע, טשוכעט זיך מייקל אויס פון שלאָף. באַלד פאָרט מען ווידער אין דער לופטן — איבער דער וויליאַמסבורגער בריק, צוריק קיין ברוקלין, אָבער אין אַ גאַנץ אַנדערער געגנט. אין וואָגאָן דערשיינען אידן מיט בערד, אין אַטלאַסענע זשופּיצעס, מיט האָריקע שטריימלעך אויף די קעפּ, און אידענעס מיט פּאַרוקן און טיכלעך איבער די שטערנס.

מען שטייגט־אויס ביי מאַרסי־עוועניו. די סטאַנציע זעט אויס ווי אַ ריזיקער הענגנדיקער שטייג פון האָלץ און שטאָל. זי צעהוידעט זיך און וואָרפט זיך אַהין און אַהער, ווען דער צוג לאָזט זיך אַוועק מיט גערויש אויף זיין ווייטערדיקן וועג, אין די טיפענישן פון ברוקלין. די טרעפּ, אַר־

בער װעלכע מען לאָזט זיך אַראָפּ אין גאַס, שאָקלען זיך מיט. זײ פֿירן־אַראָפּ אין א ברײטער, הײסער עװעניו. מען פּאַרקירעװעט זיך אין א זײטיקער גאַס. די הױכע מױערן פֿון געלן ציגל זײנען אָנגעהיצט פֿון דער זון און זעען אױס װי נאַקעטע אָנגעגליטע פֿעלזן אין א בערגיקן מדבר. נאָר זעלטן װאו זעט מען א בױם אָדער א קוסט. װײבער און קינדער זיצן פֿאַר די הײזער, אױף שטולן, בענקלעך, אױף די טרעפּ פֿון פֿריזבעס. דזשעק פֿילט א שטיקעניש אין האַלדז, אָבער סאַנדראַ לעבט דאָ ממש אױף און דערפֿילט זיך װי א פֿיש אין װאַסער:

— אײ־אײ, װיליאַמסבורג! אין װיליאַמסבורג זײנען נאָך פֿאַראַן פֿרומע אידן, װאָס היטן אָפּ אידישקײט, װי גאָט האָט געבאָטן, און אמת׳ע רבנים, מיט בערד און פּיאות, װאָס זיצן יומם ולילה און לערנען תורה, ניט אַמעריקאַנער ראַבאַי׳ס דאָרטן, װאָס זעען אױס — זאָל מיר גאָט ניט שטראָפֿן פֿאַר די רײד — װי גלחים צי רעװערענדס. קלײנע אײנגלעך גײען אין חדר און שפּאַצירן אַרום איבער די גאַסן מיט גמרא׳ס אונטער די אָרימס, יאַרמעלקעס אױף די קעפּ און געקרײזלטע פּיאות׳לעך בײ די אױערן. פֿאַראַן דאָ אַלערלײ רבי׳אישע הױפֿן און גזעים: דער רידזינער און דער אַמשינאָװער, דער בעלזער; גערער חסידים, אַלעקסאַנדרער און סתם חסידים, אָן א רבי׳ן. און װי װײט איז פֿון דאַנען ביז צו דער לובאַװיטשער ישיבה? מען פּראַװעט טיש און מען זאָגט תורה און מען כאַפּט שיריים, און מען קומט זיך צונױף אױף מלווה־מלכה׳ס און מען נעמט א כוסה און מען כאַפּט א חסידיש טענצל. און שמחת־תורה טאַנצט מען מיט ספרי־תורה׳ס אין די גאַסן, און װײבער טראָגן פּאַרוקן און גײען אין מקווה און בענטשן ליכט, און שבת איז און יום־טוב איז יום־טוב.

פֿאַר דזשעק׳ן איז א נסיעה קײן װיליאַמסבורג װי א בליק אין א טונקעלער פּרעהיסטאָריע. ס׳איז א װעלט װאָס איז אים פֿרעמד און אײגן צוגלײך; זי װעקט־אױף אין אים פּאַרטושטע קינדהײט אײנדרוקן, עפּעס װי זכרונות פֿון אן אַנדערן גלגול זײנעם. אָבער צװישן אים און איר ליגן די טונקעלע טונעלן פֿון דער אונטערערדישער קאַנאַל־סטריט און די מוטנע װאַסערן פֿון איסט־ריװוער. אין זײן פֿאַרשטעלונג איז זי װי א שארית־הפליטה פֿון א פֿאַרצײטיקער עפּאָכע, פֿון די געטאָ׳ס אין מזרח־אײראָפּע,

פון בבל אדער הישפאניע, וואס האט זיך קאנסערווירט ווי אין א רעז־ זערוואט ביי די ברעגעס פון א טייך צווישן ברוקלין און ניו־יארק סיטי.

דער פעטער, ר׳ כתריאל, איז א גראסערי־מאן. ער איז א שומר־שבת און ער פירט א מלחמת־מצווה מיט דעם אנקל סעם פאר זיין רעכט צו האלטן אפן זיין שפייז־געוועלב אום זונטיק. ער שטיצט זיך אויף דער תורה פון סיני און אויף דער קאנסטיטוציע פון וואשינגטאן, ווארים ער האלט געשלאסן זיין ביזנעס פרייטיק־צונאכט און שבת. די פאליסלייט און די ריכטער פון דער געגנט קענען אים. ווען די געסט קומען, איז ער שוין אין דערהיים, ווארים זונטיק פארנאכט שליסט ער סיי־ווי. די מומע דבורה טראגט א געקארבטן פארוק. זי דערלאנגט טיי מיט קיכעלעך צום טיש. מרס. סאנדרא העלפט איר ארויס אין קיך און פאר איינוועגס שמועסן זיי וועגן געזונט, פרנסה, צער גידול בנים, חתונות, ברית׳ן און משפחה־ ענינים בכלל. זיי דערמאנען מיט א זיפץ פארשטארבענע קרובים, וואס די יונגע, דא אין אמעריקע, האבן שוין אפילו זייער נאמען ניט געהערט.

דער פעטער רעדט אידיש. דזשעק פארשטייט גוט אידיש, אבער ר׳ כתריאל פארבראקט זיינע רייד מיט לשון־קודש׳דיקע פסוקים און מאמרי־ חז״ל, וואס אמאל פארטייטשט ער זיי בקיצור אין חצי־אידיש און האלב־ ענגליש, און אמאל פארשלינגט ער זיי אין בארד. ער איז א איד א למדן, וואס מוז זיך, נעבעך, פארנעמען די גאנצע וואך מיט דברי־חול — פרנסה! עס קומען אריין יונגעלייט, וואס אז זיי טוען־אויס די קאפעלושן בלייבן זיי זיצן אין יארמעלקעס — איידימס, קרובים, שכנים, סתם באקאנטע. דער פעטער רעדט מיט די יונגעלייט תורה און מיט דזשעק׳ן רעדט ער תכלית־זאכן: צי ער גייט אמאל אין שול? וואס פאר א חזן ס׳האט ביי זיי געדאווענט דעם לעצטן פסח? און ער ווארפט אויך אריין א ווארט וועגן מייקלען:

— שוין א גרויסער בחור, קיין עין הרע ניט. די צייט לויפט! באר־ טשיקעס דארפן לערנען אידישקייט — רעדט ער וועגן אים בלשון רבים —אניט וועלן זיי, חס ושלום, אויסוואקסן פאלנע גויים. ווארים וואס ווייסן דען אמעריקאנער באיעס? דאדזשערס־סמאדזשערס, פרעג זיי בחרם! מילא, קיין גאונים וועלן זיי שוין מן־הסתם ניט אויסוואקסן אין אמערי־ קע, אבער א אידיש קינד דארף קענען דאווענען, אה? בענטשן, מאכן א

ברכה... אַ פּרשה חומש מיט רש״י... נו, און מעביר־סדרה־זיין? וואָסי, בלויז בייזבאָל, מיקי־מאַוז, לויפן אין די מואוויס? אַראָפּגע'פּטר'ט די בר־מצווה און שוין — פּטור? זיי וועלן גיין אין פּאַבליק־סקול? מילא, אַל תפרוש מן הציבור זאָגסטו?... אַ ביסל חכמת־החשבון, ענגליש, קען ניט שאַדן. אם אין קמח, אין תורה, אָבער אם אין תורה, אה?... זיי ווערן נתפּעל פון אַמעריקע: מאַשינען, באַנען, מען פליט אין דער לופטן, מען פאָרט אונטער דער ערד, טעלעוויזיע, ראַדיאָ, ציוויליזאַציע! אָבער אל תסתכל בקנקן אלא במה שיש בו. און וואָס איז בכלל אָט־די גאַנצע וועלט, וואָס אַלע שמאַיען אַרום אין איר, לויפן, טומלען, האַבעווען? הבל הבלים, האָט געזאָגט קוהלת, הכל הבל. דער עולם־הזה איז ניט מער ווי אַ פּרוזדור, אַ קאָרידאָר צום עולם־הבא, צו יענער וועלט; און אַ מענטש דאַרף זיך מתקן זיין אין קאָרידאָר, כדי ער זאָל האָבן אַ פּנים ווען ער וועט אַריינגיין אין סאַלאָן.

און ניט נאָר וועגן די קינדער רעדט ער, דער פעטער ר' כתריאל, אויך וועגן די דערוואַקסענע רעדט ער: וועגן פּאָליטיק, וועגן דעם וואָס די וועלט קען ניט לעבן בשלום און רק מען פירט מלחמות און מען מאָרדעוועט איינער דעם צווייטן, וועגן דער קולטור וואָס איז קיין קולטור ניט, ווארים וואָס, מישטיינס געזאָגט, קען עס שוין זיין פאַר אַ קולטור, אַז זי איז כולו חמריות, דורכאויס גשמיות, גאָלע תענוגים פון עולם הזה: פרעסן, זויפן, זנות. יעדער איינער וויל אַריינכאַפּן וואָס מער, קריגן דעם פעטערן ביסן: „עס און טרינק וויל מאָרגן וועלן מיר שטאַרבן". וואָסי, ס'איז שוין טאַקע ומותר לאדם מן הבהמה אַין? אַ מענטש איז געגליכן צו אַ בהמה? אַ טשעק, אַריין און אַ טשעק אַרויס, אַ דאָלער אַרויף און אַ דאָלער אַראָפּ — און שוין? דאָס אַלץ? ס'איז דען אַ תכלית? דער מענטש איז דאָך סוף־סוף ניט באַשאַפן געוואָרן נאָר צו מאַכן ביזנעס און באַמבעס!

ער שיט מיט תורה־ווערטלעך, דער פעטער כתריאל, מיט פּסוקים און מדרשים און אגדות און משלים, וואָס הלוואי פאַרשטייט דזשעק אַ הונדערט־חלק פון זיי, און יעדע ווײַלע וואַרפט ער אַריין:

— נו, זאָג אַליין, דזשעק, ס'איז דען אַ תכלית?

ניין, ס'איז ניט קיין דרך און ניט קיין תכלית. ער ווייסט עס דען ניט, דזשעק? וויפל מאָל האָט ער אַליין געטראַכט וועגן די זאַכן? אָבער

קיין וויליאמסבורג וועט ער ניט פאָרן! וואָס האָט ער צו זוכן אין וויליאמס־בורג?...

און וואָס וועט ער זאָגן סילוויען?

קאַפּיטל פֿערצן

א נאָכמיטאָג אין עולם־הזה

מאַרין האָט שוין געוואַרט. זי איז געשטאַנען ביים ראַנד פֿון דער בוכטע און אַראָפּגעקוקט צו די שיפֿלעך אויפֿן וואַסער. פֿון דערווייטנס איז אים פֿאַרגעקומען ווי איר קאָפּ וואָלט געשטעקט צווישן די פֿלאַטערנ־דיקע זעגלען. מיטאַמאָל האָט זי זיך אומגעדרייט און א זוך געטאָן מיט די אויגן אַרום. זי האָט אים דערזען, האָט א פֿאָך געטאָן מיט דער האַנט און איז א צעשטראַלטע אים געלאָפֿן אנטקעגן. ער האָט פֿאַרשנעלערט די טריט. זיי האָבן זיך באַגעגנט לעבן טאַרטיני׳ס ים־שפּייז רעסטאָראַן, וואָס האָט פֿאַרנומען דעם גאַנצן ראָג פֿון דער עוועניו.

— העללאָו, דזשעק, כ׳האָב מורא געהאַט אז דו וועסט שוין ניט קומען — האָט זי געזאָגט.

זי איז געווען פֿאַררויטלט פֿון דער היץ און האָט לייכט געסאָפּעט. איר בוזים האָט זיך געכוואַליעט אונטער דער טיף־דעקאָלטירטער בלוזע און פֿון אירע אויגן האָט אַרויסגעשיינט פֿרייד.

— כ׳האָב זיך פֿאַרשפּעטיקט?

— ניין, אָבער איך בין געקומען צו פֿרי — האָט זי גלאַט אין דער וועלט אַריין זיך צעלאַכט — זיי זיינען אָוועקגעפֿאָרן?

— יאָ.

— ביסט פֿריי?

— יאָ.

— דעם גאַנצן נאָכמיטאָג?

— ביז שפּעט ביינאַכט אפֿילו.

— וואונדערפול! — האט זי געזאגט און אים אנגענומען ביי דער האנט — מיר'ן האבן א גוד טאים, יא, דזשעק?

— יא — האבן זיינע אויגן א שמייכל געטאן צו איר. איר לוסטי־קייט האט אים אנגעצונדן און א העלע פרייד האט א פלאקער געטאן אין אים.

— מיר'ן גיין?

— יא, לאמיר גיין!

מאריון האט זיך נאך א ווײלע פארקוקט אין דער גרויסער וויטרינע פון רעסטאראן. די פענסטער־ברעט הינטער די שויבן איז געווען אויס־געבעט מיט צווייגן און וואסער־פלאנצן. פון צווישן זייערע בלעטער האבן ארויסגעבלישטשעט שטיקער אייז און טראפנס וואסער. פון אויבן, איבער דעם געלעגער פון גרינס, זיינען געווען אנגעהויפט כל המינים וואסער־ברואים: לאנגע ראקעס אין אלערליי גרויסן, שווארץ־שילדיקע קיילעכדיקע קראבן, שנעקעס, מושלען, קרעוועטקעס. א סך פון זיי האבן נאך געלעבט, אקארשט פון וואסער. די ראקעס האבן באוועגט זייערע לאנגע פילערס, און באטאפט דעם ארום; קראבן האבן זיך געדראפעט איבער די צווייגלעך און געקלעטערט אויף אנאנדער.

— קומסט אמאל אהערצו? — האט געפרעגט מאריון.

— וואו? דא? זעלטן. שוין לאנג ניט געווען, עטלעכע יאר מסתמא.

ער איז געשטאנען לעבן איר און האט ארויסגעקוקט צו דעם גארטל־שאסיי, וואס איז דא געלאפן איבער א בריק, הויך איבער דער עווענין. אויטאס האבן זיך דארט געיאגט אהין און צוריק: פון מאנהעטן, לענגאויס דעם ים ברעג, קיין לאנג־איילענד, און פון די ארומיקע פארשטעט, דורך מאנהעטן, אונטער די וואסערן פון האדסאן, דורך טונעלן און איבער שאסייען, צו די פלאזשעס פון ניו־דזשוירזי, די קעטסקיל בערג, די ווייסע בערג, די ברעגעס פון אטלאנטיק, אזש קיין קאנאדע. וואס איז די איילעניש?... ס'איז זונטיק, א פרייער טאג, און זיי פרובירן אנטלויפן. אלע אנטלויפן! רעכטס, איבער דעם האלב־קרייז פון שטאלענע רעלסן אין דער לופטן, האבן זיך געקייקלט מיט טראסק און גערויש איין צוג נאכן אנדערן. זיי זיינען געקומען פון דער אנגעהיצטער שטאט און האבן ארויס־געשפיגן צענדליקער טויזנטער מענטשן אויף די סטאנציעס לענגאויס דער פלאזשע: ברייטאן־ביטש, אושען־פארקוועי, קאני־איילענד. אויפן ראג,

לעבן דעם רעסטאראן, זיינען אויטאָס זיך צונויפגעלאָפן פון דריי זייטן, האָבן זיך פאַרקירעוועט, אריינגעפאַלן אין א געדראנג, געטרובעט מיט די הארנס.

— ס׳איז דער בארימטסטער ים־שפייז רעסטאראן אין ניו־יאָרק סטעיט — האָט געזאָגט מאַרין — די בעסטע לאָבסטערס, פריש פון וואסער! און אויסטערס!... פון דער גאנצער שטאָט קומט מען אהערצו, אויך פון ווייטע מקומות אויסער דער שטאָט.

„דערפאַר איילן זיי זיך אַלע אַזוי!״ איז דזשעק׳ן דורכגעפלויגן דורכן קאָפּ.

— לאָמיר דאָ היינט עסן, גוט? — האָט זי פאַרגעשלאָגן — ניט איצט, ווען מיר וועלן צוריקגיין פון ים.

— גוט, אויב דו ווילסט.

— און איצט, לאָמיר גיין.

די גאַס לענגאויס דער בוכטע האָט געווימלט פון מענטשן. ביי אָפּעַנע געשטעלן און וויטרינעס האָט אַן עולם געגעסן פראַנקפורטער־וואורשט־לעך און פאַרטרונקען מיט סאָדאַס. שפּאַציר־שיפן זיינען אָפּגעפאָרן איבער דער בוכטע צו די ראקאַוועי־לאַנדספּאָסן און זייערע אָפענע דעקן זיינען געווען שוואַרץ פון מענטשן. מאַרין און דזשעק האָבן זיך געלאָזט איבער א שמאָלער הילצערנער בריק קיין מאַנהעטן־ביטש. אויפן שמאָלן לאַנד־פּאַס, צווישן דער בוכטע און אָקעאַן, האָבן די קליינע הייזקעס זיך גע־טונקט אין גרינס און שלווה׳דיק געדרימלט אונטער דער הייסער זון. נעענ־טער צו דער ברייטאַן־פּלאַזשע זיינען די גאַסן געוואָרן לעבעדיק און רוי־שיק. אַ רעקלאַמע־אויטאָ איז פאַרבייגעפאָרן און צווישן די אַנאָנסן וועגן ראַזשינקע־ברויט, מוזיק־פּלאַסטינקעס און פּעפּסי־קאָלאַ האָט דער הויך־שפּרעכער אַרויסגעשריען די נייעס פון טאָג:

„ניו־יאָרק פּרעגלט זיך אין אַ רעקאָרד־היץ פון 96 גראַד. העכער אַ מיליאָן מענטשן אויף די פּלאַזשעס פון קאָני־איילענד, ברייטאָן... שווערע קאַמפן אויפן וועג קיין ירושלים. די שטאָט איז באַלאַגערט זינט מערערע חדשים. איזראַעלי סאָלדאַטן קעמפן אין די בערג, כדי צו באַפרייען די אורא‍לטע הייליקע שטאָט...״

— מיין טאטע זאגט, אז איזראעל וועט זיגן אין דער מלחמה — האט א זאג געטאן מאריין.

דזשעק האט געשפרייזט א פארטראכטער:

— כ'האף אזוי — האט ער א מורמל געטאן.

— און וואס איז מיט דיין פלאן? האסט אים אויפגעגעבן?

— ניין... כ'וויים אליין ניט... — האט ער אנגעהויבן שטאמלען.

— איך כאפ לעצטנס יעדן טאג א קוק אין די נייעסן וועגן דעם קריג דארטן — האט זי געזאגט — ווייסט, ס'איז טאקע זייער היים!

— יא — האט ער אויפגעהויבן די אויגן צו איר. איר פנים איז געווען רויט, ווי אנגעגליט. טראפנס שוויים האבן זיך אראפגעקייקלט פון איר האלדז אין דעם אנטבלויזטן טאל צווישן אירע בריסט. דזשעק האט דערפילט א טריקעניש אין האלדז. באלד האט מען פון דערווייטנס געזען די פלאזשע און דעם ים. דער זאמד און דאס וואסער זיינען געווען שווארץ פון מענטשן און געפינטלט מיט קאלירפולע פאראסאלן.

— האסט מיטגענומען א באד־אנצוג? — האט זי געפרעגט.

— ניין.

— ווילסט זיך ניט באדן?

— כ'האב פארגעסן. אין דער לעצטער מינוט איז געווארן אזא בהלה. און דו?

— אוודאי וועל איך זיך באדן, לכל־הפחות זיך אפ'טובל'ען. כ'האב אנגעטאן דעם באדקאסטיום אונטער די קליידער. דארט, צווישן די פעלזן קען מען זיך איבערטאן.

זיי האבן זיך פארנומען לינקס, וואו דער ברעג האט זיך געהויבן הויך און שטיינערדיק, און זיך דערווייטערט פון המון אויפן זאמד. מארין האט אים געלאזט שטיין אויבן:

— כ'וועל זיך לאנג ניט זאמען — האט זי אראפגענידערט צווישן די פעלזן —ווארט צו א ווײַלע, גוט?

— יא.

זי איז ביסלעכוויין נעלם געווארן פון זיין בליק — צוערשט די פיס, דערנאך די לענדן, די צעפלאטערטע האר. די זון האט אים געשלאגן אויפן קאפ. די גרויע צעהיגלטע וואסערן האבן זיך פארלארן אין דער ווייט ווי הינטער א שלייער פון נעפל. צופוסנס האבן מילדע כוואליעס

זיך אַנגעשלאָגן אַן ברעג מיט אַ שטילן געברום און געלעקט די גלאַטע שיפּועים פון די פעלזן. אין דער לופטן האָט אַ צאַפּל געטאָן מאַריון'ס אַ נאַקעטער אָרים. און אַן אויגנבליק איז אים פאַרגעקומען ווי אויך ער וואָלט זיך אויסגעטאָן — פון די פּעני־ביזנעס, די מילשטיינער, פון דער גרויער טאָג־טעגלעכקייט.

— שוין, איך קום! — האָט זי אויסגערופן.

ער האָט איר אַ שפּרייז געטאָן אַנטקעגן צווישן די ריטשקעלעך וואַסער און פּלושענעם מאָד. זי איז ווי אויפגעשטיגן פון דעם שוים פון די כוואַליעס און צום ערשטן מאָל האָט ער זי געזען אין איר האַלב־נאַקעטקייט: די פולע לידקעס אַנטבלויזט ביז צו דער שויס, די היפטן פאַררונדיקט, איינגעפּרעסט אונטער דינע טריקאָ־הויזלעך, די אַקסלען העל און הויל; פון אונטער אַ קאַלירטן טוך האָבן אַרויסגעוואונקען אירע בריסט און איר גאַנצער גוף איז געווען פאַרשפּריצט מיט וואַסער, ווי מיט אַ פרישן טוי. אַן קליידער האָט זי אויסגעזען ברחבות'דיקער, סטאַטועסק, די רונדקייטן פולער און די אָרימס לאַנג, ווי איבערגעוואַקסן. אירע באָרוויסע פיס האָבן זיך אַ גליטש געטאָן איבער אַ נאַסן פעלז און אַ געשריי האָט זיך אַרויסגעריסן פון איר מויל:

— אַ, דזשעק!

באַלד איז ער געשטאַנען לעבן איר. ער האָט פאַרוואָרפן אַן אָרים אַרום איר טאַליע און זי צוגעדריקט צו זיך:

— ביסט אַזוי שיין מאַרין!

זי האָט זיך אַ טוליע געטאָן צו אים און ער האָט דערפילט אירע גליד־דער אַנטקעגן זיין קערפּער. אירע צעעפנטע ליפּן האָבן אַ שווינדל געטאָן פאַר זיינע אויגן:

— ניט דאָ, דזשעק — האָט זי אַ לאַך געטאָן — קום לאָמיר גיין!

— וואַרט! וואַרט אַ ווײַלע!

— ניין, ניט איצט, ניט דאָ!

— מיר זיינען דאָ אַליין.

— עמיצער קען אָנקומען. אַן אַנדערש מאָל, גוט? — האָט זי אַ זאָג געטאָן און זיך אַרויסגעגליטשט פון צווישן זיינע הענט.

פלינק ווי אַ קאַץ האָט זי זיך אויף אַלע פיר אַרויפגעדראַפּעט אויבן. זי האָט זיך אויסגעגלייכט און זיך אַ לאָז געטאָן פאָראויס מיט גרויסע

שפּרייזן, שפּרינגענדיק פון פעלז צו פעלז, איבער שפּאַלטן און אַראָפּ־האַנגעז. דזשעק האָט איר נאָכגעטראַגן אירע קליידער. איר קערפּער האָט זיך געוויגט איבער דער שמאָלער שטיינערנער וואַנט, וואָס האָט זיך גע־צויגן לענגאויס דעם וואַסער. ער האָט ניט אַראָפּגעלאָזט פון איר די אויגן. איצט איז אים פאַרגעקומען, אַז ער איז גרייט צו גיין מיט איר, וואוהין זי וועט נאָר וועלן. זי האָט געקענט דעם וועג צום פאַרלאָרענעם גן־עדן און זי וועט אים פירן אהינצו; ער איז פאַרטריבן געוואָרן נאָך איידער ער האָט פאַרזוכט פון דער פאַרבאָטענער פרוכט. ווען די פעלזן האָבן זיך אַראָפּגע־לאָזט צו די זאַמדן פון דער פּלאַזשע, האָט ער זי אָנגעיאָגט:

— וועסט פאָרן מיט מיר, מאַרין? — האָט ער גערעדט ווי פון היץ.

— האָסט דאָך אָקאַרשט געזאָגט, אַז דו ווייסט נאָך אַליין ניט! — האָט זי ניט אויפגעהויבן די אויגן פון זאַמד.

זיי זיינען אַריין צווישן עולם, וואָס האָט צוגעדעקט דעם זאַמד פון דעם ברייטן ברעטער־וועג ביז צום וואַסער — מענער, ווייבער, אַלט און יונג, קינדער, משפּחות גאַנצע. דזשעק האָט זיך אויסגעניכטערט: וואָס האָט ער אייגנטלעך געוואָלט? נאָר מאַרין׳ען? די פרוי?... און פריער? וואָס האָט ער פריער געוואָלט, איידער ער האָט זי באַגעגנט? ער האָט זיך איצט בשום אופן ניט געקענט דערמאָנען: זי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו אים:

— מיינסט עס אויף צו דער׳אמת׳ן? —— האָט זי אים אַריינגע־קוקט אין די אויגן.

— יאָ...

— ווען?

— כ׳ווייס ניט — האָט ער פאַרביסן די ליפּן — פאַר אַזאַ נסיעה מוז מען זיך דאָך צוגרייטן. מען דאַרף האָבן אַ סך געלט.

— נאַרישקייטן! — האָט זי אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — מיר זיינען ביידע יונג און מיר וועלן זיך אַן עצה געבן. מיר קענען אַרבעטן אויפן וועג. מען דאַרף בלויז האָבן די פּאַר טאָלער פאַר דעם ערשטן רייזע־בילעט און פאַר דער ערשטער נאַכט אין אַ האָטעל. מען וואַנדערט פון אָרט צו אָרט, מען אַרבעט עטלעכע טעג און מען לאָזט זיך ווייטער. די גאַנצע וועלט קען מען אַזוי אויספאָרן.

דזשעק האָט זי אָנגעקוקט מיט באַוואונדערונג:

— דו מיינסט, אַז ס'איז טאַקע מעגלעך?

— זיכער! איך ווייס עס. איינער אַ באַקאַנטער מיינער האָט אַזוי אַרומגעוואַנדערט ביז קאַליפאָרניע, איבער דער גאַנצער סאָוטה, און צוריק איז ער געקומען איבער קאַנאַדע. אפילו קיין אייראָפּע קען מען זיך אַזוי דערשלאָגן.

זיי האָבן געשפּרייזט פּאַרזיכטיק אויף די שמאָלע זאַמד שטעגלעך צווישן דער מאַסע פון האַלב נאַקעטע לייבער. די זון איז געשטאַנען הויך אין הימל און געשאָטן מיט פייער. די מענטשן זיינען געלעגן ביחידות און אין קאָמפּאַניעס, אויסגעצויגן אויפן הייסן זאַמד און אויף אויסגעשפּרייטע טיכער, אין דער פריי און אונטער קאָלירפולע פּאַראַסאָלן; זיי האָבן זיך געקייקלט פון זייט צו זייט, זיך געברוינט, זיך געזאַלבט די הויט מיט אויל, אויסגעפּאַקט סענדוויטשעס פון פּאַפּירענע טאָרבקעס, געפּראַוועט פּיקניקס, געשפּילט אין קאָרטן, זיך צוגעהערט צו מוזיק פון טראַגבאַרע ראַדיאָס; יונגע בחורים און מיידלעך האָבן זיך געהאַלטן ביי די הענט. די שטים פון אַ ספּיקער איבערן ראַדיאָ האָט איבערגעגעבן די לעצטע נייעס:

„...די היץ האָט דערגרייכט אַ רעקאָרד פון 97 גראַד אין שאָטן. אַ מיליאָן מיט צוויי הונדערט טויזנט מענטשן אויף די פּלאַזשעס פון קאָני־איילענד, ברייטאָן... שווערע קאַמפן אין טאַל וואו יהושע בן־נון האָט מיט דריי טויזנט יאָר צוריק פאַרהאַלטן די זון. איזראַעלי סאָלדאַטן ברעכן דורך אַ וועג צו דער באַלאַגערטער ירושלים..."

מאַרין האָט אויסגעזוכט אַ פרייען פלעק אויפן זאַמד און אָנגעוויזן דזשעק'ן:

— זעץ זיך צו אַ ווײַלע, כ'וועל אַריין זיך אָפּ'טובל'ען.

צוערשט האָט ער זי נאָך געזען צווישן געדיכטן עולם ביים ברעג, ווי זי נעצט איין אירע פיס אין וואַסער, גייט אַריין פּאַוואָליע טיפער, ציט זיך אויס איבער אַז אַנקומענדיקער כוואַליע און פאַרוואַרפט די אָרעמס. באַלד איז זי פאַרשוואונדן צווישן די טויזנטער גרויע פינטעלעך, וואָס האָבן זיך געטראָגן אַרויף־אַראָפּ איבער דעם צעהיגלטן ים.

זי איז צוריק געקומען אַ מונטערע און אָפּגעפרישטע. דאָס וואַסער האָט אַראָפּגעפלאָסן פון אירע האָר איבערן האַלדז, איבער איר נאַקן, איי־

בער דעם בויך און די נאַקעטע לידקעס. א ווײַלע האָט זי זיך געטריקנט אין דער זון, דערנאָך האָט זי אויסגעשטרעקט צו אים א האַנט:

— קום! — האָט זי אים געהאָלפן אויפשטיין.

זיי זײַנען אַרויס צום ברייטן ברעטער־וועג און זיך געלאָזט גיין לענג־אויס א לאַנגער אַלייע פון שפּייז־בודקעס, שפּיל־געשעטלען און אַמוזיר־פּלעצער. אונטן האָבן קינדער געריטן אויף פֿאָנים און זיך געלאָדקעט אויף עלעקטרישע שיפלעך אין קינסטלעכע באַסיינען. מאַרין האָט זיך ווי אונטערגעטונקט אין די עולם־הזה׳דיקע פֿאַרגעניגנס פון א זומערדיקן נאָכמיטאָג אין קאָני־איילענד. זי האָט זיי געגאַסן מיט פרייד און ברען. א צעשטראָלטע האָט זי געריטן אונטערן קלאַנג פון מוזיק אויף א רויט־גע־פאַרבטן חזיר פון א קאַרוזעלע; זי האָט געשאָסן מיט א ביקס אין פֿאַר־צלאַיענע קאַטשקעס, וואָס האָבן זיך לאַנגזאַם געדרייט אין א קרייז, און האָט געוואָרפן רייפלעך אויף א שורה באַוועגלעכע טשוטשעלאָ׳ס; זי האָט זיך דורכגעשטופּט צווישן אַן עולם, וואָס האָט באַלאַגערט א געשטעל, און צוריקגעבראַכט געבראָטענע וואורשטלעך. מיט התלהבות האָט זי גע־קירעוועט א קליינעם עלעקטרישן אויטאָ איבער א פּלאַטפאָרמע און האָט געלאַכט אויפן קול ווען זי האָט אַריינגעטראַסקעט מיט קראַפט אין אַנדערע וועגענער. דערנאָך האָבן זיי זיך ביידע געדרייט אויף א ריזיקן ראָד און זײַנען אײַנגעשטיגן אין עלעקטרישע וואַגאָנעטקעס, וואָס האָבן זיך גע־יאָגט מיט קאָפּ־שווינדלערישער געשווינדקייט איבער זיג־זאַגן, באַרג־אַרויף באַרג־אַראָפּ.

זיי זײַנען אַרויס צו א ברייטער עוועניו, וואָס האָט זיך געצויגן פּאַ־ראַלעל צום ברעג ים. דער וועג צום סאַבוועי איז געווען באַלאַגערט פון מענטשן — וואָס זײַנען אָקאָרשט געקומען און וואָס זײַנען שוין צוריק־געפאָרן אַהיים. אויף פּלאַטפאָרמעס פון גרויסע שאַלאַשן און בודקעס זײַנען געשטאַנען ספּיקערס אין פאַרביק־געפּאַסקעוועטע מלבושים פון קלאַאונס און פאַרבעטן דעם עולם אינעווייניק: אָנצוקוקן דעם גיהינום און דעם גן־עדן, אויסהערן וואָרזאָגערס, זען היפּנאָטיזירער. אויף די פּאָרהאַנגען פון די באַראַקן זײַנען געווען אויסגעמאָלט לייבן און לעמ־פּערטן, פּימפּערנאַטערס און סתם משונה׳דיקע חיות רעות. א שלאַנג האָט געקלעטערט איבער דעם עץ־הדעת און אויסגעשטרעקט א צונג צו אַן עפּל אויף שפּיץ בוים. דאַנעבן איז געשטאַנען אַן אויסגעמאָלטע נאַקעטע חווה.

הינטער א פארהאנג איז אין א בודקע געזעסן א קארטן־לייגעריין און האט פארויסגעזאגט די צוקונפט.

זיי האבן זיך ארומגעדרייט א ווײַלע אין א לאבירינט פון זייטיקע געסלעך. די זון האט אראפגענידערט צום ים. דזשעק׳ן איז פארגעקומען ווי ער וואלט זיך געדרייט אויף א קארוזעלע: אומעטום האבן זיך געהויבן בודקעס און געשטעלן, מען האט זיך געיאגט און צוזאמענגעשטויסן אויף עלעקטרישע אויטאס, זיך געהאצקעט אויף רויט־באמאלטע פערד און חזירים, געשאסן אויף פארצעלאיענע קאטשקעס, געהירזשעט אויפן קול, געגעסן „פראנקפורטער", פארטרונקען מיט קאקא־קאלא, פעפסי־קאלא, א־ראנזשאדע, ביר, סעלצער. ער איז געווען מיד און ס׳האט אים לייכט גע־שווינדלט אין קאפ. וואס טוען זיי דא אלע?... זיי אנטלויפן!... זיי קומען פון די שעפער אין באקליידונגס־צענטער און פון פאבריקן אין לאנג־איי־לענד סיטי; זיי באדינען קונדן אין קענדי־סטארקעס און גרויסע דעפארט־מענט־קראמען. די גאנצע וואך אײַלן זיי זיך אין די פארטאגן אין אנגע־פאקטע סאבוועיס צו דער ארבעט און פארנאכט יאגן זיי זיך אין נאך ענגער געפאקטע סאבוועיס אהיים; און זונטיק אנטלויפן זיי. זיי לויפן אבער ניט ווייט — ביז קאני־איילענד בלויז, און ניט אויף לאנג — מאנטיק גאנץ פרי גייען זיי צוריק צו דער ארבעט. און ער וויל אנטלויפן ווייטער, און אויף לענגער — דאס אלץ.

— לאמיר זיך נאך אראפלאזן מיט א פאראשוט! — האט מארין אנגעוויזן אויפן אייזערנעם טורעם, וואס האט זיך געהויבן הויך צווישן די ארומיקע געביידעס.

— אויב דו ווילסט...

— כ׳האב ליב דעם ציטער ביים אראפפאלן — האט זי געזאגט

— ס׳איז אבער ניט צו שפעט פאר דיר?

— ניין.

—אפשר דארפסטו שוין גיין אהיים, דזשעק?

— ניין, ניין! כ׳האב דיר געזאגט, אז כ׳בין פריי ביז שפעט ביי־נאכט. קום!

זיי האבן געווארט א ווײַלע אויף זייער ריי. יונגע פארלעך זײַנען איינגעשטיגן אין דראטענע שטיגן און זיך אויסגעזעצט אויף בענקלעך: ארבעטער־מיידלעך, פארקויפעריננס, ביורא־אנגעשטעלטע, בוי־ארבעטער,

מאַטראַזן. מאָרגן פאַרטאָג וועלן זיי אַנפּאַקן די סאַבוועיס; איצט האָבן זיי אַריינגעכאַפּט אַ חיי־שעה אין טרוים־לאַנד. מאַרין האָט אַריינגעשטעקט אירע פינגער אונטער דזשעק'ס אָרים. אירע אויגן האָבן געגלאַנצט מיט אויפרעגונג. דער שטייג איז אויפגעשטיגן פּאַוואָליע, געצויגן דורך אומזעבאַרע דראָטן. דער ים אונטן איז אַלץ גרעסער און ברייטער געוואָרן און די כוואַליעס האָבן זיך פאַרלאָרן אין בין־השמשות'דיקן גרוי. פון דער אַנדערער זייט האָבן זיך געצונדן ליכטער אין די שיפסהעד־בעי און פלעטבוש־קוואַרטאַלן. אין דזשעק'ס פאַרשטעלונג האָבן אויפגעטויכט לאַנגע רייען איין־פאַמיליע הייזקעס מיט גערטנדלעך און פּריזבעס אין פראָנט, מיט קענדי־סטאָרס און דראַג־סטאָרס אויף די ראָגן. אויף הויכע טאַבורעטן לענגאויס די פאַרבענק זיינען געזעסן בחורים און מיידלעך, האָבן געגעסן אייזקרים און געטרונקען קאַפע. זיי וועלן חתונה האָבן און האָבן קינדער, און וועלן צאָלן ראַטעס פאַר זייערע מעבל, היפּאָטעקן און זייערע פאַרזיכערונגס־פּאָליסים. דער שטייג איז געשטיגן אַלץ העכער און העכער, צום שפּיץ פון טורעם. באַלד האָט ער געקענט אונטערשיידן איינצלנע געשטאַלטן: די בלאָנדע „פון די מאַרדן", די „בייבי פון די גט'ן", די לידי „פון די וועלט־רייזעס". דזשאָזעף „דער בוקי" איז געשטאַנען פאַרן שוועל פון זיין באַרבער־שאַפּ; ער האָט נאָך אַלץ אויסגעקוקט אויף אַ וואונדער־פערד, וואָס זאָל תמיד קומען דער ערשטער. און דער כינעזער פון דער וועשעריי איבערן ראָג — וועגן וואָס טרוימט ער? און מר. איזידאָר דיקמאַן? פון די הויכענישן פון טורעם פון בבל — ווייט־ווייט אין צייט, מיטן שפּיץ אין די הימלען — האָבן אפילו „דזשענעראַל מאָטאָרס" און „דזשענעראַל עלעקטריק" און סטאַנדאַרד־אויל (אָוו ניו־דזשוירזי) אויסגעזען ווי פּעני־ביזנעס.

אַ נאָגנדיקער אומעט האָט אים פאַרקלעמט ביים האַרצן. ער האָט געעפנט די אויגן. די זון האָט זיך געזעצט אין ים. די כוואַליעס האָבן זיך געשלאָגן אַן זאַמדיקן ברעג. אַ מענטשן־מוראַזשניק האָט זיך געראַיעט איבער דעם ברעטער־וועג. „כ'וועל אַנטלויפן!"... — האָט ער אַ מורמל געטאָן צו זיך. און פּלוצלונג האָט דער געפלאָכטענער שטייג געקראַגן אַן עלעקטרישן שאָק. ער האָט זיך אַ טרייסל געטאָן און גענומען פאַלן בליץ־שנעל צו דער ערד. מאַרין האָט אַרויסגעלאָזן אַ הויכן קוויטש און איז צוגעפאַלן צו דזשעק'ן.

— מיר וועלן אַוועק! — האָט ער אַ פּליסטער געטאָן — יאָ, מאַריון? מיר ביידע. צוזאַמען! יאָ?

— יאָ, מיין טייערער!

ער האָט זיך אַ בויג געטאָן איבער איר. אירע ליפּן האָבן זיך צעעפנט פאַר אים. דער שטייג האָט באַרירט דעם באָדן.

* * *

— כ'בין הונגעריק ווי אַ וואָלף — האָט געזאָגט מאַריון, ווען זיי זיינען אָנגעקומען צום הילצערנעם בריקל איבער דער בוכטע.

— מיר'ן אַריינגיין צו טאַרטיני'ס אויף אונטערבּרויט — האָט ער אָנ־געוויזן אויף דער באַלויכטענער געביידע קעגנאיבער.

— ס'וועט באמת ניט זיין צו שפּעט פאַר דיר?

— ניין, זיכער ניט. ניט היינט.

— טאָ לאָמיר עפּעס אויסטרינקען פאַרן עסן — האָט זי געזאָגט, ווען זיי האָבן אַריבערגעטראָטן דעם שוועל פון לאָקאַל.

— אָ. קעי.

זיי האָבן זיך פאַרקירעוועט צו דער באַר — אַ זייטיק, שמאָל צימער, וואָס האָט געדינט ווי אַ פּרוזדור פאַרן רעסטאָראַן — און זיך געזעצט אויף הויכע טאַבורעטקעס ביי דער פאַרבאַנק. פון הענגענדיקע לאַמטער־נעס האָט אַרויסגעשיינט אַ רויטלעך ליכט, וואָס האָט זיך געשפּיגלט אין די קאָלירטע פלעשער אויף די פּאָליצעס. די ווענט זיינען געווען באַמאָלט מיט בילדער פון ים: פישער־לייט אויף אַ זעגל־שיף, משונה'דיקע פיגורן פון ים־ברואים מיט צעעפנטע מיילער, בלומען, אונטערוואַסער־פּלאַנצן.

— וואָס וועלן מיר טרינקען?

— וואָס האָסטו חשק צו טרינקען?

— זאָל זיין אַ מאַרטיני, גוט?

— גוט. צוויי מאַרטיניס! — האָט ער באַשטעלט.

זי האָט זיך אויסגעדרייט צו אים און זייערע קני האָבן זיך באַ־רירט. אירע פיס זיינען געווען באַשפּרענקלט מיט זאַמד און איר גוף האָט געשמעקט מיטן געזאַלצענעם ריח פון ים־לופט. דער באַרמאַן האָט גע־בראַכט דעם משקה. זי האָט אויפגעהויבן איר גלעזל:

— פאַר אַ גליקלעכער רייזע!

— צו געזונט!

דער משקה האָט אים אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ. ער איז נאָך אַלץ געווען ווי באַטויבט פון דער הייסער זון, פון טומל און הו־האַ. ער האָט דערלאַנגט נאָך אַ זופּ. וואו זיינען זיי איצט? — האָט ער מיטאַמאָל אַ קלער געטאָן. די מומע דבורה האָט זיי זיכער פאַרהאַלטן אויף ווישטשע־רע: „אַ קליינינקייט בלויז, אַ שטיקל צובייס, ווי לאַנג וועט עס נעמען?" „מילא", זאָגט מרס. סאַנדראַ. זיי וואַרטן. אין ר' כתריאל'ס שטוב ראַנגלען זיך שבת און וואָך. דאָס געראַמע עס־צימער טונקט זיך אין בין־השמשות גרוי — ווייס געקאַלכטע, נאַקעטע ווענט, אַ לאַנגער מאַסיווער טיש מיט שווערע שטולן אַרום, אַן אַלמער מיט ספרים: הויכע בענד אין רויטלעכן אָפּגעריבענעם רויט־לעדער — גמרא'ס. אויפן הימל איבער וויליאַמסבורג באַווייזן זיך דריי שטערן. רבקה'לע האַלט אַ ברענענדיק ליכט אין אַ ציי־טערנדיקער האַנט. שאָטנס שפּרינגען אַרום איבער די ווענט. דער פעטער כתריאל מאַכט הבדלה: ה מ ב ד י ל, וואָס ער שיידט־אָפּ צווישן קודש און וואָך, צווישן ליכט און פינסטערניש, צווישן ישראל און די פעלקער... מרס. סאַנדראַ און די מומע דבורה זאָגן אָמן אויפן קול, מיט האַרץ.

— ווייסט וואָס, דזשעק? — האָט געזאָגט מאַרין — שוין פון דער קומענדיקער וואָך וועל איך אָנהויבן שפּאָרן פאַר אונדזער רייזע.

— איך אויך, מאַרין.

אָנקל כתריאל זיצט אויבנאָן מיט אַ יאַרמעלקע אויפן קאָפּ. „פאַר־וואָס איז דזשעק ניט געקומען?" — וויל ער וויסן. מייקל איז איינגעשלאָפן אויף דער אָפּגעבליאַקעוועטער סאָפקע ביים פענסטער. מרס. סאַנדראַ פּאַ־רעט זיך מיט דער מומע דבורה אין קיך. רבקה'לע, ר' כתריאל'ס מיזינקע — זי איז שוין כמעט אַ כלה־מיידל — שמועסט אין דער שטיל מיט סילוויען אין אַ שאָטנדיקן ווינקל. זי קוקט אין אַ זייט און פליסטערט אין איילעניש. זי וויל זיך דערוויסן אַ סך זאַכן: הערן, אויספרעגן, זיך אַראָפּרעדן פון האַרצן. אַ יונגערמאַן טרעט אַריבער דעם שוועל. זי לאָזט אַראָפּ די אויגן און פאַררויטלט זיך.

ביי דער באַר זיינען איצט אַלע בענקלעך געווען פאַרנומען. קונדן זיינען אַריינגעקומען, האָבן געכאַפּט אַ טרונק אויף איין פוס, שטייענדיק,

און זיך געלאָזט גיין אין רעסטאָראַן. די טעלער אויף דער פאַרבאַנק זייַנען געווען אָנגעטורעמט מיט געעפנטע פּליסיקע אויסטערס, געפּאַרעטע מושלען און קליינע לאַנג־פּיסיקע אָקטאָפּוסן. דזשעק'ס שכן האָט איבערגעקערט זיין גלעזל אין האַלדז אַריין, האָט פאַרביסן מיט עטלעכע געזאַלצענע קרעוועטקעס, און באַשטעלט אַ פרישן טרונק.

— „קהלת זאָגט" — זאָגט דער פעטער כתריאל — „בעסער צו גיין אין הויז פון אבלות איידער צו גיין אין טרינק־הויז, ווארים דאָס איז דער סוף פון יעדן מענטשן..."

מאַרין האָט פאַררויכערט אַ סיגאַרעט און האָט אַ ציִ געטאָן מיט הנאה פון איר גלעזל:

— יעדן פרייטיק וועל איך אָפּלייגן אַ פּאָר דאָלער פון מיינע שכירות — האָט זי געזאָגט.

— איך וועל אויך אָפּלייגן אַ פּאָר דאָלער יעדע וואָך — האָט געזאָגט דזשעק.

„וואָס איז אַ קענדי־סטאָר? אַ קענדי־סטאָר איז אַ פּעני־ביזנעס!" — זאָגט מרס. סאַנדרא צו דער מומע דבורה אויפן שוועל פון דער קיך.

סילוויע גייט אויפוועקן מייקלען. מען דאַרף פאָרן אַהיים: „מאָרגן איז אויך אַ טאָג" — זאָגט זי — „מען דאַרף אויפשטיין באַצייטנס צו דער אַרבעט".

„קהלת זאָגט: 'מה יתרון לאדם מכל עמלו?'" — זאָגט דער פעטער כתריאל מיט אַ ניגון — „וואָס האָט דער מענטש פון זיין גאַנצער האָרעוואַניע, וואָס ער האָרעוועט אונטער דער זון?".

מאַרין האָט אויסגעטרונקען איר כוס ביז צום לעצטן טראָפּן:

— נאָך אַ טרונק, דזשעק?

— ניין, אַ דאַנק.

— גוט, איך וועל אויך ניט נעמען קיין צווייטן. קום, לאָמיר אַריבערגיין אין רעסטאָראַן. כ'על נעמען אַ טאָם־קאָלינס צום עסן. אַ טאָם־קאָלינס דערפרישט די נשמה.

„קהלת זאָגט" — זאָגט ר' כתריאל — „'כ'האָב געזאָגט ביי מיר אין הארצן: לאָמיר גיין און נעמען אַ טרונק מיט פריידן און לאָמיר זיך לאָזן וואוילגיין! ערשט דאָס איז אויך גאָרנישט מיט נישט...'"

קאַפּיטל פופצן

תקיעה גדולה — אַ גרויסער אַלאַרם

— גאָט וועט העלפן! — האָט סערע קאַפּלאַן אַ זאָג געטאָן מיט אַ זיפץ.

— יאָ, ווי האָט יענער געזאָגט — האָט געזאָגט מרס. סאַנדרא — גאָט וועט העלפן, אָבער ווי העלפט גאָט ביז גאָט וועט העלפן?

די צוויי פרויען זיינען געזעסן פאַר דער גאַס, אין פראָנט פון דער קענדי־סטאָרקע — סערע אויף אַ שטול און מרס. סאַנדרא אויף אַ ליי־דיקן הילצערנעם קעסטל. ס'איז שוין געווען אַנהויב האַרבסט און דער בוים אויפן ראָג האָט זיך אָנגעהויבן באַדעקן מיט געל־גילדערנע קאָלירן. איינצלנע בלעטער זיינען אַראָפּגעפאַלן און האָבן געפלאַטערט אין ווינט. סערע קאַפּלאַן האָט געשמועסט פּאָליטיק:

— איר מיינט אַז ישראל וואָלט זיך ניט אַן עצה געגעבן מיט זיי?

— האָט זי געזאָגט — מיט יעדער איינער פון זיי וואָלט זי זיך אַן עצה געגעבן. זי וואָלט זיך שנעל אַן עצה געגעבן מיט מצרים און זי וואָלט אָנגעלערנט סיריע, אַז זיי וואָלטן פאַרזאָגט אַ צענטן. זיי זיינען אָבער זיבן מדינות, די אַראַבער, זיבן לענדער.

— ווי האָט יענער געזאָגט — האָט מרס. סאַנדרא פּאַטאַקעוועט — איין גאָט און אַזויפיל שונאים!

— איר מיינט, אַז ס'איז נאָר די אַראַבער? ס'איז ניט נאָר די אַראַ־בער! איר האָט געלייענט אין פּייפּער?

מרס. סאַנדרא האָט לעצטנס ווייניק־וואָס אַריינגעקוקט אין די בלע־טער. ס'איז שוין געווען נאָר ראש חודש אלול און אין די פרימאָרגנס

האָט מען שוין געבלאָזן שופר; אַ פּיש אין וואַסער האָט געציטערט און זי האָט אין יעדער פרייער מינוט אַריינגעקוקט אין דער „צאינה וראינה״. און וואָס טויגן איר די פּייפּערס? סערע קאַפּלאַן, דאַקעגן, האָט געלייענט אַפילו די עדיטאָריעלס אין די צייטונגען און זי האָט זיך טאַקע אַריינגעלאָזט אין אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק:

— ס'איז ניט נאָר די אַראַבער, איר פאַרשטייט? ס'איז מער, ס'איז הויכע פּאָליטיק: אַמעריקע, רוסלאַנד, ענגלאַנד. די רוסן ווילן געווינען די אַראַבער אויף זייער זייט און די אַמעריקאַנער ווילן אויך נושא חן זיין ביי די אַראַבער. און זיי האָבן בכלל ליב טראָובל, די רוסן. וואו נאָר מען קען מאַכן אַ ביסל טראָובל, אַה־אַה, זיי זיינען דאָ!

— כאַפּן פיש אין מוטנע וואַסער! — האָט מרס. סאַנדראַ דערקלערט די זאַך על־פּי משל.

— ריכטיק ווי גאָלד — האָט סערע קאַפּלאַן מסכים געווען — און די ענגלענדער, פאַרשטייט איר מיר, זיי זיינען שוין אויסגעשפּילט די ענ־גלענדער. זיי מאַכן נאָר אַן אָנשטעל ווי זיי וואָלטן נאָך אַלץ געווען די אויבערשטע פון שטויסל, שיקן שטאַפּעטן, דיפּלאָמאַטן, כינע, אַזיע...

— קנייפּן זיך די באַקן, אַז די פאַרב זאָל שטיין — האָט מרס. סאַנ־דראַ עס געמאַכט בקיצור.

— אָבער אין דער'אמת'ן זיינען זיי שוין ניט דאָס וואָס אַמאָל — האָט גע'פּסקנ'ט סערע — אין דער'אמת'ן זיינען היינט פאַראַן נאָר צוויי בעלי־דעות אויף דער וועלט: אונדזער אַמעריקע און רוסלאַנד, און יעדער איינער פון זיי וויל ווערן דער איינציקער בעל־הבית. איר פאַרשטייט, מרס. סאַנדראַ? און מיר, אידן, זיינען אינמיטן.

— אַן אַלטע מעשה — האָט מרס. סאַנדראַ אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, ס'איז קיין נייעס ניט, פון אייביק־אָן איז אַזוי געווען. אויף דעם דאַרף זי לייענען די פּייפּערס? עס שטייט שוין אין דער „צאינה וראינה״, אין „תרגום שני״ טאַקע: „ויהי בימי... דער אחשורוש איז איינער פון די צען מלכים וואָס האָבן רעגירט איבער דער גאַנצער וועלט און וועלן נאָך רעג־גירן. דאָס זיינען זיי: דער ערשטער קעניג איז מלך מלכי המלכים, הקדוש ברוך הוא, זיין קעניגרייך זאָל באַלד געגרויסט ווערן איבער אונדז. דער אַנדערער איז נמרוד, דער דריטער איז פּרעה מלך מצרים, דער פערטער איז שלמה מלך ישראל, דער פינפטער איז נבוכדנאצר מלך בבל, דער זעקסטער

איז אחשורוש, דער זיבעטער איז אלכסנדר מלך יוון, דער אכטער איז מלך רום, דער ניינטער איז מלך המשיח, דער צענטער וועט זיין מלך מלכי המלכים, הקדוש ברוך הוא, מיר האפן דאס זיין קעניגרייך זאל באלד געגרייסט ווערן איבער אונדז.״

סערע קאפלאן האט זיך א הויב געטאן אויף איר שטול:

— כ׳האב אייך פארגעסן עפעס צו זאגן! — האט זי געזאגט.

— יא? — האט מרס. סאנדרא געעפנט די אויגן און אויפגעוואכט פון אירע מחשבות.

— כ׳האב אייך פארגעסן צו זאגן וועגן אויל!

— אויל? וואס פארא אויל?

— זיי האבן א סך אויל, די אראבער, א ים מיט אויל! און יעדער איינער וויל דאס ביסל אויל. אמעריקע וויל דאס אויל און די רוסן ווילן דאס אויל.

— וואס טויג זיי אזויפיל אויל? — האט מרס. סאנדרא זיך געוואונדערט.

— אויל איז מאני, ווי מען זאגט אין אמעריקע — האט מרס. סערע קאפלאן געזאגט אויף ענגליש.

— און אז מען דארף האבן דעם גנב, נעמט מען אים אראפ פון דער תליה — האט מרס. סאנדרא זי פאטאקעוועט מיט א אידישן גלייכווערטל.

— ס׳עט זיי אבער גארניט העלפן, — האט סערע קאפלאן איר פארזיכערט — ס׳עט שוין זיין א אידישע מלוכה! נו, אמעריקע האט דאך שוין אנערקענט ארץ־ישראל.

— יא, ער איז זייער א פיינער מאן אונדזער פרעזידענט רוזוועלט — האט מרס. סאנדרא, א פארטראכטע, א זאג געטאן.

— וואס רעדט איר? — האט סערע זיך א כאפ געטאן — רוזוועלט איז דאך געשטארבן. שוין דריי יאר ווי ער איז טויט! אין „ווייסן הויז״ זיצט אצינד הערי טרומאן, אים צו לאנגע יאר.

— געשטארבן?... יא, געשטארבן... ברוך דיין אמת! — האט מרס. סאנדרא א מורמל געטאן.

און מיטאמאל האט זי גאר דערפילט א דערלייכטערונג. זינט א לענ־

גערעדט צייט האָט זי אַריינגעטראַכט, וואו עס קען איצט זיין שלמה המלך'ס שטול. אַצינד האָט זי געוואוסט וואו זי איז! וואו איז געווען די שטול? אַז די ישראל האָבן פאַרזינדיקט, דאַ איז געקומען אויף זיי נבוכדנאצר מלך בבל און האָט פאַרדאַרבן גאַנץ ארץ־ישראל און האָט גערויבט די הייליקע שטאָט ירושלים און האָט פאַרברענט דאָס בית־המקדש, בעוונותינו הרבים, גאָט זאָל זיך דערבאַרימען, און האָט געפירט די ישראל אין גלות, אַזוי האָט ער די שטול אויך געפירט מיט זיי. און אַז נבוכדנאצר האָט זיך געוואָלט זעצן אויף דער שטול, אַזוי האָט ער ניט געוואוסט די חכמה ווי אַרויפצוגיין, אַזוי האָט אים דער לייב אַ קלאַפּ געטאָן מיט דעם לינקן פוס אויף זיין רעכטן דיך און ער איז געבליבן הינקענדיק אַלע זיינע לעב־טאָג. און אַז אלכסנדר מוקדון האָט איינגענומען דאָס לאַנד בבל, האָט ער די שטול מיט זיך גענומען און האָט זי געפירט קיין מצרים; און ער איז געווען זייער פרום און ער האָט די שטול געהאַלטן זייער הייליק, דאָס ער האָט זיך אויף איר ניט געוואָלט זעצן. און נאָך זיין טויט האָט געגלוסט שישק מלך מצרים צו זיצן אויף זיין שטול, אַזוי איז אים אויך אַזוי געשען ווי צו נבוכדנאצר און ער איז אויך געווען הינקענדיק אַלע זיינע לעב־טאָג, און מען פלעגט אים רופן פרעה נכה, דער הינקענדיקער פרעה. און דערנאָך איז געקומען אניפונים, דער זון פון אנטיוכוס, און האָט אוועקגענומען די שטול פון מצרים און האָט זי אַריינגעלייגט אין אַ שיף און האָט זי געפירט אין זיין לאַנד און אונטערוועגס האָט זיך אָפּגעבראָכן אַ פוס, און ער האָט ניט געקענט געפינען אַלע זיינע לעב־טאָג קיין מייַנסטער וואָס זאָל קענען פאַררעכטן די שטול. און דער־נאָך איז די שטול געווען ביי כורש מלך פרס, און ווייל ער האָט געלאָזט בויען דאָס בית־המקדש אין זיינע צייטן, דערום האָט ער זוכה געווען אויף איר צו זיצן אָן שאָדן...

...און איצט איז די שטול אין „ווייסן הויז". און ווייל דער פּרעזי־דענט האָט געהאָלפן אויפריכטן ארץ־ישראל, דרום וועט ער זוכה זיין צו רעגירן איבער דער גאַנצער וועלט און זיין נאָמען וועט פאַרשריבן ווערן אין דער „צאינה וראינה". און ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן, וועט ער אַריינלייגן די שטול אין אַ שיף און וועט זי אוועקפירן קיין ירושלים, און...

— מרס. סאַנדראַ, איר שלאָפט? — האָט סערע קאַפּלאַן'ס קול זי

אויפגעוועקט פון אירע דמיונות. זי האָט אַ ציטער געטאָן און אויפגע־הויבן דעם קאָפּ:

— ווער שלאָפט? איך שלאָף? איך שלאָף ניט!

— מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז איר זיינט אַנדרימלט געוואָרן.

— אַה, כ'האָב צוגעמאַכט די אויגן אויף אַ ווײַלע.

— ס'איז טאַקע משיח'ס־צייטן, ווי זיי זאָגן, אַ אידישע מלוכה, אָבער דערוויל ווערט מען ניט אינגער — האָט סערע אַ קרעכץ געטאָן — איר ווייסט וואָס איך וועל אייך זאָגן? איר וואָלט אויך געדאַרפט צופאָרן אויף עטלעכע וואָכן קיין לעיקוואוד, זיך אויסצורוען די ביינער, אין „צע־דערבוים" טאַקע. מיר פאָרן היי־יאָר אויף גאַנצע דריי וואָכן, איך און מיין סעם, ביז איבער סוכות, אם ירצה השם.

— יאָ?

— מיין אַלווין רופט זיך אָנוסטן אָפּ צו מיר: „מאַ", זאָגט ער, „וואָס איז די איילעניש? בלייבט נאָך אַ וואָך"! און סוכות אין לעיקוואוד, אין „צעדערבוים", וואָס זאָל איך אייך זאָגן? אוודאי, ראש־השנה איז דאָרט אויך יום־טוב: מען מאַכט אַ מנין, מען בלאָזט שופר...

מרס. סאַנדראַ האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. זי האָט האַלב צוגעהערט און האַלב־געזען צעשוואומענע בילדער, וואָס האָבן אויפגעטויכט אין איר זיכרון. אוודאי, ס'איז שוין נאָך ראש־חודש אלול און מען בלאָזט שופר יעדן באַגינען און מען גייט אויף קבר־אבות. דער אַלטער בית־עולם איז אויפן שול־הויף. אַרום שטייען דריי בתי־מדרשים: דער אַלטער בית־המדרש, געמויערט פון שטיינער, דער נייער, און די הילצערנע שול מיט די טורעמלעך. אָבער אויפן אַלטן בית־עולם ליגן נאָר די גאָר אַמאָליקע קברים, פון אַמאָליקע דורות. קינדער רייסן דאָרט סיסקעס אויף תשעה־באב. אויף קבר־אבות גייט מען צום נייעם בית־עלמין, מיט דער שול־גאַס גייט מען אהינצו, אַרויף דעם בערגל. ביים טויער שטייען אַרימעלייט: אַרטיקע און צוגעפאַרענע. ווייבער שטייען אַרום די קברים פון אייגענע, זאָגן פון „מענה־לשון" און רעדן זיך אַראָפּ פון האַרץ. דער חזן מאַכט אַן „אל מלא רחמים", מען טיילט צדקה.

— אָבער סוכות איז די צייט פון ענטערטיינמענט — האָט דערציילט סערע קאַפּלאַן — אויף סוכות ברענגט מען אַראָפּ אין „צעדערבוים" קרעפטן פון דער אידישער טעאַטער־וועלט אין ניו־יאָרק: זינגערס, רעצי־

טאַטאַרן, אַקטיאָרן, קאָמעדיאַנטשיקעס. זיי זינגען „די מילן דרייען זיך, די יאָרן גייען זיך", אַז סע כאַפּט ביים האַרצן, און זיי דערציילן מעשיות, אַז מען ווערט צעפּלאַצט פון געלעכטער.

און אַט איז די שאַפע פון דער פּאַזשאַרנער קאָמאַנדע — מורמלט מרס. סאַנדראַ צו זיך אַליין — לעבן דער סאַזשעלקע, אין סאַמע מאַרק. מען האָט דאָרט געשפּילט טעאַטער: „הערצעלע מיוחס" און „רייזעלע דעם שוחט'ס" און „מכירת יוסף". שמעריל דער שניידער האָט זיך אָנגעטאָן אין אַ קלייד און געשפּילט פּוטיפר'ס ווייב און אסתר המלכה. און אחשוורוש האָט געטראָגן אַ קרוין פון זילבער־פּאַפּיר אויפן קאָפּ און אַ שעפּסן־פעלכל אַרום דער מאָרדע אָנשטאָט אַ באָרד. ווען מען האָט געזונגען „אַ בריוועלע דער מאַמען", האָבן זיך אַלע צעשמאָלצן פון טרערן.

— און אַז דער מענטשהייט, מיינט איר, פאַרגעסט מען? אין „צעד־דערבוים" פון לעיקוואָוד פאַרגעסט מען ניט די מענטשהייט. אויף יום־טוב קומען־אַראָפּ אין „צעדערבוים", קיין עין הרע ניט, שליחים און משולחים, גבאים און קאַמפּעין־לייט מכל המינים, מען מאַכט אַן אַפּיל און מען זאַמלט פאַרן יונאַיטעד דזשואיש אַפּיל און פאַר דעם מושב זקנים דאַון־טאַון ניו־יאָרק, און פאַר ארץ־ישראל, פאַר ישיבות, מקוות און פאַר אַנדע־רע הייליקע צוועקן.

מרס. סאַנדראַ זעט דעם גרויסן טיש אין פּאָליש פון דעם אַלטן בית־המדרש, ווי ער וואָלט דאָ ממש געשטאַנען פאַר אירע אויגן. ס'איז ערב יום כיפּור און אינעווייניק אין שול ברענען שוין ליכט. דער עולם גייט צו מנחה פאַרן פאַרפאַסטן. אויפן טיש זיינען אויסגעשטעלט קערות: פאַר דער פּושקע פון ר' מאיר בעל־הנס, פאַר דער לינת־הצדק, הכנסת־כלה, פאַר אַלערליי ישיבות און פאַר כוללים אין הייליקן לאַנד, פאַר...

— אָבער דער עיקר אין לעיקוואָוד איז טאַקע דער לעיק אין וואַלד — האָט געזאָגט סערע — וואָרים מען פּאַשעט אייך אין „צעדערבוים" מיט די בעסטע מאכלים, פון כל טוב, בפרט סוכות: אַ באָרשטש געקאָכט אויף מאַרך־ביינער, געפילטע פיש און געפילטע קישקע און אַ געפילט העלדזל, מיט זויערע אוגערקעס און קאָול־סלאָו ביי דער זייט. דערנאָך קומט אַ פּאַרציע הון, געבראָטן אָדער געקאָכט. ווי איר ווילט. איר מיינט אַז איר זינט שוין פאַרטיק? ערשט איצט קומט דאָס פלייש! אַ פיין שטיקל געבראָטן רינדער־פלייש, וואָס צעגייט איבער אַלע גלידער, געקאָכטע פלאַנ־

קען, א פאַרציע טשאָלענט אום שבת. און דערנאָך הייבן זיך ערשט אָן די שאר־ירקות: קאַפּע מיט קוכן, אַלערליי פּירות, עפּל, באַרנעס, פּודינג. איז וואָס טוט מען נאָך אַזאַ מאָלצייט? נאָך אַזאַ מאָלצייט לאָזט מען זיך אַרויס אויף אַ שפּאַציר אין וואַלד, אַרום דער אַזיערע, וואָס איז אַרומ־גערינגלט מיט ביימער. ניט אומזיסט הייסט לעיקוואָוד „לעיק־וואָוד", ס'איז דער אמת'ער לעיק און דער אמת'ער וואַלד.

„יאַסידאַווע!" — איז דער היימישער סטאַוו אויפגעשטיגן אין מרס. סאַנדראַ'ס פאַרשטעלונג — דער סטאַוו און דער וואַלד אַרום, וואָס ציט זיך ווייט־ווייט, אַזש ביז דאַמבראָווקע. סוף פרילינג גייט מען כאַפּטעסווייז אין וואַלד אַריין צום קלייבן יאַגאָדעס, און אין האַרבסט רייסט מען דאָרט נים, קליינע ניסלעך און גרויסע וועלישע נים. דער ראַנד פון סטאַוו איז באַוואַקסן מיט אַ טונקעלער געדיכטעניש: קאַמיש און בלושטש און ווער־בע־ביימער. אויף שבועות נעמט מען דאָרט גרינס פאַר די הייזער און חול־המועד סוכות רייסט מען ריטלעך פון די ווערבעס און מען מאַכט פון זיי „הושענות". דעם בלושטש שפּרייט מען אויס אונטער דעם ראָ־זעווען ברויט, סע שמעקט אַ מחיה נפשות.

און ביים ראַנד פון סטאַוו, אין דער נידער, שטייט די מיל, אַ וואַסער־מיל. דאָס וואַסער פליסט אַראָפּ איבער אַ ראָד און דרייט די מילשטיינער. ר' שמואל דער מילנער האָט דריי טעכטער און זיי האָבן אַ שטיף־מאַמע, אַ קאַסאַקע אידענע, ר' שמואל'ס צווייטע ווייב. און דאַנעבן, אין פאַל־וואַרק, שטייט אַ באַטשאַן אויף אַ הויכן בוים, אויף איין פוס שטייט ער.

— נאָכמיטאָג כאַפּט מען אַ דרימל און פאַרנאַכט־צו, פאַר וויעטשערע, כאַפּט מען ווידער אַ שפּאַציר אַרום דער אַזיערע — האָט סערע ווייטער געצויגן דעם פאַדים פון איר דערציילונג.

— און די מיל? — האָט אַ פרעג געטאָן מרס. סאַנדראַ.

— וואָס פאַר אַ מיל?

— די וואַסער־מיל, ביים סטאַוו...

— וואָס רעדט איר? וואָס פאַר אַ סטאַוו? און ווי קומט אין לעיק־וואָוד אַ וואַסער־מיל? אין אַמעריקע זיינען ניטאָ קיין וואַסער־מילן, אין אַמעריקע גייען די מילן אויף אויל אָדער אויף עלעקטרע. ס'חלום'ט זיך אייך...

— יאָ, אויף אויל... עלעקטרע... — האָט אַ מורמל געטאָן מרס. סאַנ־

דראַ. זי האָט זיך אויסגעטשוכעט פון אירע דמיונות, האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זיך אַרומגעקוקט מיט דערשטוינטע אויגן.

— ס'איז נאָך גוט וואָס מיר האָבן באַשטעלט באַצייטנס אַן אָרט אין „צעדערבוים" — האָט געזאָגט סערע — וואָרים ערב יום־טוב מאַכט זיך דאָרט אַמאָל אַזאַ גאַראַטשקע, אַז איר וועט אפילו פאַר טויזנט טאָלער ניט קריגן קיין צימער.

— גוט וואָס איר האָט מיר דערמאָנט — האָט געזאָגט מרס. סאַנדראַ — כ'האָב נאָך ניט באַשטעלט מײַן טיקעט אויף די ימים־נוראים אין שול. ס'איז מיר גאָר פון זינען אַרויס. אם ירצה השם, היינט פאַרנאַכט וועל איך זיך צוכאַפּן אין שול. צווישן מנחה און מעריב וועל איך זיכער טרעפן דעם שמש.

* * *

דער שמש איז געווען אונטן, אין קעלער. ער האָט געוואַרט אויף אַ מנין פאַר מנחה. אויבן, אויפן ערשטן גאָרן, זײַנען געזעסן פיר עלטערע אידן. אויך זיי האָבן געוואַרט אויפן מנין. איינער פון זיי האָט געהאַט יאָרצייט. און כאָטש אַ אידענע קען מען צום מנין ניט מצרף זײַן, האָט דער שמש זי אויפגענומען בתשואות־חן:

— אָה, מרס. גאָטליב, כ'האָב שוין געקלערט אַז איר וועט ליאַדע אַ טאָג אַרײַנפאַלן — האָט ער געזאָגט און איר אונטערגעטראָגן אַ שטול.

— אַ דאַנק! — האָט זי געזאָגט און זיך צוגעזעצט — אַ קורצער וועג, דאַכט זיך, און די פיס ווערן פאַרמאַטערט. איר'ט דאָך אוודאי איבערגעלאָזט פאַר מיר אַ טיקעט?

וואָס פאַר אַ פראַגע? — האָט דער שמש אַרויסגענומען אַ העפט פון טישקעסטל — וואָס פאַר אַ טיקעט וועט איר הײַ־יאָר נעמען?

— ווי שטענדיק, גאַנץ אויבן.

אויסער דעם קעלער זײַנען אין דער שול „נוסח־ספרד", ביי דער עוועניו „יו", געווען נאָך צוויי עטאַזשן. די שול אויפן ערשטן גאָרן איז געווען אַ געראַמע, מען קען זאָגן אַ מאָדערנע כמעט: זויבער, מיט מאַסיווע בענק, מיט אַ קאָלירפולן פּרוכת איבער דעם געשניצטן ארון־קודש, דיק באַמאָלטע ווענט מיט אויל־פאַרב, גרויסע עלעקטרישע לאָמפּן:

אין א ווינקל האָבן עלעקטרישע ליכט באַלויכטן די שטיינערנע טאָוולען אויף וועלכע עס זיינען געווען אויסגעקריצט די נעמען פון מנדבים, וואָס האָבן פאַראייביקט זייערע פאַרשטאָרבענע קרובים, ווי אויך די נעמען פון די נפטרים. אויף ימים נוראים האָט מען דאָרט גענומען א באַרימטן חזן.

די שול אויפן אויבערשטיבל איז געווען ענלעך צו א היימישער קלויז: ענג, אָפּגעלאָזן א ביסל, מיט צופעליק צונויפגעשטעלטע שטולן. מיט א גרויסן טיש אָנשטאָט א בעלעמער. אפילו ימים־נוראים האָט דאָרט גע־דאַוונט א היימישער בעל־תפילה, א בעל־הבית פון דער געגנט. אין מיטן יאָר האָט מען דאָרט זעלטן געדאַוונט, שבתים בלויז, און אין מיטן דער וואָך האָבן אַלערליי אָרגאַניזאַציעס: א צווייג פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד, א לאַנדסמאַנשאַפט, א פאַרצווייגטער פאַמיליע־צירקל — אָפּגעדונגען דעם לאָקאַל פאַר זייערע מיטינגען. דערפאַר אָבער איז דאָרט פסח און ימים נוראים די ווייבער־שול געווען ממש אָפּגעזונדערט — אָפּגעצוימט מיט א פאָרהאַנג — בעת אונטן זיינען מאַנסביל און נשים געזעסן כמעט ווי צוזאַמען, אויף באַזונדערע בענק נאָר.

דער שמש האָט געמאַכט א צייכן אויף דעם פּלאַן פון די זיץ־פּלעצער, האָט גענומען ס׳געלט און אויסגעשריבן א קבלה:

— דעם טיקעט וועל איך אייך די טעג ברענגען אַהיים — האָט ער גע־זאָגט — גוט?

— גוט — האָט געזאָגט מרס. סאַנדראַ. זי האָט געוואוסט וואָס ער איז אויסן: צוזאַמען מיטן טיקעט וועט ער איר ברענגען א פלאַש וויין אויף יום־טוב, כרמל־וויין. ס׳האָט געהערט צו זיין פרנסה: אויף פסח האָט ער פאַרקויפט צו זיינע בעלי־בתים כרמל־וויין כשר לפסח און אויף די אַנ־דערע ימים טובים — סתם כרמל־וויין. אחוץ דעם איז ער אויך געווען א רבי אין דער תלמוד־תורה ביי דער שול, און האָט צוגעגרייט קינדער צו בר־מצווה.

— און ווי גייט עס אייך אין אַמעריקע? — האָט מרס. סאַנדראַ זיך נאָכגעפרעגט.

— אַט, מען מאַכט א לעבן, ניט צו פאַרזינדיקן.

ער איז נאָך געווען א „גרינער", דער שמש, ערשט עטלעכע יאָר אין אַמעריקע. אין די מלחמה־יאָרן איז ער געווען אין יוראָפּ, געווען פאַר־

שפּאַרט אין די קאַנצענטראַציע־לאַגערן, דורכגעגאַנגענע שבעה מדורי־גי־הנום, איז ניצול געוואָרן על־פּי נס און האָט זיך אַרומגעוואַלגערט אין די לאַגערן פון די היימלאָזע אין דייטשלאַנד. א דאַרער, מיט אַן אויסגע־צויגענעם פּנים. מיט א שפּיציקן בערדל אויפן קין און א שטעכיקער חתימת־זקן אויף די באַקן, האָט ער אויסגעזען ווי ער וואָלט נאָך אַלץ ניט געגעסן צו־זאַט. מרס. סאַנדראַ האָט ליב געהאַט צו שמועסן מיט אים. ער האָט איר דערציילט וועגן די לאַגערן, די שבעה מדורי־גיהנום וואָס מען איז דורכגעגאַנגען, די דייטשע רוצחים, ווי מען האָט אומגעבראַכט די אידן אין דער אַלטער היים. ער פלעגט דערציילן גערן און זי האָט אויסגעהערט און זיך געווישט די טרערן פון די אויגן.

— קומט אַריין אַפּטער! — האָט ער געזאָגט — איר וועט דאָך זי־כער זיין שבת צום דאַווענען?

— יאָ, כ׳וועל קומען — האָט זי געזאָגט. זי האָט זיך שוין פון לאַנג צוגעזאָגט צו גיין אַפּטער אין שול. אַמאָליקע יאָרן, ווען איר מאַרים האָט געלעבט, פלעגן זיי אויך קויפן א טיקעט אין שול און זיי זיינען געגאַנ־גען פּסח און ימים־נוראים דאַווענען. אָבער וואו נעמט מען אַן אַמאָליקן סדר? דעם ריכטיקן ונתנה תוקף? די אמת׳ע הזכרת־נשמות? דער שמש איז איר געווען ווי אַן אייגענער, ווי א לייבלעכער קרוב, וואָס איז פאַר־לאָרן געגאַנגען און האָט זיך אָפּגעזוכט נאָך אַ סך יאָרן. זי וועט זיך אַמאָל דאַרפן אָראָפּכאַפּן צו אים אַהיים — זיין פרוי איז דאָ ניט לאַנג געלעגן געוואָרן. דאָס דריטע קינד. מען דאַרף איר עפּעס ברענגען.

— יאָ, כ׳וועל קומען — האָט זי איבערגע׳חזר׳ט פון שוועל און זיך אָפּגעווישט אַ טרער.

* * *

אַלץ מער און מער גילדערנע שפּיצן האָבן אַרויסגעקוקט פונם גרי־נעם געבלעטער פון בוים און א קילער ווינט האָט געבלאָזן פון ים און פון די בוכטעס אַרום. דער שמש האָט געבראַכט דעם טיקעט „אל הרנה ואל התפילה" פאַר די ימים נוראים און א פלעשל כרמל־וויין, און מרס. סאַנדראַ האָט אים מכבד געווען מיט א טעפּעלע קאַווע און א דעניש קיכל הינטן ביים טישל. פון אונטער זיין אַרויפגעשאַרטן אַרבל האָט אַרויס־געקוקט אַ לאַנגער אויסגעברענטער נומער מיט א סך ציפערן. ער האָט

דערציילט צום וויפלטן מאָל ווי די דייטשן האָבן אומגעבראַכט די אידן פון זיין שטעטל און מרס. סאַנדראַ האָט בשעת מעשה געזען ווי איר ליפּסק איז חרוב געוואָרן: ווי מען האָט צוערשט אַרויסגעפירט דעם אַלטן רב און צען בעלי־בתים פון שטאָט — חשוב'ע בעלי־בתים און סתם אידן, יענקל זאַק'ן און משה לייב דעם תבואה־סוחר פון מאַרק, משה גרשעלעס דעם פּורמאַן, גבריאל דעם שמיד, בנימ'קע דעם קירזשנער; אויפן וועג קיין יאַסידאַווע האָט מען זיי אַרויסגעפירט און דערשאָסן ביי אַן אָפּענער גרוב; ווי מען האָט דערנאָך פאַרשפּאַרט קינד און קייט אין אַלטן רוסישן מאָנאַסטיר, ווי מען האָט אָנגעהויבן פּאַרשיקן אין די לאַגערן און גע־וואָרפן אין גאַז־קאַמערן.

זי האָט זיך צוגעהערט צו די רייד פון שמש און זי האָט געוואוסט, אַז אַלץ וואָס ער דערציילט איז אמת און וואָר, און צו גלייכער צייט האָט זי אויך געזען ווי ליפּסק שטייט אויף אַן אָרט: מיטן רב, די חשוב'ע בעלי־בתים פון מאַרק, די שניידער און שוסטער און קצבים און שמידן און בעלי־עגלות, מיטן שול־הויף, דעם בית־עלמין און דער וואַסער־מיל ביים סטאַוו. און ווען דער שמש איז אַוועק, איז זי אַריין צו זיך אין צימערל, האָט אַריינגעלייגט דעם טיקעט אין אַ טישקעסטל, גענומען די „צאינה וראינה" און איז אַרויף אויבן.

זי האָט געוואַשן די הענט, האָט זיך געזעצט ביי אַ פענסטער, האָט אָנגעטאָן די פענסנע און אַ בלעטער געטאָן אין טייטש־חומש. זי האָט גע־וואָרפן אַ בליק אין גאַס און, ווי דורך אַ פענסטערל פון ווייבער־שול, פון אויבן, האָט זי געזען ווי די עדה אידן פון ליפּסק זיצט אין אַלטן בית־המדרש אונטן און זאָגט קינות. דער ארון־קודש איז געווען אָפּגעדעקט, אָן אַ פּרוכת, און דער עולם איז געזעסן אויף דער ערד, אָן שיך, זיך גע־שאָקלט און געקלאָגט אויפן חורבן בית־המקדש: „און ער האָט אָנגע־צונדן אין יעקב אַזוי ווי אַ פלאַם פייער און ער האָט פאַרברענט אַרום אים. ער האָט געטרעטן זיין בויגן אַזוי ווי אַ פיינט... זיי זיינען געלעגן אויף דער ערד אין די גאַסן, יונגע און אַלטע. בתולות און בחורים זיינען געוואָרן דערשלאָגן מיט דער שווערד. דו, גאָט, האָסט זיי געלאָזט דערשלאָגן און שעכטן און האָסט דיך ניט דערבאַרעמט..."

* * *

פאַרנאַכט־צו איז געקומען מאַרין. זי האָט זיך לעצטנס דווקא גע־האַלטן אויף איר דזשאָב, אָבער פאַרנדיק פון אָפיס איז זי אָפטמאָל אַריינ־געפאַלן אין דער סטאָרקע, אַמאָל אויף אַ ווײַלע בלויז און אַמאָל איז זי אַפילו געבליבן עטלעכע שעה. פון צייט צו צייט האָט זי מיטגענומען וויע־טשערע און פאַר איין וועג האָט זי שוין אָנגעקאַרמעט מייקלען און אים דערציילט אַ מעשה פאַרן גיין שלאָפן. מייקל האָט איר געפאַלגט גיכער ווי דער באָבען און מרס. סאַנדראַ האָט אכטונג געגעבן, אַז זי זאָל אָפּהיטן כשרות און ניט פאַרמישן פליישיקס מיט מילכיקס.

— ביסט געקומען צום שכל — האָט זי געלויבט מאַרין׳ען — אַ מיידל אין דײַנע יאָרן דאַרף טראַכטן וועגן אַ תכלית און זען אָפּשפּאָרן אַ פּאָר טאָלער: אויף אַ קליידל, אַ פּאָר שיך, צוגרייטן אַן אויסשטײַער.

— יאָ — האָט מאַרין געשמייכלט.

זיי זײַנען אָפטמאָל פאַרבליבן אַליין אויבן אין דער דירה און אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט האָט מען זיך צעשמועסט וועגן העכערע ענינים: וועלט־זאַכן, גאָט־זאַכן. מרס. סאַנדראַ האָט געכאַפּט התפעלות: אַ מאָדנע מעשה, אַ שיקסע דאַכט זיך, און זי קען די געשיכטעס פון דער „צאינה וראינה״! משמעות אַז זיי האַלטן אויך פון די אבות און די אמהות: אברהם, יצחק, יעקב, די מוטער רחל. נאָר די נעמען האָבן זיי אַביסל פאַרענגלישט: איי־ברעהעם, דזשייקאָבס, רייטשעל. אָבער אַזוי איז עס שוין אין אַמעריקע: אָט איז מייקל אַ נאָמען נאָך איר טאַטן מיכאל, עליו השלום, און דזשעק מיינט גאָר יענקל.

אַפילו פון יוסף הצדיק ווייסט זי, מאַרין. יוסף איז ביי זיי דזשאָזעף. „סעינט דזשאָזעף״, רופן זיי אים. אַ סברא אַז דער אַלטער איטאַליענישער באַרבער, דזשאָזעף „דער בוקי״, איז גאָר אַ נאָמען נאָך יוסף הצדיק. אַ שיינער נחת, ניטאָ וואָס צו רעדן! צוליב דעם האָט ער עס געדאַרפט אַנטלויפן פון פּוטיפר׳ס ווייב און אָפּזיצן דאָרטן זײַנע יונגע יאָרן אין תפיסה, נעבעך. אינטערעסאַנט צי מאַרין האָט געהערט פון דער מעשה מיט דער פּוטיפר׳עכע? אָבער וועגן די זאַכן פּאַסט ניט צו רעדן מיט איר, זי איז נאָך צו יונג. כאָטש ווער קען וויסן? ווי האָט יענער געזאָגט: „אַ געניטע כלה לייגט זיך אַליין אויפן רוקן״.

אַנומלט איז אַ מאָדנער חשד אויפגעגאַנגען אין איר. איינמאָל אַז אָוונט איז זי אומגעריכט אַריין אין סטאָרקע, ווען דזשעק און מאַרין זײַ־

נען דארט געווען אליין. געשען איז, חס וחלילה, גארניט, אבער ווען זי האט איבערגעטראכטן דעם שווער, זיינען זיי פלוצלונג אנטשוויגן געווארן און זיך איבערגעקוקט מיט סודות׳דיקע בליקן. מרס. סאנדרא האט זיי אנגע־קוקט מיט פארדאכט: וואס פארא מחזוקתן האט דא דזשעק מיט איר? די געשטאלט פון פוטיפר׳ס ווייב האט אויפגעטויכט פאר אירע אויגן — מיט דער אפגעריסענער פאלע פון יוסף׳ס רעקל אין אירע הענט.

און ווי נאר זי האט זיך דערמאנט אן פוטיפר׳ס ווייב, אזוי האבן אירע געדאנקען זי פארטראגן קיין מצרים. תחילת האט זי אנגעהויבן מלמד־זכות זיין אויף דער זינדיקער פרוי: א סברה אז איר מאן איז גע־ווען א שטיק שלימזל, א סרים... אבער וואס איז יוסף שולדיק, אז זי האט א מאן א סרים? ער טויג ניט דיין מאן, טא גיי און גט זיך מיט אים, און פטור אן עסק! און אז דו מוזט זיך שוין יא נעמען א ליובאווניק, מוז עס דווקא זיין יוסף הצדיק? נעם דיר א געזונטן זשלאב, א דיקן איטאליענער, עפעס א דזשעניטאר, א זעקספּוסיקן איירישמאן, א קוימענ־קערער, א סטריט־קלינער. אבער ניין, דווקא יוסף הצדיק האט זיך איר פארוואלט; ס׳האט זיך איר פארשמעקט און גיי טו איר עפעס! אבער ניט געטראפן דעם ארט — ווי האט יענער געזאגט: מען קען פירן דאס פערד צום ברונעם, אבער צו טרינקען קען מען אים ניט צווינגען.

מארין איז באלד אוועק. מרס. סאנדרא איז נאך געבליבן א ווײלע אין סטארקע. זי האט געוואלט א שמועס טאן מיט דזשעק׳ן, אבער ער איז געווען פארזונקען אין זיין צייטונגס־בלאט. וואס לייענט ער דארט? וועגן די יענקיס און די דאדזשערס מן־הסתם! און וואס פאר א משא־ומתן האט ער מיט דער בלאנדער שיקסע?

מיטאמאל האט זי זיך דערפילט איינזאם און עלנט. זי איז אריין צו זיך אין צימער, האט זיך גענומען אויסבעטן דאס געלעגער און בשעת מעשה געלייענט מיט כוונה קריאת־שמע: „מימיני מיכאל... פון מיין לינ־קער זייט גבריאל... אוריאל... רפאל...״ זי איז אבער געווען אליין, איי־נינקע אליין אין א פרעמדער וועלט.

* * *

ווען מרס. סאנדרא האט געעפנט די אויגן, האט נאך א געדיכטע

פינסטערניש געהויערט צווישן די פיר ווענט פון צימערל. זי האָט אויפ־געכאַפּט אַ לייכטן גערויש אין דער נאָענט און האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. אויף דער אַנדער זייט וואַנט האָבן זיך געשלייכט שטילע, שאָטנדיקע טריט. אַ טיר האָט אַ סקריפּע געטאָן, זיך געעפנט, זיך צוגעמאַכט. מען קלאַפּט צו „סליחות״?... מענדל איז אויפגעשטאַנען צו „סליחות״!... ווי קומט ער אויפשטיין צו „סליחות״, אַז ער איז דאָך געשטאָרבן? ס׳איז דאָך אָבער משיח׳ס צייטן, שלמה המלך׳ס שטול איז שוין אָפּגעשיקט געוואָרן פון „ווייסן הויז״ קיין ירושלים און אין גיכן וועט מען נעמען בויען דעם בית המקדש און דער מלך המשיח וועט רעגירן איבער גאָר דער וועלט. און אַז משיח וועט קומען, וועט מען בלאָזן מיט אַ גרויסן שופר: טו־רו... טו־רו... טו־טו־טו־טו — תקיעה גדולה! און די מתים וועלן אויפשטיין פון זייערע קברים...

דאָס קול פון שופר האָט זי אַרויסגעריסן פון שלאָף. אַז מען בלאָזט שופר, איז אַ סימן אַז ס׳איז שוין אלול און מען דאַרף גיין אויף קבר־אבות. אָבער ווי דערשלאָגט מען זיך צום בית־עולם?

זי איז אַראָפּ פון בעט און האָט אָנגעצונדן דאָס קליינע נאַכט־לעמפּל. אַ טונקעלע שיין האָט זיך אויסגעשפּרייט אין חלל. משונה׳דיקע שאָטנס האָבן אַרומגעטאַנצט אויף די ווענט. זי האָט זיך פּאַמעלעך אָנ־געטאָן. — ווי דערשלאָגט מען זיך אַהינצו? — דער עיקר זיך דערשלאָגן ביז לעיקוואוד. אין לעיקוואוד איז דער סטאַוו. פון דאָרט וועט זי שוין טרעפן דעם וועג: פון איין זייט סטאַוו וואַקסן קאַמיש און אַאיר, און פון דער אַנדערער זייט שטייט די מיל. דאָס וואַסער פאַלט אַראָפּ מיט גערויש אין די שליוזן און דרייט די רעדער. זי דאַרף זיך פאַרנעמען אי־בערן וועג לינקס, פאַרביי די הייזער פון די פּאַראָבקעס. דערנאָך פירט דער וועג באַרג־אַרויף, לעבן דעם אַלטן רוסישן מאָנאַסטיר. אפשר וועט זי גאָר גיין מיט דער סטעזשקע דורך די פעלדער? ס׳איז קירצער...

דערנאָך לאָזט מען זיך אַראָפּ מיטן וועג ביז באָד־גאַס. רעכטס פליסט דאָס טייכל און לינקס שטייט דער מרחץ. אויפן וואַוגאָן, פּאַזע דעם טייכל, פּאַשען זיך פערד. זיי שפּרינגען־אונטער אויף זייערע פאָדערשטע געפּענ־טעטע פיס. פונעם קוימען פון מרחץ שלאָגט אַ רויך. האַצקל דער בעדער, מיט דער הילצערנער פוס, האָט משמעות איינגעהייצט דעם אויוון — ערב יום־טוב גייען אידן אין באָד. אָט איז שוין גבריאל׳ס קוזניע; ער

איז אַן אַלמן גבריאל, שוין אַכט יאָר ווי ער איז אַן אַ ווייב, און מען רעדט אים אַ שידוך מיט אַן אַלמנה פון סוכאָוואָליע. אַנטקעגן וואוינט משה גרש'עלעס דער פּורמאַן מיט זיינע פינף בנים. — און ווער וואוינט דאָרט אין גרינעם הויז מיטן גלעזערנעם גאַניק? — בנימ'קע דער קירזשנער. ער וואַלגערט זיך אַרום אַ גאַנץ יאָר אויף יריד'ן, נעביך, אין שניי, אין רעגן און זאַווערוכעס. און אָט איז שוין די בריק, און אויף דער אַנדערער זייט — דער מאַרק. פון ווייטנס זעט מען שוין דעם שולהויף מיט די דריי בתי־מדרשים: דער אַלטער, פון געמויערטע שטיינער, דער נייער, און די הילצערנע שול מיט די טורימלעך.

יאָ, זי זאָל נאָר ניט פאַרגעסן מיטצונעמען די „צאינה וראינה". זע נאָר, דער טיקעט!... צו וואָס דאַרף זי אַ טיקעט? אין ליפּסק גייט מען דאַוונען אָן אַ טיקעט. אָבער מילא... זעט איר, אַ ביסל מזומנים דאַרף מען יאָ מיטנעמען. אין פּאָליש שטייט אַ לאַנגער טיש מיט קערות: פאַר ר' מאיר בעל־הנס, לינת־הצדק, ביקור־חולים, הכנסת־כלה. ביים טויער פון בית־עולם וואַרטן די אָרימעלייט, היגע און צוגעפאָרענע: אלול־צייט קומען זיי צופאָרן פון איבערן לאַנד. דער שמש פירט זי צווישן די קברים. די סטעזשקעס זיינען הויך פאַרוואַקסן מיט גראָז. דער חזן מאַכט אַן „אל מלא רחמים".

איר אויער האָט אויפגעכאַפּט אַ שטיל קלאַפּן אין אַ פענסטער. זי האָט אויפגעהאָרכט און אַרויסגעקוקט אין דרויסן. אין מאַרק איז פינסטער, די הייזער אַרום שטייען אויסגעלאָשן, מיט פאַרקייטלטע טירן און פאַרהאַקטע לאָדנס. דער שמש גייט פון הויז צו הויז, טאַפּט מיטן שטעקן איבער די שטיינער פון ברוק און קלאַפּט-אָן מיט דער האַנט אין די פאַרמאַכטע לאָדנס:

— צו סליחות!

— אידן, צו סליחות!

קאַפּיטל זעכצן

צומאָרגנס נאָכן שטורעם

א גרויער באַגינען האָט אַריינגעקוקט דורכן פענסטער פון שלאָף־צימער אויפן אויבערשטן גאָרן. סילוויע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זיך אַרומגעקוקט. אין דרויסן האָט שוין געטאָגט. א פאַרשלאָפענע האָט זי א ווײַלע אויפגעהאַרכט. אונטן, אין דער סטאַרקע, איז געווען שטיל. א לאַסט־וואָגן איז פאַרבײַגעפאָרן אין גאַס, פאַראייניזאַמטע טריט האָבן אָפּגעהילכט, זיך אָפּגעשטעלט און זײַנען ווײַטער געגאַנגען. וואו איז דזשעק? פון אונטן איז הײַנט ניט אויפגעשטיגן דער געווײנלעכער פרימאָרגן־גערודער: דזשעק׳ס טריט, שטימען פון קונדן דאָס גרילצן פון דער טיר, דאָס זשומען פון קראַן. וואו איז דזשעק? אין בעט לעבן איר איז ער ניט געווען.

זי איז אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט, האָט פאַרוואָרפן א קליידל איבער די אַקסלען, אַרײַנגעשטעקט די פיס אין פּאַנטאָפל און מיט שנעלע טריט אַראָפּגענידערט איבער די טרעפּ.

אין דער סטאַרקע איז געווען טונקל. סילוויע האָט א צי געטאָן א שנירל און געמאַכט ליכטיק. די טיר איז געווען פאַרמאַכט. זי האָט א שפּרייז געטאָן פאָרויס און האָט אַרויסגעקוקט דורך דער פאַרקראַטעוועטער שויב. פאַרן שוועל, אויפן טראָטואַר, איז געלעגן א פאַרשנורעוועט פּעקל צײַטונגען — די פרימאָרגן צײַטונגען. דער געשעפט איז געווען ליידיק. וואָס טוט זיך דאָ? וואו איז דזשעק?

זי האָט אָנגעצונדן נאָך א לאָמפּ און זיך אויסגעווישט די אויגן. ראשית כל דאַרף מען אויסלייגן די צײַטונגען און צושטעלן קאַפּע. א

ביזנעס ווייסט ניט פון קיין חכמות! וואו האָט ער געקענט אוועקגיין אַזוי פרי? אפשר איז ער אַרויס אויפן ראָג אַפּוואַרטן עפּעס אַ ליפערונג? טאָ פאַרוואָס האָט ער זי ניט אויפגעוועקט? זי איז אַרויס פאַר דער גאַס און זיך אַרומגעקוקט — קיין שפּור פון דזשעק'ן! זי האָט אויפגעבונדן דאָס פּעקל, אויסגעליינט די צייטונגען אויף זייער אָרט, איז אַריין צוריק און האָט אָנגעצונדן דעם גאַז. באַלד וועלן אָנהייבן אַריינקומען מענטשן. מייקל וועט זיך אויפכאַפּן. מען דאַרף אויפוועקן די מאַמע!

זי איז אַרויס דורך דער הינטער־טיר און איז אַריין אין קליינעם חדר'ל איבער דער וואַנט. אויפן שוועל איז זי שטיין געבליבן ווי די פיס וואָלטן איר אונטערגעהאַקט געוואָרן. דאָס קליינע נאַכט־לעמפּל האָט פאַרשפּרייט אַ טונקעלע שיין צווישן די פיר ווענט. דער געלעגער איז ניט געווען פאַרבעט. אין צימער איז קיינער ניט געווען.

וואָס טוט זיך דאָ? — האָט זי זיך געכאַפּט פאַרן קאָפּ און געפּינטלט מיט די אויגן — איך בין משוגע, צי וואָס? ס'איז אפשר אַ חלום?... אַה־אַה, וואַרט! — איז איר מיטאַמאָל איינגעפאַלן — מאַ איז שוין ווידער נעלם געוואָרן און דזשעק איז אַוועק זי זוכן! דער געדאַנק האָט זי באַ־רואיקט און זי האָט פּאַוואָליע אָנגעהויבן קומען צו זיך. אוודאי, ס'איז דאָך שוין נאָענט צו די ימים טובים! אָבער פאַרוואָס האָט ער זי ניט אויפגעוועקט פאַרן אוועקגיין? ער גייט לעצטנס אויך אַרום ווי אַ נעבעכ־טיקער, דזשעק!

— האַי, דזשעק! — האָט אָפּגעהילכט אַ שטימע אין פראָנט.

זי האָט זיך געאײַלט צוריק אין געוועלב. אויפן שוועל איז געשטאַנען דזשימי דער פאַרבער.

— האַי!... — האָט ער געזאָגט און זיך פאַרהאַקט — דאָס זיינט איר? כ'האָב געמיינט... דזשעק האָט היינט פאַרשלאָפן, וואָס?

— יאָ — האָט זי געזאָגט.

— אַ פּעקל טשעסטערפילד, ביטע... אַ דאַנק!

זי האָט אים דערלאַנגט די סיגאַרעטן און אַריינגעליינט דאָס געלט אין דער קאַסע. דאָס וואַסער האָט דערווײַלע אָנגעהויבן קאָכן. זי האָט אויסגעמישט די קאַווע און פאַרדרייט דעם גאַז. אַ ווײַלע שפּעטער איז פאַרבייגעגאַנגען סעם דער צושניידער. ער האָט גענומען אַ אידישע צייטונג פון געשטעל, אוועקגעליינט אַ מטבע און אַריינגעקוקט דורך דער טיר:

— זע נאָר, סילוויע! אַזוי פרי? וואו איז דזשעק? ער פילט ניט גוט?
— ניין, ער איז אַרויס אַ ווײַלע.
— וואָס מאַכט די מאַמע?
— פיין, זי איז אָל־ראַיט.
— אָל־ראַיט, אָ. קעי. אַ גוטן, סילוויע.

באַלד האָט זיך אָנגעהויבן דער פּאַראַד פון די פרימאָרגן־קונדן: — „אַ פּעקל קעמלס!" — „ אַ קאַפע מיט אַ דעניש!" — „רעשטע פון אַ ניו־יאָרק טאַימס". אייגענע מענטשן האָבן זיך נאָכגעפרעגט אויף דזשעק'ן. זי האָט אַלעמען געזאָגט, אַז ער איז אָקאָרשט אַרויס אויף אַ ווײַלע. וואָס זאָל זי זיי גיין דערציילן מעשיות? אין אַ פרייער מינוט איז זי אַרויס פאַר דער טיר און האָט אויסגעקוקט צי זיי קומען נאָך ניט. אַ פאַרבאַרגענער אומרו האָט געפּלאָנטערט אין איר, זי האָט אים אָבער פאַרשטויסן: נו, יאָ, אַזוי שנעל גייט עס ניט! אַמאָל געדויערט שעה'ן ביז מען דערגייט וואו זי איז, און איין מאָל איז שוין אפילו דזשעק צוריקגעקומען מיט ליידיקן. זי איז מער ניט געווען צערודערט; איצט איז זי געווען בייז: ס'איז ניט אויסצוהאַלטן פון איר! אַ מענטש זאָל נעמען און זיך אויפ־הויבן אין מיטן דער נאַכט און אַנטלויפן! דער סוף וועט זיין, אַז מ'עט זי נאָך פאַרשפּאַרן אין אַן „אַנשטאַלט". און דזשעק איז אויך יענער חכם — ער'ט ניט געקענט אַרויפגיין און זאָגן וואָס און ווען?! נאָך אַ נס וואָס ס'איז אַ קילער פרימאָרגן און מייקל שלאָפט אַביסל שפּעטער.

אַ זייגער ניין איז מרס. אַ'ברייען דערשינען אין דער טיר פון דער סטאָרקע. ס'איז שוין געווען נאָכן „רעש" און אין קרעמל איז גראָד קיינער ניט געווען. מרס. אַ'ברייען האָט אויסגעזען צעטומלט, עפּעס ניט מיט אַלעמען. זי האָט געזאָגט „גוט מאָרגן", האָט אַ הוסט געטאָן און זיך פאַרלעגן אַרומגעקוקט.

— דזשעק איז ניטאָ? — האָט זי אַ פרעג געטאָן.
— ניין, ער איז אַרויס אַ ווײַלע — האָט סילוויע געענטפערט מאַ־שינאַווע.

מרס. אַ'ברייען האָט אַ ווײַלע געשוויגן. זי האָט ווידער אַ הוסט געטאָן און האָט געקוקט אויף סילוויען מיט אַ פאַרשנדיקן בליק:
— איר מיינט... ער איז ניטאָ, אמת?
— וואָס מיינט איר?

— זי איז אויך אוועק!

סילוויען איז דורכגעגאַנגען אַ סקרוך דורך די ביינער. פון וואַנען ווייסט די פרעמדע פרוי, אַז מאַ איז היינט אין דערפרי נעלם געוואָרן?

— פון וואַנען ווייסט איר? — האָט זי קוים אַרויסגעשטאַמלט.

— זיי זיינען אַנטלאָפן צוזאַמען! — האָט מרס. אָ'ברייען איצט אַ רעד געטאָן מיט זיכערקייט.

— צוזאַמען?... וואָס רעדט איר? זי איז אוודאי נעלם געוואָרן ביי־נאַכט, און ער איז אוועק פאַרטאָג זי זוכן.

— און איך זאָג אייך, אַז זיי זיינען אוועק צוזאַמען. ס'איז ביי זיי זיכער געווען אַן אָפּגערעדטע זאַך.

— אָבער אום גאָט'ס ווילן, וואָס רעדט איר? פאַרוואָס מיינט איר אַזוי?

— פאַרוואָס? גלייך ווי כ'בין אַריין צו איר אין צימער און דערזען אַז זי איז ניטאָ, אַזוי פרי באַגינען, און אַז זי האָט אַפילו איר געלעגער ניט צוגעבעט... איר פאַרשטייט?

וואָס טוט זיך דאָ? מען קען באמת פון זינען אַראָפּ! — איז סילוויע געוואָרן אַלץ מער און מער צעמישט:

— ווען זיינט איר געווען ביי איר אין צימער? — האָט זי געפרעגט.

— היינט גאַנץ פרי. נאָכדעם ווי איך גרייט צו איר פרישטיק, גיי איך געוויינלעך אַריין צו איר און וועק זי אויף, אַנישט וואָלט זי שוין ניט איין מאָל פאַרשפּעטיקט צו דער אַרבעט.

סילוויע האָט געעפנט גרויסע אויגן:

— וועגן וועמען רעדט איר?

— וועגן מאַרין'ען, פאַרשטייט זיך. וועגן וועמען דען זאָל איך רעדן?

— זי איז אויך נעלם געוואָרן?

— אָט וועגן דעם רעד איך דאָך. אין מיטן נאַכט איז זי, ווי עס ווייזט־אויס, אוועק; צוזאַמען מיט אים, משמעות. פאַרוואָס מיינט איר, בין איך געקומען אַהערצו?

— איר מיינט אַז דזשעק און... מאַרין...?אַז...? — האָט סילוויע געוואָלט עפּעס זאָגן און די ווערטער זיינען איר שטעקן געבליבן אין האַלדז.

— וועגן וועמען, האָט איר געמיינט, רעד איך?

— וועגן... וועגן דער מאַמען...

— די אַלטע פיינע לײדי? מרס. גאָטליב?

— מ־מ־מ...

איצט האָט מרס. אָ'ברייען געעפנט גרויסע אויגן:

— זי איז אויך פאַרשוואונדן געוואָרן?

— יאָ.

— איר מיינט צו זאָגן, אַז מרס. סאַנדרא איז אַנטלאָפן פון שטוב?

— יאָ.

— צוזאַמען מיט זיי?

— מיט וועמען „מיט זיי"?

— מיט אייער היים געליבטן מאַן און מיין טייערער טאָכטער — איז מרס. אָ'ברייען אַרויס מיט קלאָרע דיבורים.

פון דעם מאָמענט ווען מרס. אָ'ברייען איז דערשינען אויפן שוועל, נאָך איידער זי האָט געעפנט דאָס מויל און אַרויסגערעדט אַ וואָרט, האָט סילוויע עפּעס געאָנט, אפשר מער ווי עפּעס. אַ טונקעלער חשד האָט אויפגעטויכט אין איר מוח. זי האָט אים פאַרשטויסן און פאַרטריבן. זי האָט פּרובירט פאַרשרייען איר שרעק, אָבער דער אומקלאָרער פאַרדאַכט האָט געלויערט ווי אַ שאָטן הינטער אַלע אירע געדאַנקען און ווערטער. איצט האָט זי מער ניט געהאַט קיין ברירה: זי האָט געמוזט קוקן דעם אמת אין די אויגן. זי איז אָבער געווען אַזוי צעטומלט, אַז זי האָט ניט געקענט תופס זיין ווי געהעריק די שייכות צווישן די געשעעניש:

— אָבער דזשעק... די מאַמע... מאַרין... — האָט זי אַ שטאַמל געטאָן איינצלנע ווערטער — עס קען ניט זיין!

אויך מרס. אָ'ברייען איז איצט געוואָרן אומזיכער:

— איך פאַרשטיי אויך ניט! — האָט זי אַ הויב געטאָן מיט די אַקסלען — ווײַבאַלד מרס. גאָטליב, זאָגט איר, איז אויך פאַרפאַלן געוואָרן? איצט הייב איך ניט אָן צו פאַרשטיין.

איר צווייפלען האָט געשטאַרקט סילוויעס מוט:

— פאַרוואָס איז אייך איינגעפאַלן, אַז מאַרין מיט... אַז זי איז... מיט... — האָט זי אַלץ גערעדט מיט רמזים, ווי מורא האָבנדיק צו ברענגען די זאַך פאַרן מויל.

— מאַרין האָט איבערגעלאָזט אַ בריוול, אַ צעטעלע הייסט עס, אונ־טערן קישן.

— יאָ?

— עטלעכע ווערטער בלויז: אַז מיר זאָלן זי ניט זוכן און זיך ניט זאָרגן: אַז זי פאָרט אַוועק און וועט אונדז מיט דער צייט שרייבן פון וועג.

— און פאַר וואָס איז אייך איינגעפאַלן, אַז דזשעק... אַז זי מיט דזשעק'ן?

— כ'האָב ניט געוואוסט און דערפאַר טאַקע בין איך געקומען אַ קוק טאָן, צי דזשעק איז אין דערהיים. און אַט, איר זעט?... ס'הייסט מיט אַ צייט צוריק האָט זי געלאָזט פאַלן אַ וואָרט, אַז דזשעק טראַכט וועגן אַ ווייטער רייזע, וועגן גיין העלפן פּאַלעסטאַ'ין, איזראַעל, איר ווייסט דאָך. זי האָט גערעדט מיט ביל'ן, מיטן פאָטער, וועגן דער מלחמה דאָרטן און האָט זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט.

— אַזוי האָט זי געזאָגט? — האָט סילוויע אַנגעשטעלט מויל און אויערן — און מיר האָט ער קיין מאָל קיין וואָרט ניט געזאָגט וועגן דעם.

— כ'האָב געמיינט: יונגע מענטשן, שמועסן זיי אַמאָל וועגן דעם און יענעם. און אַט, איר זעט, ער איז טאַקע ניטאָ. ער איז אויך אַוועק היינט ביינאַכט, אמת?

— כ'ווייס ניט, ס'הייסט ווען איך בין אויפגעשטאַנען אין דער פרי, איז ער שוין ניט געווען: ניט ער, ניט די מאַמע.

— יאָ, אָבער מרס. סאַנדרא? — האָט מרס. אַ'ברייען זיך ווידער געכאַפּט, אַז עפּעס שטימט דאָ ניט אין איר טעאָריע: — וואו איז מרס. גאָטליב?

— די מאַמע איז עפּעס אַנדערש — האָט געזאָגט סילוויע — ס'איז ביי איר אַ געוואוינהייט אַזאַ: פון צייט צו צייט ווערט זי פאַרפאַלן פון שטוב. ס'איז שוין ניט דאָס ערשטע מאָל.

עס זיינען אַריינגעקומען קונדן און דער שמועס איז אויף אַ ווײַלע איבערגעריסן געוואָרן. סילוויע האָט זיי אָפּגע'פטר'ט אויף שנעל. מרס. אַ'ברייען איז געשטאַנען אין אַ ווינקל, מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, ווי אַ שולדיקע. וואָס טוט מען?... סילוויע האָט אַלץ ניט געוואָלט אויפגעבן די האָפענונג. זי איז אַרויס פאַר דער טיר און זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן. קיין שפּור פון דזשעק'ן! ווען ער וואָלט אַוועק זוכן די מאַמע, וואָלט ער זי דאָך צוערשט אויפגעוועקט; ער וואָלט דאָך ניט איבערגעלאָזט

די סטאַרקע אויף גאָט'ס באַראָט! און וואָס פאַר א משא־ומתן האָט ער געהאַט מיט דער בלאָנדער נפקא? וואָס פאַר א מעשות האָט ער איר אָנ־דערציילט? פאַר לייטן אין די אויגן האָט ער זיך געמאַכט תמ'עוואַטע, האָט אפילו אין איר זייט ניט געקוקט. נייז, ס'איז ניט גלאַט... און דאָ האָט זיך גראָד מרס. אָ'ברייען אָפּגערופן:

— כ'האָב געוואוסט, אַז פון דער מויד וועט קיין גוטס ניט אַרויס־קומען. דעם טאַטנ'ס בלוט זידט אין איר! ווען זי האָט זיך דעמאָלט גע־מאַכט א מאָדע אַרומצושלאָיען גאַנצענע נעכט... און איצט איז זי אַנט־לאָפן! פונקט ווי דער טאַטעלע אירער!

דאָ האָט סילוויע אַרויסגעפּלאַצט:

— אַה־אַה, דאָס האָט זי אים אָנגערעדט! — האָט זי גענומען אויס־גיסן איר ביטער האַרץ — זי האָט זיך דאָ בכיוון איינגעניאַדעט, כדי אים צו פאַרפירן. וואָרים דזשעק איז גאָט די נשמה שולדיק! איך קען מיין דזשעק'ן, ווי קומט ער צו אַזעלכע זאַכן? דזשעק וועט אַנטלויפן? זי האָט אים אָנגערעדט, און ער, די בהמה, האָט זיך געלאָזט פירן פאַר דער נאָז. אויסגעהאַדעוועט א שלאַנג אין בוזים!

מרס. אָ'ברייען האָט זיך אָנגעשטעכלט:

— ווער איז א שלאַנג? — האָט זי א פרעג געטאָן שאַרף.

— ווער? איר פרעגט נאָך? מאַרין!

— מאַרין איז א שלאַנג? — האָט מרס. אָ'ברייען פאַרלייגט די הענט ביי די באַקעס און זיך א בויג געטאָן אויף פאַרנט — א יונג מיידל, נעבעך, אַן אומשולדיק קינד, וואָס ווייסט זי? ער האָט זיך אָנגע־זעצט אויף איר און איר צוגעזאָגט הרים וגבעות, האָט זי זיך געלאָזט איינרעדן. ווער ווייסט וואָס ער האָט איר אַלץ צוגעזאָגט, דער תכשיט?

— דאָס אמת'ע קינד! א צאַצקע! דער הילוך אירער: דרייט זיך אויפן קנאַפּל און שאָקלט מיטן הינטער־חלק, עס זאָל רייסן די אויגן. אַזוי האָט זי אים פאַרדרייט דעם קאָפּ. און ער, די בהמה!...

— קוקט נאָר אָן ווער עס רעדט — האָט מרס. אָ'ברייען זיך אָנגע־נומען פאַרן כבוד פון איר טאָכטער — אַז מען האָט אַזאַ פלונית'טע, איז דען א וואונדער אַז מען אַנטלויפט וואו פעפער וואַקסט? גלאַט ווי א ברעט, אפילו די האָר ניט פאַרקאַמט ווי געהעריק...

סילוויע איז אַנטשוויגן געוואָרן. די ווערטער האָבן זי געטראָפן ווי

א דונער. אין האַלדז האָבן איר געשטיקט טרערן. אוודאי האָט זי גע־וואוסט, אַז זי איז ניט קיין קראַסאַוויצע, פון תמיד-אָן האָט זי עס גע־וואוסט. אָט דערפאַר טאַקע האָט זי דאָך אויסגעקליבן דזשעק'ן — ווייל ער איז געווען אַ שטילער, אַ געלאַסענער, אַ געזעצטער. ס'האָט איר ניט געאַרט וואָס ער איז ניט קיין געוואַלטיקער אויפטוער, וואָס ער רייסט ניט איין קיין וועלטן, וואָס זי וועט אַ גאַנץ לעבן מוזן האָרעווען אין דער סטאָרקע; די מינק־פעלצן, וואָס ער האָט איר געקויפט?! די עלעגאַנטע רעסטאָראַנען, וואו זיי זיינען עס געגאַנגען? די טעאַטערן? וואָס האָט זי דען פאַרלאַנגט? פרנסה! פרנסה, אַ ביסל זיכערקייט, אַ שטיקל צוקונפט פאַר די קינדער. און איצט?...

זי האָט געפילט ווי איר וועלט גייט אונטער, קייקלט זיך אַראָפּ אין אַ פינסטערן תהום. אַ שוואַרצע פאַרצווייפלונג האָט זי אַרומגעכאַפּט. מיט וואַקלדיקע טריט איז זי צוגעגאַנגען צו דער פאַרבאַנק, האָט אַנגעשפּאַרט די עלנבויגנס אויף דער פּלאַטע, באַהאַלטן דעם קאָפּ צווישן די אָרימס און איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ ביטער געוויין.

מרס. אַ'ברייען איז איינגעפאַלן ס'האַרץ. איר כעס איז אויסגערונען, ווי ניט געווען, און אַ געפיל פון טיפער חרטה האָט זי דורכגענומען און אויפגעטרייסלט. וואָס האָט זי דאָ געטאָן? איז זי דען ניט אַליין גע־פּרואווט געוואָרן מיט אַזעלכע צרות? וויפל חרפות און ביושים זי איז עס אַלץ ניט אויסגעשטאַנען אין יענע יאָרן?! ווער אין בעי־ווילעדזש האָט דען ניט געוואוסט פון דער געשיכטע? הינטערן רוקן האָט מען אויף איר געטייטלט מיט די פינגער. אויך איר האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן. זי האָט זיך אָבער באַהערשט, איז צוגעגאַנגען צו סילוויען און האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף אירע ציטערנדיקע אַקסלען:

— זייט מיר מוחל, מיסעס בינאַווער... סילוויע, כ'האָב אייך ניט געוואָלט ווי טאָן. איך פאַרשטיי זייער גוט וואָס איר פילט, כ'האָב עס אַליין דורכגעלעבט, יאָרן־גאַנצע. מען איז געווען ביי לייטן אויף די צינגער. זי איז אויך געווען פון בעי־ווילעדזש און די גאַנצע וועלט האָט געוואוסט וואָס און ווען. כ'האָב זיך געשעמט צו ווייזן די אויגן פאַר מענטשן. און דאָס ערגסטע: די קינדער! מען קען עס דען אויסבאַהאַלטן פון קינדער? זיי האָבן געהערט אין גאַס, פון חברים אין דער שולע, וועלכע האָבן וועגן דעם געהערט רעדן אין דער היים...

סילוויע'ן איז פאַרגעקומען ווי מרס. אַ'ברייען וואָלט דאָ געשטאַנען איבער איר און פאַר איר געשילדערט איר חושד'דיקע צוקונפט. זי האָט אָנגעהויבן ציטערן אויפן גאַנצן קערפּער. „מאַמע!" — האָט זי אויסגע־רופן צווישן די שלוכצן און זיך דערמאָנט אַז אויך די מאַמע איז נעלם געוואָרן. איצט האָט זי זיך אויף צו דער'אמת'ן פאַנאַנדער־געכליפּעט. אירע אַקסלען האָבן געצוקט ווי אין אַ קאָנוואולסיע.

— נו, באַרואיקט זיך, סילוויע, — האָט מרס. אַ'ברייען איר געגלעט איבערן קאָפּ — איך ווייס ס'אַראַ ווייטיק דאָס איז, אַה־אַה, ווייס איך, מיר דאַרף מען עס ניט דערציילן. אַ מאַן נעמט און לאָזט־איבער אַ ווייב מיט קינדער און אַנטלויפט מיט עפּעס אַ האַלידריגע, אַ הולטאַיקע, אַ צויג. וואָרים ווער איז זי געווען די גאַנצע אַליין? אַ שיכור'ניצע, אַ גאַסנמויד! גאַנץ בעך־ווילעדזש האָט זי געקענט. זיי האָבן זיך צונויפגע־ניוכעט און האָבן אָנגעהויבן טרינקען צוזאַמען; טאָג ווי נאַכט אין סאַ־לון. ס'האָט מיר ווי' געטאָן, אָבער אַ לאַנגע צייט האָב איך געשוויגן. וואָס קענט איר טאָן? אָבער מענטשן האָבן בייזע צינגער און וויפל מאָל איז אַרלין, מיין עלטערע, געקומען אַהיים אַ פאַרוויינטע? און מיטאַמאָל זיינען זיי גאָר פאַרשוואונדן, אַלעביידע.

מרס. אַ'ברייען'ס טרייסט־ווערטער האָבן ווי געגאָסן בוימל אויפן פייער. סילוויען איז געוואָרן שוואַרץ פאַר די אויגן: אָט־אָט און זי וועט פאַלן אין חלשות. מרס. אַ'ברייען האָט שנעל אָנגעצאַפּט אַ גלאָז קאַלט וואַסער, עס צוגעטראָגן צו סילוויעס ליפּן און זי כמעט מיט געוואַלד גע־צוואונגען צו דערלאַנגען עטלעכע זופּן.

— כ'האָב מורא, אַז טאַטע דעמאָלט איז מאַרין איבערגעפירט גע־וואָרן. זי איז נאָך דאַן געווען אַ קינד, אָבער אַ קינד דערפילט, כאָפּט אויף אַ וואָרט דאָ און אַ וואָרט דאָרטן. און אַז זי איז אונטערגעוואַקסן, האָט זי דאָך אוודאי געהערט. איר מיינט זי איז שולדיק? זי איז אויך ניט שולדיק! אַ קינד דאַרף האָבן אַ טאַטן! און זי איז אויפגעוואַקסן אַליין, אָן אַ געהעריקער השגחה, וואָרים איך האָב דאָך געמוזט גיין אַרבעטן, פאַרדינען דאָס שטיקל ברויט. אָבער איר וועט זען מיין וואָרט: זיי וועלן קומען צוריק! דזשעק וועט צוריק קומען מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם עק און מאַרין'ען וועל איך דערלאַנגען וויפל ס'וועט אין איר אַריין.

סילוויע האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צום גלאָז. זי האָט דער־

לאנגט א זופּ, נאָך איינעם, און דאָס קאַלטע וואַסער האָט געקילט איר גומען. דער ערשטער שאָק איז אריבער און זי האָט זיך א ביסל באַרואיקט.

— א דאַנק אייך, מרס. אָ'ברייען — האָט זי געזאָגט שטיל. איר קול האָט זיך נאָך אַלץ געבראָכן.

אויבן האָט זיך מייקל אויפגעכאַפּט און ווען ער האָט קיינעם ניט געפונען אַרום זיך, האָט ער זיך געלאָזט א פאַרשלאָפענער איבער די טרעפּ, האָט זיך צעקלאַפּט אין דער פינסטער א פוס און איז אריינגעפאַלן אין דער סטאַרקע מיט א יללה דורך דער הינטער־טיר. דורך דער פאָדער־שטער טיר איז אריין א קונה. מרס. אָ'ברייען האָט גענומען מייקלען אונטער אירע פליגלען:

— איך וועל שוין אכטונג געבן אויף אים — האָט זי געזאָגט — איר האָט גענוג צו טאָן אין די ביזנעס.

סילוויע האָט זיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט, האָט איינגעטונקט א פינגער אין גלאָז וואַסער און זיך שנעל אָפּגעוואַשן די אויגן. דערנאָך האָט זי באַדינט דעם קונה. און אפשר איז עס ניט מער ווי א בייזער חלום? — האָט זי פּרובירט זיך טרייסטן — אַט וועט זיך אָן עפּן טאָן די טיר און דזשעק מיט דער מאַמען וועלן דערשיינען אויפן שוועל. מאַלע וואָס מאָרין איז אויך פּונקט היינט אַוועק פון דערהיים! אפשר איז זי אַוועק מיט עמיצן אַנדערש? וואָסי, דזשעק איז דען דער איינציקער זכר אין ניו־יאָרק?

די מינוטן זיינען געלאָפן, ס'איז אריבער א שעה און ניט דזשעק ניט די מאַמע האָבן זיך געוויזן. מרס. אָ'ברייען האָט דערווייל אַנגעטאָן מייקלען, אים אַרומגעוואַשן און אָנגעקאָרמעט. זי איז אַראָפּ צוזאַמען מיט אים אין סטאַרקע.

— אפשר זאָל איך אים אַרויספירן אויף א שפּאַציר? — האָט זי געפרעגט.

— ס'איז זייער שיין פון אייך — האָט סילוויע זיך באַדאַנקט — אָבער אפשר וואָלט איר זיך צוערשט צוגעכאַפּט אהיים? ווער ווייסט, אפשר איז מאָרין צוריק געקומען אָדער מען האָט עפּעס געהערט וועגן איר.

— גוט.

מרס. אַ'ברייען איז געפאָרן מיט אויטאָבוס. אין אַ האַלבע שעה אַרום איז זי געווען צוריק:

— גאָרניט.

סילוויע האָט אַלץ ניט אויפגעגעבן די האָפענונג, אָבער איידער וואָס ווען, האָט זי איינגעזען, ווען זי זיך מוזן אַליין אַן עצה געבן. מרס. אַ'ברייען האָט זיך אַנגעבאָטן צו בלייבן ביז נאָכמיטאָג; דאַן מוז זי גיין צו איר אַרבעט אין די אָפיסעס. אויך צומאָרגנס אין דערפרי וועט זי קומען, האָט זי צוגעזאָגט. אָבער נאָכדעם? די ביזנעס? דאָס הויז? מייקל? אַ מענטש איינער אַליין קען זיך ניט צערייסן! זי האָט באַשלאָסן אָפּצורופן דעם פעטער כתריאל: אפשר וועט ער איר געבן אַן עצה? אפשר וועט רבקה'לע קענען אַריבערקומען אויף עטלעכע טעג? און אויסערדעם: אַזאַ איז שוין געווען די טראַדיציע אין דער משפּחה, אַזוי האָט זיך געפירט די מאַמע: טאַמער האָט זיך עפּעס געמאַכט, ווי נאָר עפּעס אַ צרה, האָט מען אָפּגערופן דעם פעטער אין וויליאַמסבורג און זיך מיט אים געהאַלטן אַן עצה. ער איז געווען דער למדן, דער בעל־שכל.

— איר וואָלט געקענט אַכטונג געבן אַ ווײַלע אין דער סטאָרקע, טאָמער עס פאַלט אַריין עפּעס אַ קונד? — האָט זי געבעטן מרס. אַ'ברייען — איך דאַרף עמיצן אָפּרופן אויפן טעלעפאָן. ס'איז אַ קלייניקייט: אַ פּעקל סיגאַרעטן, אַ סאָדאַ.

— און די פּרייזן? — האָט מרס. אַ'ברייען זיך געקווענקלט.

— די פּרייזן וועלן זיי אייך שוין אַליין זאָגן — האָט געזאָגט סילוויע — אַלץ איינגענע מענטשן. ס'עט אפשר נעדויערן אַ ווײַלע, אָבער ס'אַ וויכטיקער געשפּרעך.

— די פּאַליס?

— ניין, וואָס רעדט איר? פאַרקערט, כ'וויל אַז קיין פויגל זאָל וועגן דעם ניט וויסן, וועגן דער גאַנצער זאַך, קיינער ניט! און וואָס קען דאָ העלפן די פּאַליס? טאָמער פרעגט עמיצער אויף דזשעק'ן, זאָגט אַז ער איז נראָד אַרויס אויף אַ ווײַלע...

— יאָ, כ'פאַרשטיי... — האָט מרס. אַ'ברייען אַ שטאַמל געטאָן און האָט פאַרנומען די פּאָזיציע הינטער דער פאַרבאַנק. זי איז געווען צופרידן צו פאַרזוכן אַמאָל דעם טעם פון טאָן ביזנעס, אָבער די חשבונות האָבן זי אַביסל געשראָקן.

סילוויע איז אַריין אין דער טעלעפאָן־בודקע און האָט אַ דריי געטאָן דעם פּעטער׳ס נומער. פון דער אַנדערער זייט האָט געענטפערט די מומע דבורה.

— וואָס מאַכט איר, טאַנטע? — האָט סילוויע זיך באַגריסט בקי־צור — כ׳קען רעדן מיטן אַנקל?

די מומע דבורה איז, משמעות, אויך געווען איילִיק:

— כתריאל איז נאָך ניט אַריינגעקומען אין סטאָר — האָט זי געזאָגט.

— אַזוי שפּעט? וואו איז ער?

— אין שול.

— אַזוי שפּעט?

— ער האָט היינט יאָרצייט נאָך זיין זיידן, פון דער מאַמעס צד. ער איז געווען אַ שיינער איד, ר׳ איציקל, עליו השלום. נו, איז כתריאל געבליבן אין שול נאָכן דאַווענען. ער לערנט אוודאי אַ פּרק משניות, קוקט אַריין אין אַ ספר, אַהין אַהער, דו קענסט דאָך דעם אַנקל. עפּעס אַ וויכ־טיקער ענין, וואָס דו רופסט אין אַזאַ איילעניש? וואָס זאָל איך אים זאָגן?

— ס׳איז נישט אַזוי וויכטיק — האָט געזאָגט סילוויע — ווען וועט ער אַריינקומען?

— אפשר באַלד, אפשר אין אַ שעה אַרום. כ׳גלויב, אַז ער ט׳זיך שוין לאַנג ניט זאַמען.

— כ׳וועל אים ווידער רופן אַ ביסל שפּעטער. אַ גוטן, טאַנטע! — האָט געזאָגט סילוויע און האָט אויפגעהאַנגען דאָס טרייבל.

דריטער טייל

אין שאָטן פון צעדערבוים

און יונה איז אויפגעשטאַנען צו
אַנטלויפן קיין תרשיש
(יונה, א׳ 3)

קאַפּיטל זיבעצן

די ערשטע סטאַנציע

אַ סך וועגן פירן אין דער גרויסער וועלט, אָבער ביז צו יענער נאַכט האָבן דזשעק און מאַרין ניט אויסגעאַרבעט קיין גענויעם פּלאַן פאַר זייער רייזע. דעם ערשטן ארויספאַר — פון ברוקלין — האָבן זיי בכל אופן געמוזט מאַכן מיט דער סאַבוועי. זיי האָבן זיך געטראָפן ביים איינגאַנג צו דער סטאַנציע אויף עוועניו „יו". די אָפענע פּלאַטפאָרמע אויבן איז געווען פּוסט און זיי האָבן לאַנג געוואַרט אויף אַ צוג. צופוסנס האָבן לייכטנדיקע גאַסן-לאָמפּן געצייכנט די קאָנטורן פון דער ברייטער עוועניו, וואָס האָט זיך פאַרלאָרן אין דער נאַכט. מאַרין איז געווען פאַרשלאָפן. די באַן איז אָנגעלאָפן מיט ליאַרעם. זיי זיינען געווען אַליין אין וואַגאָן. זי האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף זיין אַקסל און האַלב געדרימלט. דזשעק האָט פאַרלייגט אַן אָרים אַרום איר טאַליע און געפילט די וואַרימקייט פון איר לייב, אָבער אַ פאַרנעפּלטע אומהיימלעכקייט האָט געטאָמעוועט זיין אויפגעוואַכטע לוסט. ווען דער צוג האָט זיך צעשאָקלט הויך איבער דעם איסט־ריווער, האָט זי געעפנט די אויגן:

— וואוהין וועלן מיר פאָרן צוערשט? — האָט זי געפרעגט.

אַ געפיל פון פאַרלאָרנקייט האָט אים אַרומגעכאַפּט, ווי ער וואָלט ערשט איצט באַגריפן אַז ער לאָזט זיך אין אַ ווייטן וועג:

— איך ווייס אַליין ניט...

— אַלציינס וואוהין — האָט זי אַ מורמל געטאָן — ס'איז דאָך סיי־ווי די ערשטע סטאַנציע בלויז.

— יאָ... אפשר גאָר קיין לעיקוואוד?

די ווערטער האָבן זיך אַרויסגעכאַפּט פון זיין מויל. ער האָט זיך אַפּטמאָל צוגעהערט צו די שמועסן צווישן מרס. סאַנדראַ און סערע קאַפּ־לאַן, און דער נאָמען לעיקוואוד האָט זיך איינגעקריצט אין זיין זיכרון. ער האָט געוואָלט אַנטלויפן און האָט מורא געהאַט צו פאַרברענען די בריקן הינטער זיך. לעיקוואוד איז געווען סאַי היימיש און סאַי אין־דער־פרעמדס.

— אַלציינס... פיין... — האָט מאַרין גערעדט ווי פון שלאָף — פאַראַן דאָרט זיכער אָזיערעס, יאָ?

— יאָ. און וועלדער. אַ גרויסע אָזיערע אין וואַלד.

— וואונדערבאַר! ווייסט ווי מען פאָרט אַהינצו?

— יאָ.

— מיט דער באַן?

— ניין, מיטן אויטאָבוס. מיט דער באַן קען מען טאַקע אויך פאָרן, אָבער מיטן אויטאָבוס איז באַקוועמער, אַ סך באַקוועמער. מיטן אויטאָבוס איז עס גאָר קיין נסיעה ניט — האָט ער מעכאַניש איבערגע׳חזר׳ט וואָרט ביי וואָרט סערע קאַפּלאַן׳ס רייד.

— פון וואַנען פאָרט ער אָפּ?

— פון דער 42־טער גאַס, אַ טריט פון „טאַימס־סקווער”.

— ס׳איז ווייט, לעיקוואוד?

— ניין, אַ שעה־אַנדערטהאַלבן פון ניו־יאָרק.

— אַז מירן אַנקומען, וועלן מיר גלייך גיין שלאָפן, יאָ? כ׳בין שטאַרק מיד. ס׳איז גוט צו פאָרן מיט דיר, דזשעק — האָט זי פאַרוואָרפן אַן אָרים אַרום זיין נאַקן — דו ווייסט אַלץ.

דזשעק האָט געשוויגן. ווען זיי זיינען אַרויפגעשטיגן איבער די טרעפּ פון סאָבוועי, האָט מאַרין אַריינגעשטעקט איר האַנט אונטער זיין אָרים. אין דרויסן איז נאָך געלעגן אויסגעשפּרייט די נאַכט. דער „טאַימס־סקווער” איז געווען העל באַלויכטן. פאַרשפּעטיקטע נאַכט־פייגל האָבן זיך אַרומגעדרייט ווי אויף אַן עולם־התוהו צווישן ברייט־צעעפנטע כאַפּ־לאַפּ רעסטאָראַנען און שפּיל־לאָקאַלן, אילומינירטע רעקלאַמעס, אַ וואַסער־פאַל פון פּעפּסי־קאָלאַ, שיינענדיקע נעמען פון פילם־סטאַרס, באַרס מיט קאַ־

ליפולע פלעשער און זיג-זאג ליכטער אין די פענסטער. הויך אַרום דער „טאַימס"-געבײַדע האָבן זיך געדרייט מיט לייכטנדיקע אותיות די לעצטע נייעסן פון דער וועלט. דורך אָפענע טירן האָבן זיך געריסן קולות פון זינגער און רווישנדיקע טענער פון דזשאַז.

— ס'עט זיין אַ ביסל צו פרי אַנצוקומען ערגיץ־וואו — האָט דזשעק זיך מיישב געווען אויפן קול.

— לאָמיר כאַפן אַ שפּאַציר, די וואַליזקעס קענסטו דערווײַלע אַרײַנ־שטעלן אין אַ שלאָס-קעסטל אין סאָבוויי — האָט מאַרין אים גע'עצה'ט.

ער האָט איר געפאָלגט. דערנאָך האָבן זיי זיך געלאָזט גיין איבער דעם באַלעבטן בלאָק צווישן בראָדוויי און דער אכטער עוועניו, זיך אָפּ־געשטעלט עסן אַ פראַנקפורטער, פאַרטרונקען מיט אַן אָראַנזשאַדע און באַטראַכט די בילדער אויף די קינאָ-פראָנטן: טיף דעקאָלטירטע פרויען מיט אַנטבלויזטע פולע בוזימס און קאָובאָי'ס מיט רעוואָלווערן אין די הענט אויף גאַלאָפּירנדיקע פערד.

אין בופעט ביי דער אויטאָבוסן-סטאַנציע איז דער עולם געזעסן שווייגנדיק ביי אַ רונדער פאַרבאַנק און האָט געזופּט הייסע קאַווע. באַלד האָט מען אַראָפּגענידערט אין אַ טונעל, צו דער פּלאַטפאָרם, און איינגע־שטיגן אין אַ גרויסן אויטאָבוס. די מאַשין האָט זיך געיאָגט דורך לאַנגע פאַרשלאָפענע עוועניוס. אַ גרויער באַגינען האָט זיך אויסגעשפּרייט אי־בער די פלאַכע באַוואַקסענע זומפּן פון דער אַנדערער זייט האָדסאָן. מאַ־רין האָט אַרויסגעקוקט דורך אַ פענסטער:

— ווי אין אַ פילם! — האָט זי אויסגערופן מיט התפעלות.

אין לעיקוואָוד האָבן זיי זיך אַרומגעדרייט אַ לענגערע ווײַלע ביז זיי האָבן געדונגען אַ צימער. האָטעלן זיינען דאַ געווען אויף יעדן שריט און טריט, און מאַרין איז גרייט געווען אַרײַנצוגיין אין ערשטן בעסטן, אָבער דזשעק האָט זיך געקווענקלט און געשפּרייזט פון גאַס צו גאַס. ס'איז נאָך געווען באַגינען און טיר און טויער זיינען געווען געשלאָסן. נאָר דאָ און דאָרט האָט אַ פרוי געוואַשן אַ טעראַסע. אויף איינעם פון די ראָגן האָט מאַרין אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויף אַ הויך געמויערט הויז קעגנ־איבער:

— אפשר דאָ? ס'איז שוין אָפן, מענטשן גייען אַריין און אַרויס. און ס'האָט באַלקאָנען און אַ שיינעם גאָרטן אַרום.

דזשעק האָט אויפגעהויבן די אויגן און זיין בליק איז געפאַלן אויפן שילד איבערן טויער:

האָטעל דער צעדערבוים
מעסיקע פרייזן, אויפן טאָג, אויף דער וואָך,
געראַמע צימערן, מיט...

ווייטער האָט ער ניט געקענט לייענען. די אותיות האָבן אָנגעהויבן טאַנצן פאַר זיינע אויגן. ער האָט א צי געטאָן מאַרין׳ען ביים אַרבל:

— קום! — האָט ער אויסגערופן אין פאַניק און זיך אַ לאָז געטאָן מיט איילִיקע שריט אין א זייטיקער גאַס. זיין צערודערונג האָט זי מיט־געריסן. זי איז מיטגעלאָפן. ערשט אין מיטן פון קומענדיקן בלאָק האָט זי אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם:

— וואָס איז? וואָס איז געשען?

— גאָרניט.

— האָסט דאָרט עמיצן דערזען? א באַקאַנטן?

— ניין, קיינעם ניט.

— אלא וואָס דען?

— גאָרניט... גאָרניט... — האָט ער געזאָגט און האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ אויף צוריק. די געביידע איז פאַרשוואונדן, אָבער פאַר זיינע אויגן איז נאָך אַלץ געשטאַנען דער גרויסער האָל פון האָטעל, וואָס מען האָט לכבוד יום־טוב פאַרוואַנדלט אין אַ שול: אידן אין טליתים, א חזן זינגט, מען בלאָזט שופר, א ראַבאַי האַלט א דרשה — און מרס. סערע קאַפּלאַן מיט איר מאַן, סעם דער צושניידער, זיצן אויבנאָן, אויף שטולן אין דער ערשטער ריי, און שאָקלען זיך איבער צעעפנטע מחזורים.

— איך פאַרשטיי! — האָט מיטאַמאָל א זאָג געטאָן מאַרין און אים אָנגעקוקט פון דער זייט, מיט פאַרדאַכט.

— וואָס?

— דו קענסט דעם האָטעל, אמת? ביסט שוין דאָ אַמאָל געוועזן מיט עמיצן!

— מיט וועמען?

— מיט א געליבטער!

— ניין, כ׳בין דאָ קיינמאָל ניט געוועזן, מאַרין, און כ׳האָב קיינמאָל

ניט געהאַט קיין געליבטע. דאָרט קומען אָבער היימישע מענטשן, שכנים פון עוועניו „יו". לאָמיר זוכן אַ צימער אין אַן אַנדער געגנט.

— גוט, ווי דו ווילסט! מיט חתונה־געהאַטע מענער איז שטענדיק צרות! — האָט זי אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

זיי האָבן זיך דערווייטערט פון צענטער און געשפּאַנט איבער אַן אַלייע, וואָס האָט זיך געצויגן פּאַזע אַ וואַלד. כמעט אין יעדן הויז איז דאָ געווען אַ האָטעל. מאַרין האָט געלייענט די שילדן און גאָרניט ניט געזאָגט. באַלד זיינען זיי דערגאַנגען צו אַ סקווער אויפן ראַנד פון שטעטל. פון איין זייט איז געלאָפן אַ שאָסיי און פון דער אַנדער זייט האָט אַ שמאָלער וועג זיך אַריינגעשלענגלט צווישן די ביימער פון וואַלד. ביים שייד־וועג האָט זיך געהויבן אַ געזאָלין־סטאַנציע מיט אַ רויטער פּומפּע אין פראָנט, און קעגנאיבער — אַ ד אַ י נ ע ר ; אַ באַראַק אין דער פאָרעם פון אַ וואַגאָן־רעסטאָראַן. ביים אַריינגאַנג צום וואַלד האָט אַ שילד איבער אַ סלופּ אַנגעוויזן מיט אַ פייל: „די גרינע אכסניא, צימערן צום פאַרדינגען, טוריסטן און אויף דער וואַך". זיי האָבן צוגעביסן אויף שנעל אין דאַינער און זיך געלאָזט גיין איבערן שמאָלן וועג צווישן די ביימער.

זיי האָבן געשפּרייזט אַ היפּשע ווײַלע, באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ. דער וואַלד פון ביידע זייטן איז ווי געדיכטער געוואָרן. אַ שטילער פרי־האַרבסט־טיקער אומעט איז געהאַנגען אין חלל. גילדערנע בלעטער זיינען אַראָפּגע־פאַלן און זיך אַ ווײַלע געווירבלט אין דער לופטן. ליכט און שאָטנס האָבן זיך געשפּילט צווישן די צווייגן, און פון צווישן די קוסטעס האָט אַרויס־געקוקט אַ טונקלקייט. דזשעק האָט זיך ווי אָפּגעטונקט אין דער אַרומיקער שלווה'דיקייט און אַ ווײַלע איז אים פאַרגעקומען ווי ער וואָלט פאַר־וואָרפן געוואָרן הונדערטער מײַלן פון עוועניו „יו" און געוואַנדערט אין אַ פרעמדן ווייטן לאַנד. מאַרין איז פון צייט צו צייט אָפּגעטראָטן צווישן די ביימער און האָט געפּליקט בלומען. מיטאַמאָל האָט זי אויסגע־רופן:

— זע נאָר, הינער!

— יאָ, אַ הינער־פאַרם — האָט געזאָגט דזשעק.

זיי זיינען שטיין געבליבן אַ ווײַלע. די פאַרם האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער אַ געהיגלטער פּלאַנקע ביים ראַנד פון וועג — פאַרנט אַ גערוים וואוין־הויז, און הינטן אַ ריי געמויערטע נידעריקע הינער־שטאַלן. יונגע

װײַסע הינדלעך האָבן זיך אַרומגעדרייט איבער אַן אַרומגעצוימטן פעלד דאַנעבן. זיי האָבן פאַררײסן די שנאָבלען און זייטיק, מיט איין אויג, אָנ־געקוקט די אומגעריכטע געסט.

אויפן וועג ווייטער האָבן זיי אָנגעטראָפן מערערע איינצלנע פאַרמס, וואָס זיינען געלעגן צעשאָטן אין וואַלד. אויך דער האָטעל האָט ניט אויסגעזען קיין סך אַנדערש, נאָר קיין הינער האָבן זיך דאָ ניט געוויזן. דאָס הויז איז פראַנט איז באַשטאַנען פון צוויי גאָרנס און איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ געפלאַסטערטן שאָסיי פאַר אויטאָמאָבילן. אויף אַ לאַנקע דאַנעבן, צווישן זאַמדיקע שטעגן און פאַרוועלקטע בלומען־קוס־טעס, זיינען געשטאַנען עטלעכע וויג־שטולן, און איבערן טויער ביים אַריינפאָר איז געהאַנגען אַ גרויסער שילד: „די גרינע אכסניא".

אינעווייניק האָבן זיי צוויי מאָל געדריקט דאָס קנעפּל ביי דער ביור־ראָ־טיר איידער עס האָבן אָפּגעהילכט טריט אין הינטערגרונט. דער בעל־הבית, אַ מאַן אין די פופציקער, מיט פאַרשלאָפענע אויגן און ווייכע פּאַנ־טאָפל אויף די פיס, האָט אַ ווײַלע אָנגעקוקט מיט פאַרדאַכט דאָס יונגע פּאָרל וואָס איז צו אים אַריינגעפאַלן אַזוי פרי באַגינען — ער מיט אַ קליינעם רענצל און זי מיט אַ בוקעט ווילדע בלומען אין דער האַנט.

— איר זיינט געקומען מיט אַ מאַשין? — האָט ער אַ הוסט געטאָן. ער האָט געהאַט אַ פּליך אויפן קאָפּ און גרויע האָר אַרום די שלייפן.

— ניין, מיטן אויטאָבוס — האָט געזאָגט מאַרין — דאָס גערעק האָבן מיר געלאָזן אויף דער סטאַנציע, אין לעיקוואָוד.

— פון ניו־יאָרק?

— פון ניו־יאָרק.

— גוט, כ'וועל פאַרבייפאָרן שפּעטער און עס אַהער־ברענגען — האָט דער בעל־הבית זיך פאַמעלעך אויסגעטשובעט — אַט זיינען די רעג־יסטראַציע־קאַרטלעך — האָט ער פאַר זיי אַוועקגעלייגט אַ גרינעם פאָר־מולאַר מיט אַ פען אויפן קליינעם ביוראָ.

דזשעק איז שטיין געבליבן אַ צעטומלטער. „מר. און מרס. סמיטה" — האָט מאַרין אַ מורמל געטאָן און אים אָנגעוויזן מיט אַ פינגער אויף דער רובריק „נאָמען". ביי דער שורה „אדרעס" איז זיין האַנט ווידער הענגען געבליבן אין דער לופטן. „18־טע גאַס מאַנהעטן..." — האָט זי אים אונ־טערגעזאָגט אַן אַדרעס פון דער „הפטורה". ער האָט גע'חתמ'עט זיין נאָ־

מען. „פון וואנען ווייסט זי דאס אלץ?" — האט א געדאנק אים געמאַ־טערט בעת דער פּראַצעדור — „זי איז שוין זיכער געווען מיט א מאן אין א האָטעל!"

— מיט פּענסיאָן? — האט געפרעגט דער בעל־הבית.

— ניין, א צימער בלויז — האט געזאָגט מארין — מיט א פּרי־וואַטן באָד־צימער.

— איר וועט פארבלייבן לאַנג?

— עטלעכע טעג מסתמא. א וואָך אפשר.

מען איז מושווה געוואָרן וועגן פּרייז. נאָך א קורצן ישוב־הדעת האט דער בעל־הבית זיך אויסגעדרייט צום טרעפּן־גאַנג:

— דער נומער 24 איז גרייט? — האט ער אַרויפגעשריען.

— אה?... גרייט! — האט א פרויען בת־קול צוריקגערופן פון אויבן. באלד איז אויף די אונטערשטע טרעפּ דערשינען א מיטליעריקע פרוי אין א פאַרטוך, מיט א שמייכל אויף די ליפּן. זי האט אַרויפבאַגלייט די געסט אויפן צווייטן גאָרן און געעפנט א זייטיקע טיר צו א צימער.

דזשעק האט פרייער אָפּגעאָטעמט צווישן די פיר אָפּגעשלאָסענע ווענט. מארין האט בודק געווען דאס בעט און די קאָמאָד, געעפנט די טיר צו דער שאַפע און צום באָד־צימער און אריינגעקוקט אינעווייניק, פאַרשקענדיק דאַביי מיט די נאָזלעכער. זי האט א געניץ געטאָן און זיך צוגעזעצט אויפן ראַנד פון בעט:

— כ'בין טויט מיד! כ'וועל זיך צולייגן כאַפּן א דרימל — האט זי געזאָגט.

ער איז צוגעגאַנגען צום פענסטער, האט אַרויפגעצויגן די רולעט און האט אַרויסגעקוקט. הינטער א הויף מיט בעטאָנענע הינער־שטאַלן האט זיך אויסגעשפּרייט א ברייט פעלד און זיך אריינגעשניטן אין א וואַלד, וואָס האט זיך געגרינט אין אלע זייטן. ווייט, אויפן האָריזאָנט, איז אויפ־געשטיגן די זון און באַלויכטן די שפּיצן פון די ביימער. א העלע רואי־קייט איז געלעגן אויסגעגאָסן אויפן דרימלענדיקן אַרום. הינטער אים האט א סקריפּ געטאָן די בעט. סילוויע איז שוין זיכער אויפגעשטאַנען — איז אים מיטאַמאָל איינגעפאַלן — זי איז אַראָפּ אונטן: די סטאַרקע איז טונקל, צוגעמאַכט, דער טאָפּ אויפן גאַז שטייט קאַלט און דער געשטעל פאַר דער טיר איז ליידיק.

ער האָט זיך פּלוצלונג דערפילט פרעמד און אומהיימלעך צווישן די פיר ווענט. אַנטלויפן? — האָט אַ ווייטער עכאָ אָפּגעקלונגען אין זיינע אויערן — ער איז דאָך שוין אַנטלאָפן! ער האָט אומגעדרייט דעם קאָפּ. מאַרין איז געלעגן אויסגעצויגן ביים ראַנד פון בעט, די פיס עטוואָס איינגעקורטשעט אונטערן בויך, דער קאָפּ פאַרוואָרפן אין אַ זייט. ער האָט האַסטיק אַ שפּריין געטאָן, איז שטיין געבליבן ביים בעט און זיך אַ בויג געטאָן איבער איר. זיינע פינגער האָבן באַרירט איר אַנטבלויזטן אָרים. זי האָט האַלב געעפנט די אויגן און אַ לייכטער שמייכל האָט אַ שוועב געטאָן איבער אירע ליפּן:

— אָה, דזשעק? — האָט זי, אַ פאַרשלאָפענע, אַ מורמל געטאָן און זיך אָפּגערוקט, ווי מאַכנדיק פּלאַץ פאַר אים.

ער האָט זיך אויסגעצויגן לעבן איר און זי צוגעדריקט צו זיך. די וואַרימקייט פון איר לייב האָט דורכגעשלאָגן דורך אירע קליידער און ער האָט געפילט די רונדקייטן פון איר גוף אַנטקעגן זיך. די אויפגעוואַכטע לוסט האָט פאַרטריבן די שאָטנס און צעבלאָזן דעם אומעט און אומרו. איצט איז ער אַנטלאָפן, ווייט־ווייט, אַ סך ווייטער ווי לעיקוואָוד! ער האָט זיך אַ בויג געטאָן איבער איר און באַרירט איר מויל, אָבער אירע ליפּן זיינען געבליבן פאַרשלאָסן. זיינע פינגער, אומגעדולדיקע, האָבן צעשפּילעט איר בלוזקע. אַ פאַרשלאָפענע איז זי געווען נאָכגיביק און זיך ניט קעגנגעשטעלט. אירע בריסט, אַנטבלויזטע, האָבן אַרויפגעקוקט צו אים. זיי זיינען געווען העל און רונד. ער איז צוגעפאַלן צו איר לייב. אַ שטילער ברום האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיין האַלדז און ער האָט דערפילט אַ שאַרפן טעם אויף דער צונג.

— נו, גענוג אויף איצט, דזשעק! — האָט זי אַ מורמל געטאָן.

ער האָט זי אָפּגעלאָזט. נאָר זיינע פינגער האָבן צערטלעך געגלעט די האָר איבער די נאַקן. אָבער הינטער דעם רויש האָבן געלויערט ניכטערע געדאַנקען און טונקעלע שאָטנס. זיינע פינגער האָבן זיך אַראָפּגעשאַרט איבער איר רוקן. זי האָט געעפנט די אויגן:

— ביסט אַזוי אומגעדולדיק!

— יאָ... יאָ... — האָט ער געמורמלט אומזיניק.

— שפּעטער, גוט, דזשעק?

— מאַרין! — האָט זיין קול זיך געבעטן.

— גלייך איצט? — האָבן אירע ליפּן זיך צעעפנט אַנטקעגן אים. אירע היפטן האָבן זיך אַ וויג געטאָן אונטער דער באַרירונג פון זיינע פינגער. — נו, גוט, — האָט זי אַ זיפץ געטאָן מיט רעזיגנאַציע — כ'וועל זיך נאָר אַ ביסל אַרומוואַשן.

זי איז אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט און האָט אַ זוך געטאָן דאָס רענצל.

— אַט דאָרט, אונטערן טיש — האָט ער געזאָגט — ביסט בייז אויף מיר?

— בייז? פאַרוואָס? — האָט זי געעפנט דאָס רענצל און אַ נישטער געטאָן אינעווייניק.

זי איז אַריין אין באָד־צימער און האָט צוגעמאַכט די טיר הינטער זיך. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף אַן עלנבויגן און אויפגעהאָרכט. פון איבער דער וואַנט איז דערגאַנגען דער גערויש פון שפּריצנדיקן וואַסער אונטערן דוש. ער האָט זי געזען אַ נאַקעטע, מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס און אויסגעבויגענעם קערפּער אונטערן שטראָם. דאָס הודזשען פון וואַסער האָט זיך איינגעשטילט און באַרוויסע שריט האָבן זיך אַ שלייף געטאָן אַהין און אַהער. ער האָט זיך אַראָפּגעשאַרט פון בעט, האָט אַ שפּרייז געטאָן צו דער טיר און געלויערט מיט אָנגעשפּיצטע אויערן צו יעדן שאָרך אויף דער אַנדער זייט. אַלע זיינע חושים זיינען ווי פאַר־שאַרפט געוואָרן דורך איין פאַרלאַנג. ער האָט ליכט אויפגעציטערט ווען די טיר האָט זיך אַן עפן געטאָן און מאַרין איז דערשינען אויפן שוועל. זי איז געווען איינגעוויקלט אין אַ לאַנגן ווייסן באָד־טוך. אירע הענט, פאַרלייגט איבערן בויך, האָבן צוזאַמענגעהאַלטן די ראַנדן און ווי אויס־באַהאַלטן איר נאַקעטקייט. טראָפּנס וואַסער זיינען אַראָפּגעפאַלן פון אירע האָר, זיך געקייקלט איבער איר האַלדז, איבער די הוילע פיס. זי האָט אַ לאַך געטאָן:

— מיין שלאָף־ראָק איז אין דער גרויסער וואַליזקע, אויף דער סטאַנ־ציע — האָט זי געזאָגט.

אַן אויגנבליק האָט ער זיך ניט גערירט. אַט איז זי געשטאַנען פאַר אים: אַ געקרייזלטער וואָלקן איינגעטונקט אין קאַיאָר־רויט, דער טרוים — אַ טרוים אין אַ באָד־טוך; ער האָט אים געקענט באַרירן, שפּירן מיט די חושים. ער האָט זי אַרומגענומען און זי האָט זיך געטוליעט צו אים.

אירע הענט האָבן זיך אויסגעשפּרייט און דאָס טוך האָט זיך אַראָפּגע־גליטשט פון אירע אַקסלען, זיך אַ שאָר געטאָן און געפאַלן צו זייערע פיס. איצט האָט זיך אַנטפּלעקט די פּרוי — בשר ודם, איינגעהילט אין אַ שלייער פון בענקשאַפט און לוסט. ער האָט אַ זוך געטאָן איר מויל, און איר צונג, אַ וואַרימע און פייכטע, האָט אַ צאַפּל געטאָן צווישן זיינע ליפּן. זי האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, אים אַנגענומען מיט די פינגער ביי די אַקס־לען און זיך אַ בויג געטאָן אויף צוריק:

— האָסט מיך ליב, דזשעק? — האָט זי אים אַריינגעקוקט אין די אויגן.

— יאָ, מאַרין.

— באמת?

— יאָ, זיכער!... אָה, דו שמעקסט אַזוי גוט!

— ס'איז די זייף — האָט זי אַ לאַך געטאָן.

— ביסט מיינע, יאָ?

— יאָ — האָט זי געזאָגט און איר שוים האָט אַ ציטער געטאָן אַנט־קעגן אים.

זי האָט אַ שפּרייז געטאָן הינטערווייַלעכטס און אַ זוך געטאָן מיט אַן אויסגעשטרעקטן אָרים הינטער זיך. מיט אַ פלינקער האַנט־באַוועגונג האָט זי אַ צי געטאָן די דעקע פון בעט. די ווייסע לייַלעכער האָבן אַ מיגניע געטאָן פאַר די אויגן. די שטראַלן פון דער זון האָבן זיך אַריינ־געריסן דורך די שויבן פון פענסטער און זיך אַ שפּיל געטאָן אויף זייערע לייבער.

קאַפּיטל אַכצן

מלכים און חז"ל

א זייגער עלף איז סילוויע ווידער אריין אין דער טעלעפאָן-בודקע און האָט א דריי געטאָן דעם פּעטערס נומער. באלד האָט זי דערהערט זיין קול:

— העללאָו, יאָ?

— העללאָו, אַנקל!

— העללאָו, סילוויע! — האָט ער גלייך דערקענט איר שטימע — וואָס מאכסטו?

— גוט... א דאַנק...

— ווי איך זע, האָסטו היי־יאָר זיך דערמאָנט באצייטנס אָפּצורופן דיין אַנקל און אים ווינטשן א גוט יאָר. לשנה טובה!

— שוין איינמאָל א גוט יאָר!... — האָט סילוויע א זאָג געטאָן און זיך פארהאקט. אין האַלדז האָבן איר ווידער געשטיקט טרערן.

— וואָס איז געשען?

— די מאַמע...

— וואָס, די מאַמע? זי איז עפּעס ניט מיט אַלעמען, חס ושלום?

— ניין, זי איז אָבער נעלם געוואָרן.

ר' כתריאל האָט זיך באַרואיקט:

— נו, מילא, ס'איז ניט דאָס ערשטע מאָל — האָט ער גערעדט געלאסן — זאָל דזשעק אַרויסגיין זי אויפזוכן. ער איז א מאַדים אויף אויסצוגעפינען וואוהין זי גייט אַוועק.

— שוין איינמאל א מאדים!... ער האט שוין איינמאל געפונען!...
האט סילוויע אריינגעברומט אין טעלעפאן.

— וואס האסטו צו דזשעקן? וואס איז ער שולדיק?

— ער איז אויך פארשוואונדן געווארן.

— ווער? דזשעק?

— יא.

— ווען?

— היינט ביינאכט אדער באגינען, כ׳ווייס ניט.

— כ׳הויב ניט אן צו פארשטיין, וואס דו רעדסט. וואס מיינסטו?

— ווען איך בין אויפגעשטאנען אין דערפרי, איז ער שוין ניט געווען אין שטוב, און ביז איצט האט ער זיך ניט געיאוועט; ניט ער, ניט די מאמע, ווי אין וואסער אריין.

— אפשר זיינען זיי ביידע אוועק צוזאמען צו „סליחות" — האט געזאגט ר׳ כתריאל האלב אין ערנסט האלב אין שפאס.

— צו „סליחות"? די אמת׳ע „סליחות"! צו א שיקסע איז ער אוועק, ניט צו „סליחות".

— וואס זאגסטו? צו וועמען? — האט ר׳ כתריאל ניט געוואלט גלויבן זיינע אייגענע אויערן.

— אט דאס וואס איר הערט, אנקל.

— דו מיינסט עם ערנסט?

— יא, א שיקסע, א בלאנדע.

— מילא, א בלאנדע צי א שווארצע, דאס איז שוין אלציינס. ס׳איז ווי סע שטייט געשריבן: שתי כפרות ביום אחד. אבער פון וואנען ווייסטו? דו ביסט זיכער?

— איך ווייס ניט.

— איז אפשר איז ער סתם אזוי ערגיץ צוגעגאנגען און זיך פארזאמט? מען טאר ניט רעדן קיין לשון הרע, סילוויע — האט ר׳ כתריאל זי גענומען מוסר׳ן — בפרט ערב די ימים נוראים. אפילו וועגן זיך אליין טאר א מענטש קיין רכילות ניט רעדן. מען דערציילט וועגן חפץ־חיים...

— כ׳האב ניט קיין סך צייט, אנקל!

— אבער וועגן חפץ־חיים מעגסטו הערן, ס׳עט דיר גארניט שאדן. ביי אונדז, אז ס׳האט זיך עפעס געמאכט אין דער משפחה, איז מען ארי-

בערגעפאָרן צום חפץ־חיים און ער האָט געגעבן א ברכה, און ס'איז אַלץ געוואָרן גוט און וואויל.

— וואו וואוינט ער דער ראַבאַי חיים? — איז שוין סילוויע גע־וואָרן נייגעריק — אין וויליאַמסבורג?

— אָה, ווען דער חפץ־חיים וואָלט נאָך געלעבט! — האָט ר' כתריאל א זיפץ געטאָן — די גאַנצע וועלט וואָלט אַנדערש אויסגעזען. ניטאָ היינט אַזעלכע גאונים און גוטע אידן, און דערפאַר האָט טאַקע די וועלט אַזאַ פּנים. איז דערציילט מען וועגן חפץ־חיים... וואַרט איין רגע'לע, סילוויע, כ'וועל נאָר א קוק געבן, צי דבורה גיט זיך אַן עצה מיט די קונים, כ'קום גלייך צוריק.

ער האָט אוועקגעלייגט דעם טעלעפאָן. סילוויע האָט געוואַרט. באַלד האָט זי ווידער דערהערט זיין שטימע:

— די קונים? קוילע מיינע גענדז! איין אידענע און בסך־הכל האָט זי כלל ניט בדעה עפּעס צו קויפן. מילא... יאָ, איז דערציילט מען וועגן חפץ־חיים, אַז ער איז איינמאָל געפאָרן מיט א פרעמדן בעל־עגלה, וועל־כער האָט אים, דעם חפץ־חיים, ניט געקענט. און דער חפץ־חיים איז, בידוע, געווען א גרויסער עניו. איז כדי זיך צו מאַכן קליין, מיט שטויב צוגלייך, האָט ער אויפן וועג אָנגעהויבן צו דערציילן דעם בעל עגלה וועגן אַלערליי חטאים, וואָס ער איז מכלומר'שט באַגאַנגען: געזאָגט ליגן, צוגע־נומען יענעמס, חס ושלום, מאַלע וואָס. אַז דער בעל־עגלה האָט דערזען מיט וואָס פאַר א פאַרשוין ער האָט דאָ צו טאָן, האָט ער גענומען די בייטש און האָט אים אָנגעהויבן דערלאַנגען די אמת'ע קלעפּ. מילא. אַז מען איז געקומען אין שטעטל, וואוהין זיי זיינען געפאָרן, איז דאָך דער עולם זיי אַרויס אַנטקעגן מקבל פּנים זיין דעם חפץ־חיים, און אַז דער בעל־עגלה האָט דערזען וואָס ער האָט דאָ אָפּגעטאָן, איז ער א דערציטערטער געוואָרן און האָט גענומען בעטן מחילה ביים גאון. מאַכט צו אים דער חפץ־חיים: „איר זיינט גאָרניט שולדיק, ר' איד! איר קענט זיך אָפּלערנען א מוסר־השכל פון דער זאַך: אַז א מענטש טאָר ניט רעדן קיין רכילות, אפילו ניט אויף זיך אַליין און אפילו ניט צוליב עניוות. און וויל איך האָב גערעדט רכילות אויף זיך, בין איך באַשטראָפט געוואָרן, און איר זיינט גאָר געווען דער שליח."

סילוויע האָט אויסגעהערט ווי אויף הייסע קוילן. זי האָט געקענט דעם

פעטער כתריאל: ער האט ליב געהאט צו ברענגען משלים און ציטירן קלוגע רייד פון די הייליקע ספרים און צו דערציילן לאנגע מעשיות מיט א מאראל. איצט וועט ער אלץ אויסשיטן אויף איר קאפ. אויב זי וועט אים פרעגן אן עצה, וועט עס זיין א מעשה אן א סוף.

— זאגט מיר, אנקל — האט זי גענומען רעדן תכלית — איר וואלט מיר געקענט צושיקן אייער רבקה'לען אויף א פאר טעג? איך בין איינינקע אליין, ווי וועל איך זיך אן עצה געבן?

— ס'הייסט ס'איז טאקע אמת? — האט ר' כתריאל זיך א גלעט גע־טאן די שפיץ באָרד אויף דער אנדערער זייט טעלעפאן־ליניע — כ'האב געמיינט, אז איך וויים, מאלע וואס אן אשה דאכט זיך אלץ אוים.

— איך האב אויך געמיינט... אבער דזשעק איז ניטא און כ'האב מורא אז ער וועט זיך אזוי שנעל ניט ווייזן. מארין'ס מוטער איז דא איצט ביי מיר. אזוי הייסט, זי דאס מיידל, מארין. און מרס. א'ברייען, איר מו־טער, זאגט מיר, אז אויך מארין איז היינט ביינאכט נעלם געווארן פון דער היים. ניין, ס'איז ניט גלאטיק... איצט פארשטייט איר שוין?

— אבער ווי קומט ער צו איר? פון וואנען קען ער זי?

— זי פלעגט אריינקומען צו אונדז ארויסהעלפן אויף א פאר שעה: נעמען מייקלען אויף א שפאציר, אין סטארקע אמאל. ווער זאל זיך עס ריכטן אויף אזא אומגליק?

— אונדזערע חז"ל האבן געזאגט: „אחורי ארי ולא אחורי אשה" — האט דער פעטער א מורמל געטאן מער אין באָרד ווי אין טעלעפאן.

— וואס זאגט איר, האבן זיי געזאגט?

— גארניט, גארניט — האט ר' כתריאל זיך פארכאפט. גיי, פאר־טייטש אזא רעיון אן אמעריקאנער מיידל! אויף לשון קודש האט עס א זינען: א מאראל, א מוסר־השכל, אבער בלע"ז?

— און צו וואס האט איר זי געהאלטן? — האט ער אנגעהויבן טענה'ן — סע שטייט געשריבן: „לפני עוור לא תתן מכשול", פאר א בלינדן זאלסטו קיין שטרויכלונג ניט לייגן.

— ווער איז בלינד?

— פון וואנען האט זי זיך גענומען צו אייך?

— פון וואנען?... טאקע פון וואנען?... יא, ווארט, דאס האט טאקע

דזשעק אליין זי אראפגעבראכט. אנומלט, פאר פסח דאכט זיך, ווען ער איז געגאנגען זוכן די מאמע, האט ער זי געפונען, די מציאה.

— שוין באלד אזוי ווי ביי שאול המלך, נאר פונקט פארקערט — האט ר׳ כתריאל געלערנט א גזירה שווה.

— וואס פאר א מלך? העללאו!

— שאול המלך. איידער ער איז געווארן א מלך, שאול, איז ער געווען א פאסטוך. איז ער איין מאל געגאנגען זוכן זיינע פארלארענע אייזלען, און ער איז צוריק געקומען מיט דער מלוכה.

— אבער וואס טוט מען?

— שלמה המלך האט געזאגט...

— שוין ווידער א מלך? — איז אים סילוויע אריינגעפאלן אין די רייד.

— ס׳הייסט א מלך? שלמה המלך איז ביי איר סתם א מלך! שלמה המלך איז געווען א חכם מכל אדם, דער קליגסטער פון אלע מענטשן אויף דער וועלט, און ער האט געהאט טויזנט ווייבער, און צום סוף האט ער געזאגט: הבל הבלים אמר קוהלת, ס׳איז אלץ גארניט, גארניט מיט גאר־ניט. און אין משלי האט ער געזאגט מאשה זרה, מנכריה, אמריה החליקה: א פרעמד ווייבל מיט א גלאטן צינגל.

— אבער ווער האט זיך עס געקענט ריכטן אויף דזשעק׳ן? — האט סילוויע א זיפץ געטאן.

— און נאך האט ער געזאגט, שלמה המלך הייסט עס, אין משלי טאקע: מים גנובים ימתקו, גע׳גנב׳עט וואסער איז זיס.

— דער אמת׳ער צדיק! צוערשט האט ער געפירט ליבעס מיט טויזנט ווייבער, און אויף דער עלטער האט ער זיך גענומען פרעדיקן מאראל — האט סילוויע אויסגעלאזט איר ביטער הארץ צו שלמה המלך.

— און די חז״ל האבן געזאגט — — —

— ווער זיינען די חז״ל? — האט סילוויע אים איבערגעהאקט.

— אונדזערע חכמים, זכרונם לברכה, די חכמי־התלמוד, די...

סילוויע האט פארלארן די געדולד:

— געוואר מאיגד די חז״ל! — האט זי אויסגערופן — שיקט מיר ליבערשט צו אייער רבקה׳לען אויף א פאר טעג. איך וועל גוט אכטונג געבן אויף איר. איר וועט זי שיקן?

— אַ ברירה האָב איך? אָבער דאָס עסן מוז זיין כשר און אויף שבת מוז זי קומען אַהיים, און...

— אוודאי כשר! אפילו דאָס סעלצער איז ביי אונדז כשר! און מיר׳ן זי אָפּהיטן ווי אַן אויג אין קאָפּ. אַזאַ אומגליק!... אין מיטן נאַכט!...

— אוודאי אין מיטן נאַכט! ויהי בחצי הלילה, אַלץ איז געשען אין מיטן נאַכט!

סילוויע האָט אַ ציטער געטאָן. זי איז איצט גרייט געווען זיך אָנצו־כאַפּן אָן אַ שטרוי:

— אַלץ? וואָס אַלץ? — האָט זי אויסגעשריען. אין אירע אויגן איז אַנקל כתריאל פון תמיד־אָן געווען אַ נודניק און אַ הייליקער צוגלייך. ווער ווייסט: אפשר האָט ער עפּעס אַ שליטה איבער מיסטישע כוחות און ער זעט אין וויליאַמסבורג וואָס עס קומט פאָר אויף עווניו „יו"?

— ס׳הייסט אַלץ? אוודאי אַלץ! — האָט ר׳ כתריאל זיך אַ שאָקל געטאָן און אָנגעהויבן זאָגן מיט אַ ניגון:

„דער אויבערשטער האָט אַרויסגעראַטעוועט שרה׳ן פון מלך גרר — ויהי בחצי הלילה;

„די בכורים פון מצרים האָבן געקראָגן מכות — ויהי בחצי הלילה;

„דניאל׳ן האָבן זיך אַנטפּלעקט די סודות פון דער וועלט — ויהי בחצי הלילה"...

סילוויע איז געווען אַנטוישט: „אַלטע מעשיות"! — האָט זי אַ מאַך גע־טאָן מיט דער האַנט — „ער זאָגט עס דאָך יעדן פּסח צום סדר"...

— גוד־באַי, אַנקל כתריאל, אַ גוט יאָר, לשנה טובה! גריסט דער טאַנטע דבורה! זאָגט רבקה׳לען, אַז איך וואַרט אויף איר. גריסט דער גאַנצער משפּחה, אַלעמען! אַ שיינעם האַרציקן דאַנק אייך — האָט זי אַ רעד געטאָן שנעל, און איידער דער פעטער האָט באַוויזן צו פאַרענדיקן דעם פּזמון פון דער הגדה האָט זי אויפגעהאַנגען דאָס טרייבל.

זי איז פּאַוואָליע געקומען צו זיך. זי האָט זיך מער ניט געפילט אַזוי פאַרלאָזן און פאַרלאָרן ווי באַלד אין דערפרי. זי האָט זיך אונטערגעגעבן דעם גורל, אָבער אָן רעזיגנאַציע און אָן פאַרצווייפלונג. פאַרקערט, זי איז אפילו פול געוואָרן מיט ענערגיע און מוט. זי וועט איצט מוזן בויען אויף זיך אַליין! אויף וועמען זאָל זי זיך פאַרלאָזן? אויפן פעטער מיט זיינע חז"ל? אויפן קלוגן מלך מיט זיינע פאַרלאָרענע אייזלען און טויזנט ווייי־

בער? זי האָט געענטפערט קונים, געמאַכט באַשטעלונגען ביי סעילס־לייט, געמאַכט פּלענער און געוואָשן מיט כוונה די גלעזער אונטערן הודזשענדיקן שטראָם פון קראַן. טיף אין האַרצן האָט זי אָבער אַלץ געהאָפט, אַז אָט־אָט וועט זיך אַן עפן טאָן די טיר און דזשעק מיט דער מאַמען וועלן דערשיינען אויפן שוועל. און ווען מרס. אָ׳ברייען האָט נאָכמיטאָג זיך גענומען קלייבן אַוועקצוגיין, האָט סילוויע צו איר אַ זאָג געטאָן:

— ווער ווייסט, אפשר איז שוין מאַרין צוריק געקומען אַהיים?

— כ׳גלויב ניט — האָט געזאָגט מרס. אָ׳ברייען — כ׳האָב אָפּגערעדט מיט מיין אַלטן, אַז אויב מאַרין וועט זיך ווייזן, זאָל ער מיר גלייך אָפּרופן אויפן טעלעפאָן, אָדער זיך גאָר צוכאַפּן אַהערצו אויף זיין טאַראַדאַיקע.

ערשט איצט זיינען סילוויעס געקומען אויפן זינען די לאַנגע רייד פון מרס. אָ׳ברייען, וואָס אין איר גרויס צעטומלעניש האָט זי בשעת־מעשה קוים אויפגעכאַפּט זייער מיין.

— וואָס האָט איר מיר דערציילט היינט אין דערפרי? — האָט זי געפרעגט — אַז אייער מאַן איז אויך אַמאָל אַוועק פון דערהיים?

— יאָ... ס׳איז אַן אַלטע געשיכטע — האָט מרס. אָ׳ברייען איצט אַוועקגעמאַכט די גאַנצע מעשה מיט דער האַנט.

— ער איז דאָך אַוועק קיין אירלאַנד, אמת? ווען מען האָט זיך דאָרט געשלאָגן פאַר דער פרייהייט...

— וואָס פאַר אַן אירלאַנד? וואָס פאַר אַ פרייהייט? — איז מרס. אָ׳ברייען ווידער געוואָרן אַנגעצויגן, ווי סילוויע וואָלט אָנגערירט אַ באַ־האַלטענע סטרונע אין איר האַרץ — מיט דער הולטאַיקע איז ער אַוועק, מיט איליין, דער אויסוואָורף. זיי האָבן זיך אַרומגעשלעפּט ערגיץ איבער דער סאַוטה, אין קאַליפאָרניע, ווער ווייסט וואו? ביז זי איז אים מיאוס געוואָרן... אָדער ער איז איר מיאוס געוואָרן און זי האָט געפונען אַן אַנדער יאָלד, אַ ייִנגערן...

— אַבי מיר האָבן געמיינט, אַז ער איז געפאָרן קיין אירלאַנד... קעמפן...

— די אַלטע מעשה! אוודאי איז מען געפאָרן קעמפן אין אירלאַנד, אויך פון בעי-ווילעדזש איז מען געפאָרן, אָבער ניט ביל; און געווען איז עס מיט יאָרן פריער, ווען מאַרין איז נאָך אויף דער וועלט ניט געווען. דאָס האָט מען זי נאָכדעם איינגערעדט. אָנקל פּאַטריק האָט עס צוגעטראַכט.

מעז האָט זיי דאָך עפּעס געמוזט דערציילן, די קינדער, נײַן? גיי דער־צייל א קינד א מעשה, אַז דער טאַטע האָט געמאַכט „ויברח" מיט עפּעס אַן אויסגעלאָסענער מויד. נאָכהער האָט זי סיי־ווי געהערט דעם אמת, מאַריז, מענטשן האָבן לאַנגע צינגער, אָבער זי האָט זיך געהאַלטן ביי אָנקל פּאַטריק'ס פּירוש. זי איז דעם טאַטנ'ס א קינד!

קאַפּיטל ניינצן

די אַנטדעקונג פֿון דער לעיקוואָדער ציוויליזאַציע

ווידער האָט געררוישט דאָס וואַסער אין באָד־צימער און דזשעק'ן איז פֿאַרגעקומען אַז ער הערט דאָס זשומען פֿון סאָדאַ־קראַן הינטער דער פֿאַר־באַנק. מאַרין'ס געשטאַלט איז דערשינען אויפֿן שוועל. ער האָט זי אָנגע־קוקט דורך פֿאַרזשמורעטע אויגן. זי האָט אויסגעזען הויך און סטאַטועסק, די רונדקייטן בשפֿע'דיק פֿול. איר הויט האָט זיך געהעלט, ווי באַשיינט פֿון דער זון. אַ באָרוויסע, האָט זי זיך אַ שלייך געטאָן דורכן צימער און זיך אַ בויג געטאָן איבער אים. ער האָט זיך געטוליעט אין אירע פֿעסטע אָרעמס. איר לייב איז געווען קיל און פֿריש, און איר קרעפּטיקער גוף — אונטערטעניק. ער איז פֿאַרזונקען אין אַ טיפֿן שלאָף.

ווען ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, איז שוין מאַרין געזעסן האַלב־אָנ־געטאָן אויפֿן ראַנד פֿון בעט. אויף אַ שטול דאַנעבן זיינען געלעגן אָנגע־וואָרפֿן אין אַ מיש־מאַש זייערע מלבושים. ער האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און געוואָרפֿן אַ בליק צום פֿענסטער. פֿון דער ווייט האָבן אַריינגעקוקט צווייגן פֿון ביימער און אַ בלויער הימל. אַרום איז געווען שטיל. מאַרין האָט אַ שמייכל געטאָן צו אים:

— זיך אויסגעשלאָפֿן?

— יאָ, ס'איז שוין שפּעט?

— אַרום צוויי אַ זייגער.

דזשעק האָט אויסגעשטרעקט די אָרעמס, אַ גענעץ געטאָן און זיך צוריק אויסגעצויגן אויפֿן בעט. מאַרין האָט אַריינגעקוקט אין אַ שפּיגעלע און צוגעפֿאַרבט די ליפּן מיט רויט:

— כ'וואָלט נאָך אויך אַ ביסל געבליבן אין בעט, אָבער ס'הונגערט מיך — האָט זי געזאָגט — מיטאָג־צייט איז שוין לאַנג פאַרביי.

— איך שטיי גלייך אויף — האָט ער געזאָגט.

ער איז אַראָפּ פון בעט און זיך גענומען אָנטאָן. צוויי אַ זייגער? מרס. סערע קאַפּלאַן איז שוין אוודאי אָפּגעטראָטן אין סטאָרקע און זי לייענט אַצינד די פאָרזעצונג פון „די געהיימניסן פון די פּריסטער אין טעמפּל פון בבל" — וועגן די הייליקע זונות און די פעטע סריסים, און אַ צניעות'־דיקער יתומה פון צווישן די פּאַרטריבענע פון לאַנד יהודה, וואָס איז נעבעך אַריינגעפאַלן צווישן זיי; וועגן נבוכדנאצר'ס משונה'דיקע חלומות און וועגן דניאל'ס זעאונגען וועגן סוף פון די טעג. און וואָס זאָגט מרס. סאַנדראַ? איצט וועט זי, סאַנדראַ, גיין איס זוכן, דזשעק'ן!... זיינע ליפּן האָבן זיך פאַרקרימט אין אַ שמייכל. מאָרין האָט זיך צוגעשלייכט און איז שטיין געבליבן הינטער אים:

— גיסט מיר גאָרניט קיין קוש?

— יאָ — האָט ער זיך אויסגעדרייט און פאַרלייגט אַן אָרים אַרום איר טאַליע. ער האָט איר דערלאַנגט אַ שנעלן קוש אויף דער באַק, האָט זיך אַראָפּגעבויגן און גענומען פאַרשניורעווען די שיך.

— מיר'ן זיך אַראָפּכאַפּן אין שטעטל עפּעס איבערבייסן, גוט? — האָט געזאָגט מאָרין.

— אָ. קעי. — האָט געזאָגט דזשעק און זיך געלאָזט גיין אין באָד־צימער. ער האָט פאַרקנייטשט דעם שטערן און צוגעמאַכט די טיר הינטער זיך. אין שטעטל? ס'הייסט אין לעיקוואוד?... סערע קאַפּלאַן'ס געשטאַלט איז אויסגעוואַקסן פאַר זיינע אויגן. אַרתחששתא, תגלת פלאסר, שלמנאסר, בלשאצר — האָבן נעמען פון פאַרצייטיקע מלכים זיך גענומען באַמבלען אין זיין געדעכטעניש. ער האָט אויפגעדרייט דעם קראַן און געהאַלטן אַ לאַנגע ווײַלע דעם קאָפּ אונטערן קאַלטן שטראָם. אחשתרנים, אחשדרפנים, אַלקאַפּאָנע, גראַף פּאָטאָצקי, אויל־מרודך. ער איז פאַמעלעך וואַך געוואָרן. מען וועט דאַרפן וואָס גיכער אַוועק פון לעיק־וואוד! וואוהין? גוט, מע'ט זען!... נאָך אַ טאָג, מע'ט זען!...

זיי האָבן זיך געלאָזט איבער דעם וואַלד־וועג. ס'איז געוואָרן וואַרים. די זון איז געשטאַנען הויך איבערן קאָפּ און די שפּיצן פון די ביימער האָבן זיך גע'טובל'ט אין העלן שיין. גילדערנע בלעטער האָבן געשאָרכט

ביי זייערע פיס און דערציילט וועגן שפעט-זומער. א געפיל פון רו האט אראפגענידערט אויף דזשעק'ן און א טיפע דאנקבארקייט איז אויפגע־גאנגען אין זיין הארץ. ער האט אנגענומען מאריו'ס האנט און זי געגלעט מיט די שפיצן פינגער.

— כ'בין הונגעריק ווי א וואלף! — האט זי געזאגט און פאר־שנעלערט די טריט. באלד זיינען זיי אנגעקומען צום סקוועד ביים שייד־וועג.

— לאמיר אריינגיין אין דאינער — האט ער פארגעלייגט.

— ווידער דא? — האט זי זיך פארקרימט.

— וואס איז דער חילוק? איך בין אויך הונגעריק, און איידער מיר'ן עפעס געפינען —

ס'איז שוין געווען שפעט און זיי זיינען געווען די איינציקע געסט אין לאקאל. מען האט זיי גלייך סערווירט. נאכן עסן האט מאריו פאר־רויכערט א סיגארעט און באשטעלט אן עקסטרא קאפע, א שווארצן. זי איז געווארן גוט אויפגעלייגט.

— איצט לאמיר כאפן א שפאציר אין שטעטל, ווילסט? — האט זי פארגעלייגט, ווען זיי זיינען ארויס אין דרויסן.

— יא... גוט... האט דזשעק מסכים געווען מיט א האלבן מויל. און מרס. סערע קאפלאן? זי איז דאך גאר אין ניו־יארק, פארזונקען אין די ראמאנען!... ס'מאכט ניט אויס: זי איז אין ניו־יארק און זי איז אין לעיקוואוד — מרס. סערע קאפלאן איז אומעטום אויף אמאל. און סילוויע האט שוין אוודאי אלארמירט דעם פעטער כתריאל, די פאליציי אפשר, די גאנצע וועלט. וואס וועלן זיי זאגן מייקלען?

איידער זיי האבן זיך ארומגעזען זיינען זיי שוין געווען אויף דער לעיקוואודער מעין סטריט. מיט איין בליק האט ער ארומגעכאפט די גאס: א דראג־סטאר אויפן ראג, א קענדי־סטארקע מיט א צייטונגס-געשטעל פאר דער טיר, א פיר־קאנטיקע געביידע פון פאסט־אמט, א לאנטשאנעט, א סטאטוע אויפן סקוועד, עטלעכע קליינע דעפארטמענט־קראמען מיט גרויסע וויסטאוועס, א גאזאלין-סטאנציע מיט א רויט־באמאלטער פומפע אין פראנט. ער האט א צי געטאן מאריו'ען ביי דער האנט און געוואלט זיך פארקירעווען אין א זייטיקער גאס, אבער זי האט זיך דא דערפילט ווי א פיש אין וואסער:

— לאָמיר דאָ שפּאַצירן אַ ווײַלע — איז זי צוגעשטאַנען.

— צו וואָס?

— אָנקוקן די וויסטאַוועס, דעם עולם...

זיי זײַנען דורכגעגאַנגען אַ בלאָק, אַ צווייטן. מאַרין האָט זיך אָפּגעשטעלט און געזעטיקט אירע אויגן מיט די פאַרשידענע סחורות, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פון הינטער די וויטרינען: עמערסאָן־ראַדיאָס, קעמל־סיגאַרעטן, טאָוסטערס פון „דזשענעראַל עלעקטריק", „האַדסאָן"־טואַלעט פּאַפּיר, פּעפּסי־קאָלאַ. אין אָנבליק פון דער לעיקוואָודער ציוויליזאַציע איז זי אַרײַנגעפאַלן אין גרויס התפּעלות — ווי זי וואָלט, אַ שטײַגער, אָקאָרשט צוריקגעקומען פון וואַנדערן פערציק יאָר אין מדבר — און זי האָט אַ זונג געטאָן מיט אַ ניגון פון טעלעוויזיע:

פּעפּסי-קאָלאַ טרעפט אין פּינטל!
טרינק אַ פּעפּסי! טרינק אַ פּעפּסי!

דזשעק האָט באַטראַכט דעם שיטערן עולם וואָס האָט געמיטלעך שפּאַצירט פון בײדע זײַטן גאַס: אײַנקויפער, אַרטיקע בעל־הבית׳טעס, און צוגעפּאַרענע געסט, מייסטנס עלטערע מענטשן, אין יום־טוב׳דיקע מלבושים. ער איז געוואָרן אומרואיקער. פון אומעטום האָט אים נאָכגעקוקט סערע קאַפּלאַן׳ס שאָטן.

— אַה, כ׳האָב גענוג פון דער שטאָט, אַ גאַנץ לעבן אין שטאָט! — האָט ער אַ זאָג געטאָן — הינטער דער שטאָט זײַנען כאָטש פאַראַן אַלייען, אַ וואַלד, אַן אָזיערע.

— יאָ, ריכטיק, די גרויסע אָזיערע אין וואַלד — האָט מאַרין זיך אָנגעכאַפּט — לאָמיר טאַקע צוגיין צו דער אָזיערע! פאַראַן דאָרט לאָדקעס? כ׳האָב ליב זיך צו לאָדקען.

„...און נאָך דער מאָלצײַט כאַפּט מען אַ דרימל, און ווען מען שטייט אויף פון שלאָף, כאַפּט מען אַ שפּאַציר אַרום דעם לעיק, צווישן די ביימער..." — האָט סערע׳ס קול אָפּגעהילכט ווי אַן עכאָ אין דזשעק׳ס אויערן. פּונקט איצט איז זי ביי דער אָזיערע!

— גיב נאָר אַ קוק, אַ מואַווי! — האָט מאַרין׳ס קול אָפּגעקלונגען מיט ענציקונג לעבן אים.

— יאָ, אַ מואַווי.

— אינטערעסאַנט וואָס זיי שפּילן דאָרטן — האָט מאַרין׳ס ענטוזיאַזם געהאַלטן אין שטייגן.

„„פּאַרפּאַלן!״ — האָט דזשעק אַ טראַכט געטאָן און איז איר נאָכ־געגאַנגען. ווי עס זאָל ניט זיין, איז ער דערווייל ניצל געוואָרן פון דער אַזיערע. ביים אַריינגאַנג האָבן זיי מקבל־פּנים געווען אַ פּול־בוזימדיקע בלאָנדינקע מיט אַ טיפן דעקאָלטע און אַ היפּשן הינטער־חלק, און אַ צווייטע פרוי, אַ שוואַרץ־חנ׳עוודיקע, אַ שלאַנקערע. צווישן די צוויי ווייַ־בער האָט גליקלעך אַראָפּגעשמייכלט פון פּלאַקאַט אַ יונגערמאַן מיט אַ גלאַטן געטאָקטן פּנים.

— „דער צווייטער האָניק־חודש אין רינאָ!״ — איז מאַרין אַצינד אַריינגעפאַלן אין דער אמת׳ער התפּעלות — ווי אַנגעמאָסטן פאַר אונדז! לאָמיר היינט אין אָוונט צוגיין אין קינאָ, גוט, דזשעק?

— שוין היינט? — האָט ער פאַרקנייטשט דעם שטערן. סערע קאַפּלאַן גייט, דאַכט זיך, ניט אין די מאָוויס. זי לייענט בלויז ראָמאַנען, היסטאָ־רישע: יעקאַטערינע די גרויסע, אשמדאי דער מלך פון די שדים, אַנטיאָכוס עפּיפאַנוס, נאָטאָן דער ווייזע.

— גוט, אויב דו ווילסט — האָט ער געזאָגט.

— לאָמיר צוגיין אַהיים, כ׳וויל זיך איבערטאָן און אַ ביסל צופּראַ־ווען.

אַ זייגער ניין זיינען זיי געזעסן אין אַ טונקעלן קינאָ־זאַל. צוערשט האָט מען געוויזן די אַקטואַליטעטן: ספּאָרט, פּאַראַדן, אויטאָ־געיעגן, פּאָ־ליטישע געשעענישן. דעם אויבנאָן אין דער פּאָליטיק האָבן פאַרנומען די קאַמפּן אין פּאַלעסטינע. אויפן לייוונט זיינען דערשינען עגיפּטישע פּרייווי־ליקע בעת׳ן אַרויספאָר צו די שלאַכטפעלדער: באַוואַקסענע, מיט גרויסע צעפלאַקערטע אויגן, מיט אויסגעשטרעקטע ביקסן אין פאַרריסענע אַרימס און אַ ליאַרעם פון ענטוזיאַסטישע געשרייען; פון דער אַנדער זייט האָבן מאַרשירט ישראל־סאָלדאַטן: יונגע בחורים׳לעך מיט פאַרשפּיצטע מדבר־בערד, מיידלעך אין מיליטערישע מונדירן, מיט בערעטן אויף די קעפּ. אין דער ווייט, איבער זאַמדיקע בערגלעך, האָט זיך געיאָגט אַ דזשיפּ און האָט אויפגעהויבן אַ וואָלקן שטויב.

דזשעק האָט אַ ציטער געטאָן: שמשון׳ס פוקסן! ער האָט אָפּגעדרייט דעם קאָפּ. מאַרין האָט דערשפּירט זיין באַוועגונג און האָט אויפגעכאַפּט

זיין בליק. אויף אירע ליפּן איז געהאַנגען אַ שמייכל. זי האָט אַ דריק געטאָן זיין האַנט אויף דער פּאַרענטשע פון שטול און זיך צוגעבויגן צו אים:

— ביסט צופרידן וואָס מיר האָבן זיך געלאָזט אין דער וועלט?

— יאַ, פאַרשטייט זיך — האָט דזשעק איר פאַרזיכערט. „כדי צו גיין אין אַ קינאָ אין לעיקוואָוד", האָט ער זיך צוגעגעבן מיט איראָניע. באַלד האָט מען אָנגעהויבן דרייען דעם הויפּט־פילם. דער יונגערמאַן מיטן גלאַטן פּנים און זיין שוואַרץ־חנ'עוודיקע פרוי זיינען געפאָרן אין רינאָ זיך גט'ן. דערווייליע האָט זיך דאָרט דער מאַן פאַרליבט אין דער פול־בוזימדיקער בלאָנדינקע. זיין פרוי האָט געוואוינט אויף דער רולעט. אינמיטן איז דערשינען אַן ארויפגעאַרבעטער אויל־מיליאָנער פון טעקסאַס און זיך גענומען פלאָנטערן צווישןביידע ווייבער. דזשעק איז געוואָרן געשפּאַנט און האָט ניט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פון עקראַן. דער מיליאָנער האָט פאַר־לאָרן ביז אַ גראָשן און אויך ער האָט זיך פאַרליבט אין דער פול־בוזימ־דיקער דזשעני איבער די אויערן. זיי זיינען ביידע אַפּגעפלויגן זוכן נייע אויל־קוואַלן אין די דזשונגלס פון ווענעצועלאַ. דאָס פּאָר־פאָלק האָט זיך ארומגעזען, אַז זיי האָבן זיך נאָכאַלעמען שטאַרק ליב און זיי האָבן באַ־שלאָסן צו פּראַוועון אַ צווייטן האָניק־חודש אין רינאָ.

אויפן וועג אַהיים האָט מאַרין איבערגע'חזר'ט די גאַנצע מעשה מיט אַלע פּרטים. דער וואַלד איז געזונקען אין חשכות. דזשעק האָט זיך קוים צוגעהערט. די קילע לופט האָט אים אָפּגעפרישט און אויפגעמונטערט: די וועלט איז גרויס! נאָך אַ טאָג, צוויי אפשר, און מיר וועלן פאָרן ווייטער!

אָבער צווישן די פיר ווענט פון צימער האָט ער זיך דערפילט אָפּ־געגנטיק און פאַרלאָרן. מאַרין האָט אַ נישטער געטאָן אין איר וואַליזקע און איז פאַרשוואונדן אין באָד־צימער. ער האָט זיך אויסגעצויגן אין די קליידער אויפן בעט. דאָס קליינע עלעקטרישע לעמפּל הינטער דעם פאַר־שטויבטן אַבאַזשור האָט פאַרזייט אַ טונקעלע שיין צווישן די אָפּגעבליאַ־קעוועטע אַביטשעס אויף די ווענט. אין אַ ווינקל זיינען געשטאַנען זיין רענצל און מאַרין'ס אָפענע וואַליזע, אַ צעראַיעטע, מיט אָנגעוואָרפענע קליידער אויפן ראַנד. דורכן פענסטער האָט אריינגעקוקט די נאַכט. וואָס טוט ער דאָ איינגעטלעד? זיינע אויערן האָבן אויפגעכאַפּט דעם גערויש פון שפּריצנדיקן וואַסער אונטערן דוש און אַ ציטער פון לוסט האָט אים

דורכגענומען. ס׳איז געווען ווי א דערלייזונג. אין דער פרי איז אלץ צו־געגאנגען אזוי שנעל און ער איז באוועלטיקט געווארן פון זיינע חושים; ער האט זיך געריכט אויף דעם וואס עס וועט קומען, און פון דעסטוועגן איז ער געווארן צעטומלט, אומגעלומפערט אפילו. איצט האט ער ארויס־גערופן איר געשטאלט אין זיין פארשטעלונג. פון איבער דער וואנט איז דערגאנגען דאס שארכן פון א האנטוך. זי טריקנט זיך אפ. פון איר לייב שלאגט א הייסע פארע. א טרוים אין א באד־טוך! ער האט זי אפגעווארט ביי דער טיר. מארין איז דערשינען אויפן שוועל איינגעוויקלט אין א גע־בלימלטן שלאף־ראק. ער האט פארווארפן אן ארים ארום איר טאליע און זי א צי געטאן צו זיך, אבער זי האט אים לייכט אפגעשטויסן מיט א גע־לעכטער:

— נאך אלץ אזוי אומגעדולדיק?

אומגעדולדיק? ניין, ס׳איז געווען עפעס אנדערש. ווי זאל ער עס איר דערקלערן? זי האט אויסגעבעטן דאס בעט, אויפגעקלאפט די קישעלעך און ארויסגעזוכט א נאכט-העמד פון דער וואליזקע.

* * *

אירע טריט האבן אים אויפגעוועקט. זי איז ארומגעגאנגען אין נאכט־העמד און די לויזע פאנטאפל אויף אירע פיס האבן געפאטשט איבערן דיל. דורך די שויבן האט אריינגעקוקט א העלער טאג, און דער שפיץ פון בוים אין דער ווייט האט געשיינט מיט גרין און גאלד. דזשעק האט געווארפן א בליק אויף זיין האנט-זייגערל:

— ס׳איז שוין שפעט! פארוואס האסטו מיך ניט אויפגעוועקט?

זי זאגט זיך אויסגעדרייט צו אים, האט א שמייכל געטאן און זיך דערנענטערט צום בעט:

— מיר זיינען איינגעשלאפן אזוי שפעט און כ׳האב געטראכט אז דו ביסט פארמאטערט — האט זי געזאגט און איז שטיין געבליבן איבער אים.

— און דו?

— איך מאַך אביסל אָרדענונג אין אונדזער באַלעבאַטישקייט. אַ שאַד וואָס מיר האָבן ניט מיטגענומען קיין עלעקטרישע פּלאַטע.

— צו וואָס?

— כ׳וואָלט געמאַכט אַ קאַפע און דיר דערלאַנגט אין בעט.

— אַה, מאַרין!

זי האָט זיך אַ בויג געטאָן און לייכט באַרירט זיינע ליפּן:

— ביסט גליקלעך?

— יאָ...

זי האָט זיך גענומען ווייטער אויפרוימען דאָס צימער: אויפגעהאַנגען מלבושים אין וואַנט־שראַנק, אַפּגעשטויבט די שופלאַדן פון דער קאָמאָדע, אַריינגעלייגט וועש. דזשעק האָט איר נאָכגעפאָלגט מיטן בליק. ווען זי האָט זיך געבויגן איבער דער וואַליזקע, האָבן אירע בריסט אַרויסגעקוקט פון צווישן די שפּיצן ביים טיפן דעקאָלטע; אירע היפטן האָבן זיך גע־וואַקלט אין גאַנג אונטער דעם דינעם שטאָף פון נאַכט־העמד. אָבער דער כישוף האָט זיך ווי אַפּגעטאָן פון זיי. זי איז אים פאָרגעקומען היימיש, באַלעבאַטיש כמעט.

— ביסט שוין אוודאי הונגעריק — האָט ער געזאָגט.

— ניט געפערלעך!

ער איז אַראָפּ פון בעט און זיך צוגעאײַלט מיטן ראַזירן און אָנטאָן. זיי האָבן געגעסן אין זעלביקן דאַינער: האַלב-פרישטיק, האַלב־מיטאָג. דער בעל הבית, אַ דיקער, מיט אַ רויטלעכער נאָז, האָט זיי מקבל־פּנים געווען מיט אַ ברייטן „גוט־מאָרגן", ווי אַלטע באַקאַנטע.

— אַ שיינער טאָג! — האָט ער געזאָגט, ווען ער האָט זיי דערלאַנגט די טעפּעלעך קאַפע.

— יאָ, אַ שיינער טאָג — האָט געזאָגט מאַרין.

— אויף אַ שפּאַציר אַרום דער אָזיערע? — האָט ער געפרעגט, ווען זיי האָבן באַצאָלט און זיך געקליבן אַרויסצוגיין.

— יאָ, צו דער אָזיערע — האָט געזאָגט מאַרין — ווי גייט מען אַהינצו?

ער האָט זיי דערקלערט דעם וועג. אין דרויסן האָט געשיינט אַ העלע ווארימע זון. אַ ליידיקגייערישע שלווה האָט זיך אויסגעשפּרייט איבערן

ארום און דזשעק האט געפילט א פוילקייט אין דיביינער. מאַרין האט אריינגעשטעקט א האנט אונטער זיין אַרים:

— איז גייען מיר?

אירע אויגן האבן געשמייכלט. זי האט אויסגעזען פריש און יונג און יום־טוב'דיק — ווי אין טאג שכולו טוב. זיי זיינען געווען פראַנק און פריי, ווי די פייגל אונטער דעם הימל און ווי די חיות אין פעלד. באלד וועלן זיי זיך לאָזן אין וואלד אריין און ארום די וואסערן. חווה האט ניט געגעסן פון עץ־הדעת און אדם איז ניט פארטריבן געוואָרן פון גן־עדן און זיי זיינען געווען נאקעט און זיי האבן זיך ניט געשעמט.

— גוט — האט ער געזאגט. די מורא פאר סערע קאַפּלאַן האט זיך אַפּגעטאָן פון אים; ס'איז אים פארגעקומען, אז זיי זיינען דאָ שוין לאַנג, זייער לאַנג, און אַט — סערע קאַפּלאַן האט זיך אין ערגיץ ניט געוויזן. מאַרין האט זיך דערמאָנט, אז די סיגארעטן זיינען איר אויסגעגאַנגען. זיי האבן זיך פארקירעוועט אין שטעטל און זיינען אַפּגעטראָטן אין א קענדי־סטאָר אויפן ראַג פון דער מעין־סטריט.

דער קרעמער איז געשטאַנען הינטער דער פּאַרבאַנק און האט געצאַפּט סעלצער פאַר א שאָקאָלאַד־סאָדאַ. דער קראַן האט געזשומעט. צוויי אינגלעך האבן באַשטעלט אייזקרים־קאָנוסן און, וואַרטנדיק, דערווײַלע אריינגעקוקט אין קאָמיק־העפטן וואָס זיי האבן אראָפּגענומען פון א הענגגעשטעל. דער קרעמער האט אויסגעמישט דעם גדיכטן סיראָפּ מיט א לאַנגן ניקלנעם לעפעלע. פון די פּאָליצעס און געשטעלן האבן אויף דזשעק'ן אראָפּגעקוקט שול־העפטן, קאָלירפולע רעקלאַמעס, שוואַרצע זון־ברילן, הילצערנע לולקעס, אַנטבלויזטע פול־בוזימדיקע פרויענצימערן אויף שער־בלעטער, קיי־גומי, ווינטשעוואַניע־קאַרטלעך, שפּילצייג, דאָס גאַנצע קלאַפּערגעצייג. וואָס טוט ער דאָ, אויף דער זייט פּאַרבאַנק? ס'איז ניט אמאָל א טעות? ער געהערט אַהינצו, אויף יענער זייט! ער האט באַטראַכט דעם קרעמער: א מיטליעריקער מאַן איין אַז אַפּגעטראָגענעם אַנצוג, מיט סימנים פון גרויע האָר אויף די שלייפן. ער האט א ווייב? א באַנק־ביכל? קינדער? ער האט געטאָן זיין ארבעט פלייסיק און מיט כוונה: אַט האט ער שוין אָנגעפילט די קאָנוסן מיט אייזקרים, ער לייגט אריין דאָס גלאָז אין וואסער בעקן, נעמט געלט, גיט ארויס רעשטע, אַט האלט ער שוין ביי מאַרין'ען. אפשר וויל ער אויך אַנטלויפן? וואוהין זאָל ער לויפן?... אפשר

קיין לעיקוואוד?... ער וואוינט דאָך שוין סאַ־ווי אין לעיקוואוד!

מאַרין האָט באַצאָלט פאַר די סיגאַרעטן און זיי זיינען אַרויס. דזשעק האָט אומגעדרייט דעם קאָפּ פון שוועל און געוואָרפן נאָך אַ בליק אויפן קרעמער: „סאַידן קיין עוועניו „יו״, ברוקלין, ניו־יאָרק״ — האָבן די ווינקלען פון זיינע ליפּן זיך פאַרקרימט.

— וואָס שמייכלסטו? — האָט געפרעגט מאַרין.

— אַה, גאָרנישט, כ׳האָב זיך עפּעס דערמאָנט.

— און איך האָב נאָר פאַרגעסן: כ׳האָב מיר געוואָלט קויפן עפּעס אַ מאַגאַזין אָדער אַ טאַשן־ביכל. מיר האָבן אַזויפיל צייט צום לייענען.

זי איז אַריין צוריק אין קרעמל און דזשעק האָט געוואַרט אויפן טראָטואַר. זיין בליק איז געפאַלן אויפן געשטעל מיט די אויסגעלייגטע בלעטער ביים איינגאַנג און האָט אוועקגעוואַנדערט אין דער ווייט: און סעם, דער צושניידער? וואו האָט ער היינט פאַרטאָג געקויפט זיין „פאָרווערטס״, סעם? „זע נאָר, דזשעק׳ס קענדי־סטאָר איז גאָר געשלאָסן! קראַנק, צי וואָס?״ ער האָט גענומען אַ „טאַימס״ און אַוועקגעלייגט אַ מטבע. מאַרין איז דערשינען אויפן שוועל מיט אַ מאַגאַזין און צוויי ביכלעך וויסנשאַפט-פיקציע אין דער האַנט.

זיי האָבן זיך געלאָזט מיט דער אַליע, לענגאויס דער עוועניו פון די האָטעלן, וואָס האָט אַריבערגעקוקט צום וואַלד. אין גאַס איז געווען שטיל. דער עולם איז אַצינד געזעסן אַרום ווייס־געדעקטע טישן איבער גרינס־זופּ און הינער־יויך, קאָול־סלאָו און זויערע אוגערקעס, רינדער־פלאַנקען און פּערטעלעך עוף מיט סאַלאַד און שאַר־ירקות און קאָמפּאָט און קוכן מיט אייזקרים. זיי האָבן זיך פאַרנומען רעכטס און באַלד האָט פאַר זייערע אויגן זיך אַנטפּלעקט די גרויסע אָזיערע.

דאָס וואַסער האָט זיך אויסגעשפּרייט אין דער נידער און די שיפּועים אַרום זיינען געווען באַוואַקסן מיט ביימער און קוסטעס. דער ברעג פון דער אָזיערע איז געווען פאַרזייט מיט קליינע פּלאַזשעס פון געלן זאַמד, הילצערנע בריקלעך פאַר לאָדקעס און באַראַקן פאַר שווימער. קיין מענטשן האָט מען דאָ איצט ניט געזען, נאָר אַן איינזאַמע דראַזשקע מיט אַ דרימלענדיקן קוטשער אויף דער קעלניע האָבן געוואַרט אויפן ראַנד פון שאָסיי. אַרום און אַרום, ברייט און ווייט, האָבן זיך געצויגן וועלדער.

זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט צום וואַסער און שפּאַצירט לענגאויס

דעם ברעג. די אַזיערע האָט זיך פאַרונדיקט, איז שמעלער געוואָרן און זיך אַריבערגעגאָסן אין אַ צווייטן סטאַוו, אַ קלענערן, אין אַ דריטן. אין דער ווייט האָבן די וואַסערן זיך פאַרלאָרן צווישן די געדיכטענישן פון וואַלד. דזשעק און מאַרין זיינען צוריק אַרויף אויפן שאָסיי. באַלד איז דאָס שטעטל געבליבן ווייט הינטער זיי.

— ווען מיר שניידן דאָ דורך קווער דעם וואַלד, רעכטס, וואָלטן מיר אָנגעקומען פונקט לעבן אונדזער אַכסניה — האָט געזאָגט מאַרין.

דזשעק האָט זיך אַרומגעקוקט:

— אָבער ווי? ס'איז דאָ ניטאָ קיין וועג דורכן וואַלד.

— איז וואָס? פאַראַן זיכער סטעזשקעס, שליאַכן. און וואָס ווען מיר קריכן איבערן הייסן אַספאַלט?

זיי זיינען אַראָפּ אויף דער אַנדער זייט שאָסיי, קעגנאיבער דער אַזיערע, און זיך אַריינגעלאָזט צווישן די ביימער. דער וואַלד איז געדיכטער געוואָרן. באַלד זיינען זיי געקראָכן, מיט געבויגענע קעפּ, צווישן קוסטעס, דערנער און נידעריקע צווייגן. דזשעק האָט באַטראַכט מיט אומרו זיין אָנצוג: אויף די קאָלאָשן פון די הויזן און אויף די פּאָלעס פון רעקל האָבן געקלעפּט שטעכלקעס און גרעזער. מאַרין האָט אים געטרייסט:

— ס'איז גאָרניט, כ'על עס צורעכט מאַכן! דערפאַר זיינען מיר דאָ באמת אין שויס פון דער נאַטור.

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן ראַנד פון אַ פּאָלאַנקע אינמיטן וואַלד. דאָס פרייע שטיקל פעלד איז געווען באַוואַקסן מיט גראָז און קוסטעס און פאַרפלייצט מיט העלער זון־שיין. ערטערווייז האָבן אַרויסגעשטאַרצט נידעריקע שטאַמען פון אָפּגעהאַקטע ביימער. צוויי פאַרביקע זומער־פייגעלעך האָבן זיך געיאָגט פון בלום צו בלום און געווירבלט אין דער לופטן. מאַרין האָט אויסגעשטרעקט די אָרעמס און גענומען אויסטאָן איר סוועטער:

— דאָ קען מען אַ ווײַלע אָפּכאַפּן דעם אָטעם — האָט זי געזאָגט.

זי האָט זיך אויסגעצויגן אויפן גראָז, האָט אָנגעשפּאַרט אַן עלנבויגן אויפן אויסגעשפּרייטן סוועטער און אויפגעמישט איינעם פון אירע וויסנשאַפט־פיקציע ראָמאַנען. דזשעק האָט זיך צוגעזעצט אויף אַן אָפּגעהאַקטן שטאָם דאַנעבן. ער האָט געוואָרפן אַ בליק אויף דער „ניו־יאָרק־טאַימס”, וואָס איז געלעגן אויף זיינע קני: וואָס הערט זיך עפּעס אויף דער

וועלט? אַזוי לאַנג ניט געלייענט קיין צייטונג! מען האָט זיך שוין געגרייט צו די פּרעזידענט־וואַלן. די רעפּובליקאַנער און די דעמאָקראַטן האָבן געהאַלטן פייערדיקע רעדעס און זיך געריסן פאַר די נעזער. ס׳איז אים פאַרגעקומען אַזוי ווייט, ווי ערגיץ אין אַ פרעמדער וועלט, ווי אין אַ ראָמאַן פון סערע קאַפּלאַן, אין די צייטן פון קאַליף האַרון אַל־ראַשיד, פון גראַף פּאָטאָצקי אָדער גאָר פון מלך אחשורוש, וועלכער האָט געקיניגט פון הודו ביז כוש, איבער הונדערט און זיבן און צוואַנציק מדינות. און אין פּאַלעסטינע? ער האָט אַ מיש געטאָן די בלעטער. שמשון׳ס פוקסן זיינען מער ניט דערמאָנט געוואָרן. די עגיפּטער האָבן געקראָגן אַ קלאַפּ און זיך אָפּגעטראָגן. זייערע בעסטע באַטאַליאָנען זיינען אַרומגערינגלט געוואָרן אין די סטעפּעס פון נגב. זעט אויס, אַז די חברה-לייט פון ישראל וועלן זיך אַן עצה געבן אָן אים. און ער? ער היניעט אין לעיקוואוד. ווי לאַנג וועט ער דאָ זיצן? ער האָט דערשפּירט ווי אַ געפיל פון אומעט שטייגט אויף אין אים — אַ געפיל וואָס האָט דעם גאַנצן טאָג געלויערט ערגיץ אין אַ באַהעלטעניש, הינטער זיין זאָרגלאָזער צופרידנקייט, ווי אַ כמאַרע אויפן ראַנד פון האָריזאָנט. פון די טיפענישן פון וואַלד האָט אויף אים אַרויסגעקוקט אַ שטומע טונקלקייט. ער האָט זיך אויפגעהויבן און האָט אַ שפּרייז געטאָן צו מאָרין׳ען:

— מיר׳ן אינגיכן זיך לאָזן אין וועג, יאָ? —— האָט ער געזאָגט.

זי האָט אויפגעהויבן די אויגן פון ביכל:

— וואָס איז די איילעניש? ס׳איז דאָ אַזוי שיין! וואָס וועלן מיר איצט טאָן אין האָטעל?

— כ׳מיין ניט איצט, בכלל...

— אַה?... — האָט זי אים אָנגעקוקט דערשטוינט.

די כמאַרע האָט זיך אַ רוק געטאָן פאָראויס. ער האָט איר געוואָלט פאַרלויפן דעם וועג. ער האָט אַראָפּגענידערט לעבן מאָרין׳ען און אַרויפגעלייגט אַ דלאָניע אויף אירע פאַרריסענע קני. זי איז געווען פאַרזונקען אין דער וויסנשאַפט־פיקציע: צוויי מענער און אַ פרוי האָבן זיך געלאָזט אויף אַן עקספּעדיציע צום פּלאַנעט מאַרס; די ציוויליזאַציע פון די מאַרסיאַנער איז געשטאַנען מיט טויזנט קעפּ העכער פון דער ציוויליזאַציע אויף דער ערד; זיי זיינען געווען באַוואָפנט מיט טויט-שטראַלן און האָבן

באהערשט דעם רוים מיט זייערע פליענדיקע טעלערלעך; אט־אט וועט קו־מען צו א צוזאמענשטויס.

זיינע פינגער האבן זיך א גליטש געטאן אראפצו, איבער אירע פולע לידקעס. איר ליב איז געווען אנגעפארעט פון דער זון. זי האט אויפ־געהויבן דעם קאפ:

— אז מען גייט אין מלחמה, טאר מען ניט אויסשיסן די גאנצע פולווער אויף אמאל! — האט זי א לאך געטאן.

וואס פאר א מלחמה? וואס פאר א פולווער? ער האט זיך דאך בא־זעצט אין לעיקוואוד, אין דער „גרינער אכסניה". זיין כוח האט זיך אפגע־טאן פון אים, אבער זיינע פינגער האבן זיך געשארט נידעריקער, געגלעט איר נאקעטקייט און ווי געזוכט אן אנטרינונג פון זיינע שווערע מחשבות. מיטאמאל האבן אירע קני זיך א הוידע געטאן. זי האט אווארף געטאן דאס ביכל אויפן גראז. אירע היפטן האבן זיך צעוויגט און פון צווישן אירע ליפן האט זיך ארויסגעריסן א קרעכץ.

— אה, דזשעק! — האט זי זיך אונטערגעהויבן און זיך א צי געטאן צו אים.

— יא...

— כ'האב עס ליב אזוי!

— ווי?

— אין פעלד, אונטערן פרייען הימל.

ער האט כלל ניט בדעה געהאט צו גיין אזוי ווייט. ער האט געווארפן א שנעלן בליק ארום און האט א מורמל געטאן:

— עמיצער קען נאך פלוצלונג אנקומען!

— אה, זיי טרעטן ניט אפ פון שאסיי. און אז יא? כ'האב זיי טיף־טייער אין ד'ר'ערד!

זי האט זיך ווי מיטאמאל אויסגעטאן פון איר באלעבאטישקייט און האט אנגעהויבן אראפווארפן פון זיך די קליידער. מיט פלינקע באוועגונגען האט זי אויסגעשפרייט א געלעגער אויפן גראז. איר נאקעטקייט האט א מיגניע געטאן צווישן בלוי פון הימל און דעם ארומיקן גרין. „מיין אינגל! מיין טייערסטער!", האט זי אים גערופן מיט צערטלעכע נעמען און אירע פיאטעס האבן געדריגעט אין זאמד. אירע ליפן האבן זיך ברייט צעעפנט און איר מויל איז ווי גרעסער געווארן, און אן אפגעריסענער יאמער איז

שטעקן געבליבן אין איר האַלדז. אירע צעוואַקסענע אָרימס האָבן אים אַרומגענומען און אַלע אירע גלידער האָבן זיך געקלאַמערט אין אים; און אים איז פֿאָרגעקומען ווי זי וואָלט זיך אים איצט צום ערשטן מאָל אָפּגעגעבן מיטן גוף, מיט דער נשמה און מיט אַלע אברים. די שפּיצן ביימער האָבן זיך צעוויגט איבער זייערע קעפּ און אויף אַ גליענדיקן קוסט דאַנעבן האָבן געפֿלאַטערט, ווי אַ פּאָן, אַ פּאָר ראָזע ניילאָן־אונטערוועש.

אויף צוריקוועגס האָט מאָרין ניט געזוכט קיין שליאַכן אין וואַלד. זיי האָבן זיך אומגעקערט ווי זיי זיינען געקומען. אַרום דער אָזיערע, צווישן די ביימער אויפֿן שיפּוע און אויפֿן זאַמד ביים ברעג וואַסער, האָט איצט שפּאַצירט אַ היפּשער עולם: פּאָרלעך, עלטערע לייט בקאָמפּאַניע, פֿאַמיליעס גאַנצע מיט קינד און קייט. צוויי ווייבלעך זיינען איינגעשטיגן אין אַ דראָזשקע און, שמייכלענדיק, זיך פֿאָטאָגראַפֿירט אויפֿן הינטערשטן געזעס.

דזשעק האָט געפּאָרשט דעם עולם פֿון דערווייטנס. קיין שפּור פֿון סערע קאַפּלאַן! זי האָט געזאָגט, אַז אויף יום־טוב וועט זי אַראָפּפֿאָרן קיין לעיקוואוד. וויפֿל איז נאָך ביז יום־טוב? ווי לאַנג איז ער שוין דאָ? ער האָט פֿאַרלאָרן דעם חשבון פֿון דער צייט. אויב זי איז אין לעיקוואוד, איז זי אַצינד ניט ביים לעיק. „נאָך אַזאַ מאָלצייט לייגט מען זיך צו און מען כאַפּט אַ דרימל״. סעם, דער צושניידער, ליגט אויפֿן בעט, אויסגעצויגן אויפֿן רוקן, דער בויך אָנגעפּילט מיט געפֿילטע פֿיש און געהאַקטע לעבער און פּעטשאַ און אַ פּאָרציע עוף און קאָול־סלאָו און שאַר־ירקות. ער שנאָרכט מיט אַ פֿייף און חלומ׳ט זיסע חלומות. סערע זיצט דאַנעבן אין אַ פֿאָטעל, מיט פּאַנטאָפֿל אויף די פֿיס, ברילן אויף די אויגן און אַן אָפֿענע בלאַט איןביידע הענט, — און איר גייסט שוועבט ווייט־ווייט, אַרום דעם טעמפּל פֿון בבל — ווי איינער אַ האָר פֿון די האָרן פֿון בבל פֿלעגט קומען צו די הייליקע זונות און ער האָט געגלוסט צו דער יתומה פֿון לאַנד יהודה, וואָס האָט אָפּגעהיט איר אומשולד אין תהום פֿון זינד; און אָט ווייזט זיך אַרויס, אַז אויך דער מאַן שטאַמט פֿון די זוימען פֿון די יקירי־ירושלים, וואָס זיינען נאָכן חורבן פֿאַרטריבן געוואָרן אין גלות. פֿאַרזעצונג מאָרגן. „איר׳ט זען, ס׳עט ווערן אַ שידוך!״ — באַשליסט סערע און לייגט אַוועק די ברילן אויפֿן נאַכט־טישל לעבן בעט.

די לאנגע אלייע האט אויפגעוואכט פון שלאף. אויף די וועראנדעס פון די האטעלן האט זיך דער עולם געשאקלט אויף וויג־שטולן, געדרימלט, זיך דערקוויקט מיט טיי און קיכעלעך, געשפילט אין קארטן ארום אויפגע־שטעלטע ברידזש־טישלעך. דזשעק איז געווען אנגעדראלן און כמורנע גע־דאנקען זיינען אים געקראכן אין קאפ: אט זיינען פיינע מענטשן, מען פארט ארוים מיט ווייב און קינדער — גוט, אמאל מיט א געליבטער אפילו — מען בלייבט א וואך, צוויי, מען עסט עוף און מען מאכט א קערטל, און מען פארט צוריק אהיים: צו די ביזנעס, צו דער משפחה, צו גוטע פריינט, געזעלשאפט. אבער אנטלויפן? וואס הייסט אנטלויפן?

אויבן אין צימער האט דזשעק זיך אויסגעצויגן אויפן בעטל, די דלאניעס פארלייגט הינטערן קאפ. מארין האט זיך געזעצט דאנעבן און פרובירט אים דערציילן די געשיכטע פון דער עקספעדיציע צו דעם מארס, אבער ער האט ניט צוגעהערט. זי איז אנטשוויגן געווארן און זיך פאר־טיפט אין בוך. ער האט זיך געפילט אויסגעשעפט און טעמפ. זיינע וויעס האבן זיך אראפגעלאזט און זיינע אויגן האבן זיך גענומען קלעפן. ער האט זיך איבערגעדרייט אויפן בויך און געשפירט ווי דער שלאף נידערט אראפ אויף אים. אן אויגנבליק האט ער דערפילט א טיפע הנאה, א מין פאר־געניגן פון ניט־זיין. איצט אנטלויפט ער באמת, ווייט־ווייט, נאך ווייטער פון לעיקוואוד, פון האליוואוד, פון ארץ־ישראל אפילו.

* * *

ווען ער האט זיך אויפגעכאפט, האט דאס לעמפל געברענט הינטער דעם פארשטויבטן אבאזשור און פארשפרייט א טונקל ליכט אין חלל. מא־רין האט זיך געפארעט ביי דעם טישל אין ווינקל. די ראלעט איבערן פענסטער איז געווען אראפגעלאזן. ער האט זיך דערפילט ווי פארטריבן פון גן־עדן.

— ווילסט עפעס נעמען אין מויל? — האט מארין׳ס קול אים צוריק־געבראכט אויף דער וועלט. ער האט אויפגעהויבן דעם קאפ און זיך ארום־געקוקט. זי האט ארויסגענומען שטיקלעך קעז און וואורשט פון א פאפיר און געמאכט סענדוויטשעס.

— כ׳האב אפגעשלאפן דעם גאנצן נאכמיטאג — האט ער געזאגט.

— איך אויך. ס'איז שוין שפּעט, האָב איך געטראַכט אַז מיר'ן היינט כאַפּן אַ ביס אין דערהיים.

— וואו האָסטו דאָס אַלץ גענומען? ביסט געווען אין לעיקוואוד?

— אַזאַ וועג? ניין, כ'האָב עס אויסגעליען ביי דער אַלטער אַלמנה.

— ביי וועמען?

— ביי מרס. דאַיען סילווער, די פון נומער 28. זי איז אַן אַלמנה.

ווען האָט זי באַוויזן צו שליסן קאָנטשאַפט מיט די שכנים? ווייבער גיבן זיך אַן עצה! — האָט אַ טראַכט געטאָן דזשעק. מאַרין האָט אים צו־געטראָגן אַ טאָפּל־דעקער צום בעט:

— זי וויל מיך איינרעדן, דאַיען, אַז איך זאָל אָנהויבן קאָכן אין שטוב — האָט זי דערציילט — ס'איז אַ געגנט פון הינער־פאַרמס, זאָגט זי, און הינער און אייער זיינען דאָ בחצי חינם, פריש פון דער פאַרם.

— נאַרישקייטן! — האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און געקייט אויף ביידע באַקן.

— אָבער אַ טעפּל הייסע שמעקעדיקע קאַפע וואָלט איצט גאָרניט געשאַדט — האָט געזאָגט מאַרין.

דזשעק איז אַראָפּ פון בעט און זיך מכבד געווען מיט אַ צווייטן סענדוויטש. ער איז געוואָרן אין גאַנצן וואַך.

— האָסט איר דערציילט וועגן אונדזערע פּלענער? — האָט ער גע־פרעגט.

— ניין. זי איז אַ וואוילע פרוי, אָבער נייגעריק — אַ שרעק! אַלץ וויל זי וויסן.

— וואָס וויל זי וויסן?

— וואָס ניט? אַלץ: ווער מיר זיינען און פון וואַנען מיר קומען, צי מיר זיינען מאַן־און־ווייב אָדער סתם „קוזינס", און ווי לאַנג מיר רעכענען דאָ צו פאַרבלייבן.

אַן אויגנבליק איז דזשעק'ן איינגעפאַלן, אַז אפשר האָט סערע קאַפּ־לאַן אונטערגעשיקט די אַלטע אַלמנה. ער האָט אָבער אַוועקגעמאַכט דעם געדאַנק מיט דער האַנט.

— ניט אַנדערש, נאָר זי איז אַ גלגול פון שערלאָק האָלמס — האָט ער געזאָגט.

— שערלאָק האָלמס? האָסט געדאַרפט זען ווי זי זעט אויס!

— נו, איז וואָס? ביי אַ גלגול איז ניט שייך. ס'האָט שוין פּאַסירט אַז אַ אינדישע פּרינצעסין איז מגולגל געוואָרן אין אַ „הייליקער קו", און די נשמה פון איינעם אַ מאַהאַראַדזשאַ איז נאָך זיין טויט גאָר אַריין אין אַ טשערעפּאַכע. סערע קאַפּלאַן האָט עס מיר דערציילט, זי האָט עס אַליין געלייענט אין אַ ציימונג.

— אויב אַזוי דאַרף מען זיך טאַקע היטן מיט אַ וואָרט — האָט גע־זאָגט מאַרין — וואָרט אַ ווײַלע, און מיר?

— וואָס מיר?

— וועמענס גלגול איז אַריין אין אונדז?

— איך ווייס?... אפשר... האָסט געהערט וועגן דאָן קיכאָט און סאַנ־טשאָ פּאַנסאָ?

— אוודאי, פּאַנטשאָ ווילאַ!... ער האָט געמאַכט רעוואָלוציעס און געפירט מלחמות אין מעקסיקאַ, זיך אַרומגעשלאָגן אַ גאַנץ לעבן און גע־האַט אַ סך ווייבער. כ'האָב אפילו געזען אַ מואָווי וועגן אים, „וויוואַ ווי־לאַ", אַז אַלטע מואָווי. אין קינגסוויל־קינאָ ביי דער קאָני־איילענד עווע־ניו, ווייזן זיי אָפּטמאָל אַלטע פילמען...

זי האָט זיך פאַרטראַכט אַ ווײַלע:

— אָבער מיר פירן דאָך ניט קיין מלחמות! — האָט זי געזאָגט.

— אפשר קעמפן מיר מיט ווינטמילן — האָט געזאָגט דזשעק.

— ווייס איך וואָס! — האָט זי אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — אין אַמעריקע זיינען ניטאָ קיין ווינטמילן. אין אַמעריקע גייען די מילן אויף אויל... אויף עלעקטרע... און איצט לאָמיר גאָר אַראָפּגיין אויף אַ שפּאַציר. כ'בין אויסגעשלאָפן און כ'וועל ניט קענען צומאַכן קיין אויג.

— אָבער ניט אין שטעטל.

— גוט, ווי דו ווילסט.

דער וואַלד־וועג האָט זיך געשלענגלט דורך דער נאַכט. פון צווישן די ביימער האָט אַרויסגעקוקט אַ געדיכטע חשכות. די פאַרמס ביים ראַנד האָבן געהויערט אין פינסטערניש, אַרומגערינגלט מיט ביימער. נאָר איינצל־נע שטערן האָבן געמיגניעט אונטערן הימל און דאָ און דאָרט האָבן אויפ־געשיינט די פענסטער פון אַ הויז. הינטן, אין הויף, האָבן די הינער גע־דרימלט אויף זייערע סידעלעך און פאָרנט האָבן מענטשן געהערט ראַדיאָ

און געקוקט אויף טעלעוויזיע. אויף א צווייג, טיף אין וואלד, האט א פויגל אויפגעשריען פון שלאף.

ווען זיי זיינען צוריקגעקומען, איז שוין די „גרינע אכסניה" געזונקען אין שלאף. אויך זיי האבן זיך באלד געלייגט אין בעט. דזשעק האט אריינגעקוקט אין דער „ניו־יארק טאימס". ער האט אויסגעמיטן די וועלט־נייעס און האט א בלעטער געטאן די צווייטע אפטיילונג: ספארט, פערד־געיעגן, פינאנצן, רייזעס פון שיפן. און באלד האט עוועניו „יו" אויפגעטויכט אין זיין פארשטעלונג: דזשאזעף „דער בוקי", מיסטער „דזשענעראל מאטארס", די לידי „פון די וועלט רייזעס", די בייבי „פון די גט'ן". „מען קען ניט אנטלויפן פון ברוקלין!" האט ער א טראכט געטאן מיט א זיפץ. די ציימונג האט זיך ארויסגעגליטשט פון זיינע הענט און איז אראפגעפאלן אויפן דיל. מארין האט פארענדיקט די עקספעדיציע צום מארס און האט אויסגעלאשן דאס ליכט.

ער איז לאנג געבליבן וואך. די מינוטן האבן זיך געצויגן ווי פון פעך. אויך מארין איז ניט איינגעשלאפן. זי האט זיך געווארפן פון זייט צו זייט און דאס בעט האט געסקריפעט אונטער איר. אבער איצט האט ער ניט געקענט אנטרינען אין אירע ארעמס. מיטאמאל האט זי א זאג געטאן:

— דזשעק דו שלאפסט?

— ניין, וואסי?

— ווייסט וואס כ'וועל דיר זאגן?

— יא?

— ס'וואלט גוט געווען צו נעמען איצט א טרונק!

— ס'א געדאנק! אבער וואו נעמט מען איצט א טרונק?

— אין א באר.

— וואו נעמט מען איצט א באר?

— אין לעיקוואוד.

— אין אזא העק, אין מיטן נאכט? שוין זיכער אלץ געשלאסן.

דאס בעט האט א סקריפע געטאן. מארין האט זיך אויפגעזעצט:

— צו יעדער צייט פארוילט זיך עמיצן א טרונק און שטענדיק זיינען ערגיץ־וואו אפן די טויערן פון א באר.

זי האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנט און אָנגעצונדן דאָס לעמפּל צו־קאָפּנס:

— פאַרלאָז זיך אויף מיר! דאָס איז מיין דעפּאַרטמענט.

דזשעק האָט זיך אַלץ ניט גערירט. זי האָט אַראָפּגעשטעלט די פיס אויפן דיל:

— קום, לאָמיר גיין!

ער האָט געמיינט, אַז זי ווילט זיך:

— וואוהין?

— מיר׳ן געפינען אַ באַר און נעמען אַ פיינעם טרונק. כ׳קען ניט איינשלאָפן. קום!

זי האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס נאַכט־העמד און זיך גענומען אָנטאָן. אויך דזשעק איז אַראָפּ פון בעט. ער האָט אַ הויב געטאָן מיט די אַקסלען: אַ ברירה האָט ער? וואָס זאָל ער טאָן? שטיל, אויף די שפּיץ פינגער, האָבן זיי זיך אַרויסגעשליכט אין דרויסן. דער וואַלד פון ביידע זייטן וועג איז געווען איינגעהילט אין חשכות. פון אַ פאַרם־הויף האָט אַ הונט אַ ביל געטאָן הינטער זייערע טריט און איז אַנטשוויגן געוואָרן. די אַלייע פון די האָטעלן איז געזונקען אין אַ טיפן שלאָף פון גערעכטע. נאָר דאָ און דאָרט האָט געברענט אַ לאָמפּ אויף אַן אונטערשטן גאָרן. מאַריון האָט זיך אַרויפגעשאַרט אויף אַ וועראַנדע און האָט אַריינגעקוקט צווישן די פאָרהענגלער פון אַ באַלויכטענעם פענסטער.

— קאָרטן! — האָט זי אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, מיט פאַר־אַכטונג.

אויף די ראָגן איז זי שטיין געבליבן און האָט גענישטערט מיטן בליק אַרום. מיטאַמאָל האָט זי אויסגערופן מיט טריומף:

— אַה־אַה!

אין אַ זייטיקער גאַס האָבן רויטלעכע נעאָן־ליכטער זיך געיאָגט אין אַ זיג־זאַג איבער אַ הענגענדיקן שילד. זיי האָבן זיך פאַרנומען אַהינצו. איבער דעם פראָנט פון הויז האָט זיך געצייכנט אַן אויפשריפט מיט גרוי־סע אותיות: וו אַ י אַ ז ש אַ ר ן ־ ה אָ ט ע ל , און אַ ביסל ווייטער, פון איבער אַ זייטיקן אַריינגאַנג, האָבן אַראָפּגעלויכטן די בוכ־שטאַבן: ב אַ ר . מאַריון האָט געעפנט די טיר. פון דער טיפעניש אין

הינטער־גרונט זיינען אויפגעשטיגן א בלאס ליכט און ליאַרמענדיקע מוזיק קלאַנגען.

אונטן, אין א געראימען זאַל, זיינען געזעסן אַרום א מנין מענטשן, איינגעהילט אין א נעפּל פון רויטלעך-געדעמפטן ליכט און רויך. דער באַרמאַן, א הויכער ברייטפּלייציקער מאַן, אין א ווייסן רעקל, האָט גע־שפּרייזט הינטער דער באַר אַהין און צוריק, מיט געמאָסטענע טריט און אַן ערנסטן פּנים, ווי א כהן גדול בעת דער עבודה. פון א העל־באַלויכטענעם דזשוק־באָקס אין א ווינקל האָט א סענטימענטאַלע שטימע פון אַן אינו־נראה אַרויסגעזונגען מיט האַרץ:

דאָרפסט האָבן האַרץ
א סך א סך האַרץ

מאַרין האָט איינגעאָטעמט די אַרומיקע לופט און איר בליק האָט אויפגעלעבט. אירע באַקן זיך האָבן זיך פאַרויטלט, ווי צעבליט. זי האָט א שפּרייז געטאָן צו דער פאַרבאַנק. ס'רוב הויך־פּיסיקע טאַבורעטקעס לענג־אויס דער פאַררונדיקטער עבאַני-פאַרענטשע זיינען געווען באַזעצט. דזשעק האָט איר אָנגעוויזן אויף א ליידיקן בענקל: „זעץ זיך דו דערווייל!" ער האָט זיך געשטעלט הינטער איר. דער באַרמאַן איז צוגעקומען און זיי אָנ־געקוקט מיט א פרעגנדיקן בליק. „א סקאָטש אויף אייז, גוט?" — האָט מאַרין א פּליסטער געטאָן צו דזשעק'ן. ער האָט באַשטעלט און זיך אַרומ־געקוקט. דער עולם דאָ איז געווען א אינגערער ווי בייטאָג אַרום דער אַזיערע. אין די אויגן האָבן זיך געוואָרפן מער בלאַנדע קעפּ. נאָר עטלעכע פּאָרלעך זיינען געזעסן אַרום די טישלעך אין זאַל; די מערסטע — ס'רוב מענער — זיינען געזעסן אַרום דער באַר. זיי האָבן פון צייט צו צייט אויפגעהויבן זייערע גלעזלעך צו די ליפּן, געזופּט צו ביסלעך און זעלטן אויסגערעדט א וואָרט. זייערע בליקן, פאַרנעפּלטע, האָבן ווי גע־וואַנדערט אין דער ווייט.

דער באַרמאַן האָט אָנגעגאָסן צוויי כוסות, וואָס ער האָט אוועקגע־שטעלט פאַר די נייע געסט. מאַרין האָט פאַרזוכט פון משקה, געוואַרט אַן אויגנבליק און דערלאַנגט א גרעסערן זופּ. די מוזיק איז אויסגעגאַנגען און די פּלוצלימדיקע שטילקייט האָט ווי אָפּגעהילכט צווישן די פיר ווענט.

— נאָך איינס דזשעק?

— כ'האָב נאָך ניט געענדיקט מיינס.

— כ׳טרינק היינט צו שנעל, כ׳ווייס — האָט זי געזאָגט — כ׳האָב שוין לאַנג ניט געהאַט קיין טראָפּן אין מויל.

ער האָט באַשטעלט. ביי דער באַר איז פריי געוואָרן אַ פּלאַץ און איר שכן האָט זיך איבערגערוקט אויף אַ בענקל ווייטער. עמיצער האָט אַריינגעוואָרפן אַ מטבע אין דזשוק־באָקס און אַ נייע פּלאַסטינקע האָט אויפגעשפּילט. דער באַרמאַן האָט געשפּרייזט בנעימות׳דיק הינטער דער באַר און האָט געשאָקלט מיט כוונה אַ מעטאַלענע כלי, וואָס ער האָט געהאַלטן צווישןביידע דלאָניעס — ווי ער וואָלט געפּראַוועט עפּעס אַ מיסטעריעזע צערעמאָניע.

ער איז ניט געווען געוואוינט צו טרינקען. די משקה האָט אים אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ און אויפגעראַיעט די פּוסטקייט, וואָס האָט אין אים געהויערט דעם גאַנצן נאָכמיטאָג. די רוישיקע מוזיק האָט אים געהודזשעט אין די אויערן. זי האָט געהאַלטן אין מיטן גלעזל. זי קען גוט טרינקען! — האָט ער געטראַכט. ער האָט מיטגענומען ווייניק געלט — ער וועט דאָך ניט צונעמען סילוויע׳ס פּאָר טאָלער! — אין משך פון וואָכן האָט ער אָפּגעלייגט אַ דאָלער צו אַ דאָלער, און איצט, אַז זיי וועלן זיך נאָך נעמען טרינקען?! און אפשר איז בעסער אַזוי — אַהין אָדער אַהער! זי האָט געהאַלטן מיט אַ גלעזל פּאַראויס: ער ביים צווייטן און זי ביים דריטן. צוויי און דריי איז פינף. נישקשה, ער קען גוט רעכענען, אין אַ קענדי־סטאָר מוז מען קענען גוט רעכענען, גוט און פלינק. וואָס איז אַ קענדי־סטאָר? אַ קענדי־סטאָר איז אַ פּעני-ביזנעס!

מאַרין האָט זיך פאַררעדט מיט איר שכן. זיי האָבן גערעדט שטיל, געפּליסטערט כמעט. אַלע אַרום האָבן גערעדט שטיל. ווי לאַנג וועלן מיר דאָ אַזוי זיצן? — האָט ער געטראַכט. און פאַרוואָס ניט? אַ מיליאָן מענטשן אַנטלויפן יעדע נאַכט אין די באַרס, עטלעכע מיליאָן אפשר! אין יעדער שטאָט, אין יעדן דאָרף, אויף יעדער גאַס איז פאַראַן אַ סאַלון, עטלעכע סאַלונס... מיטאַמאָל האָט מאַרין אַ לאַך געטאָן אויפן קול. אירע אויגן האָבן אויפגעשיינט. באַלד האָט זי זיך אויסגעדרייט צו דזשעק׳ן:

— פילסט זיך גוט?

— יאָ, אָבער כ׳האָב מורא אַז מיר׳ן ניט טרעפן דעם וועג אַהיים.

— אַ דאַנגה! כ׳האָב סאַי־ווי ניט קיין חשק צו גיין שלאָפן. וועסט נעמען נאָך אַ טרונק, יאָ? אפשר זאָלן מיר שוין דאָ צוואַרטן ביז פאַר־

טאג, וואס מיינסטו? עס ווערט זייער פרי ליכטיק. ווען מאכן זיי דא צו?

זי האט ווידער גערעדט מיטן שכן. דזשעק האט צוגעטראגן דאס פולע גלעזל צו די ליפן און דערלאנגט א גרויסן זופ. דריי און פיר איז זיבן!...

וועגן וואס רעדן זיי? אפשר רעדן זיי זיך אפ צום אנטלויפן? מען אנטלויפט שטענדיק — אלע! און צו וואס דארף זי אים? „שמשון'ס פוקסן" קענען זיך באגיין אן אים און מארין דארף אים אויך ניט מער. קיינער דארף אים ניט!

— מר. ווהאיט זאגט, אז ער וואלט אונדז אפגעפירט אהיים — האט געזאגט מארין — ער האט דא זיין אויטא שטיין פאר דער טיר.

איר קול איז דערגאנגען ווי פון דער וויים. דזשעק האט זיך א כאפ געטאן:

— ניין, ניין! כ'וועל זיך ליבערשט אביסל דורכגיין אויף דער פרישער לופט.

— גוט — האט זי געזאגט — ווי דו ווילסט. מיר'ן באלד גיין. זיי שליסן סאי־ווי אין א האלבע שעה ארום.

* * *

צומארגנס האט ער זיך אויפגעכאפט שפעט, מיט א שארפן קאפ־ווייטיק. מארין האט געמאכט א שטארקן קאפע ביי מרס. דאיען סילווער אין צימער און האט אים צוגעטראגן צום בעט. ער איז דעם גאנצן טאג געבליבן אנגעכמורעט און מרוקעוואטע.

— ס'איז גארניט, ס'איז דער קאצניאמער נאכן באר — האט זי אים געטרייסט — ס'עט איבערגיין. ביסט ניט געוואוינט צו נעמען א ביסל משקה. וועסט זיך צוגעוואוינען.

פארנאכט־צו האט ער זיך א ביסל אויסגעטשוכעט און באשלאסן זיך ערנסט דורכצושמועסן מיט איר:

— וואס איז דער תכלית? — —האט ער מיטאמאל א זאג געטאן, ווען זיי זיינען געגאנגען איבערן וואלד־וועג עסן וויעטשערע אין שטעטל.

— וואס מיינסטו?

— ווי לאנג וועלן מיר דא אזוי בלייבן?

— אה? כ'ווייס, נאך א טאג אדער צוויי. מיר דארפן אנגיין לויט אונדזער פּלאן.

— וואס איז אונדזער פּלאן?

— ווי מיר האבן לכתחילה אפּגערעדט: ארבעטן א פּאר טעג אויף א פּלאַץ און פאָרן ווייטער. שוין גלייך דא, אין לעיקוואוד, דארפן מיר עס אנהויבן. נאר אויף אזא אופן וועלן מיר באמת קענען מאכן א לאנגע נסיעה.

דזשעק האט ניט געענטפערט. ער האט געשפּרייזט לעבן איר מיט אן אראפּגעלאזענעם קאפּ. זי האט אנגענומען זיין האנט און זי געגלעט צווישן אירע לאנגע פינגער:

— זיי ניט אנגעבלאזן ווי א ברוגז קינד — האט זי געזוכט זיין בליק און זיך באמיט צו שמייכלען — מה רעש? א פּאר טעג!... א פּאר טעג האט מען דאך געמעגט א לעב טאן, ניין? מען וועט נאך גענוג האָרעווען אויפן שטיקל ברויט.

— כ'האב נאר געמיינט: וואס וועט זיין ווייטער? — האט ער א ברום געטאן.

— ס'עט זיין גוט! אדער אפשר ווילסטו צוריק קיין ברוקלין?

— ניין, ניין! — האט ער זיך א כאפּ געטאן — אבער וואו נעמט מען דא ארבעט אויף עטלעכע טעג?

— מיר'ן זען. דערווייל שטארבן מיר נאך ניט פון הונגער. איך האב אויך אפּגעשפּארט עטלעכע דאלער. און א פּאר טעג ארבעט קען מען אומעטום געפינען. אז מען דארף, געפינט מען. כ'וועל מאַרגן פּרובירן א רעד טאן מיט מרס. דאיען סילווער, מיט די אנדערע שכנים אפשר.

דורך מרס. דאיען סילווער האט מאַרין שוין געהאט באוויזן זיך צו באקענען מיט כמעט אלע אנדערע געסט, וואס האבן אין יענע טעג באַוואוינט די „גרינע אכסניה": אן עלטער פּאר פאלק פון ניו-יארק; א צוריק-געצוויגענער ביזנעס-מאן פון פילאדעלפיע; א שוויגער, א יונגע שנור און אן אייניקל, וואס האבן פארנומען צוויי צימערן און האבן געווארט אויף זייער זון, מאן און פאטער, וועלכער איז יעדן סוף-וואך געקומען פון ניו-יארק; א געוועזענער פּרעסער פון גארמענט-צענטער, וועלכער האט זיך אויף דער עלטער געגומען מאלן לאנדשאַפטן. אויסער דעם פלעגן

דאָ אויך פון צייט צו צייט אַריינפאַלן צופעליקע פאַרבייפאָרער, וואָס זיינען פאַרבליבן איבער נאַכט אָדער אַ גאַנצן מעת־לעת.

די סטאַבילע געסט זיינען דאָ כמעט אַלע געווען האַלבע תושבים, ס'הייסט זיי האָבן זינט מערערע יאָרן פאַרבראַכט יעדן סוף-זומער עטלעכע וואָכן אין דער אַכסניה אין וואַלד. זיי האָבן זיך גוט געקענט און האָבן זיך, אין משך פון די לאַנגע שעה'ן אויף דער ווערענדע און אויפן גראָז, צום וויפלטן מאָל אויסדערציילט פון וואַנען זיי שטאַמען, ווער זיי — און זייערע טאַטעס און זיידעס — זיינען געווען און וואָס זיי האָבן אַלץ געטאָן אין דער אַלטער היים, וועגן זייערע אויסשטודירטע קינדער און חתונה־געהאַטע טעכטער און גראַטענע אייניקלעך אין אַמעריקע, און וועגן סתם קרובים און משפחה ביז צום צענטן גליד. צייטנווייז האָבן זיי אויך געשמועסט וועגן אַקטועלע טעמעס: וועגן אַלערליי מחלות און דיעטעס און וואָס ס'איז גוט פאַרן מאָגן, וועגן פּאָליטיק און ביזנעס. זיי האָבן אַלע געהאַט עלעקטרישע פּלאַטעס אין די צימערן און אויסער מיטאָג, וואָס זיי האָבן געגעסן אין גרויסן עס־זאַל, האָבן זיי אַלע אַנדערע מאָלצייטן צוגעגרייט ביי זיך.

צום יונגן פּאָר־פאָלק — און ווער ווייסט צי זיינען בכלל מאַן־און־ווייב? — האָבן זיי זיך פון ערשטן אויגנבליק באַצויגן מיט חשד, בפרט צו דזשעק'ן: ער האָט אויסגעמיטן מענטשן, זיך קיינמאָל ניט צוגעזעצט אויף דער ווערענדע און זיך ניט אויסגעצויגן אין אַ וויג־שטול אויפן גראָז. און אין אַלגעמיין: דער אויסזען זייערער, דער הילוך, ווער זיינען זיי? פון וואַנען קומען זיי? ארחי־פּרחי! די עלטערע אַלמנה, מרס. דאַיען סילווער, האָט גענומען מאַרין'ען אונטער איר שוץ: איר אַמאָל אויסגעליען ברויט און קעז און אַ ביסל קאַפּע פאַר אַ היימישן איבערביים און איר אַרויסגעהאָלפן מיט עצות און מיט איר עלעקטרישן קאָכער. אָבער אויך זי איז ניט געווען גרייט צו שווערן, אַז ביי דעם יונגן פּאָרל איז אַלץ כשר וישר. אָבער וואָס גייט עס איר אָן? אין אַמעריקע איז מאַינד יור אָון ביזנעס. זי וואָלט כאָטש געוואָלט דערגיין, צי מאַרין איז אַ אידישע, אָבער יענע נעמט אָן אַ פול מויל מיט וואַסער ווי־נאָר עס קומט אויס צו רעדן וועגן אָט די זאַכן. און וואָס קענט איר וויסן אין אַמעריקע, יאָ אַ אידישע, צי ניט אַ אידישע? אַז אַלע יונים האָבן דאָ איין פּנים!

— מיר דאַכט זיך, אַז וועגן קריגן אַ פּאָר טעג אַרבעט אין לעיקוואָוד,

ווייסן זיי נאָך ווייניקער פאַר אונדז — האָט מאַרין צומאַרגנס פאַרנאַכט אָפּגעגעבן דזשעק׳ן אַ באַריכט — אפשר זאָל איך אַ פרעג טאָן ביים בעל־הבית?

— ניין, ניין! דער בעל־הבית טאָר ניט וויסן, אַז מיר זוכן אַרבעט — האָט דזשעק זיך אַ הויב געטאָן פון בעט.

כמעט דעם גאַנצן טאָג איז ער אָפּגעלעגן אויפן בעטל און האָט גע־קוקט אויף דער סטעליע. ווידער איז אים פאַרגעקומען, ווי אין די הייסע נעכט אין דער קענדי־סטאָרקע, אַז ער דרייט זיך אין אַ קרייז און טאָפּ־טשעט אויף איין אָרט. פאַרוואָס פאָרן זיי ניט ווייטער? אויך דער וועג ווייטער איז געלאָפן אין אַ קרייז, — אַן אומענדלעך לאַנגע מעין־סטריט מיט קענדי־סטאָרס און דראָג־סטאָרס אויף די ראָגן, רויט־באַמאָלטע פּומ־פּעס פון גאַזאָלין־סטאַנציעס אויף די שיידוועגן, וויסטאַוועס מיט טאָוס־טערס פון „וועסטינגהאַוז" און ראַדיאָס פון „ראַדיאָ קאָרפּאָריישאָן", האָ־טעלס, באַרס מיט נעאָן־ליכטער אין פענסטער. און וואָס ווייטער?

אַרום איז געווען שטיל. אויף די שויבן פון פענסטער האָבן זיך גע־צייכנט באַגילדעטע צווייגן. וואָס טוט ער דאָ אייגנטלעך? אין האַלב־דרימל האָט דער אַרום פאַרלאָרן זיין וואַרהאַפטיקייט. אפילו מאַרין האָט זיך ווי פאַרענדערט: איר גוף איז געווען ראַיעל, ממשות׳דיק, אָבער קיין אַנטרינונג פאַר אים איז ער מער ניט געווען. ער האָט זיך אַלץ מער און מער אונטערגעטונקט אין שלאָף.

זי האָט זיך באַמיט אים אַרויסצושלעפּן פון זיין אָפּהענטיקייט:

— מיר דאַרפן אַרויסגיין אין גאַס, קומען מער צווישן מענטשן, אַרום די פאַרמס, האָטעלס — איז זי צוגעשטאַנען צו אים — מיר׳ן שוין עפּעס געפינען, וועסט זען! לעיקוואוד איז נאָך אַמעריקע, אויך אין לעיק־וואוד דאַרפן זיי זיכער האָבן געשיר־וואַשער, פאַרקויפערינס, אַ שטיקל הילף אין הויז, מאַלע־וואָס.

קאַפּיטל צוואַנציק

דער הינער־פילאָזאָף

— אפשר דאָ?

— דאָ?

— פאַרוואָס ניט? — האָט געזאָגט מאַרין.

זיי זיינען געשטאַנען אויף אַ זייטיקן וועג און האָבן אַרויפגעקוקט צו דער פאַרם, וואָס האָט זיך אַריינגעשניטן צווישן די ביימער פון וואַלד. פאַרנט האָט זיך געהויבן אַ פּויש-געמאָלט ווייס הויז מיט אַ גרינעם גאַניק אין פראַנט.

— מיינסט אַז זיי האַלטן אַרבעטער? — האָט געפרעגט דזשעק.

— זיכער האַלטן זיי אַרבעטער.

— ווי גרויס איז דען בכלל אַזאַ פאַרם? אַ שטוב מיט אַ הויף און אַ שטיקל פעלד אַרום.

— גרויס אָדער קליין, זיי האָבן טויזנטער הינער אין די שטאַלן. מרס. סילווער האָט מיר דערציילט. איך וואָלט געקענט אַרויסהעלפן אין הויז —

— און איך?

— ביי די הינער.

דזשעק האָט אַ לאַך געטאָן:

— כ׳וועל זיי קאָרמענען מיט אייזקרים און פּעפּסי־קאָלאַ.

— איר זיינט פון ניו־יאָרק? — האָט זיך אָפּגערופן אַ בת־קול הינטער זיי.

זיי האָבן אויסגעדרייט די קעפּ. הינטער אַ בוים איז געשטאַנען אַ הויכער מיטליעריקער מאַן אָנגעטאָן אין אַ בלויען אַרבעט־אַנצוג. זיינע אויגן האָבן גוטמוטיק געשמייכלט.

— יאָ — האָט געזאָגט מאַרין.

— אויף וואַקאַציע?

— וואַקאַציע און... ביזנעס. מיר וואָלטן איינגנטלעך געוואָלט קויפן אַ הינער־פאַרם און זיך דאָ באַזעצן. ס'איז דאָ אַזוי שיין אין וואַלד!

דזשעק האָט געוואָרפן אַ שנעלן דערשטוינטן בליק אויף מאַרין'ען און האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן. דער מאַן אין אַרבעט־אַנצוג האָט געמאַכט אַ פּאָר שריט פאָרויס און זיי בײדן אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס:

— איר האָט עפּעס אַן אָנונג אין די ביזנעס? — האָט ער גע־פרעגט.

— אַ ביסל, ניט קיין סך — האָט געזאָגט מאַרין.

— מילא, ס'איז ניט קיין שווערע תורה — האָט געזאָגט דער מאַן — מען קען זיך אויסלערנען. אַ ביסל וואָלט איר זיך צוגעקוקט וואָס אַנדערע טוען און אַ ביסל וואָלטן אייך שכנים די ערשטע צייט ארויס־געהאָלפן. איך בין אויך אַ הינער־פאַרמער, פון דער געגנט טאַקע, מיין נאָמען איז בלומפילד, סאָל בלומפילד.

— וואָס מאַכט איר מר. בלומפילד? מיין נאָמען איז מאַרין און דאָס איז דזשעק בינאַוועה... סמיטה.

— צופרידן אייך צו באַגעגענען — האָט געזאָגט מר. בלומפילד — די געוויינלעכע אַרבעט איז באמת ניט קיין קאָמפּליצירטע.

— מען דאַרף קאָרמענען די הינער, און די הינער לייגן אייער — האָט מאַרין אויסגעלייגט די גאַנצע תורה אויף איין פוס.

— אומגעפער אַזוי — האָט מר. בלומפילד אַ שמייכל געטאָן — ס'הייסט מען דאַרף וויסן נאָך עטלעכע קלייניקייטן: ווען מען קריגט, אַ שטייגער, אַריין די קליינע קורטשאַקעס, דאַרף מען הייצן די שטאַלן מיט אויוועלעך, כדי די הינדעלעך זאָלן זיך ניט צוקילן; ביי די לייגנדיקע הינער דאַרף מען צומישן געמאָלענע ביינער אָדער מושלען אין שפּייז, כדי דאָס שאָלעכץ פון די אייער זאָל זיין שטאַרק און זיך ניט ברעכן בשעת'ן טראַנספּאָרטירן; מען מוז קאָרמענען די אָקאָרשט־אויסגעפּיקטע קורטשאַקעס מיט ספּעציעלע מאכלים. אָבער גאָרניט, מען קען זיך עס

שנעל אויסלערנען. כמעט אלע ארומיקע פארמערס האבן זיך ערשט דא אויסגעלערנט די מלאכה.

מארין איז אויפגעשפרונגען:

— איז וואס זאגסטו, דזשעק? מיר'ן זיך באזעצן אויף א פארם! — האט זי אויסגערופן מיט התלהבות — אליין אין וואלד, ביי א זייטיקן וועג ערגיץ, ווייט פון מענטשן. מיר וועלן אויפשטיין אין די פארטאגן, מיטן אויפגיין פון דער זון, און ביינאכט וועלן מיר זיצן ביי א פלאקערנ־דיקן שייטער אין פרייען פעלד. מירן לעבן אין דער נאטור: אן סאבוועיס, ביורא-רעגיסטערס, טעלעפאן־קעסטלעך.

— דאס איז אלץ שיין און גוט — האט געזאגט מר. בלומפילד און געווענדעט זיין בליק צו דזשעק'ן — כ'האב ליב יונגע מענטשן, וואס ווילן פארלאזן די גרויסע שטעט און גיין אויפן לאנד, אבער פראקטיש גענומען איז די פראגע, צי איר האט אייך מיט וואס אנצוהויבן?

מארין האט זיך צוגעזעצט אויף א שטיין, ביים אריינגאנג צו דער פארם, און האט פאררויכערט א סיגארעט. אויף דזשעק'ן איז דער גאנצער ענין אראפגעפאלן ווי א דונער פון הימל אין מיטן העלן טאג:

— וואס מיינט איר? — האט ער געפרעגט.

— כ'מיין אויסער ראמאנטיק — מזומנים?

— ארום צוויי הונדערט דאלער — האט דזשעק געענטפערט קורץ.

— דאס איז אביסל צו ווייניק — האט מר. בלומפילד געזאגט מיט באדויערן — אוודאי, מען קען נעמען א היפאטעק, אבער אפילו פאר א באשיידענעם אנהויב, און מיט א גרויסער היפאטעק, איז עס צו ווייניק.

דזשעק האט זיך אנגעשפארט אויף א בוים און האט געשוויגן. מא־רין האט א ווייַלע נאכגעקוקט דעם רויך, וואס איז אויפגעשטיגן אין דער לופטן. מיטאמאל האט זי זיך אויפגעהויבן פון שטיין:

— צו וואס דארפן מיר געלט? — האט זי אוועקגעמאכט די פינאנ־ציעלע פראבלעמען מיט דער האנט — פארוואס קענען מיר ניט אנהויבן מיט די צען פינגער? ס'איז נאך אינטערעסאנטער אפילו!

— ווי מיינט איר עס? — האט מר. בלומפילד זי באטראכט מיט א ווארימען שמייכל און גערעדט קאלט.

מארין איז ניט אראפגעפאלן ביי זיך:

— פארוואס ניט? — האט זי אויסגערופן — מיר'ן דינגען א שטיקל

וואלד; א הינער־פארם דארף דאך ניט האבן קיין סך לאנד, אמת? פאראן דא אזויפיל וואלד, וואס וואקסט ווילד! מיר'ן אויסהאקן די ביימער און צוגרייטן א פרייע פלאנקע. מיר'ן ארומצוימען א שטיקל פלאץ פאר די הינער און שפעטער־צו וועלן מיר אליין אויסבויען א באראקל פאר זיך און פאר די הינער. דערווייל וועלן מיר האבן אייער צום עסן. א ביסל גרינס וואלטן מיר אויך פארפלאנצט.

איר ענטוזיאזם איז געוואקסן. זי האט ארויסגעבלאזן א וואלקן רויך פון מויל, האט געווארפן א בליק איבער די וועלדער, וואס האבן זיך געצויגן ברייט און ווייט ארום, און איר פאנטאזיע האט זיך צעפלאקערט:

— ווינטער וועלן מיר גיין אויף יאגד אין וואלד. פאראן דא אוודאי האזן, הירשן, אפשר אויך ווילדע חזירים. און זומער קען מען כאפן פיש אין די ארומיקע סטאוון און אזיערעס.

מר. בלומפילד איז געבליבן ניכטער:

— דאס איז גוט פאר האליוואוד! — האט ער געזאגט.

— האליוואוד? — האט דזשעק אים אנגעקוקט מיט פארדאכט.

מר. בלומפילד האט געקוקט אין מארין'ס זייט:

— איר רעדט ווי פון א וועסטערן ארויס — האט ער געזאגט — אבער די מיטאלאגישע צייטן זיינען שוין פון לאנג אוועק: די נסים פון דער ביבל, די גריכישע געטער מיט זייערע אוואנטורעס, די אמעריקאנער פראנטיר אפילו: מיט די יונגען וואס זיינען תמיד גרייט צו ציען א רע-וואלווער פון הינטערן גארטל און די אינדיאנער מיט לאנגע פעדערן אויפן קאפ.

מארין'ס פנים האט זיך פארקרימט:

— כ'האב נאר גערעדט וועגן א הינער־פארם — האט זי געזאגט.

— און אפילו א קליינע הינער־פארם? ווי לאנג וועט אייך נעמען אויסצוקארטשעווען די ביימער? ארבעט־קרעפטן זיינען אן אינוועסטירונג, אפילו אייערע אייגענע כוחות. מיט א טראקטאר וועט עס אויסמאכן בי-ליקער, און דינגען א טראקטאר קאסט געלט. איר מוזט קויפן שפייז און געמאלענע ביינער און איר מוזט קויפן ספעציעלע קורטשאקעס, וואס האבן זיך אויסגעפיקט פון ספעציעלע אפגעקליבענע אייער. איר האט געהערט פון דארווינען? דאס געזעץ פון נאטירלעכן אפקלייב!... א לייג־הון מוז לייגן מינדעסטנס צוויי הונדערט אייער א יאר, אז נישט איז זי ניט רענטאבל

— זי עסט מער ווי זי פּראָדוצירט, זי שטעלט אייך בדלות און פירט אייך צו באַנקראָט. און די גוטע הון? נאָך צוויי יאָר האָט זי שוין אָפּגעטאָן דאָס איריקע, דיינו! זי גייט צום קצב, אין פליישׂ־מאַרק. און איר מוזט קויפן פרישע קורטשאַקעס פאַר האַדעוואַניע. ביים פּיסל פון יעדער הון איז צוגעבונדן אַ נומער און מיר פירן אַ גענויע קאַרטאָטעקע פון דער צאָל אייער, וואָס יעדע הון האָט געלייגט, די הוצאות פער קאָפּ —

— אַ קאַרטאָטעקע? מיין גאָט! פּונקט ווי אין אַן אָפיס — האָט מאַריז איבערגעריסן דעם שטראָם פון זיינע רייד — אומעטום דאָס זעלביקע!

— וואָס זאָל מען טאָן? אויך איטלעכער פון אונדז טראָגט אַ נומער אויפן פוס! מיר זיינען געבונדן מיט אַ סיסטעם פון הלוואות, באַנקען, היפּאָטעקן, פּרייזן; מיר זיינען אָפּהענגיק פון פאַרלאַנג און אָנבאָט, פון איבערפּראָדוקציע און קריזיסן, פון וועלט־מאַרק אפילו. איר ווייסט וואָס מען טוט מיט אַ הון, וואָס לייגט ניט די געהעריקע צאָל אייער אַ יאָר? מען שיקט זי צום קצב. און אַ פאַרמער וואָס צאָלט ניט זיינע חובות —

מאַריז האָט מער ניט צוגעהערט. זי האָט פיינט געהאַט חשבונות בכלל און סטאַטיסטיק און עקאָנאָמישע טעאָריעס בפרט. זי האָט אַראָפּגענידערט אויפן גראָז אונטער אַ בוים, האָט פאַררעסן דעם קאָפּ און אַרויפגעקוקט צווישן די צווייגן צום בלויען הימל. מר. בלומפילד האָט זי גענומען טרייסטן:

— פאַרלירט פון דעסטוועגן ניט די מוט! — האָט ער געזאָגט — מיט אַרבעט און געדולד קען מען אַלץ דערגרייכן. אָבער שטאָטישע מענטשן דאַרף מען צוערשט וואָרענען: זיי זאָלן ניט מיינען אַז אויפן לאַנד איז אַלץ גאָלע ראָמאַנטיק. איר וועט נאָך דאָ בלייבן עטלעכע טעג?

— יאָ, מסתמא.

— טאָ כאַפּט זיך אַריין צו מיר אַהיים. איר וועט אָנקוקן די פאַרם און קריגן אַ שטיקל באַגריף פון דער אַרבעט. קומט אין עטלעכע טעג אַרום, גוט? מאָרגן און איבערמאָרגן בין איך גראָד שטאַרק פאַרנומען. קומט... לאָמיר זאָגן שבת, גוט? איר וואָלט געקענט קומען שבת נאָכמיטאָג?

— מיר וועלן קומען. איר וואוינט דאָ? — האָט מאַרין אָנגעוויזן אויפן הויז צווישן די ביימער.

— ניין. איר זעט דאָרט וואו די מאַשינען אַרבעטן? פון דאָרט פירט אַ וועג דורכן וואַלד צו מיין פאַרם. אין לעיקוואוד וועט אייך יעדער איי־נער זאָגן, ווי מען קומט אַרויס צו אונדז. און איצט מוז איך שוין גיין!

ער האָט אַ שפּריי געטאָן צו אַן אויטאָ, וואָס איז געשטאַנען ביים ראַנד פון וועג. אינמיטן האָט ער זיך אָפּגעשטעלט:

— איר ווילט, אַז איך זאָל אייך צופירן אין האָטעל?

— ניין, אַ דאַנק, מיר וועלן זיך ליבערשט דורכגיין — האָט גע־זאָגט דזשעק. סאָל בלומפילד האָט געלאָזט די מאַשין אין גאַנג:

— זייט געזונט! — האָט ער צו זיי צוגערופן דורכן פענסטערל פון וואָגן — און פאַרגעסט ניט אַריינצוקומען שבת!

— וואָס איז דיר מיטאָמאָל איינגעפאַלן אַ מעשה מיט קויפן אַ פאַרם אין לעיקוואוד? — האָט דזשעק אַ פרעג געטאָן מאַרין׳ען, ווען זיי האָבן זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פון שטעטל.

זי האָט אַ לאַך געטאָן:

— כ׳ווייס אַליין ניט! — האָט זי אַ הויב געטאָן מיט די אַקסלען. זי האָט זיך אַ ווײַלע פאַרקלערט: — און פאַרוואָס ניט? אויף אַ פערטל שעה בין איך געוואָרן אַ הינער־פאַרמערקע אין לעיקוואוד: מיט לייג־הי־נער, אָפּגעקליבענע קורטשאַקעס, געמאָלענע ביינער, היפּאָטעקן, וועלט־מאַרק און מר. דאַרווין.

— אַמאָל דאַכט זיך מיר, אַז דו שפּילסט שטענדיק טעאַטער — האָט געזאָגט דזשעק — שטענדיק און אומעטום.

— אַ מאָדנער מענטש, דער מר. בלומפילד — האָט מאַרין גענומען רעדן וועגן עפּעס אַנדערש — אַן אינטעליגענטער חברה־מאַן! מיר׳ן אַריינ־גיין צו אים שבת, יאָ? ער וועט אונדז זיכער קענען געבן אַן עצה וועגן אַ פּאָר טעג אַרבעט. ער איז דער ריכטיקער מאַן! אַזאַ איינעם דאַרפן מיר האָבן!

ווען זיי האָבן זיך פאַרקירעוועט אין טאָל, האָט זיך פאַר זייערע אויגן אַנטפּלעקט אַ גלאַטער שטח לאַנד, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט

אין מיטן וואַלד. פון אַלע זייטן האָבן זיך אַריינגעשניטן ברייטע אַלייען צווישן דיביימער, ווי שפּיצן פון אַ שטערן. בולדאָזערס האָבן געגראָבן ראָוואָקעס און אַנגעשאָטן וועגן. סקרעיפּערס זיינען געפאָרן אַהין און אַהער און האָבן אויסגעגלייכט דעם באָדן. דאָ און דאָרט האָבן זיך גע־הויבן איבער דער ערד קאָנטורן פון בעטאָנענע פונדאַמענטן און ציגלנע ווענט.

— זעסט, נייע הינער־פאַרמס! — האָט געזאָגט מאַרין.

— מיר זעט עס אויס ווי אַ גאַנצע שטאָט — האָט געזאָגט דזשעק.

דער בעל־הבית פון האָטעל האָט זיי מקבל־פּנים געווען מיט אַ שמייכל. ער איז געלעגן אויסגעצויגן אין אַ וויג־שטול אויף דער לאַנקע לעבן הויז און האָט זיך געוואַרימט אין דער שפּעטער האַרבסט־זון. ביי זיינע פיס האָבן אַרומגעפלאַטערט גילדערנע בלעטער.

— איר האָט געכאַפּט אַ שפּאַציר? — האָט ער געפרעגט.

— יאָ — האָט געזאָגט מאַרין.

— ווער איז דער מר. סאָל בלומפילד? — האָט דזשעק אים גע־פרעגט.

— אַה, סאָלאָמאָן, דער הינער־פילאָזאָף? ער האָט אייך שוין געכאַפּט, וואָס? — האָט געזאָגט דער בעל הבית און זיך אויפגעזעצט אויפן שטול — קומט, זעצט זיך צו אַ ווײַלע.

— אַ דאַנק! וואָס מיינט איר? — האָט געפרעגט מאַרין.

— ער האָט ליב צו שמועסן ווי דאָס לעבן, און מיר, די היגע, האָבן שוין אַלץ געהערט. איין מאָל? הונדערט מאָל!

— ווער איז ער?

— סאָלאָמאָן? ס'איז אַ גאַנצע געשיכטע. ער האָט שטודירט אין קאָרנעל־אוניווערזיטעט אויף אַגראָנאָם, זיך ספּעציאַליזירט אין ירושה־טעאָריעס און אין אויסראָטונג פון שעדלעכע אינזעקטן. קיין אַמעריקע איז ער געקומען ווי אַ דערוואַקסן בחור'ל, פון רוסלאַנד, אייגנטלעך אויפן וועג קיין פּאַלעסטינע. ער האָט געוואָלט אַהינגיין, קיין ארץ־ישראל, ווי אַ פּיאָנער, זיך ווידמען דאָרטן דער קאָלאָניזאַציע: נייע מעטאָדן, עקספּע־רימענטן. נו, איז ער שטעקן געבליבן אין אַ הינער־פאַרם לעבן לעיק־וואוד.

— שטעקן געבליבן? — האָבן די ווערטער זיך אַרויסגעריסן פון דזשעק'ס מויל.

— וואָס וואונדערט איר זיך אַזוי? — האָט דער בעל-הבית זיך אויפגעהויבן פון שטול — אַלע מענטשן, אַט ווי איר קוקט זיי אָן, זיינען שטעקן געבליבן, טאַקע דאָרט וואו איר זעט זיי. אַט ווי איר קוקט מיך אָן, וואָס מיינט איר האָב איך געוואָלט ווערן, ווען איך בין געקומען קיין אַמעריקע?

— דער בעל־הבית פון וואַלדאָרף אַסטאָריאַ? — האָט מאַרין פּרובירט טרעפן.

— ווייס איך וואָס! — האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — כ'האָב געטרוימט וועגן ווערן אַ קאָובאָי אין טעקסאַס: מיט אַ גרויסן הוט מיט ברייטע ראַנדן אויפן קאָפּ, מיט הויכע שטיוול אויף די פיס און אַ לאַסאָ אין דער האַנט: אויף צו כאַפּן ווילדע פערד אין די סטעפּעס. נו, האָב איך זיך דערווייַלע גענומען נייען מענער-הויזן אין אַ שאַפּ אין גאַרמענט־סענטער, אויף דער זיבעטער עוועניו, אין ניו־יאָרק. מיר האָבן געשפּאָרט אַ גראָשן צו אַ גראָשן און אויף דערווייַלע איינגעקויפט אַ קליינע הינער־פאַרם אויף אַ גרויסן מאַרגעדזש. ביסלעכווייז האָט זיך די פאַרם צעוואַקסן און, ווי איר קוקט מיך אָן, האָבן מיר שוין געהאַט זעקס טויזנט לייג־הינער און אַכט הונדערט בראָט־הינער. ווער האָט עס דען דעמאָלט געקלערט וועגן אַ האָטעל? ווער דאַרף אַ האָטעל? איך דאַרף אַ האָטעל? איך דאַרף ניט קיין האָטעל! אָבער אַז מיין ווייב האָט זיך פאַרוואָלט אַ האָטעל — ס'הייסט מיין צווייטער ווייב. וואָרים דערווייַלע זיינען די קינדער אונטערגעוואַקסן און זיינען אַוועק פון דערהיים און מיין ערשטע ווייב איז מיר אַוועקגעשטאָרבן — די פרוי, וואָס איר זעט דאָ, איז מיין צווייטע ווייב, זי איז טאַקע אינגער פון מיר, מיר האָבן זיך געטראָפן ביי מיינער אַ קוזינע אין די בראָנקס, — כ'בין זיכער אַז ס'איז געווען אַן אָפּגערעדטע זאַך צווישן זיי, איר מיינט אַז מיין קוזינע האָט מיך גלאַט אַזוי איינגעלאַדן אויף סאַפּער יענעם אַוונט? — אָבער זי האָט ניט געוואָלט פאַרשוואַרצט ווערן אויף אַ פאַרם, האָט זי געזאָגט, זי האָט געוואָלט אַ האָטעל. נו, האָבן מיר פאַרקויפט די הינער צו די אַרומיקע פאַרמערס און די מערסטע אינסטאַלאַציעס האָבן מיר אויך פאַר־קויפט, בחצי חינם, פאַרשטייט זיך, און די איבעריקע הינער האָבן מיר

פארטריבן אין גלות דארט הינטן אין הויף, און מיר האבן גענומען א גרויסן היפאטעק און ארויפגעצויגן א צווייטן גארן איבערן הויז, און מיר האבן פארזייט א ביסל גראז, פארפלאנצט עטלעכע בלומען און אוועקגע־שטעלט עטלעכע ליג־שטולן — און אט האסטו דיר א האטעל! איר מיינט אפשר אז מען מאכט א לעבן פון האטעל? פון ביסל הינער מאכט מען נאך אלץ מער א לעבן ווי פון די געסט, ווארים די סעזאנען אין לעיקוואוד זיינען קורצע און א גאנץ יאר זיינען דא פאראן מער האטעלן ווי געסט.

— אבער מר. בלומפילד וויל בלייבן ביי דער פארם, אמת? — האט דזשעק פארקירעוועט דעם שמועס צום אנהויב.

— זיכער, ער איז פארקאכט אין די הינער — האט געזאגט דער בעל הבית — וואס דארפט איר האבן א סך? ניט ווייט פון אים, אויף דער אנדערער זייט וועלדל, בויט מען איצט א גאנצן קווארטאל מיט ווילעס, א פארשטאט אזא. האבן ריעל־עסטעיט לייט אים געמאכט א פארשלאג, סאלאמאן׳עז, אז ער זאל אויך פון זיין פארם מאכן א שטאטישן קווארטאל: אויסגלייכן דעם באדן, דורכלייגן שאסייען, פארצעלירן דאס לאנד און פארקויפן בוי־פלעצער. אז גאז און עלעקטריע און וואסער האט ער שוין און ממש אונטער זיין נאז וואקסט א שטאט! ער וואלט געגאנגען אין גאלד. אבער ער וויל ניט הערן און זען, ער... ער...

דער בעל־הבית איז א ווילע שטיין געבליבן מיט אן אפענעם מויל, דערנאך האט ער זיך א פאטש געטאן מיט א האנט אויפן שטערן:

— איר זיינט אין די ריעל־עסטעיט ביזנעס, אמת? — האט ער אויס־גערופן — איר האנדלט מיט באדן... הייזער...

— א ביסל — האט געזאגט מארין מיט א סודות׳פולער מינע.

— און איך, אלטער נאר, האב זיך ניט געכאפט! — האט דער בעל־הבית געשאקלט מיטן קאפ — ס׳הייסט דעם אמת געזאגט, האב איך גלייך דערשמעקט אז איר זיינט ניט געקומען גלאט אזוי אויף וואקאציע. נו, יא, לעיקוואוד האט א גרויסע צוקונפט! איר קומט אוודאי פון א גרוי־סער קארפאריישאן, אמת? כ׳פארשטיי, וועגן אזעלכע זאכן רעדט מען ניט... אבער ווי איך קוק אייך אן, זע איך אז איר וועט שוין דא טאן גרויסע ביזנעס!

קאַפּיטל איין-און-צוואַנציק

ביי די וואַסערן פון לעיקוואוד

ס'איז געווען שבת נאָכמיטאָג — אין דרויסן האָט שוין געשמעקט מיט האַרבסט און אַ קיל ווינטל האָט געבלאָזן פון ים — און סילוויע איז געשטאַנען אַליין אין סטאַרקע, ווען די טיר האָט זיך געעפנט און אַ מיטליאָריקער מאַן אין אַ בלויען אויסגעפּרעסטן אָנצוג איז אַריבערגעטראָטן דעם שוועל. אַ ברייטלעכער, מיט גרויע האָר אויף די שלייפן, די שאַרסטקע הויט אויף זיין קיילעכדיקן פּנים אָפּגעברוינט פון דער זון, האָט ער אויסגעזען ווי אַ ישוב'ניק וואָס האָט זיך אויסגעפּוצט אין יום־טוב'דיקע מלבושים אויף אַ וויזיט אין שטאָט אַריין. ער איז שטיין געבליבן ביי דער פאַרבאַנק און האָט גאָרניט באַשטעלט און גאָרניט ניט געזאָגט; ער האָט זיך נאָר סודות'דיק אַרומגעקוקט, געוואָרפן אַ פאָרשנדיקן בליק אויף סילוויען און ווידער געלאַסן באַטראַכטן דאָס געוועלב. סילוויע האָט געדולדיק געוואַרט, נאָר איר האַרץ האָט עפּעס אָנגעהויבן מאָדנע טיאַכקען.

— דאָ וואוינט מרס. גאָטליב? — האָט דער פרעמדער סוף־סוף אַ פרעג געטאָן.

דערהערט אַזאַ אָפיציעלע פראַגע, איז סילוויען איינגעפאַלן, אַז דער מאַן קומט אפשר פון דער פּאָליציי אָדער פונעם „ביוראָ פאַר פאַרלאָרענע פּערזאָנען". אָבער פון וואַנען ווייסן זיי? זי האָט דאָך אַלעמען דערציילט, אַז דזשעק מיט דער מאַמען זיינען אַוועקגעפאָרן אויף עטלעכע וואָכן צו איר שוועסטער בעווערלי, אין ברידזשפּאָרט, קאָנעטיקוט. כאָטש ווי קענט איר האַלטן אַ סוד אויף עוועניו „יו"? זעט אויס, אַז שוין גלייך דעם ערשטן

טאָג האָבן אַלע געוואוסט. אמת אין די אויגן האָט מען איר טאַקע גאָר־ניט געזאָגט, אָבער טאַקע דערפאַר האָט זי געוואוסט, אַז אַלע ווייסן; וואָרים פאַרוואָס האָבן זיי אַלע מיטאַמאָל אויפגעהערט זיך נאָכצופרעגן אויף דזשעק׳ן?... און אפשר האָט מען זיי ביי עפּעס געכאַפּט? אַ האָלד־אַפּ אפשר?... אַ שיינע מעשה: דזשעק און אַ האָלד־אַפּ!... אָבער אַז מען לאָזט זיך אויף אַזעלכע דרכים...

— יאָ, וואָס? — האָט זי געפרעגט און איר האַרץ האָט אָנגעהויבן קלאַפּן שטאַרקער.

— מרס. גאָטליב איז אַצינד אין דערהיים?

— ניין, פאַרוואָס פרעגט איר?

— גלאַט אַזוי, אַ פּריוואַטער ענין, כ׳האָב זי געוואָלט זען — האָט דער מאַן אַ שמייכל געטאָן מיט אַ סודות׳פולער מינע.

ביי סילוויען האָבן זיך גענומען בייטן די קאָלירן אין פּנים:

— איר ווייסט וואו די מאַמע איז! — האָט זי אויסגעשריען אַ גרויס געשריי, אַז די גלעזער אויפן ראַנד פון וואַש-בעקן האָבן זיך אַזש צע־קלינגלט — וואָס שווייגט איר, וואָס?

איר געוואָלד האָט צעמישט דעם גאַסט. אַלע זיינע פלעגער אָפּצו־שפּילן אַ ספּעקטאַקל זיינען זיך צעשוואָומען ווי אַ רויך.

— ש־ש־ש — האָט ער זי באַרואיקט — זי איז ביי מיר אויף דער פאַרם. אוודאי איז זי ביי מיר.

סילוויע האָט דערפילט ווי די קני ברעכן זיך אונטער איר. זי איז בלאַס געוואָרן און זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט אַ האַנט ביים האַרצן. מיט דער צווייטער האַנט האָט זי זיך אָנגעהאַלטן ביים ראַנד פון דער פאָרבאַנק. דזשעק! דזשעק? — האָט איין וואָרט איר געהאַמערט אין קאָפּ. אָבער אירע ליפּן זיינען געבליבן פאַר׳חתמ׳עט. ביים אומבאַקאַנטן האָט זיך צע־עפנט דאָס מויל און אַ קוואַל פון ווערטער האָט אַ שפּרודל געטאָן פון אים:

— כ׳האָב אייך ניט געוואָלט איבערשרעקן, דערפאַר... איר פאַר־שטייט? — האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ קורצער הקדמה — איר זיינט סילוויע, אמת? און מרס. גאָטליב איז אייער מוטער, יאָ? זי איז ביי מיר, אייער מוטער, מרס. שיינע גאָטליב, און זי איז אַלל־ראַיט, פריש און גע־זונט. זי האָט זיך אפילו פאַר דער צייט אַ ביסל פּאַפּראַוועט אויך, טאַקע

גאַנץ פֿיין פּאַפּראַוועט; האָט אַ גוטן אַפּעטיט, קיין עין־הרע, אויף מיין ווייבל געזאָגט געוואָרן. דער גאַנצער אומגליק מיט מיין פּלונית'טע איז דאָך וואָס זי וויל גאָרניט נעמען אין מויל אַריין. וואָרים פֿרישע אייער און אַ שטיקל פֿריש טשיקן פֿעלט ניט ביי אונדז. וועלכער טשיקן־פּאַרמער עסט דען טשיקן? און די לופֿט איז פֿריש, ביימער אַרום און אַרום, אַ וואַלד, אַ מחיה! איך בין אַ פּאַרמער, אַ היגער פּאַרמער פֿון פּאַרמינגדעיל, ניו־דזשוירזי, לעבן לעיקוואָוד. מיין נאָמען איז הערי טאָפּאָלסקי. ווער איז לעיקוואָוד קען ניט הערי טאָפּאָלסקי'ן?

סילוויע האָט נאָר האַלב צוגעהערט. פֿון זיינע לאַנגע רייד האָט זי פֿאַרשטאַנען, אַז די מאַמע האָט פֿאַרבלאָנדזשעט ערגיץ קיין לעיקוואָוד. נו, זי פֿאַרקריכט שטענדיק אין מאָדנע מקומות. אָבער דזשעק? פֿאַרוואָס זאָגט ער גאָרניט וועגן דזשעק'ן?

— און דזשעק איז אויך ביי אייך? — האָבן די ווערטער זיך אַליין אַרויסגעכאַפּט פֿון איר מויל.

— דזשעק? ווער איז דזשעק?

— מיין מאַן...

— ער איז אויך...? כ'מיין, אויך ער האָט ערגיץ פֿאַרבלאָנדזשעט?

סילוויע האָט פֿאַרביסן די ליפּן:

— ניין, ניין, ער איז... ער איז נאָר געפֿאָרן זוכן די מאַמע. כ'האָב געמיינט...

— יאָ, איך פֿאַרשטיי — האָט געזאָגט הערי טאָפּאָלסקי. וואָס אַזוינס ער פֿאַרשטייט, האָט ער ניט געזאָגט. ער האָט נאָר צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, מיט מיטגעפֿיל.

צום גליק האָט אַ קונד אַריבערגעטראָטן דעם שוועל און געבעטן אַ פּעקל „קעמלס". סילוויעס הענט האָבן נאָך לייכט געציטערט, ווען זי האָט אים דערלאַנגט די סיגאַרעטן. ווען ער איז אַרויס, האָט זי געזאָגט:

— דאָ קען מען ניט רעדן, מענטשן קומען אַריין, דרייען זיך אַרום, באַזעצן זיך ביי דער פֿאָרבאַנק. מיר'ן אַרויפֿגיין אויבן!

פֿרייטיק נאָכמיטאָג איז רבקה'לע אַוועקגעפֿאָרן צו טאַטע־מאַמע אין וויליאַמסבורג און סילוויע איז געבליבן אַליין. דערפֿאַר אָבער איז מרס. אַ'ברייען געווען פֿריי פֿון איר דזשאָב דעם גאַנצן סוף־וואָך. זי איז אַריינ־געקומען שבת באַצייטנס אין דערפֿרי, האָט אַ ביסל אויפֿגערוימט אין די

צימערן און האָט אַכטונג געגעבן אויף מײקלען. אָט דאָ ניט לאַנג איז זי טאַקע צוריקגעקומען מיט אים פון אַ שפּאַציר אין פּאַרק. סילוויע איז צוגעגאַנגען צו דער הינטערשטער טיר און האָט זי אַ רוף געטאָן. באַלד איז מרס. אַ'ברײען דערשינען אויפן שוועל.

— איך וואָלט אפשר געקענט אַזוי גוט זײַן און אַכטונג געבן אַ ווײַלע אין געוועלב — האָט סילוויע זי געפרעגט — כ'דאַרף רעדן מיט דעם דזשענטלמען, אַ וויכטיקער ענין...

— גוט, כ'וועל זיך אַן עצה געבן — האָט געזאָגט מרס. אַ'ברײען, וועלכע איז שוין פאַר דער צײַט געשטאַנען עטלעכע מאָל הינטער דער פאַרבאַנק און האָט געקראָגן דערפאַרונג אין ביזנעס. זי האָט געוואָרפן פון דער זײַט אַ פאַרשנדיקן בליק אויף דעם אומבאַקאַנטן דזשענטלמען און האָט צוגעגעבן: — כ'וועל נעמען מײקלען לעבן זיך.

סילוויע האָט אַרויפגעפירט דעם גאַסט אויבן און אים באַזעצט בײַם טיש אין עס-צימער. זי איז צוריק געקומען אין דער סטאַרקע און האָט גענומען אַ ביסל כיבוד: אַ טעפּעלע קאַפע און עטלעכע טרוקענע קי־כעלעך.

— ער ווייסט עפּעס וועגן זיי? — האָט מרס. אַ'ברײען אַ פּליסטער געטאָן.

— גאָרניט... אָבער זעט אויס, אַז די מאַמע האָט זיך אָפּגעזוכט.

— זאָל זײַן מיט מזל, ס'איז אַ גוטער אָנהויב — האָט געזאָגט מרס. אַ'ברײען — איך וועט זען, אַז אויך זיי וועלן גאָר אינגיכן צוריק קומען. קלאַפּט אויף האָלץ!

זי האָט געעפנט די הינטערשטע טיר און סילוויע איז אַרויף מיט די טרעפּ און האָט אָוועקגעשטעלט דעם כיבוד פאַר הערי'ן. ער האָט זיך באַדאַנקט און האָט געזאָגט, אַז זי דאַרף זיך ניט באַמיען. סילוויע האָט זיך אַוועקגעשטעלט פון דער אַנדער זײַט טיש און האָט געפרעגט:

— אָבער ווי אַזוי איז זי געקומען צו אײַך, די מאַמע?

הערי האָט אַ זופּ געטאָן פון קאַפע און האָט אָנגעהויבן דערציילן:

— ווי? ס'איז אַ לאַנגע געשיכטע, נאָר איך וועל עס מאַכן בקיצור — האָט ער געזאָגט און האָט פאַרביסן מיט אַ קיכעלע — ווי זי איז געקומען קײן לעיקוואוד, ווייס איך ניט, מיטן אויטאָבוס משמעות, ווי־זשע אַנדערש? צופֿוס? איז אַנומלט בין איך געפאָרן פון מײַן פאַרם

קיין לעיקוואוד, כ׳האב גערארפט עפעס האבן אין שטעטל. לעיקוואוד און פארמינגדעיל, דארפט איר וויסן, זיינען כמעט איין ארט, ס׳הייסט די פארמס פון פארמינגדעיל זיינען צעשאטן איבערן וואלד, א מהלך וועג איינע פון דער צווייטער. בין איך מיר אזוי געפארן פאזע דער גרויסער אזיע־רע פון לעיקוואוד און האב ארויסגעקוקט צום וואסער. און מיטאמאל זע איך ווי א פרוי דרייט זיך אהין און אהער ביים ברעג פון וואסער. כ׳וויים אליין ניט פארוואס, נאר כ׳האב אנגעהויבן פארן גאר פאמעלעך. דערנאך האב איך גאר געמאכט חשיבנו נאזאד, און האב אפגעשטעלט די מאשין. וואס דרייט זיך עפעס א פרוי פארטאג איינע אליין ביים וואסער? ס׳איז נאך געווען היפשלעך פרי, באגינען כמעט, און די אזיערע איז געווען איינגעהילט אין א נעפל, און די פרוי האט געטראגן א שאל אויפן קאפ און אין דער האנט האט זי געהאלטן א קלימעקל. און אז איך האב אפגע־שטעלט די מאשין, האט זי זיך געלאזט גיין צווישן דיביימער, צום שא־סיי־צו. האב איך שוין געעפנט דאס פאדערשטע פענסטערל און האב ארויסגעשטעקט דעם קאפ. איך גיב א קוק: די מומע בלומע, אויג אין אויג, עס זאל פעלן א האר! כ׳האב געמיינט אז דער שלאק טרעפט מיך!

„זי איז צוגעקומען נענטער, האט זיך א ווײלע געקווענקלט, געקוקט אהין און זיך געדרייט אהער, און איך זע גלייך אז זי איז מיר גאר שטארק צעטומלט. נעם איך און גיב זי א פרעג אויף פלעין אידיש:

„— איר זוכט דא עמיצן?

„ערשט איצט איז זי צוגעקומען צום אויטא און האט א מאך געטאן מיט די הענט:

„— וואו איז דא ערגעץ די מיל?

„— וואס פאר א מיל? — מאך איך צו איר.

„— די וואסער־מיל! — זאגט זי — די יאסידאוועי וואסער־מיל.

„האב איך זי דאך אנגעהויבן אויספרעגן: ווער? וואו? ווען? איר ענטפערט — אזוי האט זי געענטפערט. זי האט זיך נאך מער איבערגע־שראקן און אירע אויגן זיינען פול געווארן מיט טרערן. וואס טוט מען? ס׳איז דאך ערב די ימים נוראים, מען דארף פארדינען א מצווה, און ווי קען מען איבערלאזן א צע׳חוש׳טע אידענע איינע אליין ביים וואסער? טראכט איך מיר: כ׳וועל זי אפפירן קיין לעיקוואוד, זי איז דאך מסתמא

אַ לעיקוואָודער און האָט פֿאַרבלאָנדזשעט, איז אַז מיר װעלן דורכפֿאָרן לעיקוואָוד װעט זי שוין דערקענען דאָס הויז וואו זי וואוינט.

„בקיצור, מיר זײַנען דורכגעפֿאָרן גאַנץ לעיקוואָוד אין דער לענג און אין דער ברייט, און גאָרניט, לא דובים ולא יער. מילא, פֿאַרפֿאַלן, ס'איז דאָך ערב די ימים נוראים, דער גרויסער יום־הדין, און דערצו איז נאָך מײַן ווײַב קראַנק געוואָרן און ס'איז ניטאָ ווער עס זאָל אָפּקאָכן אַ ביסל וואַסער אין שטוב, קלער איך מיר אַז כ'וועל זי מיטנעמען צו מיר אויף דער פֿאַרם, און מיר'ן זען — גאָט איז אַ טאַטע!

„געקומען אויף דער פֿאַרם, איז זי אין אָנהויב אַרומגעגאַנגען ווי אַ נעכטיקע: אַ צע'חוש'טע, אַן אָנגעכמורעטע, ווי אויפֿן עולם־התוהו. זי איז פֿאַרקראָכן אין אַ ווינקל, האָט אַרויסגענומען פֿון קלימעקל אַ טײַטש־חומש און זיך גענומען לייענען מיט אַ ניגון די מעשה ווי די ברידער האָבן פֿאַרקויפֿט יוסף'ן קיין מצרים. ס'האָט מיך אַזש אַ נעם געטאָן בײַם האַרצן. דערנאָך האָב איך זי אַרויסגעפֿירט אין הויף ווײַזן די הינער. זי איז ביסלעכווײַז אויפֿגעמונטערט געוואָרן. אָבער ווי נאָר כ'האָב זי אַ פֿרעג געטאָן וואו זי וואוינט און פֿון וואַנען זי קומט, אַזוי איז זי ווידער גע־וואָרן מרוקעוואַטע, האָט געפּלאָנטערט מיט דער צונג און אין די אויגן האָבן זיך איר געשטעלט טרערן. טראַכט איך זיך: מילא, כ'וועל זי בע־סער לאָזן צו־רו און מער גאָרניט פֿרעגן.

„און דאָ האָבן זיך דערנענטערט די ימים נוראים און איך בין אַרי־בערגעפֿאָרן קיין לעיקוואָוד און געבראַכט אַהיים פֿון כּל־טוב: פֿיש און פֿלייש און האָניק און פּירות און שאר־ירקות. און אַזוי ווי מײַן פֿרוי איז ניט בײַם בעסטן געזונט, האָט מרס. שיינע זיך גענומען צוגרייטן די מאכלים אויף יום־טוב. וואָס זאָל איך אײַך זאָגן? די קענדלעך וויל זי אין האַנט ניט נעמען — זיי האָבן ניט קיין טעם און קיין ראָס, די קענד־לעך, זאָגט זי — און אַז זי קאָכט אָפּ אַ באָרשטש, צעגייט ער זיך איבער אַלע גלידער. אַזאַ באָרשטש האָב איך שוין ניט טועם געווען אפֿשר צוויי צענדליק יאָר מיט אַ שמיציק. הײַנט די קרעפּלעך וואָס זי האָט געמאַכט, די געפֿילטע קישקע, די בלינצעס, דאָס העלדזל וואָס זי האָט אָנגעפֿילט — מאכל מאכלים! און די געפֿילטע פֿיש?"

הערי האָט אויפֿגעהויבן דאָס טעפּעלע, האָט אויסגעטרונקען דעם קאַפֿע ביז צום דנאָ און געוואָרפֿן אַ בליק אויף זײַן האַנט־זייגער:

— ס'איז שוין שפעט און איך דארף נאך זיין באצייטנס אין די בראנקס, אויף סאפער ביי מיין טאכטער. כ'וועל דארט איבערנעכטיקן ביי מיין איידים און, אם ירצה השם, מארגן גאנץ פרי וועל איך ארויס־פארן קיין לעיקוואוד. נאכמיטאג וועל איך צוריק קומען מיט אייער מוטער.

— פארוואס האט איר זי היינט ניט מיטגעבראכט? — האט געפרעגט סילוויע.

— פארוואס?... וואס הייסט כ'על זי סתם נעמען און פירן? נעכטן ביטאג איז זי זיך אזוי געזעסן אין פאטעל ביים פענסטער און האט געלייענט אויפן קול פון דער „צאינה וראינה" ביז זי איז אנדרימלט גע־ווארן. ווען זי האט זיך אויפגעכאפט, קומט זי צו צו מיר און זאגט:

„— ברוקלין איז עפעס ווייט פון דאנען? — מאכט זי.

„— גאנץ ווייט. וואסי?

„— גלאט אזוי. ווי ווייט?

„— נישקשה פון א וועג — זאג איך — עפעס מער ווי א שעה מיט דער מאשין.

„— מיר וואוינען אין ברוקלין — דערלאנגט זי א זאג — מיט מיין טאכטער און איידים, וואוין איך דארט. מיר האבן דארט א קענדי־סטארקע.

„זי האט מיר אפגע'משל'ט גענוי וואו איר וואוינט, אבער איך האב מיר געטראכט, אז כ'על ליבערשט צוערשט צופארן אליין. נו, איז אט בין איך דא און איך ווייס וואו מיר האלטן אויף דער וועלט. און מארגן וועל איך צופארן אהיים און זי אהערברענגען".

הערי האט אויפגעהויבן די אויגן צו סילוויען און דער בליק אירער איז אים עפעס ניט געפעלן געווארן:

— איר זיינט ניט צופרידן? — האט ער א פרעג געטאן.

— פארקערט, איך בין זייער צופרידן — האט זי אויסגערופן, אבער פון אירע אויגן האט ארויסגעקוקט א באהאלטענער אומעט. ס'איז איר געווען קאלאמוטנע אויפן הארצן. ביז איצט האט זי געכאוועט א גע־היימע האפענונג, אז דזשעק איז ערגיץ־וואו צוזאמען מיט דער מאמען און אז א ליאדע שעה וועלן זיי ביידע אריבערטרעטן דעם שוועל פון דער סטארקע. איצט איז די לעצטע האפענונג אויסגערונען.

— איר ווילט אפשר מיטפאָרן? — האָט געפרעגט הערי — איך בלייב סאַי־ווי איבער נאַכט אין ניו־יאָרק. כ'וועל איבערנעכטיקן ביי די קינדער, אין די בראָנקס, און אם־ירצה־השם מאָרגן גאַנץ פרי וועל איך קומען מיט דער מאַשין אייך נעמען. ס'וואָלט געווען בעסער ווען איר פאָרט מיט. אייער מוטער וועט זיך פילן בעסער.

סילוויע האָט זיך אַ ווײַלע געשלאָגן מיט דער דעה. זי האָט געהאַט חשק זיך דורכצופאָרן אַ ביסל: די נסיעה וועט איר צעשלאָגן די רעיונות און ס'וועט איר אפשר לייכטער ווערן אויפן האַרצן. דאָס געוועלב וואָלט זי געקענט שליסן אויף אַ טאָג, אָבער וואָס טוט מען מיט מייקלען? אים איבערלאָזן מיט מרס. אַ'ברייען? אַ שיינע מעשה: דער טאַטע איז מיט דער טאָכטער און דער זון וועט זיין ביי דער מאַמען...

— און וואו זאָל איך איבערלאָזן מיין אינגל? — האָט זי זיך מיישב געווען מיט הערי'ן.

— דער בחור'עץ וואָס איז דאָרט פריער אריינגעלאָפן אין דער סטאָרקע?

— יאָ.

— נעמט אים מיט! ער וועט הנאה האָבן, איר וועט זען! ער וועט אַרומלויפן אויפן גראָז, וועט אָנקוקן די הינער און וועט זיך שפּילן מיטן הונט. מיר האָבן אַ הונט, אַ וואוילער הונט, אַ אַלטער שוין, ער בייסט נישט.

— איז ווען וועט איר קומען מאָרגן?

— כ'וויים... אַ זייגער ניין... צען... — האָט געזאָגט הערי — ביי מיין טאָכטער עסט מען זונטיק אַ שפעטן פרישטיק. און וואָס איז די אייַלעניש? מיר וועלן באַוויזן!

קאַפּיטל צוויי־און־צוואַנציק

ריעל־עסטעיט און אַנדערע ביזנעס

— ווי גייט מען פון דאַנען צו מר. בלומפילד׳ס פאַרם? — האָט מאַ־רין זיך נאָכגעפרעגט ביים בעל־הבית, ווען זי איז שבת נאָכמיטאָג אַראָפּ מיט דזשעק׳ן אין האָל פון האָטעל.

— ס׳איז פאַראַן אַ סטעזשקע, דורכן וואַלד, קומט כ׳וועל אייך ווייזן — האָט געזאָגט דער בעל־הבית.

ער האָט זיי צוגעפירט אַ שטיקל וועג און זיי דערקלערט ווי צו גיין ווייטער. דורך־אַגב האָט ער שוין אַ שמועס געטאָן מיט זיי וועגן ביזנעס:

— נו, ווי האַלט עס? — האָט ער געפרעגט — ס׳האַלט שוין עפּעס אויף אַ דרך? כ׳פאַרשטיי, פון אַזעלכע זאַכן איז געזינטער אַז מען רעדט ניט מיט קיינעם; וואָרים אַז עס מאַכט זיך אַ גלאָאָף, שטייגן די פּרייזן אין הימל אַריין; די ערשטע לעקן אָפּ אַ פעט ביינדל. ער איז אַ גרויסער עקשן, דער סאָלאָמאָן: אַ מענטש זאָל כסדר האָבן צו טאָן מיט דאַרווינען! אָבער איך זאָג אייך: אויף זיין פאַרם קען מען אויסבויען אַ גאַנצע שטאָט, מיט הייזער, ברייזער און אַז עמפּאַיר־סטעיט־בילדינג אינמיטן. און עס ליגט ממש לעבן דעם נייעם קוואַרטאַל פון די ווילעס, וואָס מען האָט זיך גענומען בויען.

סאָלאָמאָן בלומפילד האָט זיי אויפגענומען בסבר פּנים יפות. ראשית האָט ער זיי מכבד געווען מיט טיי און אַ צוביים אין דער געררוימער קיך פון זיין הויז און דערנאָך האָט ער זיי אַרויסגעפירט אָנקוקן די פאַרם. זיי האָבן דורכגעשניטן דעם הויף און זיינען אַריין אין איינער פון די בעטאָן געביידעס, וואָס זיינען געשטאַנען לעבן־אַנאַנדער אין אַ לאַנגער ריי.

ביי די ווענט פון א טונקעלן פירהויז האבן זיך געהויבן זאשיקעס מיט קאקורודזע, זעק מיט געמאלענע ביינער, קעסטלעך מיט מושלען, אלערליי ארבעט-כלים: רידלען, א ווילע, עטלעכע גראבליעס. סאלאמאן האט גע־עפנט א זייטיקע טיר. צו זייערע אויערן איז דערגאנגען א שארך פון פליגל. אין א לאנגן האל זיינען געזעסן הונדערטער הינער אויף שעדל־קעס. זיי האבן זיך אומרואיק א רודער געטאן. א בלאסע שיין האט זיך אריינגעזיפּט דורך קליינע פענסטער און איז געפאלן אויף געשטאפּלטע שטייגן לענגאויס די ווענט. עטלעכע עופות האבן זיך דארט א הויב געטאן מיט א קוואקעריי.

— ש־ש־ש — האט סאלאמאן געווארנט זיינע געסט, אז זיי זאלן זיין שטיל — די הינער דארפן האבן וואס מער רו און מען טאר זיי ניט איבערשרעקן.

— איר לאזט זיי גארניט ארויס אין הויף? — האט געפרעגט מאריון, ווען סאלאמאן האט צוגעמאכט די טיר הינטער זיי.

— ניין, די לייג־הינער דארפן ניט ארומלויפן. זיי בלייבן כסדר איינגעשלאסן צווישן די פיר ווענט, כדי זיי זאלן ניט פארלירן קיין טראפּן ענערגיע. אפילו צופיל ליכט טארן זיי ניט קריגן. די גאנצע ענערגיע זייערע מוז גיין בלויז אויף לייגן אייער, וואס מער אייער. אזוי ארום קריגן מיר ארויס פון יעדער הון עטלעכע הונדערט אייער א יאר און מער.

— און די הענער? — האט געפרעגט מאריון.

— מיר האלטן ניט קיין הענער. צו וואס דארפן מיר הענער?

— איר דארפט ניט — אבער די הינער?

— די לייג־הינער זעען ניט אז קיין האן פאר די אויגן.

— קיין מאל ניט?

— קיין מאל ניט.

— הייליקע קו! — האט מאריון אויסגערופן.

— אמאל-אמאל זיינען הינער און הענער ארומגעלאפן פראנק און פריי, זיך געפארט און געפּרוכפּערט און געמערט — האט געזאגט סאלא־מאן — אבער אויף א מאדערנער הינער־פארם האט יעדע זאך א צוועק: צו וואס זאל זיך א לייג־הון פארן מיט א האן, ווייבאלד אירע אייער זיינען סאי־ווי ניט באשטימט אויף אויסצובריען נייע דורות קורטשאקעס? ווידעראמאל: ס'וואלט געווען א פארלוסט פון ענערגיע.

ער האָט געעפנט אַ הינטערשטע טיר און זיי זיינען אַרויס אויף אַ פעלד, וואָס האָט זיך אַריינגעשניטן אין וואַלד. לינקס, הינטער אַ דראָ־טענעם צוים, האָבן אַרומגעשפּאַצירט יונגע הינדלעך, געפּיקט אין גראָז און געטרונקען וואַסער פון בלעכענע קאַריטעס. ווען זיי האָבן דערזען סאָלאָמאָן'ען, האָבן זיי זיך אַ לאָז געטאָן צום צוים און אויסגעשטרעקט די שנאָבלען. מר. בלומפילד האָט אַ שעפּ געטאָן עטלעכע הויפנס קאָקו־רוזע פון אַ טיפער הויזן־קעשענע און אַ שאָט געטאָן פאַר די עופות.

— איר זעט, אַט די הינער זיינען נאָך פריי — האָט ער געזאָגט צו זיינע געסט — ביז זיי ווערן אַלט אַכצן וואָכן. דערנאָך שפּאַרט מען זיי איין: עסט און לייגט אייער!

— אָבער וויבאַלד איר האָט ניט קיין הענער, איז וואו נעמט איר יונגע קורטשאַקעס פאַר האָדעוואַניע? — האָט געפרעגט דזשעק.

— מיר קויפן זיי. פאַר דעם זיינען דאָ ספּעציעלע פאַרמס: האָדעוואַל־ניעס און אויספּיקערס. ס'איז אַ גאַנצע ווּיסנשאַפט! אויך אין דער האָדעוואַלניע ווערט אַלץ געטאָן מיט אַ פאַרויס־באַשטימטן צוועק: מען קלייבט דאָרט אָפּ הינער, וואָס לייגן די גרעסטע צאָל אייער אַ יאָר, און אָט־די הינער פּאָרט מען מיט הענער — ניט מיט סתם הענער, נאָר מיט אָפּגעקליבענע הענער, וואָס די מאַמעס זייערע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט לייגן אַ גרויסע צאָל אייער. די באַפרוכפּערטע אייער פון אָט־די פאָרלעך ווערן געשיקט אין אַ ספּעציעלער פאַרם, צום אויספּיקער, וועלכער וואָ־רימט זיי אויס אין אינקובאַטאָרס. די הינדלעך, וואָס פּיקן זיך דאָרט אויס, לייגן געוויינלעך אויך, שפּעטער, לויט דעם געזעץ פון ירושה, אַ גרויסע צאָל אייער. די בעסטע צווישן זיי ווערן ווידער אָפּגעקליבן פאַר פאַרמערונג און די איבעריקע ווערן פאַרקויפט צו די הינער־פאַרמערס. אַזוי אַרום שטייגט כסדר די לייג־קראַפט פון די הינער אין אונדזערע פאַרמס. ס'איז אייגנטלעך לויטן געזעץ פון נאַטירלעכן אָפּקלייב: די שוואַ־כערע קומען־אום און די שטאַרקערע בלייבן; דער פאַרמער טרייבט נאָר אונטער דעם פּראָצעס און מאַכט דעם אָפּקלייב מיט אַ פאַרשנעלערטן טעמפּאָ.

— און עס זיינען גאָר ניטאָ קיין פאַרמערס ווי אין די אַמאָליקע צייטן: מיט פעלדער און סעדער און גערטנער און קי און שעפּסן? — האָט געפרעגט מאַרין.

— זיבער זיינען פאַראַן אַזעלכע, אָבער זיי זיינען ניט קיין הינער־פּאַרמערס. דאָ, אַרום אונדז, איז אפשר דער באַדן צו טייער פאַר אַזאַ סאָרט לאַנדווירטשאַפט. ס'איז צו נאָענט צו דער שטאָט און די אַרבעט־קרעפטן זיינען אפשר אויך צו טייער. פאַראַן דאָ, אין דער געגנט, איינער אַזאַ פאַרמער, אַ רוס —

— אַ קאָמוניסט? — האָט מאַרין זיך אַ כאַפּ געטאָן.

— ווי קומט?! — האָט געזאָגט סאָלאָמאָן — זיינע זיידעס האָבן ניט געוואַרט ביז די קאָמוניסטן וועלן דאָרט קומען, זיי זיינען שוין אַנטלאָפן פון צאַר, פון ניקאָלאַי דעם ערשטן, צי פון צווייטן אפשר. זיי האָבן געהערט צו אַן אַלטגלויביקער סעקטע זייערער, דוכאָבאָרן, צי עפּעס אַזוינס. און ער, פּיטער — מיר רופן אים „דער הייליקער פּיטער" — גע־הערט אויך צו אַזאַ סעקטע, און ער האָט אַ רויטע לאַנגע באָרד. ער האַלט אַז אונדזער גאַנצע צוכט־סיסטעם איז אַ זינד קעגן דער נאַטור און קעגן גאָט, און ער לאָזט זיינע הינער און העגער אַרומלויפן פּראַנק און פריי איבער אַ פעלד. אָבער די הינער זיינען בלויז איין צווייג פון זיין ווירטשאַפט — ער האָט אַ סך באַדן און ער זייט תבואות און קולטיווירט אַ גרינס־גאָרטן און פּרוכט־ביימער: געמישטע לאַנדווירטשאַפט.

— אָט אַזאַ פאַרם וואָלט איך געוואָלט האָבן! — האָט אויסגערופן מאַרין — מיר'ן צוגיין אָנקוקן פּיטער'ס פאַרם, יאָ דזשעק?

— יאָ — האָט דזשעק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— און זיין רויטע באָרד — האָט צוגעגעבן מאַרין.

— איך קולטיוויר אויך אַביסל אייגענע תבואה — האָט סאָלאָמאָן זיי אָנגעוויזן אויף אַ פעלד רעכטס — אָבער מער צוליב אינטערעס ווי צוליב הכנסה. דער דורכשניטלעכער הינער־פאַרמער פּראָדוצירט נאָר אייער.

ער האָט זיי צוגעפירט צו אַ זייטיקער געביידע און געעפנט אַ טיר. אינעווייניק האָט זיך געפונען אַ מחנה גרויסע ברוינע הינער מיט טשו־ביקעס אויף די קעפּ.

— דאָס זיינען מיינע בראָטערס — האָט ער געזאָגט — כ'האָב ניט קיין סך, נאָר פאַרן אייגענעם געברויך און אַמאָל צום שיקן אַ פריינט אַ מתנה. פאַראַן פאַרמערס וואָס ספּעציאַליזירן זיך אין בראָט־הינער. איך זעט, אַזאַ עוף מוז אויף אַכט פונט שפּייז צונעמען דריי־פיר פונט פלייש אין צוועלף וואָכן, אַנישט לוינט זיך ניט דער עסק.

— און אויב ער וועט ניט צונעמען? — האָט געפרעגט דזשעק.

— ער האָט דען אַ ברירה? הינער האָבן ניט קיין פרייען ווילן. ס'איז דער זעלביקער פּראָצעס ווי ביי די לייג־הינער: מען קלייבט־אָפּ הי־נער וואָס נעמען־צו אַממערסטן פלייש אין דער קירצסטער צייט מיט אַמ־ווייניקסטנס שפּייז. דער אָפּקלייב ווערט געמאַכט אויף דער צוכט־פאַרם.

— אָבער דאָרט לויפן שוין הינער און הענער ארום פריי? — האָט באַמערקט מאַרין.

— ניין — האָט סאַלאַמאַן אַ שמייכל געטאָן — אויך דאָס איז אויסגערעכנט: אין דער צוכט־פאַרם האַלט מען איין האָן אויף צען הי־נער, אַמאָל אויף אַ טוץ, פּונקט אַזויפיל ווי ער קען באַפרוכפּערן. אין הינער־פאַרמעריי זיינען ניטאָ קיין צופעליקייטן: אַלץ ווערט אויסגערעכנט און באַשטימט אין פאַראויס. די הינער ווייסן, פאַרשטייט זיך, ניט פון די געזעצן.

ווען זיי האָבן זיך געלאָזט גיין צום פאָדערשטן הויף, האָט ער צוגע־געבן:

— אפשר לעבן מיר אויך לויט באַשטימטע געזעצן, אָבער מיר קע־נען זיי ניט, פּונקט ווי די הינער. און וואָס זיינען אייערע פּלענער אויף ווייטער?

— מיר ווייסן נאָך אַליין ניט — האָט געזאָגט מאַרין — מיר האָבן געקלערט אַז דערוויילע וואָלט גוט געווען צו גיין אַרבעטן עטלעכע טעג אין אַ פאַרם. איידער וואָס־ווען וועלן מיר זיך אַביסל באַקענען מיט דער מלאכה.

— ס'איז גאָר ניט קיין שלעכטער געדאַנק — האָט געזאָגט סאַלאַמאַן

— ניטאָ קיין בעסערע זאַך ווי דערפאַרונג. איר וואָלט געוואָלט גלייך אָנהויבן?

— לאָמיר זאָגן די קומענדיקע וואָך, מאַנטיק אפשר, אויף עטלעכע טעג דערוויילע.

— בדרך כלל דינגט מען אויף די הינער־פאַרמס סטאַבילע אַרבעטער, אויפן חודש — האָט זי דערקלערט סאַלאַמאַן — אָבער טיילמאָל מאַכט זיך אויך אַ שטיקל דזשאָב אויף עטלעכע טעג, אַ וואָך. כ'דאַרף מאָרגן זיין ביי עטלעכע שכנים, וועל איך זיך נאָכפרעגן.

— און וואו געפינט זיך פיטער׳ס פארם? — האט געפרעגט מאריז, ווען זיי האבן זיך געזעגנט.

— אויף דער אנדערער זייט פון לעיקוואוד, אין דער געגנט פון פארמינגדעיל, א דריי־פיר מייל פון שטעטל. יעדער איינער וועט אייך דארט ווייזן די פארם פון „היילּיקן פיטער״.

„און ווער האט, א שטייגער, באשטימט אין פאראוים אז איך זאל אנטלויפן פון עוועניו „יו״? — האט געטראכט דזשעק גייענדיק דורכן וואלד צוריק אין דער אכסניה. ווען זיי זיינען אנגעקומען צו א שייד־וועג, האט מאריז זיך פארקירעוועט אין דער ריכטונג פון שטעטל:

— לאמיר ארייננגיין אויפן וועג אין א שפייז־געוועלב — האט זי געזאגט — ערשטנס בין איך שוין שולדיק מרס. סילווער׳ן א ים מיט זאכן, און צווייטנס, לאמיר אפשר היינט גאר עסן אוונטברויט אין שטוב, ס׳איז ביליקער. מרס. סילווער האט מיר געזאגט, אז כ׳קען זיך באנוצן מיט איר עלעקטרישער פלאטע וויפל איך וויל.

— א. קעי. — האט געזאגט דזשעק.

— און מר. בלומפילד וועט שוין עפעס געפינען פאר אונדז. זעסט, מען דארף ניט צופיל דאגה׳ן!

ס׳איז שוין געווען שפעטער פארנאכט ווען מאריז, אנגעלאדן מיט צוויי פאפירענע טארבעס, האט אנגעקלאפט ביי מרס. סילווער אין צימער. דאיען האט געעפנט די טיר און האט גלייך פון שוועל אויסגערופן:

— פארוואס האט איר מיר גארניט דערציילט?

— וועגן וואס? — האט מאריז אוועקגעשטעלט די טארבעס אויף א טישל.

— אז איר זיינט אין די ריעל-עסטעיט ביזנעס!

— אה?!

— איך וואלט אייך געקענט ארויסהעלפן, איר פארשטייט? איך קען גאנץ לעיקוואוד ווי מיינע צען פינגער. נאר לעיקוואוד? אטלאנטיק-סיטי אויך, עסבורי פארק. כ׳האב געהערט, אז איר ארבעט פאר דער גרעסטער ריעל־עסטעיט קאמפאני פון אמעריקע!

— מילא, ס׳איז אביסל איבערגעטריבן — האט געזאגט מאריז און

זיך גענומען אויספאַקן די כל־המינים שפּייזן, וואָס זי האָט איינגע־קויפט.

— אַ גאַנץ לעבן האָב איך געטרוימט וועגן גיין אין ביזנעס — האָט מרס. סילווער אַ רעד געטאָן מיט אַ פאַרבענקטער שטימע — אָבער מיין מאַן, עליו השלום, האָט מיך ניט געלאָזט. „וואָס טויגן דיר ביזנעס", האָט ער גע'טענה'ט, „איך מאַך דען ניט קיין לעבן?" ער איז געווען אַ באַרבער און די לעצטע יאָרן האָט ער געהאַט זיין אייגענעם באַרבער־שאַפּ אויך דער איסט־סאַיד. „דו קאָך בעסער אָפּ אַ גוטע מאָלצייט!" האָט ער גע'טענה'ט. נאָך דער אַרבעט האָט ער ליב געהאַט גוט אָפּצועסן: אַ שטיקל שמאַלץ־הערינג אָלס פאָרשפּייז, אַ טעלער טרוקענע קאַרטאָפליעס מיט סמעטענע, אַ צוגעברוינטן ווינער שניצל מיט מערעלעד און אַרבעס, אַ פּאָר געבאַקענע עפּל מיט אַ סך צוקער. דערנאָך פלעגט ער זיך אַריינזעצן אין פאָטעל, נעמען די ציטונג און אַנדרימלט ווערן. אין יענע יאָרן איז נאָך ניט געווען קיין טעלעוויזיע אויף דער וועלט.

— כ'האָב אייך געבראַכט די זאַכן, וואָס איר האָט מיר אויסגעליען — האָט מאַרין אָפּגעלייגט אָן אַ זייט עטלעכע קלענערע טאַרבקעס — אַ שיינעם דאַנק אייך, מרס. סילווער, איר זיינט באמת געווען זייער פריינט־לעך צו מיר.

— וואָס איז די איילעניש? איר אַנטלויפט דען? איר אַנטלויפט נאָך ניט!

— און וואָס איז געוואָרן פון באַרבער־שאַפּ?

— פאַרקויפט! בחצי חינם פאַרשטייט זיך, פּאָר גראָשנס. ווען ניט די פאַרזיכערונגס־פּאָליסי, וואָס ער האָט מיר איבערגעלאָזט, און די פּאָר טאָלער וואָס די קינדער שיקן אַריין, וואָלט איך שיין אויסגעזען.

מאַרין האָט גענומען אַ פּאָר אייער, זיי צעקלאַפּט אויף אַ טעלער און האָט מיטאַמאָל אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט:

— פון אַלע זיבן זאַכן האָב איך פאַרגעסן צו קויפן פּוטער!

— ניט קיין אומגליק, אָט האָט איר פּוטער, פרישע פּוטער, כ'האָב עס אָקאָרשט אַרויסגענומען פון רעפרידזשערעיטאָר אונטן אין קיך — האָט מרס. סילווער איר דערלאַנגט אַ פּעקעלע פּוטער — און זאָלט דאַרפט איר דאָך אויך אוודאי?!

— אַ דאַנק, מרס. סילווער!

די פּוטער האָט באַלד אָנגעהויבן שמעלצן און צישען אויף דער הייר־סער סקאָוואָרדע. מאַרין האָט אַרויפגעגאָסן די צעקלאַפּטע אייער פון אויבן.

— זאָגט מיר, מאַרין טייערינקע, איר האָט עפּעס אַן אינטערעס אין אַ האָטעל?

— אַ האָטעל? וואָס פאַרא האָטעל?

— כ׳מיין אַ האָטעל פאַר ביזנעס. האָטעלן געהערן דאָך אויך צו ריעל־עסטעיט ביזנעס, ניין?

— אוודאי!

— איז האָב איך פאַר אייך אַ האָטעל, פרעגט שוין גאָרניט! מיט 75 צימערן, אַלע מיט װענעציאַנער ראָלעטן איבער די פענסטער, מאַטראַצן מיט ספּרונזשינעס, וואָס אַז איר גיט זיך אַ לייג אויפן בעט שפּרינגט איר ביזן סופית, יעדער צימער מיט אַ פּריוואַטן באָד־צימער, האָליוואָוד־סטאַיל, באַדעקט מיט קאַכל פון דער פּאָדלאָגע ביזן סופית און מיט בלויע וואַנעס, וואָס אַז איר לייגט זיך אַריין אין זיי דאַכט זיך איין אַז איר ליגט אין מיאַמי־ביטש, ביים ברעג ים...

מאַרין האָט איבערגעקערט דעם פיינקוכן אויף דער אַנדערער זייט. דאָס פעט האָט געצישעט און דאַיען האָט אויסגערעכנט די אַלערליי מעלות טובות פון איר האָטעל:

— אַ האָל גרויס ווי אַ וואַלד, און אַ קיך לויט דער לעצטער מאָדע: אַ גאַז־אויוון מיט פיר־פייערן, אַ בראַטער, אַ באַק־אויוון...

— דאַכט זיך, אַז פאַרטיק — האָט מאַרין באַטראַכט דעם פיינקוכן פון דער נאָענט.

— איר וועט מיר אַנטשולדיקן, אָבער דאַכט זיך אַז איר האָט פאַרגעסן זאַלץ! און אַ רעפרידזשערעיטאָר, וואָס זאָל איך אייך זאָגן? אין אַ הייסן טאָג קען מען זיך דאָרט צושפּאַרן און כאַפּן אַ דרימל, און אין סעזאָן, בשעת־הדחק, אַז עס מאַכט זיך אַ גאַראַטשקע, קענט איר דאָרט פאַמיעשטשען אַ גאַסט איבער נאַכט, אַ פּאָר־פּאָלק אפילו —

איצט איז דער פיינקוכן געווען פאַרטיק. מאַרין האָט אים אַרויפגעלייגט אויף אַ טעלער.

— אַז קינדער, פאַרשטייט זיך! — האָט צוגעגעבן מרס. סילווער.

— זעט מיר אויס צו זיין זייער אַ סאָלידע ביזנעס — האָט געזאָגט מאַרין.

— און אויב ניט אין לעיקוואוד, וואָלט איך אייך געקענט עפּעס געפינען אין אַטלאַנטיק־סיטי, אין טרענטאָן, ניו־דזשוירדזי, אַרום פּי־לאַדעלפיע אפילו, ביז באָסטאָן. איך קען די גאַנצע געגנט, הונדערט מייל אַרום און אַרום, ווי מיינע אייגענע צען פינגער. איר מאַכט גאָרניט קיין קאָפּע?

— כ'האָב געקויפט עטלעכע קענדלעך ביר און זיי אָוועקגעשטעלט ביים בעל־הבית אין רעפריזשערייטאָר. כ'על זיי אַרויפנעמען צום עסן.

— איר'ט אוודאי היינט פאַרענדיקן אַ פיינע טראַנזאַקציע, זאָל זיין מיט מזל! — האָט מרס. סילווער איר צוגעוואונטשן.

נאָכן עסן האָט מאַרין אָפּגעוואַשן די כלים אין באַד־צימער און איז דערשינען אויפן שוועל:

— וואָס מיינסטו וועגן צוגיין אויף אַ ווײַלע אין באַר? — האָט זי געפרעגט דזשעק'ן.

— אַבי כ'האָב געמיינט, אַז דו ביסט געוואָרן אַ שפּאָרזאַמע בעל־הבית'טע — האָט ער געזאָגט.

— אוודאי בין איך געוואָרן שפּאָרזאַם: מיר האָבן געגעסן אַ לייכט אוונט־ברויט אין שטוב, כדי אָפּצושפּאָרן אויף אַ טרונק — האָט גע־זאָגט מאַרין — מיט אַרבעט זיינען מיר שוין באַזאָרגט, דאַרף מען מאַכן אַ שטיקל יום־טוב, באַגיסן. און אויסערדעם: אין אַ באַר טרעפט מען זיך מיט כל'ערליי מענטשן, ס'קען דערפון עפּעס אַרויסקומען פאַר אונ־דזער נסיעה. דאָס זיינען, אַזוי צו זאָגן, ביזנעס־הוצאות, ווי זיי רופן עס אין אַפּיס. מענסט עס אפילו אַראָפּרעכענען, לויט דעם געזעץ, פון די שטייערן.

זי האָט זיך פאַרזאַמט אַ לענגערע ווײַלע אין באַד־צימער: זיך גע־וואַשן, באַשפּריצט מיט אַ שמעקעדיקן וואַסער, צוגעשמינקט און זיך איבערגעטאָן פון קאָפּ ביז די פיס. דזשעק איז געווען מיד פון לאַנגן שפּאַ־ציר און די ביר האָט אים געמאַכט שלעפעריק. ער האָט זיך צוגעשפּאַרט אויפן בעט און איז אַנדרימלט געוואָרן. אַ זייגער ניין איז מאַרין דער־

שינען אויפֿן שווע̇ל, אַ שמעקעדיקע און אָפּגעפּרישטע. זי האָט זיך אַ בויג געטאָן איבער אים:

— איז גייען מיר?

— יאָ — האָט ער זיך אַ הויב געטאָן און געפֿינטלט מיט די אויגן.

אויפֿן שוועל פֿון באַר, אין וואַיאַזשאַרן־האָטעל, האָט זיי מקבל־פּנים געווען אַ סענטימענטאַלע מעלאָדיע: נאָר נאָראָנים פֿאַרליבן זיך. לכבוד ערב־זונטיק האָט אַ גרעסערער עולם אָנגעפֿילט דעם לאָקאַל. אַ סך טיש־לעך זיינען געווען באַזעצט און ביים באַר איז ניט געווען קיין איין פֿרייער פּלאַץ. מאַרין און דזשעק האָבן זיך געשטעלט אין אַ ווינקל ביי דער רונ־דער פֿאַרענטשע.

— כ'בין דורשטיק — האָט זי געזאָגט — ווילסט אויך אַ וויסקי־סאָדאַ?

— יאָ.

— ביסט אויך אַזוי דורשטיק, דזשעק? ס'איז מסתמא פֿון שפּאַציר אין וואַלד, אין דער זון.

— מן־הסתם — האָט ער געזאָגט.

— האָסט אַ דאַיס, דזשעק? וואַרט דאָ צו, באַלד וועט זיכער פֿריי ווערן אַ פּלאַץ. איך וועל צוגיין צו דער דזשוק־באָקס. כ'וועל זען, צי זיי האָבן עפּעס פֿון מיינע באַליבטע פּלאַסטינקעס.

זי האָט פֿאַררויכערט אַ סיגאַרעט און זיך געלאָזט גיין צום באַ־לויכטענעם אויטאָמאַט־גראַמאָפֿאָן אין ווינקל פֿון לאָקאַל. דזשעק האָט באַטראַכט דעם עולם ארום. ס'איז אים פֿאַרגעקומען ווי די מענטשן וואָלטן דאָ געזעסן אין משך פֿון דער גאַנצער צייט, זינט ער איז דאָ געווען מיט עטלעכע מעת־לעת צוריק — איינגעהילט אין גענעמפּטן רויטלעכן ליכט, אין אַ טומאַן פֿון שלווה'דיקער טעמפּקייט. דאַנעבן איז פֿריי גע־וואָרן אַ טאַבורעטקע און ער האָט זיך צוגעזעצט. ער האָט פֿאַמעלעך גע־זופּט פֿון ביטערלעכן משקה און פּרובירט זיך אָפּצו'טובל'ען אין דער באַר־נירוואַנאַ. הינטער אים האָט זיך צעזונגען אַ פֿרויען שטימע: איך זוך ליבע, אמתיע ליבע —

אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער אומגעדרייט דעם קאָפּ. מאַרין איז גע־שטאַנען ניט ווייט פֿון דער דזשוק־באָקס, דאָס גלאָז אין איין האַנט און אַ סיגאַרעט אין דער צווייטער, און האָט געשמועסט מיט אַ דיקלעכן מאַן

אין אַ טונקל־בלויען אַנצוג. זי האָט אויפגעכאַפּט דזשעק'ס בליק און האָט אַ שמייכל געטאָן צו אים. באַלד האָט זי זיך געלאָזט גיין צוריק צו דער באַר. דער מאַן איז איר נאָכגעגאַנגען. ער האָט געהאַט אַ פול קיילעכדיק פּנים, אַ פליך אויפן מיטן קאָפּ מיט שיטערע שוואַרצע האָר אויף די ראַנדן, אַ ציגאַר אין מויל און גלאַנציקע ברוינע שיך אויף די פיס. מאַרין האָט פאַרגעשטעלט:

— מר. סאַנדערס... מר. סמיטה...

— האו דו יו דו? — האָט דזשעק זיך באַמיט צו שמייכלען.

— כ'האָב געהערט, אַז איר קלייבט זיך אויף אַ לאַנגער רייזע — האָט געזאָגט מר. סאַנדערס נאָך אַ קורצער פּויזע פון שווייגן.

— יאָ — האָט דזשעק אַ ברום געטאָן און צוגעטראָגן זיין גלעזל צו די ליפּן.

— איך קלייב זיך אויך אין וועג אַריין — האָט געזאָגט מר. סאַנ־דערס — גלייך נאָך מיין וואַקאַציע.

— מר. סאַנדערס איז דאָ אויף אַ קורצער וואַקאַציע, איידער ער לאָזט זיך אויף זיין ביזנעס־טור — האָט אינפאָרמירט מאַרין — ער איז אַ רייזנדער סיילסמען.

— אין וואָס פאַר אַ בראַנזשע? — האָט געפרעגט דזשעק.

— אין עסטעטיש־טעראַפּעטישער גאַלאַנטעריי — האָט געזאָגט מר. סאַנדערס — וואָס וועט איר טרינקען?

— אַ סקאָטש אויף אייז — האָט געזאָגט מאַרין נאָך אַ קורצן ישוב־הדעת.

— כ'האָב נאָך נישט פאַרענדיקט מיין גלאָז — האָט געזאָגט דזשעק.

— איידער ער וועט צוברענגען, וועט איר שוין האָבן פאַרענדיקט — האָט געזאָגט מר. סאַנדערס און האָט אַ וואונק געטאָן צום באַרמאַן.

— און ווי גייט אייך עפּעס דאָ אויף אייער וואַקאַציע? — האָט גע־פרעגט מאַרין — ס'איז דאָ שיין, אין לעיקוואוד, אמת?

— יאָ, גאַנץ שיין — האָט מר. סאַנדערס מסכּים געווען, אָן איבער־צייגונג — ס'הייסט פאַר אַ מענטש ווי איך איז דאָ אַ ביסל לאַנגווייליק. אַז איר פאָרט שוין יאָ אויף וואַקאַציע, ווילט איר זיך אַמוזירן, אמת? זיי האָבן געזאָגט: וועלדער, פעלדער, אַז אַזיערע... שיין און פיין, אָבער

וואָס טוט מען אין די אָוונטן? ביינאַכט? אַט דריי איך זיך שוין דאָ אַרום, אין באַר, פון אַ זייגער אַכט, אָדער נאָך פריער.

— איר פאָרט ווייט אויף אייער טור? — האָט געפרעגט דזשעק.

— מען קען זאָגן, גאַנץ ווייט. צוערשט וועט מען זיך אָראָפּכאַפּן קיין קאַנאַדע. דערנאָך וועלן מיר זיך אַראָפּלאָזן קיין שיקאַגאָ, און פון דאָרט קיין קאַליפאָרניע. כ'מאַרקיר אויס צו זיין ווינטער־צייט אין קאַליפאָרניע. דאָ, אין מזרח, איז זומער צו הייס און ווינטער צו קאַלט.

דער באַרמאַן האָט געבראַכט די באַשטעלטע משקאות. אַ לענגערע ווײַלע האָבן זיי געטרונקען שווייגענדיק. מאַרין האָט איבערגעריסן די שטילקייט:

— עס מוז זיין שיין ווינטער־צייט אין קאַליפאָרניע! — האָט זי געזאָגט.

— וואונדערבאַר! די זון שיינט, די בלומען בליען, די אָראַנזשן־ביימער זיינען באַדעקט מיט גאָלד, אַ שמייכלענדיקע וועלט, אַ גן־עדן אויף דער ערד! און די שטערן? וואו קענט איר זען אַזאַ אויסגעשטערנטן הימל ווי אין קאַליפאָרניע?

— וואָס פאַראַ סחורות פאַרקויפט איר אייגנטלעך? — האָט זיך נאָכגעפרעגט דזשעק.

— עסטעטיש־טעראַפּעטישע גאַלאַנטעריי, ס'הייסט אַלערליי עלאַסטיקס וואָס מאַכן שענער די פיגור און היילן קראַנקע גלידער, ספּעציעל פאַר פרויען: עלאַסטישע זאָקן פאַר פיס מיט פאַרהאַרטעוועטע אָדערן, ספּעציעלע גאַרטלען, בענדער, ספּעציעלע עלאַסטישע אונטערוועש.

— און ווי גייט די ביזנעס?

— גוט, פיין! — האָט געזאָגט מר. סאַנדערס און האָט אויסגעליידיקט זיין גלעזל — ס'איז מיין וואַקאַציע, אונטערוועגס טרינק איך כמעט ניט — האָט ער זיך אַנטשולדיקט — אַז איר טרייבט אַ מאַשין, מוזט איר זיין פאָרזיכטיק... נו, דאַרף מען אַריינכאַפּן ווען עס לאָזט זיך.

דזשעק האָט באַשטעלט אַ צווייטע רונדע. מען האָט געטרונקען צו ביסלעך, אָן איילעניש. מאַרין איז געוואָרן לעבהאַפט. אירע באַקן האָבן זיך פאַררויטלט און אירע אויגן האָבן געשמייכלט. ביי מר. סאַנדערס'ן האָט זיך צעבונדן די צונג:

— טעראַפּעטישע גאַלאַנטעריי איז אַ נוצלעכע און וויטאַלע ביז־

נעם — האָט ער געהאַלטן אַ שטיקל רעדע מיט קורצע הפסקות צווישן זופּן — „קענסט בלייבן יונג אַזוי לאַנג ווי דו פּילסט זיך יונג!" זאָגן זיי. אַ. קעי. אָבער די ביאָלאָגישע געזעצן? דאָ קומט אַריין די עסטעטיש־טעראַפּעטישע גאַלאַנטעריי, איר פּאַרשטייט? אונדזער באַפעלקערונג וואַקסט און עלטערט זיך, באַלד וועלן מיר האָבן עטלעכע צענדליק מיליאָן עלטערע דאַמען: אַלמנות, גרושות, סתם עלטערע פרויען מיט פאַרהאַרטעוועטע אָדערן און, כ'בעט איבער אייער כבוד, איבערגעפּאַשעטע הינטער־חלק'ס און אַזוי ווייטער. טעראַפּעטישע גאַלאַנטעריי איז ניט בלויז אַ ביזנעס, ס'איז אַ קונסט: יעדע וואָך, יעדן טאָג ווערן דערפונדן נייע מאָדעלן, נייע פורעמס... נייע אידייען... אידייען!

ער האָט דערלאַנגט אַ צי פון גלעזל און האָט אויסגערופן אויפן קול:

— די צוקונפט געהערט צו דער עסטעטיש־טעראַפּעטישער גאַלאַנטעריי!

אַרום איז געווען שטיל. די מוזיק־מאַשין האָט זינט אַ לענגערער ווײַלע געשטומט. דער עולם האָט געטרונקען שווייגנדיק אָדער בלויז גע־פּליסטערט. מר. סאַנדערס'עם נביאות האָט אָפּגעהילכט ווי אַ בת־קול אי־בערן גאַנצן זאַל. מאַרין האָט זיך אָראָפּגעגליטשט פון איר טאַבורעטקע.

— קיינעם אַרט היינט ניט די מוזיק! — האָט זי געזאָגט — האָסט נאָך אַ מטבע, דזשעק?

דזשעק האָט איר געגעבן אַ פּאָר דײַמס. מר. סאַנדערס האָט אַרייַנ־געשטעקט אַ האַנט אין אַ הויזן־קעשענע און אַ קלונג געטאָן מיט קליינ־געלט. זי האָט זיך געלאָזט גיין צו דעם מוזיק-אויטאָמאַט און ער האָט זיך אַ שאַר געטאָן הינטער איר ווי אַ שאָטן. דזשעק האָט זי נאָכגעפּאָלגט מיט די אויגן. איר גוף האָט זיך עלאַסטיש באַוועגט און אירע היפּטן האָבן זיך געוואַקלט און וויברירט אין גאַנג. אַ שאַרפע לוסט איז מיטאַמאָל אויפגעשטיגן אין אים. אין זיין אָפּהענטיקייט, אין משך פון די לעצטע עטלעכע טעג, האָט ער זי פאַרנאַכלעסיקט. איצט האָט איר קערפּער צוריק באַקומען דעם אַמאָליקן כישוף. ער האָט זיך אויסגעדרייט צו דער באַר, האָט איבערגעקערט דאָס גלעזל אין האַלדז אַריין און באַשטעלט אַ פרישן טרונק.

דער משקה האָט אים באַרוישט און ס'האָט אים לייכט געשווינדלט

אין קאָפּ. דאָס געפיל פון אייפערזוכט איז שאַרפער געוואָרן, ברענענדיקער. זי וועט אַוועק מיט אים, מיט מר. סאַנדערס'ן!... פאַרוואָס זאָל זי ניט אַוועקגיין מיט אים? ער וועט זי מיטנעמען קיין קאַנאַדע, קיין קאַליפאָרניע, אין גן־עדן אויף דער ערד. ער האָט זי אַוועקגענומען פון דער היים און איצט וועט מר. סאַנדערס זי צונעמען פון אים! און מר. וואַיט? דערנאָך וועט מר. וואַיט זי צונעמען פון סאַנדערס'ן. און דערנאָך?.. ווער איז אייגנטלעך מר. וואַיט?

ער האָט דערפילט אַ שווערקייט אין קאָפּ. אַ טיפע פרויען־שטימע האָט אים אַריינגעזונגען אין די אויערן: נאָר נאָראָניס זוכן ליבע. זיין בליק האָט זיך אַ גליטש געטאָן איבער די האַלב־ליידיקע גלעזלעך לענגאויס דער פאַררונדיקטער עבאָני־פּאַרענטשע. און מיטאַמאָל האָט אַ סדר ביים פעטער כתריאל אויפגעטויכט פאַר זיינע אויגן: מען האָט שוין אויסגעטרונקען די אַרבע כוסות און די גלעזלעך שטייען ליידיקע אויפן טיש. פרעה'ס אַרמיי איז דערטרונקען געוואָרן און זיינע רייטוועגענער ליגן אויפן אָפּגרונט פון ים. איז עס דער סוף? דער פעטער כתריאל זיצט אויבנאָן, אָנגעטאָן אין אַ ווייסן קיטל; ער שאָקלט זיך און דערציילט מיט אַ ניגון: חד גדיא, חד גדיא!... און ס'איז געקומען דאָס וואַסער און האָט אויסגעלאָשן דאָס פייער, וואָס האָט פאַרברענט דעם שטעקן, וואָס האָט געשלאָגן דעם הונט, וועלכער האָט געביסן די קאַץ, וועלכע האָט אויפגעפרעסן דאָס ציקעלע... חד גדיא, חד גדיא!

„חד גדיא!... חד גדיא!" — האָט דער גאַנצער עולם אַ זונג געטאָן אין כאָר.

די פאַרשטעלונג האָט ווי אַרויסגערופן אַן עקספּלאָזיע אין זיין מוח און אַ רעגן פון שפּליטער־געדאַנקען האָט זיך צעשפּריצט אין זיין פאַרנעפּלטן באַוואוסטזיין: — פאַרוואָס איז ער אַנטלאָפן? — פאַרוואָס? אַ לייג־הון מוז לייגן צוויי הונדערט אייער אַ יאָר, מר. פּאָרד מוז פּראָדוצירן אַ מיליאָן אויטאָס אַ יאָר, און אַ בראָט־הון מוז צונעמען פערטהאַלבן פונט פלייש אין צוועלף וואָכן. וואָס איז ער, אַ לייג־הון? אַ שיכט פון שאָלעכצער האָט זיך ווי אָפּגעשיילט און איז אַראָפּגעפאַלן פון אים. מיטאַמאָל האָט ער זיך דערפילט פריי —

— דו ווייסט, דזשעק, מר. סאַנדערס איז וויליק אונדז מיטצונעמען

אויף זיין טור — האָט ער דערהערט מאַרין׳ס קול לעבן זיך — וואָס זאָגסטו דזשעק?

— ס׳קומט אַמאָל אויס צו פאָרן לאַנגע שטרעקעס און ס׳איז לאַנג־וויייליק איינער אַליין — האָט געזאָגט מר. סאַנדערס.

דזשעק האָט זיך אָנגעכמורעט. ער האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און געשוויגן. מאַרין האָט געזוכט זיין בליק:

— איז וואָס זאָגסטו דזשעק?

— מיר׳ן זען! — האָט ער אַ מורמל געטאָן.

— אַזוי ווי איר ווילט פאָרן קיין קאַליפאָרניע און איך פאָר סאַי־ווי קיין קאַליפאָרניע, האָב איך געמיינט... — האָט געזאָגט מר. סאַנ־דערס.

דער באַרמאַן האָט געבראַכט פרישע משקה. מאַרין האָט זיך באַלד אַ נעם געטאָן צו איר גלעזל:

— מר. סאַנדערס מיינט, אַז מיר וואָלטן אפילו געקענט אויפן וועג אים אַ ביסל אַרויסהעלפן אין די ביזנעס — האָט זי געזאָגט — אַזוי אַרום וואָלטן מיר אויסגעשלאָגן די הוצאות.

— ביי דער טעראַפּעטישער גאַלאַנטעריי?

— מען מוזן באַזוכן אַן אַ שיעור געשעפטן און טיילמאָל קען איך זיך ניט קיין עצה געבן איינער אַליין — האָט געזאָגט מר. סאַנדערס — טעראַפּעטישע גאַלאַנטעריי איז אַ וואַקסנדיקע אינדוסטריע.

„אַנשטאָט אייזקרים־סאָדאַ — עלאַסטישע זאָקן״ — איז דזשעק׳ן דורכגעפלויגן דורכן קאָפּ — „מען קען ניט אַנטלויפן פון ברוקלין!״

— לאָמיר גיין, גוט? — האָט ער געזאָגט צו מאַרין׳ען.

— איז וואָס בלייבט מיט דער רייזע? — האָט זי געפרעגט.

— מיר׳ן אַ טראַכט טאָן וועגן דעם. איר בלייבט נאָך דאָ לאַנג, אין לעיקוואָוד? — האָט ער זיך געווענדעט צו סאַנדערס׳ן.

— אַ וואָך צייט מן־הסתם. אין וועלכן האָטעל שטייט איר איין?

— לאָמיר זיך טרעפן דאָ, אין באַר, גוט? — האָט געזאָגט דזשעק.

— ווען?

— לאָמיר זאָגן... איבערמאָרגן, גוט? און איצט לאָמיר גיין! — האָט דזשעק גענומען מאַרין׳ען פאַר דער האַנט.

— נאך איין גלעזל, א. קעי.? — האט מר. סאנדערס פארגעשלאגן
— וואס וועט איר טרינקען?

ס'איז שוין געווען לאנג נאך חצות ווען זיי האבן פארלאזן די באר. די גאס איז געזונקען אין שלאף. דזשעק האט זיך לייכט געוואקלט אויף די פיס און מארין האט אים געפירט ביי דער האנט. אין דער האטעלן־אליע האט ער פארוואָרפן זיין אָרים אָרום איר טאליע. זי האט זיך א ווײַלע געטוליעט צו אים. זיינע פינגער האבן זיך ארויפגעשארט אונטער איר אָרים און בארירט איר ברוסט. זיי האבן אנגעהויבן צאפלען מיט אומרו. זי האט אים צוריקגעהאלטן:

— ניט דא!... ניט אינמיטן גאס...
— מר. סאנדערס געפעלט דיר, יא?
— אה, זיי ניט קיין שוטה, דזשעק!

ער האט זיך אפגעשטעלט און זי א צי געטאן צו זיך, אבער זי האט אים איינגענומען מיט גוטן:

— וואַרט־צו נאך א ווײַלע, מיר'ן באלד זיין אין שטוב.
— דו ווייסט ווי צו גיין?
— אוודאי ווייס איך — האט זי א לאך געטאן — אזוי שנעל ווער איך ניט שיכור.
— איך בין שיכור?
— א ביסל. קום!

ער איז מיטגעגאנגען, א שווייגנדיקער און אנגעכמורעטער: „זי וויל מיך ניט מער!.. זיי האבן זיך אפגערעדט צום אנטלויפן צוזאמען!..." דער וואלד־וועג איז געווען איינגעהילט אין פינסטערניש, פון ביידע זייטן האבן זיך געשווארצט הויכע פארצווייגטעביימער און די פארם־הייזער האבן אויסגעזען ווי לויערנדיקע שאטנס. מארין האט פארלייגט אן אָרים איבער זיין פלייצע און אירע לאנגע פינגער האבן א גלעט געטאן זיין נאקן. ער האט זיך אפגעשטעלט לעבן א בוים אויפן ראנד פון וועג און זי גענומען אין די אָרימס. זי האט זיך אויסגעבויגן הינטערווײַלעכטס, דער רוקן אנ־געשפארט אויפן שטאם פון בוים, אירע קני אנטקעגן זיינע. זיינע הענט האבן זיך א גליטש געטאן איבער איר גוף און געזוכט איר נאקעטקייט.

— איך וויל דיך!

זי האָט אים ליכט אָפּגעשטויסן:

— וואָס עפּעס פּלוצלונג אַזאַ ברען? לעצטנס ביסטו געווען קאַלט צו מיר.

— איך?

— האָסט זיך אפילו ניט צוגערירט צו מיר.

— כ'ווייס אַליין ניט... — האָט ער אַ מורמל געטאָן — כ'בין אַריינגעפאַלן אין עפּעס אַ מרה־שחורה, כ'האָב מורא געהאַט אַז מיר וועלן שוין ווייטער ניט פאָרן.

— אָבער איצט וועלן מיר זיך לאָזן אין וועג!

— וועסט ניט האָבן צו טאָן מיט אים? אויפן וועג?

— רעד ניט קיין נארישקייטן, דזשעק! ביסט אייפערזיכטיק, אמת?

ער האָט זיך אַ בויג געטאָן איבער איר און זיך איינגעביסן אין איר מויל. זיינע פינגער האָבן זיך אַ שאַר געטאָן איבער אירע לידקעס. איר בוזים האָט זיך אויפגעהויבן אַנטקעגן אים און אירע היפּטן האָבן אַ ציטער געטאָן.

— אָה, מאַרין!

— ניט דאָ, דזשעק, ס'איז אינמיטן וועג, עמיצער קען אָנקומען.

— נאָך אַ ווײַלע! — האָט ער זיך געבעטן.

— ביסט אַזוי אומגעדולדיק היינט! מיר זיינען שוין באַלד אין שטוב.

— טאָ קום!

— אפשר גייען מיר אריין אין וואַלד? ווילסט?

— איצט?

— פאַרוואָס ניט? קום!

זי האָט האַסטיק אַ שפּרייז געטאָן איבערן נידעריקן שיפּוע. צווישן דיביימער האָט געלויערט אַ געדיכטע פינסטערניש. זי האָט געשפּאַנט אַ טריט פאָרויס און אים געפירט ביי דער האַנט. זיינע קני האָבן זיך פאַרטשעפּעט אַן קוסטעס און נידעריקע צווייגן. זי האָט אויסגעטאַפּט אַ ליידיקן פּלאַץ מיט די פיס און זיך אראָפּגעלאָזט אויפן גראָז. דזשעק האָט זיך אויסגעצויגן לעבן איר.

— נעם מיך אַרום — האָט זי אַ פליסטער געטאָן — אָבער לאָמיר בלייבן אַ ווײַלע רואיק, גוט?

— יאָ.

פון אויבן, צווישן געבלעטער, האָבן אַראָפּגעקוקט פינקלענדיקע שטערן. מאַרין האָט זיך אונטערגעהויבן, זיך אָנגעשפּאַרט אויף אַן עלנ־בויגן און זיך צוגעבויגן צו אים. ער האָט געפילט די רונדקייט פון איר בוזים, וואָס האָט זיך געדריקט אַנטקעגן זיין גוף. אירע פינגער האָבן גע־גלעט זיינע האָר.

— ס'איז דיר גוט מיט מיר? — האָט זי געזוכט זיין בליק אין דער פינסטערניש.

— יאָ — האָט ער געזאָגט. איר קאָפּ האָט איצט פאַרשטעלט דעם געבלעטער, די שטערן, דעם גאַנצן אַרום.

— אַז מיר וועלן האָבן אַ פאַרם, וועלן מיר זיך יעדע נאַכט אַרויס־גנב'ענען אין וואַלד אַריין, יאָ?

— יאָ. אָבער מיר פאָרן דאָך אַוועק...

— יאָ, מיר'ן פאָרן, ווייט־ווייט! — האָט זי אַ רעד געטאָן עקזאַל־טירט — קאַנאַדע, קאַליפאָרניע... און באַלד וועלן מיר זיין אין האָ־ליוואוד!

— אָבער וואָס טויג מיר האָליוואוד? — האָט ער מיטאַמאָל אויס־געריפן — וואָס וועל איך טאָן אין האָליוואוד?

מאַרין האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט:

— זאָג נאָר, דזשעק, פּאַלעסטינע ליגט ניט אויפן וועג... כ'מיין, צווישן קאַנאַדע און האָליוואוד?

— דאַכט זיך אַז ניט... ניין!

— ס'מוז זיין אויפן וועג! — איז זי באַשטאַנען אויף איר אידייע — זיי זאָגן דאָך אַז די וועלט איז קיילעכדיק, אמת? און וויבאַלד די וועלט איז קיילעכדיק —

— אַלץ איז קיילעכדיק! — האָט ער אַ זאָג געטאָן און זיינע פינגער האָבן זיך אַראָפּגעגליטשט איבער איר רוקן — דיין הינטער־חלק איז אויך קיילעכדיק!

ער האָט זיך דערשראָקן פאַר זיינע אייגענע ווערטער; ער האָט קיינ־מאָל ניט גערעדט קיין ניבול־פּה. אָבער גלייכצייטיק האָט ער דערפילט אַ באַהאַלטענע הנאה פון הפקרות. נאָך אַ שאַלעכץ איז אַראָפּגעפאַלן פון אים.

— אין האליוואוד קען ער זיין ווערט מיט גאלד צוגלייך — האט מאַרין אַ לאַך געטאָן און זיך געטוליעט צו אים — כ׳האָב ליב ווען דו ביסט שיכור! נאָר ווען דו ביסט שיכור, ביסטו באמת נאַקעט.

די קוסטעס האָבן אַ רויש געטאָן אונטער אירע פיס און דער ריח פון איר קערפּער האָט זיך פאַרמישט מיט די ריחות פון וואַלד ביי־נאַכט.

אַ ווײַלע האָבן זיי האַלב־געדרימלט אויפן גראָז. מאַרין האָט זיך אויסגעטשוכעט די ערשטע:

— לאָמיר גיין! — האָט זי געזאָגט — סתם שלאָפן איז באַקוועמער אין בעט. און כ׳האָב פיינט צו שלאָפן אין די זאַכן.

גייענדיק איבערן וואַלד־וועג איז אים פאַרגעקומען ווי די נאַכט וואָלט העלער געוואָרן. ער האָט זיך ווי אויפגעכאַפּט נאָך אַ לאַנגן טיפן שלאָף. אין האָטעל זיינען אַלע פענסטער געווען אויסגעלאָשן. זיי האָבן זיך אַרויפגעשלייכט איבער די טרעפּ און זיך אַ שאַר געטאָן אויף די שפּיץ־פינגער דורכן טונקעלן קאָרידאָר. פאַרבייגייענדיק דאַיען׳ס צימער, האָט מאַרין אַרויסגעפּלאַצט אין אַ געלעכטער. דזשעק האָט זי איינגעשטילט:

— וואָס איז געשען? — האָט ער געפרעגט, ווען זיי זיינען אַריין אין זייער צימער און צוגעמאַכט די טיר הינטער זיך.

— כ׳האָב דערזען איר חלום: אַ האָטעל פון טויזנט צימערן מיט אַ רעפּרידזשערעיטאָר גרויס ווי דער טאַימס־סקווער... — האָט זי ניט אויפגעהערט צו כיכיקען.

— מילא, דער מלך אחשורוש האָט פאַרזאַמלט אין זיין האַרעם אַלע בתולות פון זיינע הונדערט־און־זיבן־און־צוואַנציק מדינות — האָט ער געזאָגט — סערע קאַפּלאַן האָט עס מיר אַליין דערציילט.

— נו, יאַ, אַמאַליקע צייטן איז אַ מאַנסביל געווען אַ מאַנסביל!

זי האָט שנעל אויסגעבעט דאָס בעט. אונטערן שטראָם פון קאַלטן דוש האָט דזשעק זיך אינגאַנצן אויסגעניכטערט. אויך זיינע חושים זיינען איצט געווען פריי — אויסגעטאָן פון דער תאווה, וואָס האָט זיי באַצוואונגען און באַזעסן. מאַרין האָט אויסגעשטרעקט צו אים די ליפּן און אַ פאַר־שלאָפענע אַ שמייכל געטאָן:

— אַ גוטע נאַכט, מיין טייערער!

— א גוטע נאכט!

זי האט זיך אויסגעדרייט צו אים מיטן רוקן. ער האט אריינגעקוקט אין דער פינסטערניש און האט ניט געקענט איינשלאפן. ערשט איצט איז ער באמת וואך געווארן. בילדער און שמועסן פון טאג האבן זיך געיאגט אין זיין מוח: לייג־הינער, בראט־הינער, דאס געזעץ פון נאטירלעכן אפ־קלייב, דארווין, עסטעטיש־טעראפישע גאלאנטעריי. דארווין האט אפגע־שיילט דיקע שיכטן פון שאלעכץ!... איז אים מיטאמאל איינגעפאלן.

און וואס איז אונטער די שאלעכצער, אינעווייניק? — אפשר גאר־ניט! — וואס איז, א שטייגער, א ציבעלע? א בינטל שאלעכצער, וואס דעקן־צו דאס גארניט פון אינעווייניק. אדער א קעפל קרויט? — א בינטל בלעטער, א בלאט איבער א בלאט, וואס האלטן זיך אויף א קאטשאן.

און פון אויסן?

„און איבער מיין קאפ איז די ש כ י נ ה פון גאט..."

די שטימע האט גערעדט פון דער פינסטערניש ארויס; זי איז גע־קומען פון דער אנדערער זייט וואנט. זי האט געמורמלט פרום און מיט כוונה.

דאס בעט האט א סקריפע געטאן. מארין האט זיך אויסגעדרייט צו אים:

— וואס מורמלסטו? — האט זי א פרעג געטאן ווי פון שלאף.

— „מימיני מיכאל..." — האט ער א גלעט געטאן איר רעכטע ברוסט — ומשמאלי גבריאל, און ביי מיין לינקער האנט איז גבריאל —

— הויב זיך ניט אן מיטן ריבונו־של־עולם! — האט זי א זאג גע־טאן ערנסט און פרום — מען טאר ניט פארשוועכן קיין הייליקייטן!

— ווער רעדט דען וועגן אויבערשטן? כ'האב בלויז דערמאנט די מלאכים. און זיי, די מלאכים, זיינען אליין אויך ניט געווען קיין צו גרויסע צדיקים. דו ווייסט, ווען זיי האבן זיך אראפגעלאזט אויף דער ערד און דערזען די טעכטער פון מענטשן אז זיי זיינען גוט, האבן זיי זיך פארליבט אין זיי.

— וואס פלאפלסטו? ביסט שיכור!

— ס'איז אבער אמת!

— ביסט זיכער?

— אוודאי, עס שטייט אין דער ביבל, אין דער מעשה מיט די אראָפּ־געפאַלענע מלאכים. זיי זיינען אפילו געקומען צו די טעכטער פון מענטשן און די מיידלעך האָבן פון זיי געבאָרן קינדער.

— כ'האָב געהערט וועגן די אראָפּגעפאַלענע מלאכים, כ'האָב אָבער ניט געוואוסט אַז זיי האָבן געפירט ליבעס — האָט געזאָגט מאָרין — זיי האָבן עס אוודאי איבערגעהיפּט ביי אונדז אין שולע. די בעסטע זאַכן פאַרפעלט מען שטענדיק אין לעבן, אמת? — האָט זי אַ זיפץ געטאָן און זיך אַ שאַר געטאָן נענטער צו אים. איר לייב איז געווען הייס, צעוואַרימט פון שלאָף.

— דו? מילא, נישט צו פאַרזינדיקן! — האָט ער געזאָגט און זי גענומען אין די אָרעמס.

ווען ער האָט געשלאָסן די אויגן און געהאַלטן ביים איינדרימלען, האָט זי זיך אַ בויג געטאָן איבער אים און אָפּגעווישט דעם שוויים פון זיין שטערן:

— איצט ביסטו אויך אַן אַראָפּגעפאַלענער מלאך — האָט זי אַ מורמל געטאָן.

— יאָ, אַראָפּגעפאַלן אין אַ קענדי־סטאָר אויף עוועניו „יו" — האָט ער אַ זאָג געטאָן ווי פון שלאָף.

קאַפּיטל דריי-און-צוואַנציק

אויף אַ שייד־וועג

שבת־צו־נאַכט האָט סילוויע זיך גענומען גרייטן צו דער נסיעה. מרס. אַ׳ברייען האָט צוגעזען, אַז מייקל זאָל זיך ווי געהעריק אָפּבאַדן און זי האָט אים באַצייטנס אָנגעקאָרמעט, און סילוויע האָט אים געלייגט שלאָפֿן און אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל זיך פֿירן ווי אַ מענטש אויף דער רייזע און זאָל ניט רעדן צופֿיל. שפּעט אין אָוונט האָט זי אָפּגערופֿן דעם אָנקל און אים דערציילט וואוהין זי פֿאָרט — טאָמער וואָס עס מאַכט זיך, זאָל מען וויסן וואו זי איז. ר׳ כתריאל האָט איר געגעבן אַ ברכה אויפֿן וועג און צוגעוואונטשן, אַז פֿאַר איין וועג זאָל זי שוין אויך געפֿינען דזשעק׳ן: אַז ער זאָל זיך אומקערן אַהיים און דער אויבערשטער זאָל אומקערן זיין האַרץ צו איר.

— ווען איר ווייסט, ווי ס׳איז מיר אויפֿן האַרצן, אָנקל! — האָט זי געזאָגט מיט אַ פֿאַרשטיקט קול.

— אַ צעבראָכן האַרץ העלפֿט גאָט! — האָט ר׳ כתריאל זי געטרייסט.

פֿאַרן גיין שלאָפֿן האָט זי זיך גענומען צוקלייבן אַ קלייד פֿאַר דער רייזע. שטייענדיק פֿאַר דעם אָפֿענעם וואַנט־שראַנק, וואו עס זיינען נאָך געהאַנגען עטלעכע מלבושים פֿון אירע מיידלשע יאָרן, איז אַ כוואַליע פֿון דערינערונגען און בענקשאַפֿט אויפֿגעשטיגן אין איר. ס׳האָט איר פֿאַרקלעמט ביים האַרצן און זי איז אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. „דער אויבערשטער וועט העלפֿן... גאָט העלפֿט אַ צעבראָכן האַרץ...״ — האָבן אירע ליפּן איבערגע׳חזר׳ט דעם פֿעטערס ווערטער. זי איז ניט געווען פֿרום

און אַפּגעהיט מיט מצוות, און האָט זעלטן־ווען אַריינגעטראַכט אין גאָט־זאַכן; זי האָט בכלל ניט איבעריקס אַריינגעקלערט אין העכערע ענינים וואָס זיינען אַריבער דעם קרייז פון איר טאָג־טעגלעכן לעבן. אָבער טיף אין האַרצן — און בפרט אין אַן עת־צרה — האָט זי געגלויבט אין גאָט, אין אַ פּערזענלעכן גאָט, וואָס האַלט אַן אויג אויף זיינע באַשעפענישן. און איצט: די מאַמע איז נעלם געוואָרן און דזשעק איז אַנטלאָפן — איז ווער איז איר פאַרבליבן אויב ניט גאָט אין הימל? און דער פרומער אַנקל, דער גאָטספאַרכטיקער ר׳ כתריאל, דער למדן, איז איר אַצינד פאַר־געקומען ווי דער פאַרשטייער פון ריבונו־של־עולם אין ברוקלין. איר גע־מיט האָט זיך פאַמעלעך אויסגעלייטערט, די שווערע כמאַרעס זיינען זיך צעשוואומען און אַ שטראַל פון האָפענונג האָט אַ שיין געטאָן פאַר אירע אויגן.

צומאָרגנס האָט זי געעפנט דאָס קרעמל באַגינען, אויף עטלעכע שעה, און האָט אויספאַרקויפט די מערסטע צייטונגען. אַ זייגער צען איז הערי טאַפּאָלסקי דערשינען מיט זיין סטיישאַן־וואָגן פאַר דער טיר. סילוויע האָט גענומען מייקלען ביי דער האַנט און זיך געלאָזט גיין צום אויטאָ.

— מיר פאָרן זען דעם פּאַפּאַ? — האָט מייקל אַ פרעג געטאָן.

— זיי שטיל, אַנישט וועל איך דיך איבערלאָזן אין דערהיים! — האָט סילוויע אים אַ סטראַשע געטאָן. דאָס קינד האָט פאַרשטשימעט די ליפּן און איז אַנטשוויגן געוואָרן. יעדעס מאָל ווען ער האָט דערמאָנט דעם פּאַפּאַ, האָט די מאַמע זיך געבייזערט אויף אים. ער איז פאַרקראָכן אין אַ ווינקל פון וואָגן, און זיך אַוועקגעזעצט מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, ווי אַן אָפּגעשמיסענער.

די מאַשין האָט זיך געריררט. זיי זיינען דורכגעפאָרן ברוקלין, פאַרביי דעם פּראָספּעקט־פּאַרק, אויף אַ בריק איבער דעם איסט־ריווער און דורך אַ טונעל אונטער דעם האָדסאָן־טייך. באַלד זיינען זיי געווען הינטער דער שטאָט. פאַר די אויגן האָבן פאַרבייגעשוועבט פלאַכע זומפּן באַ־וואַקסן מיט פאַרוועלקטע קוסטעס, פעלדער, וועלדלעך, געזאָלין־סטאַנ־ציעס, הויכע קוימענס פון פאַבריקן און די טורעמס פון די נאַפט־רעזער־וואוּאַרן פון סטאַנדאַרד־אויל. הערי איז צוערשט געפאָרן איבער אַ ברייטן שאָסיי, אין אַ געדיכטן שטראָם פון אויטאָס, דערנאָך האָט ער זיך פאַרנו־מען איבער זייטיקע וועגן, וואָס האָבן געפירט צווישן שטעטלעך און דער־

פֿער. מייקל האָט אַרויסגעקוקט מיט גרויסע פֿאַרגאַפּטע אויגן. באַלד איז ער איינגעשלאָפֿן.

הערי האָט געשיקט געקירעוועט דעם רודער און, ניט קוקנדיק אין סילוויעס זייט, געהאַלטן אין איין דערציילן: ווי ער איז מיט עטלעכע צענד־ליק יאָר צוריק געקומען קיין אַמעריקע, ווי ער האָט געאַרבעט אין אַ שאַפּ אין ניו־יאָרק און האָט אויספּרובירט זיין מזל אין אַלערליי מלאכות און ביזנעס, ווי ס'איז אים יאָ געגאַנגען און ניט געגאַנגען, און ווי ער האָט סוף־כל־סוף אַ שפּיי געטאָן אויף דער שטאָט מיט אירע גליקן און זיך באַזעצט אויף אַ הינער־פֿאַרם, אין שוים פֿון דער נאַטור; אַז זיין ווייב איז אַן אַמעריקאַנער־געבאָרענע, אַ ברוקלינער טאָקע, און זי וואָלט ליי־בערשט געוואוינט אין שטאָט, און אַז פֿון צייט צו צייט קרענקט זי אונטער אַ ביסל; אַז דער זון זיינער, דער אינגערער, האָט אַן אייגענע פֿאַרם, אין די בערג, אָבער קיין הינער האָדעוועט ער דאָרט ניט — ער האָדעוועט נאָר מינקס, די זעלביקע חיה'לעך טאָקע, וואָס פֿון זייערע פֿעלכלעך מאַכט מען מינק־פֿעלצן פֿאַר רייכע לײדיס; און אַז די טאָכטער זיינע האָט חתונה געהאַט פֿאַר אַן אַקאַונטענט, אַ מין בוכהאַלטער, און זיי וואוינען אין די בראָנקס. ער, דער מאַן אירער, איז מיט עטלעכע יאָר צוריק געקומען אויף דאַטשע קיין לעיקוואוד און זיי האָבן זיך פֿאַרליבט, און שוין. די גרויסע גליקן, מיינט איר, פֿון אַ בראָנקסער אַקאַונטענט? נאָר גאָרניט, מען מאַכט אַ לעבן. די מאַמע פֿאָרט גאַנץ אָפֿט אויף אַ באַזוך צו דער טאָכטער — יעדער מאָל ווען זי פֿאָרט צו איר דאָקטער, טרעט זי אָפּ ביי דער טאָכ־טער אין די בראָנקס, און פֿאַר איין וועג ברענגט זי איר שוין אַ בראָט־הינדל, אַ טוץ פֿרישע אייער, איר ווייסט דאָך.

איידער מען האָט זיך אַרומגעזען, איז מען שוין געווען לעבן לעיק־וואוד. הויכע שילדן ביים ראַנד פֿון שאָסיי האָבן אויסגעשריען די נע־מען און אַדרעסן פֿון האָטעלן. מייקל איז געשמאַק געשלאָפֿן, איינגעקור־טשעט אויפֿן הינטערשטן געזעס. אויף אַ סקווער מיט אַ געזאָלין־סטאַנציע, ביים אַריינפֿאָר צום שטעטל, האָט הערי זיך פֿאַרקירעוועט איבער אַ זייַ־טיקן וועג אין וואַלד אַריין.

— אָט זיינען מיר שוין אין פֿאַרמינגדעיל — האָט ער געזאָגט, ווען זיי זיינען פֿאַרבייגעפֿאָרן אַ הינער־פֿאַרם — אָבער ביז צו מיין נחלה איז נאָך אַ היפּש שטיקל וועג.

דער וועג האָט זיך געשלענגלט צווישן שאָטנס פוןביימער. אַ ווײַלע זיינען זיי געפאָרן צווישן אָפענע פעלדער און באַלד האָבן זיי זיך ווידער אַריינגעגליטשט אין אַ וואַלד. הערי האָט זיך עטלעכע מאָל פאַרנומען אויף זייטיקע וועגן. ווען דער אויטאָ איז פאַרפאָרן אין אַ הויף, איז זיי אַנטקעגן געלאָפן אַ הונט און זיין בילעריי האָט אויפגעוועקט מייקלען פון שלאָף. זיי זיינען אויסגעשטיגן און הערי האָט איינגעשטילט דעם כלב:

— מאַך צו דעם פּיסק, סוויטי! ער בייסט ניט — האָט ער אַ רוף געטאָן צו מייקלען — קום אַהער, און גיב אים אַ גלעט איבערן רוקן!

מייקל האָט זיך דערנענטערט מיט שרעקעוודיקע טריט. דער הונט האָט געוויידלט מיטן עק און אים באַשמעקט. אויף דער וועראַנדע פון הויז איז דערשינען מרס. סאַנדראַ. זי האָט זיך דערפרייט מיט דער טאָכטער און מיטן אייניקל, און זיך געמאַכט כלאַ־ידע. סילוויע האָט זי אָנגעקוקט מיט פאַרוואורף:

— מאַמע, געוואַלד, מאַמע! מיר זיינען דאָך אַרומגעגאַנגען אָן אַ קאָפּ. אַ מענטש זאָל פאַרבלאָנדזשען אַזש אַהערצו, אין עק וועלט!

— מילא, ווי האָט יענער געזאָגט — האָט מרס. סאַנדראַ זי באַרויקט — אַן עסנדיקע זאַך ווערט ניט פאַרפאַלן.

אַלץ איז פאַרגעקומען אין גרוים איילעניש — הערי האָט זיך געיאָגט: ער האָט געדאַרפט אָפּפירן די משפּחה קיין ניו־יאָרק און קומען באַצייטנס צוריק — און פון דעסטוועגן האָט מען זיך פאַרזאַמט אויף דער פאַרם אַ היפּשע ווײַלע. מייקל האָט זיך שנעל באַפריינדעט מיטן הונט און האָט נאָך באַוויזן אַרומצולויפן איבערן גראָז און אָנקוקן די ביימער, דעם גאָרטן און די כאָפּטעס ווייסע הינדלעך, וואָס האָבן געפּיקט אין גראָז און געכלאַבעט וואַסער פון לאַנגע קאָריטעס. די בעל־הבית׳טע, מרס. טאָפּאָלסקי, האָט פאַרבעטן סילוויען אין געראַומען ליווינג־רום און האָט מיט איר פאַרפירט אַ שמועס וועגן דער פּלאַזשע פון קאָני־איילענד, וועגן „איבערעהעם ענד שטראַוס" און אַנדערע דעפּאַרטמענט־סטאָרס אין דאַון־טאַון ברוקלין, וועגן מאָגן־קראַנקהייטן, לעבער, פּרויען־ליידן און אַלערליי אַנדערע מחלות. מרס. סאַנדראַ האָט דערווײַלע איינגעפּאַקט די „צאינה וראינה" אין איר קלימעק און פאַרוויקלט דעם זיידענעם שאַל אַרום קאָפּ. אינמיטן איז אַריינגעקומען הערי און זיך נאָכגעפרעגט ביי זיין ווייב, צי

דער אַרבעטער האָט געגעבן צו עסן און טרינקען די הינער, און די מי־סעס האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— געוואַלד, איר זיינט דאָך מן־הסתם הונגעריק! מען האָט זיך פאַר־רעדט און כ'האָב גאָר פאַרגעסן עפּעס געבן צום טיש!

סילוויע האָט זיך באַדאַנקט און איר פאַרזיכערט, אַז זי האָט אַקאָרשט געגעסן אַ גרויסן פרישטיק. די בעל־הבית'טע האָט איינגעפּאַקט עטלעכע סענדוויטשעס און פּירות אין אַ טאָרבקע:

— טאָ נעמט כאָטש עפּעס מיט פאַרן קינד אויפן וועג! — איז זי צוגעשטאַנען צו סילוויען.

אויף דער וועראַנדע איז מען אַ ווײַלע שטיין געבליבן. די געסט האָבן זיך באַדאַנקט און זיך געזעגנט, און מען האָט זיך ווידעראַמאָל פאַררעדט. הערי האָט אונטערגעטריבן דעם עולם און גע'טענה'ט אַז ווייבער האָבן ניין מאָס רייד. מייקל האָט זיך געזעצט לעבן הערין, אויפן פאָדערשטן געזעס. דער הונט האָט געוויידלט מיטן עק און אַרויסגעלאָזט אַ צעצוויגענעם ביל. דער מאָטאָר האָט אַ רויש געטאָן און דער אויטאָ האָט זיך געלאָזט אין וועג.

צוערשט זיינען זיי געפאָרן דורכן וואַלד. מייקל איז איצט געווען פריש און מונטער. ער האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענסטער און האָט דער־ציילט אַלץ וואָס ער האָט געזען פאַר די אויגן: „ביימער... ביימער... אַ הויז... אַ פאַרקאַן... הינער... ביימער..." באַלד איז דער וואַלד שיטערער געוואָרן. דער וואָגן איז אַרויסגעפאָרן אויף אַ פרייען שטח, צווישן פעל־דער. אויף אַ בערגל, אין דער ווייט, האָט מען געזען אַ גרויס געמויערט פאַרם־הויז מיט אַ רויטן דאַך. הערי האָט אָנגעהויבן פאָרן לאַנגזאַמער:

— איצט וועסטו כאָטש האָבן וואָס צו זען! — האָט ער געזאָגט צו מייקלען.

מייקל האָט זיך אונטערגעהויבן אויפן געזעס און האָט אויסגערופן אויפן קול, ווי אַ ספּיקער אין ראַדיאָ:

— אַ הויז!... אַ קו... אַ טייך!... נאָך צוויי קי... אַ קליינע קו!... אַ פערד!... בלומען!... הינער!... אַ... אַ־אַ־אַ...

פּלוצלונג איז ער אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו דער מאַמען און זי אָנגעקוקט מיט אַ דערשראָקענעם בליק. מיטאַמאָל האָט ער אַ געשריי געטאָן:

— פאַ!... מאַרין!...

סילוויע האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענסטער און איר בליק האָט נאָך באַוויזן אויפצוכאַפּן די סילועטן פון אַ פּאָרל, וואָס האָט אַראָפּגענידערט פון אַ בערגל און זיך דערנענטערט צום שאָסיי. איר האַרץ האָט אָנגעהויבן קלאַפּן ווי מיט האַמערס.

— וואָס זאָגט ער? — האָט געפרעגט הערי.

— גאָרניט... גאָרניט... — האָט זי אַ מורמל געטאָן.

זיינען עס טאַקע געווען דזשעק און מאַרין?... ניין!... יאָ!... ניין... זי האָט זיך אַ ווײַלע געשלאָגן מיט דער דעה: און אויב אפילו יאָ?... און אויב ער וועט זאָגן, אַז ער וויל ניט קומען צוריק אַהיים? און וואָס וועט הערי זאָגן? די מאַמע? מייקל?... די וועלט?... דער אויטאָ האָט זיך דער־ווײַלע געיאָגט פאָרויס און זיך דערנענטערט צום וואַלד, וואָס האָט זיך געהויבן אויף דער אַנדער זייט פון די פעלדער. זי האָט געוואָרפן אַ בליק אויף צוריק, דורכן הינטערשטן פענסטערל — דאָס פּאָרל איז פאַרשוואונדן פון די אויגן.

— פאָרט אויף צוריק! — האָט זי מיטאַמאָל אויסגערופן און האָט אַ טאַרקע געטאָן הערי׳ן אין רוקן.

— וואָס איז געשען? — איז ער אונטערגעשפּרונגען אויפן געזעס.

— זייט אַזוי גוט, מר. טאַפּאָלסקי, פאַרנעמט זיך אויף צוריק, איך בעט אייך — האָט סילוויע אַ רעד געטאָן שטיל, מיט האַרץ.

— אַט־שוין! גלייך!... ס׳איז עפּעס געשען?

— גאָרניט... גאָרניט... — האָט סילוויע אַ מורמל געטאָן מיט אַ שוואַך קול, וואָס מען האָט קוים געהערט. זי האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויפן הינטערשטן אָנלען און האָט אַ ווײַלע צוגעמאַכט די אויגן.

— עפּעס פאַרגעסן? — האָט געפרעגט הערי און האָט פאַרלאַנגזאַמט דעם טעמפּאָ פון דער מאַשין.

זי האָט פאַרביסן די ליפּן און געשוויגן. מרס. סאַנדראַ האָט אָנגע־שפּיצט די אויערן און זיך אַרומגעקוקט דערשטוינט. זיי זיינען שוין גע־פאָרן אין וואַלד. הערי האָט אויסגעזוכט אַ פריי אָרט צווישן שיטערע ביימער, האָט פאַרקירעוועט די מאַשין און זי אַ שטויס געטאָן אויף צו־ריק. דאָס קינד האָט געזאָגט „פאַ!"... „פאַ!" האָט ער געזאָגט און נאָך אַ נאָמען... ער האָט האַסטיק אויסגעדרייט דעם וואָגן אויף צוריקוועגס.

„א חברה משוגעים, כ׳לעבן!" — האט ער באַשלאָסן ביי זיך און א לאַז געטאָן די מאַשין מיט פולער פאַרע פאַראויס, איבערן וועג צווישן די פעלדער — „משוגע, מטורף, כי לעולם חסדו..."

* * *

א געוודער הינטער דער טיר האט אויפגעוועקט דזשעק׳ן פון שלאָף, ער האט געעפנט די אויגן. ס׳איז שוין געווען העלער טאָג. דורכן פענסטער האט אריינגעשיינט די זון און א באַגילדעטער צווייג האט זיך לייכט געשאָקלט אין ווינט. ער איז געווען אליין אין צימער. וואו איז ער דאָ?... אה! — האט ער זיך אין איין אויגנבליק דערמאָנט דעם נעכטיקן טאָג. טאָ וואו איז מאַרין?... אפשר איז עס ניט געווען נעכטן? אפשר איז זי אנט־לאָפן מיט מר. סאַנדערס׳ן? דער געדאַנק האט אים ניט אויפגעטרייסלט. ער איז געבליבן גלייכגילטיק: די וועלט איז קיילעכדיק, און די חד־גדיא איז אויך קיילעכדיק — אַלץ איז קיילעכדיק! דער קאָפּ האט אים ווי געטאָן און ער האט זיך געפילט פוסט און אויסגעלאָשן — ווי אַן אויס־געברענטע האַליוועשקע.

די קליאַמקע האט זיך א ריר געטאָן און באַלד האט זיך געעפנט די טיר. אויפן שוועל איז דערשינען מאַרין. איןביידע הענט האט זי גע־האַלטן א טאַץ באַלאָדן מיט כל־טוב: א קאַפע־קריגל, טעפּעלער, א פּלעשל מילך, א גלאָז מאַרמעלאַדע, זעמל, א צוקער־פּושקע.

— העפּי ניו־ייר! — האט זי אויסגערופן — א גוט יאָר!

— ניי־יאָר? — איז דזשעק אויפגעשפּרונגען און זיך געזעצט אויפן בעט — וואָס פאַר א ניי־יאָר אינמיטן דערינען?

מאַרין האט געשפּרייזט פאַרזיכטיק מיט דער טאַץ אין די הענט:

— מיט עטלעכע טעג צוריק איז דאָך געווען ראָשאַשאָנאַ, דער אידי־שער ניי־יאָר — האט זי געזאָגט — מרס. דאַיען סילווער האט עס מיר אָקאָרשט דערציילט.

— אַה?! — האט דזשעק זיך א כאַפּ געטאָן.

— און אין א פּאָר טעג אַרום איז יום־כיפור, דער טאָג ווען מען פאַסט און אַלע זינד ווערן פאַרגעבן — האט מאַרין אַוועקגעשטעלט די טאַץ אויפן טישל אין ווינקל.

זי האָט זיך גענומען אַנשמירן אַ בולקע מיט פּוטער און מאַרמעלאַדע:

— לכבוד יום-טוב וועסטו אפשר פּרישטיקן אין בעט?

— כ׳וועל באַלד אויפשטיין — האָט געזאָגט דזשעק און זיך ניט גערירט פון אָרט.

— ביסט מיד?

— אַ ביסל.

זי האָט אויסגעשפּרייט אַ ווייסע סערוועטקע אויף אַ שטול לעבן בעט און דאָרט אויפגעשטעלט פרישטיק פאַר דזשעק׳ן. פון טעפּעלע קאַפע האָט געשלאָגן אַ פּאַרע.

— נעם עפּעס אין מויל, וועסטו זיך פילן בעסער! — האָט זי גע־עצה׳ט.

— אַ שיינעם דאַנק! — האָט ער געזאָגט — און דו?

— כ׳האָב שוין געגעסן. דאַיעז האָט מיך מכבד געווען מיט פרישטיק. בשעת מעשה האָט זי מיר טאַקע דערציילט וועגן די אַלע ימים־טובים. אינגיכן איז אויך דער יום־טוב סוכות, אמת? כ׳וועל נאָר נעמען אַ טראָפּן קאַפע, ס׳אַ גוטער קאַפע! דאַיעז זאָגט, אַז אויף סוכות וועלן אַהערצו קומען אַ סך געסט: פון ניו־יאָרק, פון פילאַדעלפיע, פון אומעטום.

זי האָט זיך אָנגעגאָסן אַ טעפּעלע קאַפע און האָט אַ שפּרייז געטאָן איבערן צימער. ביים פענסטער איז זי שטיין געבליבן און האָט אַרויסגע־קוקט אין דרויסן:

— זע נאָר, דער בעל-הבית סטראָיעט אפילו אוים דאָס באַראַקל אין הויף! — האָט זי אויסגערופן — ער וועט דאָרט אוודאי איינאָרדענען אַ מין אָנעקס צום האָטעל. מען ריכט זיך טאַקע, משמעות, אויף אַ סך געסט.

דזשעק האָט זיך אַראָפּגעשאַרט פון בעט, איז צוגעגאַנגען צום פענס־טער און האָט אַרויסגעקוקט. דער בעל־הבית מיט אַן אַרויסהעלפער, אַ יונג בחור׳ל, האָבן זיך געפּאָרעט אַרום באַראַקל אין הויף. צוערשט האָבן זיי אויפגעהויבן דאָס דאַך מיט דער הילף פון אַ פאַרצווייגענעם שטריק, וואָס זיי האָבן געדרייט אַרום אַ ראָד. דאַן האָט דער בעל־הבית אַרויפגעקלעטערט אויף אַ לייטער. זיי האָבן זיך גענומען אויסלייגן סכך איבער די אָפענע פיר ווענט.

— ס'איז ניט קיין אנעקס צום האָטעל, ס'איז אַ סוכה — האָט געפּסק'נט דזשעק.

— וואָס איז דאָס? צו וואָס? — האָט מאַרין געוואָלט וויסן.

— ס'איז צום אָנדענק פון יציאת-מצרים — האָט ער איר דערקלערט — ווען די אידן האָבן זיך באַפרייט פון שקלאַפעריי און זיינען אַרויס פון מצרים, האָבן זיי געוואַנדערט פערציק יאָר אין מדבר און געוואוינט אין ביידלעך.

— אַרום עווענין „יו" האָב איך עס קיינמאָל ניט געזען! — האָט זי זיך גע'חידוש'ט.

— ניט אַלע אידן אין אַמעריקע היטן אָפּ דעם מנהג — האָט געזאָגט דזשעק — אָבער דער פּעטער כתריאל פון וויליאַמסבורג בויט יעדעס יאָר אַ נייע סוכה כדת וכדין. ער קלאַפּט זי צונויף פון ברעטלעך, אַ מין בודקע אַזאַ, און נאָך יום-טוב צענעמט ער זי.

— יעדעס יאָר אַ נייע סוכה?

— זיכער! אַ סוכה איז אַ צייטווייליקע זאַך, נאָר אַכט טעג אַ יאָר זיצט מען אין סוכה, כדי צו דערמאָנען די צייט ווען די אידן האָבן געוואַנדערט איבערן מדבר צום צוגעזאָגטן לאַנד.

— און פאַרוואָס האָט ער ניט, דיין אָנקל, קיין באַראַקל אַזוי ווי אונדזער בעל-הבית?

— צוליב דעם פייער־דעפּאַרטמענט — האָט געזאָגט דזשעק — דער פעטער כתריאל וואוינט אין אַ פּיר-פאַמיליעס הויז מיט אַ קליינעם הויף פון הינטן. דער פייער־דעפּאַרטמענט דערלויבט זיי ניט אויפצושטעלן דאָרט אַ שטענדיק באַראַקל אין הויף. דאָס דאַך דאַרף מען סאַי־ווי יעדעס יאָר באַדעקן פון דאַסניי, מיט צווייגן; אַ סוכה איז דאָך אַ סימבאָל און זי דאַרף האָבן אַ פּנים פון אַביידל און ניט פון קיין סטאַבילער געביידע.

דזשעק האָט זיך צוריקגעלייגט אויפן בעט און זיך גענומען צום פרישטיק. מאַרין האָט נאָך אַ ווײַלע אַרויסגעקוקט אין דרויסן:

— די סוכה געפעלט מיר, — האָט זי געזאָגט — מיר געפעלט די אידייע!

דערנאָך האָט זי אָפּגעוואַשן די כלים, זיי אָפּגעטריקנט און אַריבערגעטראָגן צו מרס. דאַיען סילווער. זי האָט זיך דאָרט געזאַמט אַ ווײַלע און געשמועסט מיט דאַיען'ען וועגן סוכה'ס און וועגן ריעל־עסטעיט. ווען זי

איז צוריקגעקומען, האָט דזשעק האַלב געדרימלט. זי האָט פּרובירט פאַר־פירן מיט אים אַ שמועס, אָבער ער איז געווען מרוקעוואַטע און האָט גע-ענטפערט מיט האַלבע ווערטער.

— שטיי אויף און לאָמיר אַ ביסל אַרויסגיין! — האָט זי אים גע־מינטערט — אַנישט וועסטו ווידער אַריינפאַלן אין אַ מרה־שחורה. ווי נאָר דו נעמסט אַ ביסל משקה...

— וואוהין ווילסטו גיין?

— כ'ווייס... אין שטעטל... ס'איז דאָרט אוודאי לעבעדיק, ס'קומט אַ גרויסער עולם אויף יום־טוב.

— ניין, ניט אין שטעטל! — האָט ער געזאָגט.

— ווייסט גאָר וואָס? כ'האָב אַ אידייע! — האָט מאַרין זיך אַ כאַפּ געטאָן.

— יאָ.

— לאָמיר גאָר צוגיין אָנקוקן די פאַרם פון „הייליקן פּיטער״, ווי זיי רופן אים. היינט איז זונטיק, אַ פרייער טאָג, וועלן מיר זיך אַ ביסל דורכ־שפּאַצירן.

דזשעק האָט זיך פאַמעלעך אָנגעטאָן. אונטן, אין האָל, האָבן זיי זיך נאָכגעפרעגט ביים בעל־הבית ווי מען גייט קיין פאַרמינגדעיל, צו דער פאַרם פון „הייליקן פּיטער״.

— אַה-אַה, איר פאַרנעמט זיך גרויס, ווי איך זע! — האָט אויסגע־רופן דער בעל־הבית — ער האָט אַ סך לאַנד, פּיטער, די גרעסטע פאַרם אין דער געגנט. זיין פאַרם איז מן־הסתם גרעסער ווי וועלכע־ניט איז אַנדערע צען הינער־פאַרמס, ווי צוואַנציק אפשר, אָדער גאָר ווי דרייסיק. ער זאָל נאָר וועלן פאַרקויפן!

ער האָט זיי אַרויסגעפירט וועיזן דעם וועג און גייענדיק האָט ער זיך מיישב געווען אויפן קול מכוח ריעל־עסטעיט ביזנעס:

— פון איין זייט האָט ער אַ סך באָדן, פּיטער, מיט גאַז און עלעקטריע און הכל בכל. גוט!... אָבער פון דער אַנדערער זייט, איז ער ווייט פון פון לעיקוואוד, אין מיטן וואַלד. סאַידן... איר ווילט אפשר אויסבויען אַ גאַנצע קאָלאָניע פון הייזער, אַ שטאָט אַ גאַנצע? — האָט ער אַ פיר געטאָן די אויגן פון דזשעק'ן צו מאַרין'ען.

— מיר'ן זען — האָט זי געזאָגט.

— כ׳מיש זיך ניט אריין אין אייערע ביזנעס, חס ושלום — האט ער געזאגט.

דזשעק האט גארניט ניט געזאגט. א לענגערע ווײלע האבן זיי גע־שפרייזט איבערן וואלד־וועג. ער איז געגאנגען אן אנגעכמורעטער און שווײ־גענדיקער. באלד זיינען זיי אנגעקומען צום סקווער מיט דער געזאלין־סטאנציע. זיי האבן דורכגעשניטן דעם הויפט־שאסיי און זיינען שטיין געבליבן ביי א זייטיקן וועג, וואס האט געפירט אין וואלד קעגנאיבער.

— וואס איז געשען מיט דיר? — האט זי געפרעגט.

— גארניט.

— צופיל משקה און צופיל ליבע! — האט זי א לאך געטאן. זי האט זיך געשטעלט ביים ראנד פון וועג און האט אויפגעהויבן א האנט. פון צענטראלן שאסיי איז אנגעפארן א קליינער לאסט־וואגן. ער האט זיך פארהאלטן לעבן איר. דער שאפער, א יונגערמאן אין בלויע ארבעטס־קליידער, האט ארויסגעקוקט דורכן פענסטערל פון דער פאדערשטער בודקע.

— איר וואלט אונדז געקאנט מיטנעמען קיין פארמינגדעיל? — האט מארין אים געפרעגט.

—פארמינגדעיל איז גרוים — האט ער געזאגט — צענדליקער פארמס צעווארפן איבערן וואלד. צו וועמען ווילט איר?

— צום „הייליקן פיטער״ — האט זי געזאגט און א שמייכל האט א שיין געטאן אין אירע אויגן.

— שטייגט איין!

ער האט זיך א רוק געטאן און געמאכט פלאץ פארביידן. מארין האט זיך געזעצט לעבן שאפער.

— איר זיינט היגע? — האט ער געפרעגט, ווען ער האט געלאזט די מאשין אין גאנג.

— ניין, פון ניו־יארק. איר פארט פארביי פיטער׳ס פארם?

— ניין, זי ליגט עטלעכע מייל אויף א זייטן־וועג, אבער מילא, ווי־באלד איר זיצט שוין דא, וועל איך אייך צופירן.

„זי וואלט געקענט דורכפארן מיט איר שמייכל גאנץ אמעריקע, די גאנצע וועלט!״ — האט א טראכט געטאן דזשעק. ער האט זיך נאך אלץ געפילט פוסט און אפהענטיק. דער וואגן האט זיך פארקירעוועט אויף א

וואַלד־וועג. דאָ און דאָרט האָבן אויפגעטויכט צווישן די ביימער קליי־נע הינער־פאַרמס: אויסגעקאָרטשעוועטע פּאַלאַנקעס, וואַוין־הייזער, לאַנגע בעטאָנענע הינער־שטאַלן, בלומען און טשאַטעס ווייסע הינדלעך. אויף אַ שייד־וועג האָט זיך דער וואַלד פּלוצלונג ווי צעעפנט און פאַר זייערע אויגן האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ פרייער געהיגלטער שטח לאַנד.

— דאָ איז עס! — האָט געזאָגט דער יונגער מאַן.

— אַ דאַנק! — האָט מאַרין אים באַשענקט מיט אַ זיי־געזונט־שמייכל אויף צעעפנטע ליפּן.

ער האָט זיך פאַרקירעוועט אויף צוריק, האָט געלאָזט די מאַשין אין פולן גאַנג און איז באַלד פאַרשוואונדן צווישן די ביימער פון וואַלד. זיי האָבן זיך געלאָזט גיין פאַרויס. פון ביידע זייטן וועג האָבן זיך געצויגן אָפענע שטחים אַקער־לאַנד. געשניטענע פעלדער זיינען געווען באַדעקט מיט אַ שיטערן גרינעם גראָז. אויף זייערע ראַנדן האָבן זיך געשאָקלט פעלד־בלומען. אויף פלאַכע שיפּועים האָבן זיך געהויבן פרוכט־ביימער: עפּל, באַרנעס, פירסיקער. אַ ביסל ווייטער, אויף אַ גלייכן שטח לאַנד, האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ גרינס־גאָרטן: אָנגעבונדענע קוסטעס טאָמאַטן, לאַנגע רייען קאַרטאָפל און אַ שארית־הפּליטה פון שאַר־ירקות: מערן, ציבעלעס, אַרבעס. אויף אַ לאָנקע, פּאַזע אַ טייכל, האָבן זיך געפּאַשעט עטלעכע קי און יונגע קעלבלעך. אַ געפּענטעט פערד איז אַרומגעשפּרונגען אין אַ טאָל.

דאָס הויז אויף אַ בערגל איז געווען געמויערט פון שטיינער און באַ־דעקט מיט אַ רויטן דאַך. אין פראָנט זיינען געוואַקסן בלומען און הינטן, אַרום דעם הויף, האָבן זיך געהויבן מערערע געמויערטע געביידעס: אַ שייער, שטאַלן פאַר בהמות, אַ דאַך אויף סלופּעס: אַ מין אָפענע שאָפּע פאַר מאַשינען און אַרבעט־כלים, עטלעכע נידעריקע הינער־שטאַלן. צו־פוסנס, אויף אַן אַרומגעצוימטן פעלד, האָבן זיך אַרומגעדרייט טשאַטעס עופות: געפּיקט אין גראָז, זיך געוואַלגערט אין זאַמד און געטרונקען וואַ־סער פון שמאָלע ווייסע קאָריטעס.

— אַזאַ פאַרם וואָלטן מיר געדאַרפט האָבן! — האָט געזאָגט מאַרין

— ס'איז דאָ אַזוי שטיל! רואיק!

— יאָ... — האָט דזשעק אַ מורמל געטאָן. אַרום האָט מען ניט אָנ־געזען קיין לעבעדיקן נפש. נאָר אַ הונט האָט אַ ביל געטאָן ערגיץ הינטער די געביידעס און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

— זע נאַר, אַ האָז! — האָט אויסגערופן מאַרין.
— יאָ, אַ האָז — האָט געזאָגט דזשעק.
זיי זיינען אַראָפּ פון וועג, האָבן זיך דערנענטערט צום דראָטענעם צוים און באַטראַכט די עופות. אַ הויכער האָן האָט זיך אָפּגעשיידט פון אַ טשאַטע הינער און האָט אַרומגעשפּרייזט איבערן פעלד מיט אַ פּאָרריסע־נעם קאָפּ. ער האָט געטרייסלט מיט זיין רויטער קאַם און האָט זיך עלאַסטיש געוויגט אויף זיינע לאַנגע דינע פיס.
— אַז אמת'ער פּאַשאַ! — האָט אויסגערופן מאַרין מיט אַנטציקונג.
— וואָס פאַר אַ פּאַשאַ?
— ווי דער פּאַשאַ פון די „ווייסע שקלאַפן”! אָדער ווי דיין מלך... ווי הייסט ער דאָרטן?... מיט די הונדערט־און־זיבן־און־צוואַנציק יונג־פרויען...
— ה ו נ ד ע ר ט א ו ן ז י ב ן א ו ן צ ו ו אַ נ צ י ק מדינות — האָט דזשעק זי פאַרריכט.
דער האָן האָט זיך דערנענטערט צו אַ בודקע, האָט זיך אונטערגע־הויבן און איז אַרויפגעשפּרונגען אויפן דאַך. אין שיין פון די זון־שטראַלן האָט זיין רונדער קאָלירפולער עק אויסגעזען ווי אַ רעגן־בויגן. ער האָט אויסגעשטרעקט דעם האַלדז און האָט רוישיק אַ פּאָך געטאָן מיט די פליג־לען, און אַ ווײַלע האָט זיך געדאַכט, אַז ער גרייט זיך מרעיש־עולם צו זיין: אָט־אָט וועט ער אַריבערפליען דעם פּאַרקאַן און וועט אַנטלויפן אין וואַלד און וועט דאָרט ווערן אַ ווילדער פרייער פויגל. אַ הילכיקער קו־קו־רי־קו, ווי אַן אַלאַרם געשריי, האָט זיך אַ טראָג געטאָן איבערן פעלד און די הינער אַרום האָבן פאַרריסן די קעפּ און אויפגעהאָרכט.
דער האָן האָט ווידער אַ פּאָך געטאָן מיט די פליגלען. ער איז אָבער ניט געפלויגן ווייט. ער איז ניט אַריבערגעפלויגן דעם פּאַרקאַן און איז ניט אַנטלאָפן אין וואַלד. אַ שריט אָדער צוויי פון דער בודקע האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט. ער האָט זיך אויסגעגלייכט און זיך אַרומגעקוקט, ווי ער וואָלט געזוכט צו באַווייזן נייע גבורות. זיין גאַנצער גוף האָט זיך מיטאַמאָל אָנגעשפּאַנט. ניט ווייט האָט אַ ווייסע יונגע הון געזוכט קערנדלעך און אַרויסגעפּיקט ווערים פון באָדן. זי האָט ווי דערשפּירט זיין בליק און דערפילט זיין כוונה און וואונטש. זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און גע־קוקט זייטיק, מיט איין אויג — אַלאַרמירט און אין אינסטינקטיווער דער־

וואַרטונג. דער האָן האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו איר. זי האָט זיך געלאָזט לויפן מיט אַ בהלה׳דיקער קוואַקעריי, ווי רופנדיק נאָך הילף. דער האָן האָט זי נאָכגעיאָגט. ער האָט זיך אַ טראָג געטאָן מיט אימפעט אויף זיינע לאַנגע פיס, דער גוף אָנגעצויגן, דער האַלדז אויסגעשטרעקט ווי אַ פייל פון אַ בויגן. איבער זיין קאָפּ האָט גאווה׳דיק געפלאַטערט די רויטע קאַם און זיין שנאָבל האָט זיך געריסן פאָרויס ווי אין לוסט צו פאַרצוקן. די הון האָט אויפגעהויבן אַ וואָלקן שטויב הינטער זיך. באַלד האָט ער זי אָנ־געיאָגט. זי איז מיטאַמאָל שטיין געבליבן און האָט אַ שאַר געטאָן מיט די נעגל אין באָדן, ווי זי וואָלט פּרובירט זיך איינגראָבן. אַ רעזיגנירטע האָט זי אַ בויג געטאָן די פּיסלעך, זיך אונטערטעניק אַראָפּגעלאָזט און איז ווי ברייטער געוואָרן, ווי איר גוף וואָלט זיך אויסגעשפּרייט פאַר אים. ער איז פלינק אַרויפגעשפּרונגען אויף איר און זי פאַרדעקט מיט זיינע צעפּאַכטע פליגלען. זיין שנאָבל האָט זיך איינגעביסן אין איר פוכיקן טשוביק. די רונדע פעדערן פון זיין עק האָבן זיך אַ טרייסל געטאָן אין שכרות פון זיג.

מאַרין האָט אַריינגעשטעקט אַ סיגאַרעט אין מויל און אירע פינגער האָבן אַ רייב געטאָן אַ שוועבעלע. אָבער דער ווינט האָט אויסגעלאָשן דאָס פלעמל. דער האָן האָט זיך אויפגעשטעלט אויף די פיס. די הון האָט זיך אויסגעגלייכט און האָט אַ פּאָך געטאָן מיט די פליגלען, ווי זי וואָלט זיך אויסגעטשוכעט פון דער אומגעריכטער איבערלעבונג. זי האָט זיך געלאָזט גיין צו אַ קאַריטע, האָט אָנגעשעפּט אַ שנאָבל מיט וואַסער, פאַרוואָרפן ס׳קעפּל און אַ גאָרגל געטאָן. דער האָן האָט זיך אַרומגעקוקט פאַרלאָרן און צעטומלט. די פעדערן פון זיין עק האָבן זיך ווי אַראָפּגעלאָזן מאַכט־לאָז און אַפּהענטיק. ער האָט זיך אַ שאַר געטאָן זייטנווייז און האָט אויס־געזען אָפּגעבליאַקעוועט, ווי זיין גבורה און גלאַנץ וואָלטן זיך אָפּגעטאָן פון אים. ער האָט זיך געלאָזט גיין מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ און האָט אויפן וועג געפּיקט מיטן שנאָבל אין גראָז — געזוכט קערנער און ווערימלעך.

„פונקט ווי איך"! — האָט אַ טראַכט געטאָן דזשעק. ער האָט אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך אויסגעטשוכעט פון אַ שווערן טרוים.

מאַרין האָט אָנגעריבן אַ שוועבעלע און באַשיצט דאָס פלעמל צווישן די דלאָניעס. זי האָט פאַררויכערט איר סיגאַרעט און זיי האָבן זיך גע־לאָזט צוריק צום וועג. פון וואַלד קעגנאיבער האָט אויפגעטויכט אַן אויר־

טאַ. ווען ער האָט זיך דערנענטערט צו דער פאַרם, האָט ער אָנגעהויבן פאַרן לאַנגזאַם. דזשעק האָט געוואָרפן אַ בליק אויף די פענסטערלעך פון וואָגען און איין אויגנבליק איז אים פאַרגעקומען אַז ער זעט באַקאַנטע געשטאַלטן. „געשפּענסטער פאַרפאָלגן מיך!" — האָט ער אַ טראַכט געטאָן מיט שרעק. דער וואָגן האָט זיך דערווייטערט און אָנגעהויבן פאָרן שנעלער. ער האָט שוין דערגרייכט דעם וואַלד ביים צווייטן ראַנד פון די פעלדער. מיטאַמאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט זיך פאַרקירעוועט צווישן די ביימער, זיך אויסגעדרייט און זיך אַ לאָז געטאָן אין גרויס איילעניש אויף צוריקוועגס. ער איז געקומען אַלץ נענטער און נענטער. דזשעק האָט דערפילט ווי זיין האַרץ הייבט־אָן קלאַפּן האַסטיקער. ער האָט צוגעמאַכט די אויגן.

— קום אַריין, דזשעק, מיר'ן פאָרן אַהיים! — האָט ער דערהערט סילוויעס שטימע לעבן זיך.

* * *

ווען ער האָט געעפנט די אויגן, האָט ער דערזען די גאַנצע משפּחה אַרום זיך: סילוויע איז געשטאַנען ביים ראַנד פון וועג, ניט ווייט פון אים; מייקל איז געזעסן אין אויטאָ, לעבן שאָפער, און האָט געריסן די פאָדערשטע טיר מיט אַ געוואַלד; אויפן הינטערשטן גזעס איז געזעסן מרס. סאַנדראַ מיטן שוואַרצן זיידענעם שאַל אויפן קאָפּ. אירע ליפּן האָבן זיך באַוועגט, אָבער איר קול האָט זיך ניט געהערט.

— פאַראַן גענוג פּלאַץ אין אויטאָ — האָט צוגעגעבן סילוויע — ס'איז אַ סטיישאַן־וואָגן.

דזשעק האָט זיך אַרומגעקוקט מיט אַ צעטומלטן בליק. ער האָט זיך געפילט ווי אַז אַרומגערינגלטע אַרמיי, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין פּלען נאָך איידער זי האָט באַוויזן אָפּצופּייערן איין שאָס. דער מיטליעריקער מאַן ביים רודער האָט סוף־סוף נאָכגעגעבן דעם קינד און האָט געעפנט דאָס טירל. מייקל איז אַרויסגעשפּרונגען און האָט זיך געלאָזט לויפן פייל־אויס־בויגן צום טאַטן. ער האָט אויסגעשטרעקט צו אים די הענטלעך און האָט געשריען מיט פרייד און טרערן:

— פּאַ!... פּאַ!... אָט איז מיין דעדי!

דזשעק האָט אים געגומען אין די אָרימס און געגלעט איבערן קעפּל. דאָס קינד האָט זיך געטוליעט צו אים.

— דעדי... מיין ד ע ד י . . . — האָט ער פאַרוואָרפן זיין אָרים איבער דעם פאָטערס נאַקן.

אויך הערי טאָפּאָלסקי איז אויסגעשטיגן פון אויטאָ:

— און ווער איז דער מיסטער? — האָט ער געפרעגט סילוויען.

— מיין מאַן.

— אייער מאַן...?

— יאָ, מיין מאַן.

— אייער מאַן, זאָגט איר?.. דאָ?... אינמיטן וואַלד?

סילוויע האָט אפילו ניט קיין פינטל געטאָן מיט אַן אויג:

— ער איז געפאָרן זוכן די מאַמע — האָט זי געזאָגט — נו, גאָט צו דאַנקען, אַבי מיר האָבן זי געפונען.

— אַ שיינע מעשה! — האָט הערי אַ זאָג געטאָן אויפן קול און זיך פאַרהאַקט. זיינע ווייטערדיקע געדאַנקען האָט ער ניט געבראַכט פאַרן מויל. אַ שיינע מעשה, אויב עס זאָל אַזוי גיין ווייטער!... — האָט ער געטראַכט — אַ מענטש פאָרט זיך אַזוי לפּי־תּומו אין לעיקוואָודער וואַלד און ער זעט אַן אַלטע פרוי בלאָנדזשעט פּאַזע דער גרויסער אָזיערע. וויל ער דאָך פאַרדינען אַ מצווה, און ער ברענגט זי צו זיך אַהיים. גוט!... אַן אַכט־טאָג שפּעטער זיצן שוין מיט מזל אין זיין מאַשין די אַלטע לײדי, איר טאָכטער און אַן אייניקל. נו, איצט איז שוין, ברוך השם, צוגעקומען אַ מיסטער אויך, אַ מאַן... דער מאַן... איר מאַן...

דזשעק האָט אַראָפּגעלאָזן מייקלען אויפן גראָז. דער קליינער האָט דערזען מאַרין׳עז, וועלכע איז געשטאַנען איינע אַליין, אָפּגערוקט אַביסל פון עולם:

— האַי מאַרין! — האָט ער זיך געלאָזט לויפן צו איר.

זי האָט זיך אַ בויג געטאָן און אים גענומען אין די אָרימס:

— האָנעי, דאַרלינג... — האָט זי אַ מורמל געטאָן.

„ווי דאָס האַרץ וואָלט מיר געזאָגט!״ — האָט אַ טראַכט געטאָן הערי טאָפּאָלסקי:

— און ווער איז די יונגע לײדי? — האָט ער זיך געווענדעט צו סילוויען.

— מאַרין?... זי?... דזשעק איז געפאָרן זוכן די מאַמע און זי האָט אים אַרויסגעהאָלפן.

— אַה, איך פאַרשטיי... איך פאַרשטיי... — האָט הערי אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן און זיך אַרומגעקוקט: נאָך עמיצער?... ניין, אַרום איז מער קיינער ניט געווען. נאָר אויבן, אויפן בערגל, אין דער פאָרם פון „הייליקן פּיטער", האָט אַ האָן זיך אַ הויב געטאָן אויף זיינע לאַנגע פיס און איז אַרויפגעפלויגן אויפן דאַך פון אַ ביידל. אין שיין פון די זון־שטראַלן האָט זיין רונדער פאַרביקער עק אויסגעזען ווי אַ רעגן־בויגן. ער האָט אויסגעשטרעקט דעם האַלדז, האָט אַ פּאָך געטאָן מיט די פליגלען און איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ לאַנגן אַלאַרם־געשריי:

קו־קו־רי־קו!

מרס. סאַנדראַ האָט אויפגעהאָרכט. זי האָט גאָרניט ניט געפרעגט. צו וואָס זאָל זי פרעגן, זי ווייסט דען ניט? עס שטייט געשריבן אין טייטש־חומש —

— איז פאָרן מיר? — האָט הערי אַ פיר געטאָן זיין בליק איבערן עולם אַרום — אַלע זיינען גרייט?

אַלע זיינען געווען גרייט. נאָר מאַרין האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. זי איז אַליין געשטאַנען אָפּגעזונדערט, איינע אַליין, אין אַ זייט. דזשעק האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און זי אָנגעקוקט מיט אַ פרעגנדיקן בליק. זי האָט געשטעלט אַ ווידערשטאַנד:

— איך בלייב דאָ! — האָט זי אַ זאָג געטאָן טראָציק.

— וואָס ווילסטו דאָ טאָן? — האָט ער אַ מורמל געטאָן און געמאַכט עטלעכע קווענקלענדיקע שריט אין איר זייט.

— כ'וועל קריגן אַרבעט. מר. בלומפילד וועט מיר פאַרשאַפן אַ פּאָר טעג אַרבעט אין אַ פאַרם... דערנאָך וועל איך פאָרן ווייטער.

„מיט מר. סאַנדערס'ן" — האָט אַ טראַכט געטאָן דזשעק און האָט דערפילט אַ קעלט אַרום האַרץ.

— מאַרין!... — האָט ער אַ שעפּטשע געטאָן.

— קענסט פאָרן אַהיים, כ'האָב ניט קיין טענות צו דיר, באמת ניט, דזשעק — איז איר שטימע געוואָרן ווייכער.

א ווײַלע זײַנען זיי געשטאַנען שווײַגנדיק לעבן־אַנאַנדער. מיטאַמאָל האָט סילוויעס קול אַפּגעהילכט אין דער אַרומיקער שטילקייט:

— קומט אַרײַן אין וואָגן! מיר פֿאָרן!

— איך פֿאָר ניט! — האָט געזאָגט מאַרין.

— דו פֿאָרסט יאָ! — האָט סילוויע אַ קאָמאַנדעווע געטאָן.

זי האָט געמאַכט עטלעכע שריט פֿאָרויס:

— קענסט ווערן אַ פֿאַרם־האַנט אין לעיקוואָוד אָדער אַ מיליאָנערשע אין וואָל-סטריט — האָט זי גערעדט צו מאַרין'ען — ס'איז ניט מײַנע ביזנעס, אָבער צום אַלעם ערשטן מוז איך דיך אָפּליפֿערן צו דײַן מאַמען אין בעי־ווילעדזש. דערנאָך מעגסטו טאָן וואָס דו ווילסט: אַפילו חתונה האָבן מיטן קייסער פֿון כינע אָדער ווערן די דאַטשעס און ווינדזאָר...

סילוויע איז איצט ווי געווען משכּמה ומעלה העכער פֿון גאַנצן פֿאָלק. און הינטער איר זײַנען געשטאַנען דאָס געזעץ, די משפּחה, מאָנאָגאַמיע, די מאָראַל, די סאָציאָלאָגיע. די הייליקע ווערטן האָבן זי באַקליידט מיט אויטאָריטעט און אײַנגעהילט אין ווירדע.

— קום! — האָט זי אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

מאַרין האָט זיך נאָך אַ ווײַלע געקווענקלט:

— אָבער מיר האָבן נאָך אונדזערע זאַכן אין האָטעל — האָט זי געזאָגט. און מיט די דאָזיקע ווערטער האָט זי ווי אונטערגעשריבן איר קאַפּיטולאַציע.

— מיר וועלן פֿאַרבײַפֿאָרן זיי אָפּנעמען — האָט געזאָגט סילוויע — אין אַ סטיישאָן־וואָגן איז פֿאַראַן אַ סך פּלאַץ.

— נאָך עמיצער פֿאָרט מיט? — האָט הערי טאַפּאָלסקי אַ פֿרעג געטאָן מיט אַ תּמ'עוואַטער מינע — ס'וואַרט נאָך עמיצער אין האָטעל?

מאַרין האָט אַ שפּרייז געטאָן צום אויטאָ. אַ רעזיגנירטע, האָט זי צוריקגעוואָרפֿן איר גלייכגעוויכט. אויף אירע ליפּן האָט אַ שוועב געטאָן אַ שמייכל:

— ניין, נאָר צוויי קליינע וואַליזקעס בלויז — האָט זי געזאָגט.

— וואו זײַנען זיי? — האָט געפֿרעגט הערי.

— אין דער „גרינער אַכסניה", ס'איז ניט ווײַט, אויף דער אַנדערער זײַט פֿון לעיקוואָוד, אין וואַלד... — האָט מאַרין אים אָנגעהויבן דערקלערן.

— איך ווייס, איך ווייס — האָט ער זי איבערגעהאַקט — ווער ווייסט ניט וואו די „גרינע אכסניה" איז? אַלע ווייסן וואו ס'איז די „גרינע אכסניה"!

דער עולם איז איינגעשטילט און הערי האָט געלאָזט די מאַשין אין גאַנג. ער איז געפאָרן איבער זייטיקע וואַלד־וועגן. מיטאַמאָל האָט דאָס שטעטל אויפגעטויכט פאַר די אויגן. הערי האָט זיך פאַרקירעוועט אויף אַ ברייטן שאָסיי:

— כ'וועל צוערשט אַריינפאָרן אין לעיקוואוד און נעמען געזאָלין — האָט ער געזאָגט — דערנאָך וועלן מיר זיך פאַרקירעווען צו דער „גרינער אכסניה". ס'איז כמעט אויפן וועג קיין ניו־יאָרק.

אין שטעטל איז ער געפאָרן לאַנגזאַמער. ער האָט זיך אַ דריי געטאָן דורך עטלעכע זייטיקע געסלעך און איז אַרויסגעקומען אויף דער „אַלייע פון די האָטעלן". מחמת דעם יום־טוב'דיקן סוף־וואָך און לכבוד דער ענדע פון סעזאָן זיינען די האָטעלן געווען געדיכט באַפעלקערט. ס'איז שוין געווען נאָך דער זונטיק־מאַלצייט און דער עולם האָט אויפגעוואַכט פון דעם נאָכמיטאָג־דרימל. מענער אין אונטערוועש און ווייבער אין פּידזשאַ־מעס האָבן אַרויפגעצויגן די ראָלעטן איבער די פענסטער. קעגנאיבער האָט זיך געגרינט דער וואַלד. מען האָט זיך אויסגערוט אין ליג־שטולן אויף די וועראַנדעס. דאָ און דאָרט האָט מען אַרויסגעטראָגן אַ צונויפגעלייגט ברידזש־טישל און זיך געקליבן מאַכן אַ קערטל. מען האָט געזופּט פון גלעזער פרישן טיי און פאַרביסן מיט קיכעלעך. דורך די זייטיקע גאַסן האָבן פּאָר־פאָלקן און משפחות גאַנצע בנעימות'דיק געשפּרייזט צו דער אַזיערע.

דזשעק האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענסטער פון אויטאָ. מער וואָלט ניט געפעלט, ווען סילוויע און מרס. סאַנדרא וואָלטן מיטגעגאַנגען אין דער אכסניה אַריין! — האָט ער אַ טראַכט געטאָן. דאָס צימערל אויפן אויי־בערשטן גאָרן האָט אויפגעטויכט אין זיין פאָרשטעלונג: די אָנגעוואָר־פענע ליילעכער און דעקעס איבערן בעט, מאָריז'ס נאַכט־העמד, איר גע־בלימלט שלאָף־ראָק פאַרהאַנגען איבער אַ שטול, די וואַליזעס אין אַ ווינקל. ער האָט דערשמעקט דעם ריח פון איר זייף און לייב און האָר־וואַסער, און אַ שטילע בענקשאַפט איז אויפגעגאַנגען אין אים — ווי לעיקוואוד

וואַלט שוין געווען ווייט־ווייט: הונדערטער מײַלן און צענדליקער יאָרן אַוועק.

אַ גרילצנדיקער סקריפּ פון די טאָרמאָזן און הערי'ס אויפגערעגטע גוואַלדן האָבן אים אַרויסגעריסן פון זײַנע טרוימערייען. דער וואָגן איז ראַפּטום שטיין געבליבן און דער עולם אינעווייניק האָט זיך אַ טרייסל געטאָן און איז געפאַלן הינטערווײַלעכטס.

— איר זײַנט משוגע צי חסר־דעה, צי וואָס?! — האָט הערי געשריען — אַ מענטש זאָל נעמען און אונטערקריכן ממש אונטער די רעדער!.. ס'האָט געפעלט אַ האָר, אַז איך זאָל זי איבערפאָרן!

אינמיטן גאַס, אַפּגערוקט עטלעכע טריט פון אויטאָ, איז געשטאַנען אַן עלטערע פרוי, אָנגעטאָן אין אַ יום־טוב'דיקער קלייד, מיט אַ פּעקל צײַטונגען אונטערן אָרים. זי האָט געהערט הערי'ן ווי דעם קאַטער און זיך ניט גערירט פון אָרט. באַלד האָט זי אפילו געמאַכט אַ שריט פאָראויס, האָט אײַנגעבויגן דעם קאָפּ און אַרײַנגעקוקט מיט אַ פאַרשנדיקן בליק דורך דער פאָדערשטער שויב אין וואָגן אַרײַן. הערי האָט געעפנט אַ טירל און איז אויסגעשטיגן:

— איר האָט ניט קיין אויגן, מיסעס, צי וואָס? — האָט ער איצט געלאַסענער גע'מוסרט די אומבאַקאַנטע פרוי — ס'וואָלט טאַקע מער ניט געפעלט, נאָר מען זאָל מיך אָפּפירן אין טורמע אַרײַן מיט דער גאַנצער כאַליאַסטרע!

די פרוי איז קענטיק ניט נתפעל געוואָרן ניט פון זײַנע קולות און ניט פון זײַנע מוסר רייד. זי האָט זיך דערנענטערט צום וואָגן, האָט אָפּגעשטופּט הערי'ן אָן אַ זײַט און אַרײַנגעשטעקט דעם קאָפּ דורך דעם צעעפנטן טירל:

— גיב נאָר אַ קוק ווען איך זע דאָ אַלץ ניט! — האָט זי אויסגערופן — סאַנדראַ קרויז, געזונט זאָלט איר מיר זײַן!

ס'איז ניט געווען קיין אַנדערע ווי סערע קאַפּלאַן. פון טראָטואַר איז אָנגעלאָפן איר מאַן, סעם דער צושנײַדער. ער איז געווען בלייך ווי די וואַנט, און הענט און פיס האָבן אים געציטערט. ער האָט אָנגעכאַפּט זײַן ווײַב ביי אַ ברייטן אַרבל פון איר קלייד און אויסגערופן:

— סערע, וואָס טוט זיך מיט דיר? מ'האָט דאָך דיך שיר ניט איבערגעפאָרן!

— איר פֿאָרט אויך מיט קיין ניו־יאָרק, מיסטער? — האָט הערי אים אַ פֿרעג געטאָן.

— ניו־יאָרק? וואָס פֿאַר אַ ניו־יאָרק? — איז סערע געוועזן אויסער זיך — מיר קומען דאָך אָקאָרשט פֿון ניו־יאָרק. ערשט צוויי טעג פֿאַר ראש־השנה זיינען מיר געקומען קיין לעיקוואוד און פֿאַרפֿאָרן אין צעדער־בויס... און מיר זיינען גראָד געגאַנגען צום לעיק. ווי דאָס האַרץ וואָלט מיר געזאָגט! געוויינטלעך כאַפּן מיר נאָכן עסן אַ דרימל און דערנאָך גייען מיר אויף אַ שפּאַציר צו דער אַזיערע. אָבער היינט האָב איך געזאָגט צו מיין סעם׳ען: „גענוג געשלאָפֿן!" זאָג איך צו אים, „וואָסי, מיר זיינען דען געקומען קיין לעיקוואוד פֿאַרשלאָפֿן אונדזער ביסל יאָרן?"... גייען מיר אַזוי צום לעיק, און דאָ, איך גיב אַ קוק: ס׳איז ניט סאַנדראַ? כ׳וואָלט געקענט שווערן, אַז ס׳איז דזשעק!... סילוויע מיט מייקלען!... סאַנדראַ מיט איר גאַנצער משפּחתה, קינד און קייט! און דער אויטאָ יאָגט זיך, באַלד וועט ער ניט ווערן, און דאָ ציט מיך סעם ביים אַרבל פֿון מיין נייער קלייד, וואָס כ׳האָב עקסטראַ איינגעהאַנדלט לכבוד יום־טוב... טאַקע ממש נסים פֿון הימל, אַז כ׳בין געבליבן לעבן!

דער עולם אין אויטאָ איז געזעסן שטום, געפּלעפֿט, ווי זיי וואָלטן נאָך אַלץ ניט געקומען צו זיך פֿון די געוואַלטיקע געשעענישן, וואָס האָבן זיך נאָכגעיאָגט מיט דער שנעלקייט פֿון אַ בליץ זינט דעם פֿרימאָרגן. סערע, ווידער, האָט ערשט אַצינד אויף אַן אמת באַקומען לשון. זי האָט זיך אַ שאָקל געטאָן, האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט ביידע הענט און זיך גענומען באַגריסן אַלעמען צוזאַמען און יעדן איינעם באַזונדער:

— וואָס מאַכט איר, סאַנדראַ טייערע? וואָס זאָגט איר ניט צו דער איבערקערעניש? איר׳ט דאָך אַוודאי געלייענט אין דעם היינטיקן פּייפּער: ער איז דאָך געוואָרן אַ בער!

— ווער? — האָט געפֿרעגט הערי טאָפּאָלסקי.

— ווער? נבוכדנצאר!... דער מלך פֿון בבל!... — האָט זיך סערע גע־נומען דערציילן מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם די לעצטע נייעס — אַ שיינע מעשה, וואָס? אין קיניגלעכן פּאַלאַץ טוט זיך חושך: אַ סומאַטאָכע! אַ בהלה! די מיניסטאָרן לויפֿן אַרום ווי די פֿאַר׳סמ׳טע מייז: געוואַלד, וואו איז דער מלך? וואו איז נבוכדנצאר? איר האָט אים אפֿשר ערגיץ־וואו גע־זען, דעם מלך? און ער, נבוכדנאצריקע, לויפֿט אַרום אַ נאַקעטער איבער ווים־

טע פעלדער און פוסטע וועלדער; ער עסט גראָז און וואַרצלען אַזוי ווי די חיות, און ס'איז אים אָנגעוואַקסן לאַנגע האָר אויף זיין ליב, און ער האָט לאַנגע נעגל אַזוי ווי דער אָדלער, און ער האָט גאָר קיין שכל ניט... און די מלוכה האָט ער איבערגעלאָזט אויף הפקר! אַ שיינער תכלית, וואָס?... גוט אויף אים! ווער האָט אים געהייסן חרוב מאַכן דעם בית־המקדש?! העללאָו, סילוויע טייערינקע, און אויף וועמען האָט איר איבערגעלאָזט די סטאָרקע?... צוגעמאַכט און פטור, וואָס? און פאַרוואָס טאָקע ניט? איין מאָל לעבט מען, איין מאָל שטאַרבט מען... האַי, מאַיקל דאַרלינג! זע נאָר, ווי ער האָט זיך עס אַ ביסל פּאָפּראַוועט! ס'איז דען אַ וואונדער? די לופט פון לעיקוואוד!... דזשעק... שלום עליכם, דזשעק! וואָס הערט זיך עפּעס אין ברידזשפּאָרט, קאָנעטיקוט? — האָט זי זיך געמאַכט תּמ'עוואַטע — וואָס מאַכט עפּעס בעווערלי? זע נאָר, אַ גאַסט אין שטעטל: מאַרין!.. האַו־דו־יו־דו, מאַרין?

פון דער גאַנצער חברותא האָט מאַרין די ערשטע געפונען ס'לשון און געענטפערט סערע'ן אויף איר האַרציקן ברוך־הבא:

— פיין, — האָט זי געזאָגט — און וואָס מאַכט איר?

— געלויבט השם־יתברך, אַ דאַנק. און וואָס טוט איר דאָ, ביי אונדז אין לעיקוואוד? כ'מיין, ווי גייט עס אייך דאָ?

— איך?... — האָט מאַרין זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט און אַ שעלמישער שמייכל האָט אַ פינקל געטאָן אין די ווינקלען פון אירע אויגן — איך בין געקומען... כ'ווייס... גלאַט אַזוי... איבערשלאָפן אַ נאַכט אין אַ סוכה...

— ווייס איך וואָס, דער באַבען וועט איר עס דערציילן אָבער ניט מיר!

— האָט געזאָגט סערע קאַפּלאַן — נישקשה, סערע קען זיך אויס אין די שוואַרצע פינטעלעך: ראשית, ווער שלאָפט דען אין אַ סוכה? אין אַ סוכה עסט מען, ניט מען שלאָפט, סאַידן אפשר גאָר־גאָר פרומע אידן, צדיקים, חסידים... והשנית, ווי קומען ווייבער אין אַ סוכה? אַ סוכה איז נאָר פאַר מאַנסבילן. נשים זיינען בכלל פּטור פון זיצן אין אַ סוכה, זיי עסן אפילו ניט אין קיין סוכה, לאָ־כל־שכן אַז זיי שלאָפן דאַרט ניט!

רעדנדיק אַזוי האָבן זיי פאַרהאַלטן די גאַנצע באַוועגונג אויף דער „אַלייע פון די האָטעלן". עטלעכע צענדליק אויטאָס האָבן זיך פאַרפּלאָנ־טערט און זיינען שטיין געבליבן אויף דער לענג פון דריי בלאָקס הינטער זיי. די שאָפערן האָבן געטרובעט מיט זייערע טרומייטערס און געבלאָזן

מיט די האָרנס, אַז מען האָט געקענט, שונאי־ציון, טויב ווערן. אויך הערי איז געוואָרן אומגעדולדיק:

— אַז איר וועט זיך אַריינלאָזן אין אַזעלכע רעליגיעזע דיספּוטן, וועלן מיר אפילו אויף סוכות ניט אָנקומען קיין ניו־יאָרק — האָט ער געזאָגט.

— איר פאָרט קיין ניו־יאָרק? — האָט סערע אים אָנגעקוקט דער־שטוינט.

— וואו־זשע דען?

— איצט?

— אוודאי איצט, ווען־זשע דען?

ער איז אַריין אין אויטאָ, האָט פאַרנומען זיין אָרט אויפן פאָדערשטן געזעס און אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויפן רעדל און אַ פוס אויפן גענאַלין־פּעדאַל. אָבער סערע האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג:

— ווער פאָרט דען אַוועק אויף סוכות פון לעיקוואוד? — האָט זי גע׳טענה׳ט צום גאַנצן עולם — אויף סוכות קומט מען קיין לעיקוואוד! פאָלגט מיר, פאַרקירעוועט די מאַשין און פאַרפאָרט אין צעדערבוים׳ס! וואָ־רים אַז איר זיינט שוין יאָ אין לעיקוואוד, וועט איר שוין דאָ פאַרבלייבן ביז, אם ירצה השם, איבער סוכות. אַ צימער וועלן מיר שוין פאַר אייך קריגן, אין לעיקוואוד שלאָפט מען ניט אויף דער גאַס, און אַ חזן האָבן מיר הייאָר, וואָס זאָל איך אייך זאָגן? יאָסעלע ראָזנבלאַט, זכרונו לברכה, און אַל דזשאָלסאָן, עליו השלום, ביידע אין איין פּערזאָן!

— אפשר אַן אַנדערש מאָל, סערע, — האָט אַ זאָג געטאָן סילוויע פון הינטערשטן געזעס און איר קול איז ווי אויפגעשטיגן פון די טיפענישן — איצט דאַרפן מיר פאָרן אַהיים.

סערע האָט געוואָרפן אַ בליק אויף סילוויען און מער האָט זי ניט באַדאַרפט — זי איז ווי אַראָפּגעפאַלן פון הימל אויף דער ערד. זי האָט געמאַכט אַ שריט אָן אַ זייט און איז אַנטשוויגן געוואָרן. הערי האָט געלאָזט דעם מאָטאָר אין גאַנג. סעם האָט אָנגעכאַפּט זיין ווייב ביים ברייטן אַרבל, ווי ער וואָלט מורא געהאַט אַז זי זאָל זיך, שונאי ישראל, ניט וואַרפן אונ־טער די רעדער. אָבער סערע האָט גאָר אַ שפּרייז געטאָן צום טראָטואַר:

— פאָרט געזונט! — האָט זי אויסגערופן און אַ פאָך געטאָן מיט דער

צווייטער האַנט — צום ווידערזען, אם ירצה השם נאָך סוכות, אויף עווע־ניו „יו״.

— גוד־באַי! — האָט דער עולם אין וואָגן געענטפערט אין כאָר.

— זייט געזונט!

סערע איז שטיין געבליבן אויפן ראַנד פון טראָטואַר און האָט נאָך אַ לענגערע ווײַלע נאָכגעקוקט דעם וואָגן — ביז ער איז פאַרשוואונדן אין שטראָם פון די אײַלנדיקע אויטאָס, וואָס האָבן זיך איצט אַ לאָז גע־טאָן מיט אימפּעט פאָראויס, צווישן די גרינע ביימער פון דער אַלייע. „וועמען, אַ שטײַגער, וואָלט עס גאָר אײַנגעפאַלן?״ — האָט זי בשעת מעשה געשאָקלט מיטן קאָפּ — „אַ סברא אַז אַרום עוועניו „יו״ זײַנען פאַראַן ניט ווייניקער געהיימניסן ווי אַרום דעם טעמפּל פון בבל, און פּונקט אַזעל־כע הייסע און זינדיקע ליבעס ווי צווישן דוד המלך און בת שבע, אָדער צווישן שלמה המלך און דער מלכה שבא״.

ESTE LIBRO FUE TERMINADO EL QUINCE DE AGOSTO DE MIL NOVECIENTOS CINCUENTA Y OCHO EN LA EDITORA GAMA DE MIGUEL ROSENBERG, CALLE ANDES MIL CIENTO CINCUENTA Y OCHO BIS, EN LA CIUDAD DE MONTEVIDEO REPCA. ORIENTAL DEL URUGUAY